STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05116

KENIG PIK

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום עליכם.

קעניג פיק.

א שאַרזש אין איין אַקט.

(לכבוד חנוכה).

פערלאַג „פאמיליען-ביבליאָטעק".

וואַרשוי. ניו-יאָרק.

תרע"ב — 1912

Печ. въ Тип. Г. Пиментъ и Я. Швабе, Варшава, Сѣраковская 4.
191[illegible]

אינהאַלט פון צווייטן באַנד

שלום-עליכם

1 קעני׳ג פיק

2 קנאָרטען

3 שראַגע

4 צוויי שלח-מנותן

5 דרייצן פאַראייניגטע שטאַטן

6 די פריילי‌כע קאָמפּאַני׳ע

7 אלמנה

8 דער גליקליכסטער אין קאָדני

9 דריטע קלאס

10 אַ וויגרישנער בילעט

11 בערדיטשעווער טעאַטער

12 דער [illegible]ייטש

13 דער ערשטער אַרויספאָר

פערזאָנען:

ישראל-איסר — א נגיד, האַלב יוד, האַלב אַריסטאָקראַט. א „שפּעגעלאַנט“ פון דער בּערזע.

חנה — זיין ווייב. מעהר יודינע ווי אַריסטאָקראַטין.

בּערטע — זייער טעכטערל, א בּת-יחיד'קעלע. א כלה,

גרישאַ — איהר חתן. וויל אַריין אין אוניווערזיטעט.

געסט — מעקלערס פון דער בּערזע מיט זייערע ווייבּער. אַלע אַריסטאָקראַטען.

אָרט — יעהופּעץ.

צייט — היינטיגער חנוכה.

(אַ בעל־הבית'ישע שטוב, פּײַנע מעבעל. אַ פּרטי־פיאַן, בײַ דער װאַנט אַ פּאָר טישלעך; אױבענאָן בײַ דער טהיר, אױף אַ שטוהל בײַ דער װאַנד, אַ זילבערן־פערגאָלדעטע חנוכּה־לעמפּעל).

ישראל־איסער (אָנגעבױגען איבער'ן זילבערן־פערגאָלדעטע חנוכּה־לעמפּעל, בענשט חנוכּה־ליכטלעך, לאָזט אױס מיט אַ ניגון): שע־שה נ־ס־י־ם ל־א־ב־ו־ת־י־נו ב־י־מ־י־ם ה־ה־ם ב־ז־מ־ן ה־ז־ה!... (זאָגט עפּיס שטיל אונטער דער נאָז מיט אַ ניגונ'דעל. נעבען איהם שטעהען חנה און בערטע, חנה — מיט אַ פרום פּנים, בערטע — צענױפ־געלעגט די הענד, קוקט אין עקסטאַז אױפ'ן לעמפּעל, ישראל־איסר ענדיגט דאָס זאָגען. צו דער טאָכטער): נו? צופריעדען? אַט האָב איך דיר שױן געבענשט חנוכּה־ליכטלעך אױך.

בערטע: מיר האָסטו געבענשט חנוכּה־ליכטלעך?

חנה (װײזט מיט דער האַנד אױף זיך): נײן, מיר. מיר.

בערטע (צו דער מוטער, מיט שטאָלץ און מיט בעגײַסטערונג): ניט מיר און ניט דיר, נאָר לכּבוד חנוכּה, לכּבוד אונזער נאַציאָנאַל־פעסט, לכּבוד אונזערע העלדען, די מאַקאַבעער, װאָס האָבען געקעמפּפט פאַר אונזער...

ישראל־איסר: יאָ, יאָ. גערעכט, גערעכט. לכּבוד חנוכּה, לכּבוד פעסט, לכּבוד מאַקאַבעער... (הערט זיך צו, צו חנהן). דאַכט זיך, געקלונגען? (װיל אױסטהון דאָס היטעל. חנה לאָזט זיך געהן).

בערטע (האלב געבעטען, האלב געהייסען): פאפא: היינט וועסט דו געהן מיט'ן היטעל.

ישראל-איסר: וואס חייסט? עס איז דאך שוין נאך אלעמען, קינ-דעניו... און אויסער דעם, אט קומען געסט...

בערטע: די געסט מעגען אויך איינמאל, צוליעב חנוכה, זיצען אין די היטלען. חאטש ביז די חנוכה-ליכטלעך וועלען אויסגעהן, נישקשה. עס וועט זיי חלילה גארנישט שאד-טען. (חנה קומט צוריק מיט די געסט, אלע אנגעטהון יום-טוב'דיג, די דאמען אין בריליאנטען מיט רידיקולס אין די הענד, די מאנסבילען, דערזעהען די אנגעצונדענע ליכטלעך און דעם בעל-הבית אין היטעל, בלייבען שטעהן. ווייסען ניט, צי זאלען זיי אויסטהון די היטלען, צי ניין).

ישראל-איסר: מילאסטי פראסים! פאזשאליוטע! ווילקאמען! זיצט, זעצט אייך. (ווייזט אויפ'ן חנוכה-לעמפעל). ווידיטיע, הנוכה, צוליעבגעטהון דער טאכטער. איהר געבענשט חנוכה-ליכטלעך · א וועלט געווארען... (לאכט).

בערטע: פאפא! נישט מיר האסט דו געבענשט חנוכה-ליכטלעך, נאר צום אנדענקען פון...

ישראל-איסר (פערהאפט זיך): יא", יא. נישט דיר, נישט מיר, נאר לכבוד חנוכה, לכבוד געסט, לכבוד מאקאבעער... (צו די געסט). זיצט. וואס-זשע מאכט איהר? וואס הערט זיך עפים אין שטאדט? וואס הערט זיך אויף דער בערזע? וואס איז מיט די קורסען? עפים נייע „שפעגעלאציעס"?

ערשטער גאסט: וואס זאל זיך הערען? ניטשעווא אסבענגאווא. אויף דער בערזע ניט פארגעקומען קיין פערעמענע. די קורסען זענען פעסט. איהר קאנט זיין ספאקאינע... (צו בערטע'ן). זדראסטי, בערטעשקא!

בערטע: ערשטענס, ניט בערטעשקא.

ערשטער גאסט: טא יעסט, ווינאוואט. בערטא איזראאילעווגא...

בערטע: און ניט בערטע איזראאיליעווגא, נאר בתיה. פשוט, בתיה בת-ישראל, ניטא וואס זיך צו שעמען מיט אנ-

אײנגענעם נאָמען .

ערשטער גאַסט : אַ וואַוטאַריך ?

בערטע : און צווייטענס וואָס פאַר אַ „וואַוטאַריך" איף אייך איז וואָס פאַר אַ „זדראַסטוי" הייגט ? גוט יום-טוב איז דען ניט שענער ?

צווייטער גאַסט : אַ גוט יום-טוב נאָר !

ישראל איסר : פערגעסען ? חנוכה . (ווייזט אויפ'ן חנוכה-לעמפעל).

דריטער גאַסט : אַ חנוכה ? סאָוועֶרשענאָ וויערנאָ . צוליעב דעם האָט מען דאָך אונז טאָקי פריגלאַשעט .

בערטע : איינגעלאַדען — ווילט איהר זאָגען .

פיערטער גאַסט : איינגעלאַדען נאָ בליני .

בערטע : אויף לאַטקעס — ווילט איהר זאָגען .

פינפטער גאַסט : קאָניעטשנאָ , לאַטקעס . ס'איקאַראַטשקאָי .

בערטע : מיט שמאַלץ — ווילט איהר זאָגען .

חנה (וויל פערגלעטען , יוצא זיין לכל הדעות) : ס'איז דאָ שמאַלץ , ס'איז דאָ איקרע , ס'איז דאָ גריוועֶן , ס'וועט זיין ל ...
(ווענדט זיך צו די דאַמען , רעדט מיט זיי שטילערהייד . יענע שמייכלען , פינקלען מיט די בריליאַנטען , שפּילען זיך מיט די רידיקולס , מאַכען צו-רעכט די טואַלעטען . עס פיהלט זיך אַ סמוטנעקייט אין דער געזעלשאַפט .

ישראל-איסר (וויל מאַכען אַ ביסעל פריילינער דעם עולם , טהוט אַ רוף דאָס ווייב) : חנה ! (ווייזט מיט די אויגען אויף די גרינע טישלער .

בערטע (מיט דער האַנד איבער'ן פאָטער'ס מויל) : פאַפּאַ ! נאָר נישט דאָס . . .
(בלאָזט זיך אָן , ווי אַ קליין געבאַלעוועט קינד .

ישראל-איסר (שמייכלענדיג) :—וואָס „דאָס" ?

בערטע (לאַכט) : דו ווייסט שוין וואָס ! . . . (קוקט אויף דער מוטער . די מוטער ווינקט צום פאָטער . דער פאָטער קוקט זיך איבער מיט די געסט . עס הערשט איין אונאַנגענעהמע שטילקייט) .

ע"שטער גאַסט (וויל בעריהרען די שטילקייט) : לאַטקעס מיט שמאַלץ און מיט גריוועֶן — אך , קאַקאַיאַ בלאַישענס וואָ !

בערטע: „קאקאיא בלאזשענסטווא״? (לאכט). האט מיר קיין פאראיבעל ניט, וואס איך וועל אייך פרעגען: למאי זאלט איהר זיך בענוצען דוקא ניט מיט אייער אייגען לשון? מיר דאכט, אז ס׳איז פיעל גלייכער רעדען רעכט יודיש, איידער שלעכט רוסיש... (דער ערשטער גאסט בלייבט שטעהן אהן לשון. דער צווייטער גאסט שטעלט זיך איין פאר איהם).

צווייטער גאסט: יאק ריידעלע, טא ריידעלע, אבי דאברע מיינע־לע. (בעלעקט זיך). לאטקעס מיט שמאלץ און מיט גריווען — שוין לאנג ניט געגעסען. איך האלט דעריבער פון דעם יום־טוב, וואס מע קאן עסען לאטקעס...

דריטער גאסט: סאווערשענא וויערנא. און דערצו נאך מאכען א קערטעל... (קוקט אהין, וואו די גרינע טישלעך שטעהען).

בערטע (שפאטיש): מעהר האט דער יום־טוב פאר אייך קיין שום אנדער ווערט? קיין שום אנדענקען?

ישראל־איסר (זיצט ווי אויף הייסע קוילען. דערהערט א קלונג, צום ווייב): דאכט זיך, מע קלינגט?

חנה: דאס דארף זיין גרישא.

בערטע: „הערש״ לוינט דיר ניט?

חנה: מיין איך — „הערש״. (לאזט זיך צו דער טהיר).

ישראל־איסר (צו די געסט, שמייכלענדיג): היינטיגע קינדער! האבען זיך א נעהם געטאן צוריק...

בערטע (שלאגט איהם איבער): וואס עפים צוריק, פאפא? פאראווערטס, ניט צוריק.

ישראל־איסר: יא־נו, איך מיין טאקי אזוי... צוריק צו יודישקייט מיין איך. צום... צום יודישען גאט...

ערשטער גאסט (לאכט): חא־חא!

צווייטער גאסט: געווארען א גרויסע רעאקציע.

דריטער גאסט: סאווערשענא וויערנא. א פאלנע רעאקציע.

בערטע (אויסער זיך): חא־חא־חא! ביי אייך הייסט עס א רעאקציע?!

ישראל־איסר: (האפט זיך אויף, ווייסט ניט, וואס ער זאל טהון, איז זיך מחיה

וואס חנה קומט אן מיט גרישא'ן).

גרישא (אנגעטאן כמעט ווי א סטודענט, אין א טושורקע מיט א האלב סטו־דענטיש היטעל, דערזעהט דאס חנוכה־לעמפעל און אלעמען אין די היטלען, פערהאפט ער זיך) : זדראוו ... (בעגעגענט זיך מיט בער־טא'ס אויגען) : טא יעסט, א גוט יום־טוב ! (צו בערטע'ן אויף העבראיש, מיט'ן ספרד'ישען אקצענט): מעאד עסמאך ליראט בעבעט אוויכא הניכבארא האזאט.

בערטע (פערריכט איהם די גרייזען) : בעבעט אוויך האניכבאד האזע.

גרישא : וויגאוואט ... (פערהאפט זיך) ; טא יעסט, סליכא ... מעאד עס־מאך ליראט בעבעט אוויך האניכבאד האזע עם האהים־טאררוט האניכבאד האזע !

בערטע (פערריכט איהם) ; האהיסטאדרוט האניכבאדא האזאט ..

גרישא : ווינא ... (פערהאפט זיך) ; טא יעסט — סליכא ! האהיסטאר־רוט האניכבארא האזאט שהיטאסעף באבאיט האניכפאר האזאט ...

בערטע (פערריכט איהם) : האזע.

גרישא : קען, האזע ... אים ריגשיי קאוואד אוטכיא וועהיטלאהאוואוט לעאומי גאדאל אל יעסאד האלאג האלעאומי האגאדאל ווע־אל יעסאד טארבוטיינו אוספאטיינו האלעאומי האגאדאל...

בערטע (פערריכט איהם) : אוספאטיינו האלעאומיט האגדאלא...

גרישא (שוויצט) : וויגאוואט !... (אין דער צייט, ווען חתן־כלה רעדען העב־רעאיש און ציהען זיך אוועק אלעמאל אויף א זייט, קוועלען די געסט, רעדען זיך איבער צווישען זיך) :

ערשטער גאסט : קאקאיא בלאזשענסטווא !

צווייטער גאסט : פרעלעסטני יאזיק ... פאחאיש נא איטאליאנסקי ...

דריטער גאסט : סאווערשעננא וויערנא. נא איספאנסקי ...

פיערטער גאסט : נא איספאנסקי ...

פינפטער גאסט : איספאנסקי, איספאנסקי...

ישראל־איסר (ברייטער ווי לענגער) : דאס האבען מיר צו פערדאנקען דער נייער טאווארישטשעסטווא, מיין איך — אבשטשעסטווא.

ערשטער גאַסט: קאַקאיאַ אָבשטשעסטוואָ ?

ישראל-איסר: אַט די וואָס רופען זיך „סטאַדרוס"...

צווייטער גאַסט: קאַק ? קאַק ?

ישראל-איסר: „סטאַדרוס".

דריטער גאַסט: סאָווערשעננאָ וויערנאָ, „סטאַדרוס".

בערטע (צום פאָטער פון דערווייטען)**:** פאַפאַ, ניט „סטאַררוס", נאָר „הסתדרות".

ישראל-איסר: נו-יאָ, „איסטאַדרוס".

בערטע: ניט איסטאַדרוס, נאָר „הסתדרות", מיט אַ „האַ"!

ישראל-איסר: זאָג איך דאָך! ווי אַזוי דען זאָג איך? (גרישאַ און בערטע זיצען איינס אַקעגען דאָס אַנדערע, גרישאַ מיט'ן פנים צו די געסט. בערטע מיט'ן פנים צו גרישאַ'ן, רעדען שוין שטילערהייד. גרישאַ זשעסטיקולירט מיט די הענד. ישראל-איסר בענוצט זיך דערמיט, וואָס די טאָכטער זיצט אַהין מיט'ן פנים, טהוט ער אַ וואונק צו חנה'ן, חנה פערשטעהט איהם. שטיל ווערען צוגערוקט די גרינגע טישלעך. עס וואַקסען אויס צוויי נייע פעשלעך קאָרטען, קריידלעך, בערשטלעך. איינ-ציגווייז, כלומר'שט אַהן שום כונה, זעצען זיך אוים די געסט, די מאַנס-בילען מיט זייערע דאַמען, אַרום די גרינגע טישלעך, אַלע אויגען זענען געווענדט צו די צוויי פעשלעך קאָרטען. דער בעל-הבית נעמט איין פעשיל. דער ערשטער גאַסט נעמט זיך צום צווייטען פעשעל. די קאָרטען ווערען אויפגעריסען מיט אַ קנאַק פון זייערע הענטלעך. די דאַמען נעמען זיך מיט אַ זיפץ צו זייערע רידיקולס, די אויגען ביי זיי ברענען):

ערשטער גאַסט (צום בעל-הבית)**:** וואָס-זשע, הייסט עס, וויל זי, די דאָזיגע נייע אָבשטשעסטוואָ, וואָס איהר זאָגט? (צו די איבעריגע געסט) גאָספאָדאַ! אין וואָס פאַר'אַ שפּיעל שפּיעלען מיר היינט דליאַ ראַדי חנוכה?

ישראל-איסר: די אָבשטשעסטווע וויל, ערשטענס, אַז אַלע „שפּעגע-לאַנטען", אַלע יודען מיין איך, זאָלען רעדען פּאָ דרעווניע-יעווריעסקי. (פערקוקט די געסט אין די אויגען אַריין): מאַכען מיר אַ פּרעפערענסעל? צי אפשר נאָר אַ זעקס און זעכציג?

צווייטער גאַסט: אַלע, זאָגט איהר, זאָלען רעדען פאַ דרעווניע־יעווריסקי? אַהאַ! פאַ מאַיעמו וואָלטען מיר בעסער שפּיעלען אַנ׳אַבטשע שפּיעל. (קוקט אויף די דאַמען).

דאַמען (אַלע אינאיינעם): אַנ׳אַבשטשע שפּיעל.

דריטער גאַסט: סאַוועֶרשעננאַ וויערנאַ. אַנ׳אַבשטשע שפּיעל.

פערטער גאַסט: נאַפּרימיער, אַ סטוקעלקע? אַ באַנטשאָק?

פינפטער גאַסט: פאַרוואָס ניט אַ טערטעל־מערטעל? (קוקט אויף די דאַמען).

דאַמען (אויפגעלעבט, אַלע אינאיינעם): אַ טערטעל־מערטעל! אַ טערטעל־מערטעל!

ערשטער גאַסט (רייבט אַ האַנד אָן אַ האַנד): אַ טערטעל־מערטעל? קאַקאַיאַ בלאַזשענסטוואַ!

צווייטער גאַסט: שוין לאַנג ניט געשפּיעלט אין טערטעל־מערטעל.

דריטער גאַסט (קוקט אויף די דאַמען): סאַוועֶרשעננאַ וויערנאַ. ערשט נעכטען אַ גאַנצע נאַכט געשפּיעלט אין טערטעל־מערטעל!

דאַמען: חאַ־חאַ־חאַ! ביז טאָג געשפּיעלט אין טערטעל־מערטעל!

ישראל־איסר: אַלזאָ, גאַספּאַדאַ, בלייבט עס אַ טערטעל־מערטעל?... (נעהמט זיך צו די קאָרטען). מיין טאַכטער זאָגט, אַז אין אויסלאַנד רעדען שוין איצט אַלע „שפּענגלאַנטען", מיין איך אַלע יודען, פאַ דרעווניעיעווריסקי. מע האָט צוליעב דעם צונויפגעקליבען געלד, אַ מאַסע געלד, אַ האַלבען מיליאָן, זאָגט זי. אונזער ליעוו איזראַיעלעוויטש האָט אויך געשענקט צעהן טויזענד.

ערשטער גאַסט: ליעוו איזראַאיליעוויטש, צעהן טויזענד? קאַקאַיאַ בלאַזשענסטוואַ! גאַספּאַדאַ, ווער האַלט די באַנק?

צווייטער גאַסט: צעהן טויזענד אויף דרעווניעיעווריסקי, ווי פּאָניאַטיע? לאָז מען וואַרפען קאָרטען. ווער ס׳וועט האָבען די „טויז", דער וועט האַלטען די באַנק. (צום בעל הבית) פּאַזשאַלויסטאַ!

ישראל־איסר (נעמט אויסוואַרפען קאָרטען): דאָס איז געווען אויף יענע סאָבראַניע, וואָס אָט דער ביאַליק האָט געהאַלטען אַ „שפּע־

געלאַציע", מײַן איך אַ ריעטש פאַ דרעווניעיעוורעיסקי,
איז דאָס ליעוו איזראַאילעוויטש'ן אזוי געפעלען געוואָרען.
אז ער איז אַרוים מיט צעהן טויזענד.

ערשטער גאַסט (קוקט אַרײַן אין די קאָרטען): קאַקאַיאַ בלאַזשענסטוואַ!...
וואָסער ביאַליק? דער ליעסאָפּראָמישלעניק?

צווייטער גאַסט (קוקט אין די קאָרטען): חאַ-חאַ-חאַ! קאַקאָי ליעסאָפּראָ-
מישלעניק? דער ביאַליק איז ניט קײן ליעסאָפּראָמישלע-
ניק, נאָר אַ פּאָעט.

דריטער גאַסט: סאָוועּרשעננאָ וויערנאָ. אַ ליעסאָפּראָמישלעניק...
מײַן איך אַ פּאָעט.

פיערטער גאַסט (קוקט אין די קאָרטען): אַ? אַ פּאָעט? זנאַטשיט פּרוג...

פינפטער גאַסט: קאָניעטשנאָ, פּרוג... אַ! אונזער בעל-הבית האָט
געחאַפּט דאָס טײַוועל, איז ער דער באַנקיר. (צום בעל-
הבית) פּאָזדראַוולאַיו!

דאַמען: פּאָזדראַוולאַיעם! פּאָזדראַוולאַיעם! (צווישען עולם ווערט אַ בע-
וועגונג, די מאַנסבילען רוקען צו די שטוהלען. די דאַמען ציהען אַרויס
מיט אַ זיפץ פון די רידיקולס דאָס ביסעל קלײנגעלד. די אויגען בײַ
זײַ ברענען).

ישראל-איסר (נעהמט זיך, כלומרשט אָהן אַ בעזונדערען חשק צו דער באַנק): בין
איך, הײַסט עס, דער באַנקיר? מילא. וועלען מיר שפּע-
געלירען. (טײַלט אוים קאָרטען. נעהמט צעגויף געלד. צו יעדען): ווי-
פיעל קאָרטען? ווי טײַער? (ווינקט צו גרישאַ'ן פון דערווײַטען)

גרישא (זיצט די גאַנצע צײַט ווי אויף נאָדלען, קוקט מיט זשעדנע אויגען צו
די גרינע טישלעך. בעווײַזט דעם מחותן פון דערווײַטען צוויי פינגער,
אז ער פערלאַנגט, הײַסט עס, אויך צוויי קאָרטען. רעדט אַרוים מיט
דער האַוואַרע האַספּאַדיט: שנאַאים... שטאַאים... (בעטאָנט
דעם „אים").

בערטע (וואָס זיצט נאָך אלץ מיט די פּלײַצעס צו דער קאָמפּאַניע און מיט'ן פּנים צום
חתן, זעהט ניט, וואָס הינטען טהוט זיך. פערוואונדערט צום חתן):
וואָס שנים? וואָס שתים? (דרעהט אוים דעם קאָפּ צוריק, דער-
זעהט די גרינע טישלעך מיט די קאָרטען, טהוט זי אַ פּלעסק מיט די

העַנד) . פאפּאַ ! (לויפט צו צום פאָטער , וויל בייַ איהם אוועקנעהמען די קאָרטען) .

ישראל-איסר: בּערטעטשקאַ ! בּתיה'ניו ! גאָט איז מיט דיר ! האָסט פארגעסען, אז היינט איז חנוכּה? א פּעסט... א מאַקאַבּעער... היינט איז א מצוה צו „שפּעגעלירען", מיין איך — צו שפּיעלען אין קאָרטען. די גאַנצע וועלט, די פרומסטע יודען שפּיעלען חנוכּה אין קאָרטען. (צו די געסט) נאָספּאָדאַ, וואָס? ניט אַזוי?

די געסט (אַלע אין איין קויל מיט די דאמען): סאָווערשעננאָ וויערנאָ, סאָווערשעננאָ וויערנאָ.

ישראל-איסר: פרעג אפילו דעם חתן דיינעם. (צו גרישא'ן) . גרישאַ! מיין איך — הערש! וואָס שווייַגסט דו?

גרישא (צו בּערטען אויף העבּרעאיש, מאַכט מיט די העַנד): אוואָל לעסאַכעק קאַרטיסים בעלאַנוקאָ קוואַר ניטקאַבּעל איציעל קאָל בּאַט לעאומיט טאַרבּוטיט!

בּערטע (פעררייַכט איהם די גרייזען): בּאַייט לעאומי טאַרבּוטי...

גרישא (שוויצט): וויַנאָוואַט... טאָ יעסט — סליכאַ! בּאַייט לעאומי טאַרבּוטי... זע האַלאָ אוודאַ היסטאָרי!...

בּערטע (פעררייַכט איהם): אוודא היסטאָריט...

גרישא: סליכאַ!

ישראל-איסר (לעגט אויס דערווייל די קאָרטען א קלאַס נאָך א קלאַס, צו די געסט): א וועלט געוואָרען! איהר האָט זיך עס געריכט אמאָל! דער טאַטע „שפּעגעלירט" אין קאָרטען, און די טאָכטער רעדט פּאָ-דרעווניעיעווריעיסקי...

ערשטער גאַסט (קוקענדיג אין די קאָרטען, וואָס דער בעל-הבית לעגט אויס אויפ'ן טיש א קלאַס נאָך א קלאַס): דרעווניעיעווריעיסקי! — קאַקאַיאַ בּלאַזשענסטוואַ! קיינער האָט נאָך ניט אויסגענומען צווייטע קלאַס!

צווייטער גאַסט (קוקט מיט פלאַמענדיגע אויגען אין די קאָרטען): טשודני יאַזיק! דריטע קלאַס האָט אויך קיינער ניט גענומען.

פאַחאָזש נאַ איטאַליאַנסקי.

דריטער גאַסט: סאָווערשעננאָ וויערנאָ, נאַ איספּאַנסקי...

פיערטער גאַסט: דריטע קלאַס האָט אויך קיינער ניט געשלאָגען... אָטשען פאַחאָזש נאַ איספּאַנסקי...

פינפטער גאַסט: איספּאַנסקי... איספּאַנסקי... אפשר וועט די פערטע קלאַס עפּיס נעהמען!

ישראל-איסר (פרייליך, וואָס קיינער האָט ניט גענומען): איצטיגס מאָל איז מיר די „שפּעגעלאַציע" מיט דער באַנק אָפּגעלאָפען, דאַנקען גאָט, אוראַטשנאָ. אַצינד וועלען מיר נאָך זעהען, וואָס וועט זיין מיט דער פינפטער קלאַס? דער „דעוויאַטי וואַל" זאָל מיר אָפּלויפען ווי די ערשטע פיער קלאַסען און קיינער זאָל ניט שלאָגען — עהע-הע! (וואַרפט אַרויס די לעצטע קאָרט. אַלע אויגען קוקען ושעדנגע צו זיך אין די קאָרטען אַריין. די דאַמען זיפצען). גאָספּאָדאַ! קעניג פּיק! ווער האָט קעניג פּיק? קיינער האָט נישט קעניג פּיק? קיינער האָט מיך ניט געשלאָגען? (וויל געבען א נעהם צונויף די קאָרטען).

גרישא (צום מחותן): פּאַ-פּאַזוואָלטיע! קעניג פּיק — זאָגט איהר? (וואַרפט אוועק די כלה, לויפט צו צום טיש, דעקט אויף זיינע צוויי קאָרטען.) אָט איז ער, דער קעניג פּיק! איך האָב אייך געשלאָגען! פּאַזשאַלוויטע באַנק! (נעהמט איבער די באַנק).

בערטע (א פּלעסק מיט די הענד): אַך! (פּאַלט דעם פאָטער אויף די הענד פערוואַרפט דעם קאָפּ): פּאַפּאַ! ער איז ניט מיין חתן מעהר!

ישראל-איסר: גאָט איז מיט דיר! קאָנדרעניז, וואָס רעדסט דו? (צום חתן) גרישא! הערש! וואָס שטעהסטו?

גרישא: בערטוסיאַ! בתיה'ניו! (בערטע טרייבט איהם אָב מיט ביידע הענד, ער פאַלט איהר צו די פיס).

חנה (קומט פון קיך, דערזעהט בערטען ביים פאָטער אויף די הענד און דעם חתן אויף די קניען): וואָס איז? וואָס איז דאָ געשעהען?

ישראל-איסר: גאָרנישט, גאָרנישט, גאָלע גאָרנישט. ער, גרישא, מיין איך הערש, האָט מיך געשלאָגען...

חנה (קוקט מיט שרעק אויף איהרע אייגענע און אויף די געסט, פער-

בּרעכט די הענד): אַ דונער איז מיר! ווער! גרישאַ! הערש! הערש האָט איהם געשלאָגען! געשלאָגען?!...

ישראל-איסר (אין פּעס, צו חנה׳ן): פערשטעהסט נישט קיין שפּעגע־לאַציע! נישט מיך, די באַנק האָט ער געשלאָגען. פער־שטאַנען? און נישט ער, נאָר דער קעניג פּיק האָט מיך געשלאָגען. דער קעניג פּיק! קעניג פּיק! קעניג פּיק!

(פאָרהאַנג).

שלום-עליכם.

קְנָארְטֶען.

א מעשה פון אנ'אלטען אפיקורוס

איבערדערצעהלט לכבוד חנוכה.

פערלאג „פאמיליען-ביבליאטעק"

פערקויף ביי דער געזעלשאפט „צענטראל".

ווארשא. תרע"ג.

КНОРТЕНЪ

1912 г.

Печ. въ Тип. Г. Пиментъ и Я. [illegible], Варшава. С[illegible]аковская 4.

„קנאַרטען“.

אַ מעשה פון אַנ'אַלטען אַפּיקורוס

איבערדערצעהלט לכבוד חנוכה.

היינט זענען קאָרטען — אַ וואָכעדיגער גאַנג.

וואו שפּיעלט מען היינט ניט אין קאָרטען? ווען שפּיעלט מען היינט ניט אין קאָרטען? און ווער שפּיעלט היינטיגע צייטען ניט אין קאָרטען?

אַמאָל, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, האָט מען ביי אונז געשפּיעלט אין קאָרטען נור איין מאָל אין יאָהר — חנוכה.

דאָס הייסט, אַז מע וויל צוריק פלעגט מען אַמאָליגע צייטען האַפּען אין מיטען יאָהר אויך אַמאָל אַ קערטעל, און אַ רעכט קערטעל! אַ וואַרעמס! נאָר וואו? בחדרי חדרים! בסוד סודות!

אָדער ווינטער אין חדר, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, בין מנחה למעריב, אַז דער רב איז געוועזען אין קלויז און געוואַרעמט זיך ביי דער לעזשאַנקע, כלומר'שט געלערענט עין יעקב פאַר בעלי-מלאכות; אָדער זומער אין אַ פינסטערער שטאַל, ביי אַ שפּאַרינקעלע פון דער טהיר, אָדער גאָר אונטערגעקויפט געציל דעם שמש, אַ יוד אַ הויקער און אַ יאַדעשליוער דערצו, און פערשלאָסען זיך גאַנץ אויבען, אין דער ווייבערשער שוהל, איבערגעקעהרט אַ סטענדער מחילה מיט'ן פּנים

אַראָפּ, און וואַלטי אין „סטאַרש קאָזיר", אָדער אין „איין און דרייסיג", אָדער אין „טערטעל־מערטעל"!

ריזווע־לאה די גבאי'טע, זכרונה לברכה, זי איז שוין לאַנג אויף דער אמת'ער וועלט, האָט געפונען ביי זיך איין מאָל אין סטענדער אַ זאַך — איז זי שיער ניט אַנידערגעפאַלען חלשות: ווער האָט עס איהר געקאָנט אונטערוואַרפען אַזאַ זאַך אין סטענדער אַריין?!...

איז זי אַרויסגעלאָפען אויף דער גאַס, זיך געלאָזט איבער דער שטאָדט, און, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, געגומען שרייען:

— גוואַלד, אידישע קינדער, ראַטעוועט! גוואַלד, אַנ'אומגליק! אַ בלבול! קומט וועל איך אייך עפּיס ווייזען, וועט איהר זעהען!

וואָס אַנ'אומגליק? און וואָס פאַר אַ בלבול — האָט מען ביי ריזווע־לאה'ן נישט געקאָנט דערגעהן בשום אופן.

— קומט, קומט מיט מיר, וועל איך אייך ווייזען!

און אָט אַזוי האָט זי, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, צוּנויפגעזאַמעלט אַרום זיך אַנ'עולם, קיין עין־הרע, פונ'ם רב מיט'ן דיין מיט'ן שוחט מיט'ן חזן, ביז די איבעריגע חשוב'ע בעלי־בתים פון שטאָדט.

פערשטעהט זיך, אַז מע האָט דערזעהען ריזווע־לאה די גבאי'טע געהט און עס געהען איהר נאָך דער רב מיט'ן דיין מיט'ן שוחט מיט'ן חזן מיט נאָך בעלי־בתים, האָט שוין דער פּראָסטער עולם אויך גענומען געהן זעהען, וואָס טוט זיך דאָרט. און ווייבער און יונגע לייט און יונגלעך זענען אויך געווען ציקאַווע זעהען, וואָס איז דאָרטען. און מע איז אַוועק אַלע מיט ריזווע־לאה'ן, — אין שוהל אַריין. פריהער ריזווע־לאה, דערנאָך די שטאָדט.

איהר קאָנט אייך פאָרשטעלען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, וואָס פאַר אַ פחד ס'איז געפאַלען אויף דער שטאָדט. יודען האָבען געמיינט, אַז ס'איז זיכער אַנ'אומגליק: אָדער אַ ממזר האָט מען זיי אונטערגעוואָרפען, אָדער אַ געהאַנגענעם האָט מען געפונען, אָדער חס־ושלום אַנ'עלילת־דם. אָדער אַזוי עפּיס אַ צרה אויף דער שטאָדט...

ניט מויט ניט לעבעדיג האָט מען אַרויסגעקלעטערט אויף דער ווייבערשער שוהל, ריזווע־לאה די גבאי'טע אויף צופריהער, דער רב מיט'ן דיין מיט'ן שוחט מיט'ן חזן נאָך איהר, און נאָך זיי דער איבעריגער עולם...

— וואו? וואו איז דער בלבול? — האָט דער עולם געפרעגט ביי

ריוועלאה דער גבאי'טע, זיך צוגעהערט, טאָמער וועלען זיי דערהערען אַ קול פונ'ם ממזר, אָדער דערזעהען הענגען אַ מענשען אָדער גאָר הלילה סימנים פון בלוט, וואָס שונאים האָבען אונטערגעוואָרפען, בכדי צו ברענגען אַן אומגליק אויף דער שטאָדט...

און שטעלט איך פאָר, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, ווי איבערראַשט מען איז געוואָרען, אַז אַנשטאָט אַ לעבעדיגען ממזר און אַנשטאָט אַ געהאַנגענעם און אַנשטאָט בלוט האָט מען דערזעהען אַ מאָדנע זאַך ביי ריוועלאה דער גבאי'טע אין סטענדער: אַ גלח מיט אַ שוואַרצען צלם! און נישט נור איין גלח, נאָר צוויי גלחים מיט צוויי צלמים: איין גלח פון אויבען, דער אַנדערער גלח פון אונטען!...

אַלע האָבען זיך אָנגעבויגען, אַריינגעקוקט צו ריוועלאה'ן אין סטענדער אַריין: פריהער דער רב, דער דיין, דער שמש, דער חזן, דערנאָך די חשוב'ע בעלי־בתים און דערנאָך שוין דער גאַנצער איבעריגער עולם, איינס נאָכ'ן אַנדערען. אַ קוק — און אַוועק. וואָרום נעהמען צוריהרען זיך צו דעם מיט די הענד — דערויף איז קיינער קיין בעלן ניט געווען. אַ חוץ איין וועלוועל ראַמשעוויטש, דעם חזנ'ס איידעם.

וועלוועל ראַמשעוויטש, אַז ער האָט נור אַ קוק געגעבען, איז ער געוואָרען מלא גדולה, האָט זיך צולאַכט און אויסגערופען מיט אַ שמחה:

— ס'איז גאָרניט, ס'איז אַ געלעכטער, ס'איז דער מלך טרעף!...

— וואָס הייסט עס מלך טרעף?

— ס'איז אַ קאָרט פון די קאָרטען, אַ שפיעל, וואָס מע שפיעלט...

— ווי זשע קומט זי אַהער, אין דער ווייבערשער שוהל, ביי ריוועלאה דער גבאי'טע אין סטענדער? איז איין מאָל אַוועק. והשנית, פון וואַנען ווייסט דו, דעם חזנ'ס איידעם, וואָס איז אַזעלכס אַ קאָרט? און אַז זי הייסט מלך טרעף? און אַז דאָס איז אַ שפיעל, וואָס מע שפיעלט?...

אַוודאי האָט מען וועלוועל'ן דערזעהען, נעבאַך, אַז ער איז דאָ מאוס אַריינגעפאַלען, איז ער געוואָרען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אַלערליי קאָליערען און האָט גענומען בעלעבעטשען מיט דער צונג „בע" און „מע", אַהין, אַהער, אַ וואָרט צו אַ וואָרט האָט זיך ניט געקלעפט, — אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז...

נאָר נישט דאָס איז דער עיקר, וואָס איך האָב אייך געוואָלט דערצעהלען. דאָס איז אַ חוץ אַ מעשה, וואָס מיר לייגען אָפּ אויף איין אַנדערס מאָל. עס איז נישט מעהר, ווי אַ מאמר המוסגר, ווי עס רופט זיך, אַ מין אַריינפאָהר, צו אונזער געשיכטע פון די „קאָרטען”. איך האָב אייך נור געוואָלט ווייזען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, ווי ווייט קאָרטען זענען אַמאָל געווען טרפה און ווי ווייט מע פלעגט זיך דאַרפען מיט זיי היטען.

איין וואָך אין יאָהר איז נור געווען אַ גליקליכע, וואָס דעמאָלט האָט מען געקאָנט ביי אונז שפּיעלען אין קאָרטען פראַנק און פריי, בפרהסיא.

דאָס איז געווען די וואָך פון חנוכה.

און ווי באַלד מע שמועסט פון „פרייהייט” איז דאָך ניט שייך! האָבען מיר זיך צונויפגעקליבען אַ גאַנצע חברה יונגע־לייט, איינס און איינם טאַקי ביי וועלוועל ראַמשעוויטש אין שטוב. ער איז שוין דעמאָלט גע־ווען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אַ חברה־מאַן, וואָס האָט זיך אָפּגעשערען באָרד און פאות דווקא אום ספירה־צייט, געדרויבערט שבת אַ פּאַפּיראָס דווקא אויפ'ן גאַניק, און געגעסען אַ גויאישען קאָלבאַס דווקא אין די ניין טעג — און רופט מיך קנאַק־ניסעל.

און זיין ווייב, חיה'לע, דעם חזנ'ס טאָכטער, האָט זיך מיישב גע־ווען און האָט אַראָפּגעוואָרפען דעם פאַריק און געבליבען אין איהרע אייגענע דווקא געלע האָר, און האָט בעשאָטען מיט פודער איהר דווקא געשטיפּעלט פּנים און טאָג ווי נאַכט מיט יונגע־לייט: חאַ־חאַ־חאַ און חאַ־חאַ, בעוויזען אַלעמען דווקא איהר שוואַרצע ציין.

„דאָס קליינזעל” — אַזוי האָט געהייסען ביי אונז ראַמשעוויטש'עס שטוב — איז געווען אָפען פאַר אַלע יונגע־לייט פון שטאָדט. דאָרט האָט מען געקאָנט לייענען אַ בלאַט צייטונג, אַ פסול'דיג ביכעל, רויכערען שבת אַ פּאַפּיראָס, אין אַ תענית זיך טרף מאַכען מיט אַ קאָלבאַס — און דער עיקר חאַפּען אַ קערטעל.

קאָרטען האָבען זיי ביידע ליעב געהאַט, אי ער אי זי; זי נאָך מעהר, ווי ער. זי האָט געברענט, געווען אַש להבה! אַ סברה, אַז זיי האָבען געלעבט דערפון... מחמת זי האָט כסדר געהאַלטען אין איין געווינען. ס'איז איהר געגאַנגען די קאָרט און אַנ'עק! שטענדיג איז ביי איהר געווען טריומף. אַלע מאָל די בעסטע קאָרטען, אַלעמען האָט זי געשלאָגען און געהט טוט איהר עפּים!

אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, וואָס הייסט אַנ׳איידעמעל אויף קעסט, בעדאַרף איך אייך זאָגען, אַז צוליעב איהר, צוליעב אָט ער היה׳לע מיט די רויטע האָר און געשטיפעלטען פנים, האָט ניט איין איידעמעל, וואָס איז געזעסען אויף קעסט, פערשפּיעלט דאָס גאַנצע נדן מיט׳ן ווײַב׳ס פערעל און געמאַכט דעם שוועהר פאַר אַנ׳אָנזועצער.

מיט איינעם אַזאַ איין איידעמעל האָט זי אָפּגעשפּיעלט איין מאָל אַ גאַנצען ווינטער אין אָקע און געבראַכט דערצו, ער זאָל זיך גט׳ען מיט׳ן ווייב — אַ בילד, אַ קראַסאַוויצע — און אַריבער צו איהר אויף קעסט... איז געוואָרען אין שטאָדט אַ ויצעקו! וואָס זאָל איך אייך זאָגען? חשך ואפלה!...

נאָר דאָס געהער זיך נאָך אויך ניט אָן מיט אונזער געשיכטע פון די „קנאַרטען”. נישמעהר איך בין צוגעטראָטען צום סאַמע רעכטען אָרט, וואו די מעשה האָט זיך געטראָפען. דאָס הייסט, די געשיכטע, וואָס איך וויל אייך דערצעהלען, איז פאָרגעקומען טאַקי אין דעם „קלייזעל”, וואָס איך זאָג אייך, — ביי די ראַמשעוויטשעס אין שטוב, און געווען איז דאָס דעם ערשטען טאָג חנוכה.

זענען מיר אַזוי געזעסען דעם ערשטען טאָג חנוכה אין „קלייזעל” ביי די ראַמשעוויטש׳עס און געשפּיעלט, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אין אונזער כשר׳ער יודישער שפּיעל — אין אָקע.

און געשפּיעלט האָבען מיר דאָרטען, דאַרפט איהר וויסען, כתות־וויַיז, פּאַרטיעסווייז. איין פּאַרטיע האָט אָפּגעשפּיעלט, די אַנדערע האָט זיך געזעצט שפּיעלען. אַלעמאָל אַזוי. ווער ס׳האָט געשפּיעלט אין דער־פריה, ווער — ביי טאָג און ווער אויף דער נאַכט. און מיט יעדער קאָמפּאַניע האָט געשפּיעלט איינער פון די ראַמשעוויטשעס. אַמאָל ער און אַמאָל זי, און אַמאָל זיי ביידע. ביינאַכט, אַז ער איז געשלאָפען, האָט זי געשפּיעלט, און אַז זי איז געשלאָפען, האָט ער געשפּיעלט. און אַמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז זיי זענען אַ נאַכט און צוויי נעכט און דריי נעכט ביידע נישט געשלאָפען, ביידע געשפּיעלט. סיירען אויף אַ האַלבע שעה אָפּגעטראָטען אויף אַ זייט און צווישען איין קאָן און אַנדערען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אָנגעשפּאַרט זיך און געחאַפּט אַ דרימעל...

צושפּאַרען זיך און חאַפּען אַ דרימעל — דאָס האָט געקאָנט יעדערער פון די געסט אויך. ווער עס האָט פערחאַפּט פריהער אַנ׳אָרט אויף צו־צושפּאַרען זיך — דער האָט געחאַפּט אַ דרימעל.

דאָס אייגענע איז געווען אויך מיט'ן עסען. אויפ'ן טיש איז תמיד געשטאַנען אַ פלעשעל מיט אַ גלעזעל. אַלערליי געזאַלצענס און אָנגעשניטענער קאָלבאַס און, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, איז כל דכפין — ווער עס וויל, דער קאָן געהן עסען.

פערשטעהט זיך, אַז דאָס אַלסדינג איז געווען על חשבון הקאָר-טען. פון יעדען קאָן האָט מען אַראָפּגענומען אַלעמאָל „מוירגעלט", פאַר דער מויד, הייסט עס, חאָטש אין „קלייזעל" איז נישט געווען קיין שום מויד. די ראַמשעוויטש'עס האָבען זיך ניט גענויטיגט אין קיין דינסט. קיין מאָלצייטען האָט מען נישט געקאָכט, קיין בעטען נישט פערבעט, די שטוב נישט געקעהרט, ס'איז נישט געוועען קיין צייט דערויף, הייַנט צו וואָס אַ מויד? פון דעסטוועגען האָבען די ראַמשעוויטשעס נישט דורכגעלאָזט קיין שפּיעל אָהן „מוירגעלט". אַלע האָבען געוואוסט, אַז דאָס געהט אויף דירה-געלד, אויף הייצונג, אויף קאָרטען און אויף פערבייסען. לעבעדיגע מענשען. אַ לעבעדיגער מענש דאַרף עסען. דערפון קאָנט איהר שוין פערשטעהן, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אַז עסען און טרינקען האָט איהר דאָרט געקאָנט ווען און וויפיעל אייער האַרץ געלוסט...

דאָס זעלבע אויך מיט פאַפּיראָסען. גאַנצע קאַסטענס מיט פּאַפּי-ראָסען, און ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצען, דער האָט גע-בלאָזען. און מעהר פון אַלע האָבען געריוכערט די ראַמשעוויטשעס אַליין, ער און זי, זי נאָך מעהר פון איהם. איך קאָן מיר גאָרנישט פאָרשטעלען חיה-לאה ראַמשעוויטש אָהן אַ פּאַפּיראָס אין מויל. דערצו דאָס אָנגע-פודערטע געשטופּעלטע פנים מיט די נישט-פערקעמטע רויטע האָר, מיט די נישט-דערשלאָפענע אונטערגעשוואָלענע אויגען, און דער שטענדיג בלויער רויך, וואָס אין שטוב, מיט'ן טומעל, מיט'ן הו-האַ, — אָט דאָס אַלעס אינאיינעם, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, קאָנט איהר זיך פאָרשטעלען, ווי דאָס „קלייזעל" האָט אויסגעזעהען חנוכּה, ווען מען קאָן שפּיעלען אין קאָרטען פראַנק און פריי און מען דאַרף זיך נישט בעהאַל-טען און נישט מורא האָבען פאַר אַ גוט אויג...

איך בין יענעם טאָג געווען פון דער דריטער אשמורה, דאָס הייסט, פון דער קאָמפּאַניע, וואָס האָבען זיך געזעצט שפּיעלען דעם ערשטען טאָג חנוכּה אויף דער נאַכט, צום צווייטע ליכטעל. און נישט אויפגעשטאַנען פון טיש, ביז מע האָט בעדאַרפט אָנצינדען דאָס דריטע ליכטעל און אַ ביסעל ווייטער...

געבענשט חנוכּה־ליכטלעך האָט נישט דער בעל־הבית, וועלוועל ראַמשעוויטש, חלילה, נאָר איינער פון די געסט: אֶלי ראַפּאַלסקי, אַ יונגערמאַן אַ צאַצקע, אַנ׳איידעם אויף קעסט, וואָס האָט ליעב אַ קערטעל, נאָר פון יודישקייט אָפּטרעטען — דאָס ניט. און די ראַמשעוויטשעס האָבען געהאַט זעהר אַ וואוילע טבע: ס׳איז נישט זייער עסק. איהר מעגט אייך זיין, וואָס אין דער קאָרט, אָדער, פערקעהרט, איהר קאָנט אייך זיין פרום, ווי זיבען שדים — אַבי איהר האָט אין קעשענע און שפּיעלט אין אָקע און ס׳איז דאָ נאָך פּלאַץ אויף נאָך אַ האַנד, איז ברוכים הבאים, מיט׳ן גרעסטען כּבוד! אַזוי פיעל מכּות מיינע שונאים און אַזוי פיעל גליקליכע יאָהר מיר, וויפיעל מאָל עס האָט זיך געמאַכט, מיר האָבען אָפּגעשפּיעלט מיט מענשען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, פינף נעכט מיט פינף טעג דורכאַנאַנד און זיך צוגאַנגען און נישט געוואוסט, ווער זיי זענען און וואָס זיי זענען און פון וואַנען זיי זענען און וואוהין זייער געביין איז אַהינגעקומען. אַ קאָרט איז נישט קיין שדוך. מע קאָן זיך זעהר שען שפּיעלען אין אָקע „בלינד“ און נישט וויסען יענעמס יחוס.

אַלזאָ זענען מיר געזעסען און געשפּיעלט אין אָקע, פערטיפט אין דער אַרבייט אַזוי שטאַרק, אַז מיר האָבען גאָר ניט בעמערקט, ווי עס זענען אַריינגעקומען צוויי פּאַרשוינען, נאָר אַזעלכע מאָדנע און נישט קיין געוועהנליכע, אַז ווי נאָר מיר האָבען דערהערט זייער „גוט יום־טוב“ און אויפגעהויבען אויף זיי די אויגען, זענען מיר אַלע געבליבען, ווי געפּלעפט, אָהן הענט און אָהן לשון.

ווילט איהר דאָך וויסען, וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ מין פּאַרשוינען אַזעלכע, וואָס מע דאַרף זיך פאַר זיי דערשרעקען? וועל איך אייך זיי אָפּמאָלען, ווי ווייט מעגליך אין קורצען.

איינער אַ יוד אַ הויכער, אַ לאַנגער, אַ שמאָלער, אין אַ זיידענער זשיפּעצי; פּאות — לאַנגע, שמאָלע, פלעכטעלדיגע, ביז׳ן גאַרטעל; אויפ׳ן קאָפּ אַ שטריימעל; און אַ באָרד מיט אַ פּאָר וואָנסעס אַזעלכע, וואָס אַז מע בעגעגענט זיך מיט אַזאַ נפש ביינאַכט אין דער פינסטער, אין אַ שמאָל געסעל — מעג מען לייענען קריאת־שמע.

דער אַנדערער — דווקא אַ נידעריגער און דווקא אַ גראָבער, אויך מיט לאַנגע פּאות און אויך מיט מאָדנע באָרד און וואָנסים, נאָר נישט אַזוי מסוכּן ווי דער ערשטער. אין איין האַנד האַלט ער אַ לאַנטערען, אין דער אַנדערער — אַ פּאַטשיילע מיט געלד.

דערזעהען, אַז מיר האָבען זיך פאַר זיי ווי דערשראָקען, האָט דער הויכער דער לאַנגער מיט די פלעכטעלדיגע פאות אַרויסגעלאָזט אַ שמייכעלע פון זיי וואָנסעס און אַ זאָג געגעבען נאָך אַ מאָל:

— אַ גוט יום טוב איך, ליבע יודען, מיר זענען געקומען צו איך גוט־יום טוב בעטען לכבוד חנוכה.

דערביי האָט ער געגעבען אַ קוק אויף די חנוכה־ליכטלעך, דער־נאָך אויפ'ן טישעל מיט די קאָרטען און אַרויסגעלאָזט אַ טיעפען זיפץ. באַלד נאָך איהם האָט דער צווייטער, דער גראָבער, אויך געגעבען אַ זיפץ. ביידע האָבען געזוכט מיט די אויגען אַן אָרט אויף צוזעצען זיך.

גוט, וואָס דער בעל־הבית, ראַמשעוויטש, האָט זיך געכאַפּט, אַז מע בעדאַרף זיין העפליך. האָט ער זיך געגעבען אַ הויב אויף פונ'ם אָרט, אָפּגעגעבען די אַריינגעקומענע שלום עליכם, אָנגעוויזען זיי, וואו צו זעצען זיך, און באַלד נאָך איהם האָבען מיר אַלע שוין געפונען פאַר נויטיג אָפּגעבען זיי שלום, איטליכער בעזונדער. ווער מיט אַ קוועטש ביי דער האַנד און ווער גלאַט מיט אַ שאָקעל דעם קאָפּ צו זיי פון דער וויימען.

אַנידערגעזעצט זיך, האָבען זיי ביידע ווידער איבערגעקוקט זיך און אַרויסגעלאָזט אַ טיפען זיפץ, און דער בעל־הבית האָט געפונען פאַר נייטיג אַ פרעגע צו טון ביי זיי: מה שמיכם? פון וואַנען? וואוהין? און וואָס? און ווען? — ווי געוועהנליך.

האָט אָפּגעענטפערט דער לאַנגער און דער שמאָלער מיט אַ שפּראַך, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, פון שמן זית, פּאַוואָלינקע, געצעהלטע ווערטער און מיט אַ צוקערדיג זיס שמייכעלע פון די מורא־דיגע וואָנסים אַרויס. עס האָט אויסגעזעהען, אַז ניט ער רעדט, נאָר ער בענשט און זיפט עפּעס בעת־מעשה. — איך בין, מיינע ליעבע יודען, דעם בעל שם טוב'ס איין אייניקעל, און גיה אַרום כל ימי איבער דער וועלט און ריכט אָפּ גלות און זאַמעל געלד אויף ישיבות דאָ, אין חוץ לאָרץ, און דאָרט, אינ'ם לאַנד פון אונזערע אבות — אָך־אָך־אָך! און דאָס איז מיין גבאי, וואָס געהט מיט מיר — האָט ער אָנגעוויזען מיט די אויגען אויפ'ן גראָבען, און ביידע האָבען אַרויסגעלאָזט אַ טיפען זיפץ. — אונזער גאַנץ לעבען האָבען מיר אַוועקגעגעבען פאַר ישיבות. גאָטס תורה זאָל חלילה ניט פערגעסען ווערען — אָך־אָך! גיט, יודען, אַ נדבה, וויפיעל אייער הארץ פערטראָגט.., אחד המרבה ואחד

המעיט — האָט אויסגעלאָזט דעם בעל שם טוב'ס איינִיקעל מיט אַ גלאַנץ די אויגען אַרויף און מיט אַ פסוק, און דער גבאי האָט איהם אונטערגעהאַפּט אויך מיט אַ פסוק: „וכל המרבה מרבין לו מן השמים", פערגלאַנצט די אויגען אַרויף און געגעבען אַ לייג אַוועק די פּאַטשיילע מיט געלד אויפ'ן טיש מיט אַ קלונג. די פּאַטשיילע האָט זיך אויפגעבונדען און פון דאָרט האָבען אַרויסגעקוקט אַ מאַסע זילבערנע און אויך גאָלדענע מטבעות.

געלד, זאָגט מען, געהט צו געלד. ווייל אין דער פּאַטשיילע זענען געווען אַ סך זילבערנע און גאָלדענע מטבעות, האָבען מיר שוין ניט געקאָנט זיין אַזוי גראָב און האָבען אַריינגעוואָרפען אין דער פּאַטשיילע אַריין איטליכער פון זיין קעשענע, און בעת מעשה איז אונז אַלעמען דורכגעפלויגען אַ מחשבה (איך ווייס פאַר געווים, אַז אַלעמען איז דורכגעפלויגען דער זעלבער געדאַנק): — אַך, ווען איך האָב דאָ ביים טיש אָט די פּאַטשיילע מיט געלד!... וואָס פאַר אַ ספּעקטאַקל וואָלט איך אָפּגעשפּיעלט!...

ביי אונזער בעל הבית'טע, היה'לע ראַמשעוויטש, האָבען זיך אַזש די אויגלעך, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אָנגעצונדען און צובּרענט. דאָס האָבען בעמערקט אַלע, אפילו דעם בעל-שם-טוב'ס איינִיקעל מיט'ן גבאי, וועלכע האָבען זיך ניט געאיילט צוצונעהמען די פּאַטשיילע פונ'ם טיש. זיי זענען געזעסען ביידע אַראָפּגעלאָזט די הענט און עפּעס מאָדנע אַריינגעקוקט אין די קאָרטען, וואָס זענען געלעגען צעוואָרפען איבער'ן טיש. עס איז געווען קענטליך, אַז זיי זעהען דאָס צום ערשטען מאָל אויף זייער לעבען.

— האָט קיין פאַראיבעל ניט, וואָס איך וועל אייך פרעגען, אפשר שטערען מיר אייך? — אַזוי רופט זיך אָן דעם בעל-שם-טוב'ס איינִיקעל מיט זיין שמן-זית-לשון און מיט זיין צוקער-זיס שמייכעלע, אָנוויזענדיג מיט'ן מינדסטען פינגער אויף די צעוואָרפענע קאָרטען: — וואָס איז דאָס אַזעלכעס אָט אָ דאָס אָ?

— קאָרטען — ענטפערען איהם ביידע מיט אַמאָל, דער בעל-הבית מיט דער בעל-הבית'טע, קוקען זיך איבער מיט אונז, ווי איינער רעדט: „פאַרהאַן נאָך, אַ פּנים, אַזעלכע ווילדע מענשען אויף דער וועלט, וואָס ווייסען ניט פון קאָרטען צו זאָגען"...

דעם בעל-שם-טוב'ס איינִיקעל האָט צוגעמאַכט איין אויג, פער-

קנײטשט דעם שטערען מיט דער נאָז, אויסגערעדט דאָס פּנים צום גבאי און אַ זאָג געגעבען מיט אַ זיפּצעל:

— קנאָרטען ?...

— קנאָרטען ! — האָט איהם אָפּגעענטפערט דער גבאי, אויך מיט אַ זיפּצעל.

— נישט קיין קנאָרטען, נאָר קאָרטען ! — האָט זיך חיה-לאה ראַמ-שעוויטש אײנגעשטעלט צו פּעררײכטען, ניט אַראָפּלאָזענדיג קיין אויג פון דער פּאַטשײלע מיט געלד.

פּערשטעהט זיך, אַז נישט דעם בעל-שם-טוב'ס אײניקעל און נישט דער גבאי האָבען נישט אָפּגעענטפערט דער בעל-הבית'טע, און אַפילו איהר נישט געשענקט קיין קוק פון זײערע װײכע, שמײכלענדיגע, קלוגע אויגען— אַזעלכע יודען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפּיהל, קוקען נישט אויף אַ נקבה.

— זאָגט-זשע מיר, איך בעט אײך, װאָס איך װעל אײך פרעגען, אויב מיר שטערען אײך נישט, — מאַכט דעם בעל-שם-טוב'ס אײניקעל װידער אַ מאָל צום בעל-הבית: — װאָס איז דאָס אַזעלכעס קנאָרטען ? און אויף װאָס דאַרף מען דאָס ? דאָס הײסט, איך מײן, װאָס טהוט מען מיט דעם ?

— מע שפּיעלט — ענטפערט איהם ראַמשעוויטש — אַז עס קומט חנוכּה, שפּיעלט מען אין קאָרטען.

דעם בעל-שם-טוב'ס אײניקעל האָט װידער צוגעמאַכט אײן אויג, און װידער אויסגעדרעהט פּאַװאָלינקע דאָס פּנים צום גבאי און אַ זאָג געגע-בען מיט אַ זיפּצעל:

— חנוכּה שפּיעלט מען בײ זײ אין קנאָרטען. אַך-אַך-אַך!...

— אין קנאָרטען ! — חזר'ט איבער דער גבאי מיט'ן אײגענעם זיפּצעל.

— װאָס-זשע הײסט עס ? — רופט זיך אָן דעם בעל-שם-טוב'ס אײניקעל װידער אַ מאָל צום בעל הבית, לאַנגזאַם, מיט זײן שמן-זית-לשון — װי אַזוי שפּיעלט מען דאָס אין קנאָרטען ? און צוליעב װאָס ?

— צוליעב געלד — ענטפערט איהם ראַמשעוויטש, קוקט אויף אונז און אויף דער פּאַטשײלע מיט געלד.

אַ פּנים, דער ענטפער צוליעב געלד האָט אויסגעװיזען בײ בײדע געסט שטאַרק װילד און משונה אומגעלומפּערט, װאָרים זײ האָבען בײדע אין אײן צײט אויסגעדרעהט זיך אײנס צום אַנדערען און אַװעקגעשטעלט

אַזעלכע מאָדנע פּנים׳ער, אַז דער עולם, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשטיקט זיך, האָט נישט געקאָנט מעהר איינהאַלטען זיך און אויסגעשאָסען אַ געלעכטער.

— וואָס איז דאָ צו לאַכען? — האָט זיך די בעל־הבית׳טע אָנגענומען זייער קריוודע, פּערוויבערט אַ פּאַפּיראָס נור צוליעב דעם, מען זאָל נישט זעהען, ווי זי לאַכט, און דער בעל־הבית, וועלוועל ראַמשעוויטש, איז איהר געקומען צו הילף און געגעבען צו פערשטעהן די דאָזיגע יודען, קורץ און שאַרף, דעם שכל פון קאָרטען, אַז קאָרטען איז אַ „זאַבאַווע" אויף צו פערברענגען די צייט, און אַ מיטעל אויף צו מאַכען געלד. קורץ — קאָרטען איז אַ געשעפט. אַ געשעפט, ווי אַלע געשעפטען.

אַזוי האָט אויסגעלאָזען וועלוועל דעם הונ׳ם אידעם און אַ נעהם געטהון זיך צו די קאָרטען און אַ קוק געגעבען אויפ׳ן עולם, בכדי צו בעוויזען די „דעקוטשליווע" יודען, אַז מע איז פערטהון אין געשעפט, און אַז ס׳איז קורץ די צייט, און אַז זיי מעגען שוין אויפשטעהן, אויפהערען דרעהען אַ מוח און געהן געזונדערהייד.

די יודען האָבען אָבער, ווי עס ווייזט אויס, נישט אין זינען געהאַט אפילו אויפצושטעהן און אַוועקצוגעהן. אדרבה, זיי האָבען זיך, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, נאָך מעהר צוגערוקט צום טיש און געקוקט, ווי דער בעל־הבית טאַשט קאָרטען מיט אַזעלכע אויגען, גלייך ווי זיי וואָלטען זיך געריכט, אַז דאָ וועט אַרויסשפּרינגען, מי יודע וואָס פאַר אַ וואונדער!

— אויב מיר שטערען אייך נישט... — האָט דעם בעל־שם־טוב׳ס איינִיקעל אַ זאָג געגעבען צו אונז אַלעמען מיט זיין שמן־זית־לשון און מיט זיין זיס שמייכעלע.

— איהר ווילט אָנקוקען, ווי מע שפּיעלט אין קאָרטען? — האָט איהם אונטערגעכאַפּט וועלוועל ראַמשעוויטש — קוקט, איהר וועט אונז נישט קאַלִי מאַכען... נו? קינדער! צו דער אַרבייט! די נאַכט שטעהט נישט! ווער איז ערשטע האַנד?

און די איבערגעריסענע אַרבייט איז אַוועק ווי פריהער, און נאָך מיט מעהר פרישקייט, מיט מעהר היץ, מיט כונה, מיט קאָפּ, און טאַקי ווי עס רופט זיך: „לשמה!"...

די יודען האָבען נור געקוקט אונז אַלעמען אין די אויגען אַריין, זיך צוגעהערט צו אונזער שפּראַך און געכאַפּט אַ קוק אויך צו אַלעמען אין די קאָרטען, און אַלע מאָל, ווען מיר האָבען פּאַוואָלינקע, ביסלעכווייז, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אַריינגעקוקט אין דער איבערגערעקטער

קארט, האבען אויך אונזערע צוויי יודען זיך איינגעבויגען אין דרייען און אריינגעקוקט פון אונטען ארויף אדער פון אויבען אראב און געמאכט בעת מעשה אזעלכע גרימאסען, אז מע האט בעדארפט זיין שטארקער פון אייזען, מען זאל נישט פלאצען פון געלעכטער. א גליק, וואס מע איז געווען אריינגעטהון איטליבער אין זיין קארט, און קארטען, אויב איהר האט אין דעם א געפיהל, האבען אין זיך א כח, אז סיידען ערד-ציטערניש קאן אמאל שטערן.

איך האב מורא, אז איך בין געווען דער איינציגער, וואס איך האב זיי געהאט, ווי מען רופט דאס, אויפ'ן אויג. איך האב פון צייט צו צייט געהאפט א קוק אויף מיינע צוויי יודען. עס איז מעהר, ווי זיכער, אז נישט זיי, נאר מיר זעהען אוים ביי זיי ווי ווילדע מענשען, וואס פערנעמען זיך מיט א ווילדע מלאכה, רעדען אויף א ווילדע שפראך און פיהרען זיך, ווי ווילדע מענשען: זיצען אהן היטלען, בלאזען פאפיראסען, בייטען זיך מיט פאפירלעך, ווארפען געלד אין טעלער אריין און רעדען זיך דורך מיט אזעלכע ווערטער, וואס קאנען אויסזעהען ווי טערקיש. ווארום ווער איז דאס מחויב צו פערשטעהן, אויב איהר האט אין דעם א געפיהל, וואס הייסט „פאס"? „קוועניץ"? „שראגע", „וויזא"? „נאראש"? „שקצים"? „שיקסעם"? „אויבער — מלכה", מלך — טויז"? וכדומה אזעלכע דבורים, וואס זענען שייך צו קארטען-שפראך?...

איך קאן אייך שווערען בהן שלי, אז מיר אלע האבען שוין געהאט כמעט פערגעסען אן די צוויי יודען. פלוצים טהוט עמיצער א פאטש מיט א ווייסער האנד איבער דער טאש מיט קארטען אויפ'ן טיש און א זאג:

— שאט, יודען! מיר ווייסען שוין! מיר האבען געהאפט דעם שניט! ס'איז א יצר-הרע! א גוואלדיגער יצר-הרע, א קליפה, רחמנא לצלן! טהוט אונז צוליעב, גיט אונז אויך! ס'איז א יצר-הרע א קליפה! אוי, א קליפה! גאט וועט אונז מוחל זיין! זינדיגע מענטשען! זעהט, גיט אונז אויך; מיר ווילען אויך פערזוכען דעם טעם פון קנארטען!

דאס איז געווען דעם בעל-שם-טוב'ם איינקעל'ס ווערטער. געזאגט זענען זיי געווארען מיט אזא ציטערדיג קול און מיט אזוי פיעל פייער און מיט אזא רחמנות-פנים, כמעט מיט טרערען אין די אויגען, אז ממש, עס האט אויסגעריסען א שטיק הארץ! און דערצו האט מיטגעהאלפען, אויב איהר האט אין דעם א געפיהל, די פאטשיילע מיט זילבער און גאלד... איטליכען האט זיך געוואלט (איך בין איבערצייגט, אז איטליכען!), אז די דאזיגע פעטשיילע מיט זילבער און גאלד זאל אריבערגעהן צו איהם... ביי

אונזער חיה-לאה ראַמשעויטש האָבען זיך אויש די אויגען אָנגעצונדען און די בעקלעך צעפלאַמט, און זי האָט זיך אָנגערופען צו איהר מאַן, וואָס איז געבליבען, ווי געלייַמט, און צו אונז אַלעמען.

— יורען בעטען... וואָס וועט אייך אַרען?.. טהוט זיי צוליעב... לאָמיר זיי געבען קאָרטען צוליעב יום-טוב! צוליעב חנוכה! — האָט זי צוגעגעבען מיט אַ שמחה, וואָס איז איהר געקומען אויפ'ן זינען דער געדאַנק, אַז היינט איז יום-טוב, — חנוכה, און די אויגען איהרע, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, האָבען זיך איינגעקוקט שטאַרק אין דער פּאַטשיילע מיט געלד, וואָס דעם בעל-שם-טוב'ס אייניקעל האָט דערוויַיל צוגערוקט צו זיך און גענומען מיט טרייסלענדיגע הענד און ציטערדיגע פינגער אַרויסציהען פון דאָרט אַ מטבע נאָך אַ מטבע, פריהער זיך, דערנאָך דעם גבאי, אָנגעלייגט אַ גאַנץ קופּקעלע מיט געלד, צוויי קופּקעלעך. איין קיפּקעלע זיך, דאָס אַנדערע — דעם גבאי, און בעת מעשה פערענטפערט זיך, גערעדט צו זיך אַליין:

— נישקשה! מיר האָבען אַ שטאַרקען גאָט!... ממה נפשך, וועלען מיר געווינען, וועלען די ישיבות האָבען נאָך געלד... וועלען מיר, חלילה, פערשפּיעלען, וועט אונז גאָט מוחל זיין. ער איז אֵיין אֵל ארך אפּים! — האָט ער אויסגעלאָזט מיט אַ לשון-קודש-וואָרט און מיט אַ גלאַנץ די אויגען אַרויף, און דער גבאי האָט איהם אונטערגעחאַפּט אויך מיט אַ גלאַנץ די אויגען אַרויף און אויך מיט אַ לשון-קודש וואָרט:

— אֵיין אֵל ארך אפּים ורב חסד ואמת!...

דאָס אַלסדינג, וואָס איך דערצעהל אייך, איז פאָרגעקומען אַזוי פּלוצים, אומגעריכט, אַז קיינער פון אונז, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, האָט קיין צייט נישט געהאַט אפילו צו וואונדערען זיך און עס האָט אונז אויסגעוויזען אַזוי נאַטירליך, וואָס נאַטירליכער קאָן שוין גאָרנישט זיין! און דערצו מוז מען מודה זיין, אַז אַלעמענס געדאַנקען זענען געווען, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, אין דער פּאַטשיילע מיט זילבער און אַלעמענס אויגען זענען געווען אויף די קופּקעלעך מיט געלד...

עס איז נור געבליבען איין זאַך אויף צו בעשטימען: מי ומי ההולכים — ווער זאָל שפּיעלען? דאָס הייסט, אַזוי ווי עס זענען צוגעקומען פרישע צוויי פּאָר הענד, בלייבט אַ קשיה, ווער פון אונז זאָל אַרויספאַלען פון קאָן?

פערשטעהט זיך, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אַז קיינער פון אונז האָט קיין חשק נישט געהאַט אַרויסצופאַלען פון קאָן ביי אַזאַ

געלעגענהייט צו שפּיעלען אין אָקע מיט'ן בעל־שם־טוב'ס אייניקעל, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך אַזאַ פּאַטשיילע מיט געלד. און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ דינגעניש: „געה דו". „געה דו". „פאַר וואָס איך?" „פאַר וואָס ניט דו?".

דאָס ערשטע כפּרה־הינדעל איז געווען דאָס ויידענע איידעמעל, די צאַצקע, וואָס איך האָב אייך געזאָגט פריהער, אלי ראַפּאַלסקי, דער זעלבער, וואָס האָט געבענשט חנוכה־ליכטלעך פאַר אונז אַלעמען.

אויף איהם איז געפאַלען דער גורל, ווייל חיה'לע ראַמשעוויטש האָט אַזוי געוואָלט, זי האָט געדרונגען, אַז ער דאַרף געהן אַהיים, שוין שפּעט. זיין שוועהר און שוויגער וועלען האָבען טענות, מאַכען סקאַנדאַלען, לאָזען זיי געהן כּף הקלע!

דאָס איז אָבער נור געווען לפּנים. אין דער אמת'ן, האָבען אַלע געוואוסט דעם סוד, אַז אלי איז אַ פערשפּיעלטער. עס טאָגט שוין ביי איהם לאַנג אין געלד, און לייהען וויל איהם קיינער נישט: אין מיטען שפּיעלען לייהט מען נישט.

האָבען מיר שוין איינעם געפּטר'ט. וואָס־זשע טהוט מען מיט'ן צווייטען? דאַרף מען וואַרפען גורל, ציהען קניפּלעך, ווי דער שטייגער איז. און צו וואָס זאָל איך אייך לאַנג מאריך זיין? מען האָט גענומען די צוויי יודען צו דער אַרבייט און מען האָט אָנגעהויבען ביי זיי אָפּציהען אַ קופּקעלע. אין דער פּאַטשיילע איז געוואָרען אַלע מאָל ווינציגער און ביי אונז איז געוואָרען מעהרער. די יודען האָבען געברענט, ווי אַ שטרויענער דאַך. עס האָט שוין געהאַלטען דערביי, אַז די פּאַטשיילע זאָל זיך אָט־אָט אויסלעדיגען עד לפ"ק און פונ'ם בעל־שם־טוב'ס אייניקעל זאָל ווערען אַ גל של עצמות. עס איז שוין דורכגעפלויגען ביי אונז אַ מחשבה: וואָס וועט זיין, טאָמער בלייבען זיי אָהן אַ פּרוטה? וואָס וועט די שטאָדט זאָגען? וואָס וועט די וועלט זאָגען?...

נאָר אַ קאָרט, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, האָט אין זיך אַ כּח, אַז אָט ליגט איהר אָרצה, אָט־אָט, דאַכט זיך, טראָגט מען אייך אַרויס אין אַ לייליעך. פּלוצים טהוט אַ שיין דאָס מזל און עס געהט אייך אַוועק דאָס בלאַט — איהר ווייסט אַליין נישט, ווי אַרום און פון וואַנען! אונזערע יודען האָט אָנגעהויבען צו געהן, ווי עס רעדט זיך, דורך טהיר און דורך טויער! ובפרט פון דער מינוט אָן, ווען דעם בעל־שם־טוב'ס אייניקעל האָט אַ'יין גענומען אויסטיילען קאָרטען. „מע בעדאַרף נעהמען די סטרא אחרא אין די הענד אַריין" — האָט ער געזאָגט, אויסטיילענדיג

קאָרטען, פריהער פּאַוואָלינקע, האַרט בײַ די ווענט, מיט נישט קיין גע־ניטער, ציטערדיגער האַנד און עפּעס ווי צעטומעלט, מיט בלאָנזענדיגע אויגען, וועלכעס האָט אַרויסגערופען בײַ אונז אַלעמען נישט קיין קלײַנעם געלעכטער. נאָר נאָכדעם, וואָס ווײַטער, ווײַטער, האָט ער אָנגעהויבען געבען קאָרטען אַלץ גיכער און בעסער, און איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז עס האָט, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, געברענט בײַ איהם אונטער די הענט, — און געגאַנגען איז איהם מיט סכנת נפשות. וואָס איהר האָט — האָט ער מעהר: האָט איהר דרײַ אונטערס, — האָט ער דרײַ אויבערס, האָט איהר מלכים, — האָט ער טײַז, — האָט ער אַ נאַראַש! און טאָמער האָט איהר זיך איבערגעשראָקען און האָט זיך אַוועקגעלעגט מיט אַ קווענץ — האָט ער שראַגע!

— רבותינו! — האָט זיך דעם בעל־שם־טוב׳ס אייניקעל אויפגעחאַפּט פון טיש שוין מיט׳ן טאָגליך און אויסגעגלײַכט זיך די ביינער, אַרײַנלעגענ־דיג דאָס גאַנצע געזוינס מיט׳ן אייגענעם געלט שוין נישט אין דער פעטשײַלע, נאָר אין אַלע קעשענעס אַרײַן, מיט אַ גלאַנץ מיט די אויגען און מיט אַ זיפצעל, און דער גבאי נאָך איהם, אויך מיט אַ גלאַנץ מיט די אויגען אַרויף און אויך מיט אַ זיפצעל, געענדיגט פאַר איהם דעם פסוק:

— הגיע זמן קריאת שמע של שחרית — גרויסער טאָג, שוין צײַט געהן אין שוהל אַרײַן דאַווענען...

פערטשאַדעטע, שלעפעריגע, הונגעריגע און דערשלאָגענע, אָנגע־בלאָזענע איינס אויפ׳ס אַנדערע, ווי געוועהנליך פערשפּיעלטע, זענען מיר אַ ווײַלע געבליבען זיצען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, ווי אָפּגע־שמיסענע... דערנאָך האָבען מיר זיך אויפגעהויבען אַלע און אַ לאָז געגע־בען צום טיש — צום פלעשעל בראָנפען מיט׳ן פערבײַסען, — אויסער אונזערע צוויי יודען, וואָס זענען שוין גרייט געווען זיך לאָזען צו דער טיהר אַוועקצוגעהן, נישט פערגעסען צו זוכען אַ מזוזה... האָט זיך פּלוצים אויפגעחאַפּט דער בעל־הבית וועלוועל ראַמשעוויטש, פערלאָפען זיי דעם וועג, אַוועקגעשטעלט זיך מיט צענומענע הענד בײַ דער טיהר און אַ זאָג געבען צו זיי.

— בלאַטע! איהר וועט ניט אַוועקגעהן פון מײַן שטוב, ביז איהר וועט עפּעס ניט נעהמען מיט אונז אין מויל אַרײַן!...

קיין גרעסערע נקמה האָט טאַקי אונזער וועלוועל ניט געקאָנט צו־טראַכטען. אונזערע יודען זענען נעבעך געבליבען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אין דער היהנערפּלעט, געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע

מיט אזעלכע אויגען, גלייך ווי מען וואלט זיי זאגען, זיי זאלען מוחל זיין אויסלייזדיגען די קעשענים און אפגעבען צוריק דאס גאנצע געווינס. דער ערשטער האט זיך אנגערופען דעם בעל שם טוב'ס אייניקעל מיט זיין שמן־זית־לשון און מיט זיין צוקער־זיס שמייכעלע.

— מיר דאנקען אייך אוודאי פאר אייער גאסטפריינדליכקייט. הכנסת אורחים איז איינע פון די גרעסטע מצוות ביי אונז מן התורה... איהר דארפט אבער נישט פערגעסען, אז מיר זענען אזעלכע יודען, וואס נישט פון יעדער שחיטה עסען מיר...

דאס האט אונז שוין אלעמען אויפגעטראגען — אזוי? נישט פון יעדער שחיטה עסט איהר? איהר האט מורא, טאמער איז ניט רעכט כשר? און אין קארטען שפילען דאס מעגט איהר?... עס וועט אייך ניט העלפען קיין רבונו של עולם! האט איהר פערזוכט איין אקע מיט א באנטשאק מוזט איהר שוין פערזוכען מיט אונז א... דארע קישקע...

טויט ווי די וואנט זענען געבליבען שטעהן מיינע צוויי יודען און איבערגעקוקט זיך מיט מאדנע אויגען. נאכדעם האט דעם בעל שם טוב'ס אייניקעל ארויסגעלאזט א טיפען זיפץ, כמעט א קרעכץ, און אנגערופען זיך צו אונז מיט פערגלאנצטע אויגען ארויף:

— טא! אויך די אייגענע מעשה. ערשטענס ביי יודען אין שטוב... א יודען טאר מען נישט חושד זיין... והשנית טאמער אפילו איז חלילה וחס נישט אזוי רעכט כשר, איז דאך ממה נפשך... מיר האבען א גרויסען גאט... אל מלא נגדיהו לחנניא מישאל ועזריה הוי פלחא לצלמא...

אזוי האט אויסגעלאזט דעם בעל שם טוב'ס אייניקעל און מיט צנועה'דיגע טריט זיך געלאזט צום טיש, וואו די בעל הבית'טע היה'לע ראמשעוויטש, האט גענומען צוגרייטען קילקעס, הערינג און קאלבאס.

— לחיים, יודען, לחיים! האט דעם בעל שם טוב'ס אייניקעל געזאגט ווידער מיט א זיפץ און געטרונקען צו אונז אלעמען לחיים, קוים קוים בענעצט די ליפען און גענומען זיך מיט ציטערענדיגע פינגער צום פערבייסען, פריהער צו די קילקעס מיט'ן הערינג, דערנאך צום קאלבאס. דאס אייגענע האט געטאהן אויך דער גבאי און ביידע האבען זיי נעבעך געזיפצט, שיער ניט געווארגען זיך מיט יעדען ביסען און ערשט אז מע האט אפגעגעסען, האט זיך ווערלוועל אין זיי נוקם געווען אויף דעם רעכטען אמת: ער האט זיך מישב געווען און רופט זיך אן צו זיי גאר אהן א שום רחמנות, ווי איין אמה'ער גזלן: — ווייסט איהר חאטש, אז דאס וואס איהר האט געגעסען, האט איהר געגעסען פון איוואנ'ס שחיטה?

ווייסט איהר חאַטש, אַז די דאָזיגע דאַרע קישקע איז אַנ'אַמתער אַ גויעשער קאָלבאַס פון ח...

מעהר האָט וועלוועל נישט געקאָנט אַרויסרעדען, ווייל בײדע יודען האָבען זיך געגעבען אַ חאַפּ בײם קאָפּ און פײַלאויסענבויגען זיך אַ לאָז געגעבען מיט איין אימפּעט צו דער טהיר און, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אַוועק, ווי אַ שטורמווינט, אפילו אָהן אַ זײַ געזונד!

די נקמה, וואָס מיר האָבען דערלעבט אין די צוויי יודען, איז געוועזען אַזוי גרויס, אַז מיר האָבען שוין כמעט גאָר פערגעסען, אַז מיר זענען בעגראָבען געוואָרען אין דער דאָזיגער גאַבט ניין אײלען, און האָבען זיך געחאַפּט בײַ די זײַטען און האָבען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, גענומען לאַכען, האָבען מיר געלאַכט און געלאַכט, געלאַכט און געלאַכט, געלאַכט און געלאַכט... נאָר פּלוצים האָבען מיר דערהערט אַ געשרײַ ניט מיט קיין מענשליך קול — אוי! אַ דונער האָט מיך דערשלאָגען!! זעהט נור זעהט!! איך וועל עס ניט אויס — האַלטען!!!.

. . . .

דאָס קול האָט געהערט צו חיה'לע ראַמשעוויטש. מיר האָבען גאָר ניט בעמערקט, ווי זי האָט זיך נאָכ'ן צובײַסען גענומען צו איהר אַרבײט. זי האָט געהאַלטען בײַ צונויפנעהמען די אָפּגעשפּילטע קאָרטען אויף צו פערקויפען זײַ נאָכדעם אין קלײטעל אַרײַן, אָדער אויסבײַטען זײַ אויף נײַע קאָרטען... בײַם סאָרטירען די קאָרטען האָט זיך איהר געוואָרפען אין די אויגען אַרײַן עפּיס צופיעל טײַז, צו זעקס זיבען טײַז אין אַ טאַליע!

מיר האָבען זיך אַלע געגעבען אַ נעהם צו די קאָרטען און, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אויפגעדעקט איין אוצר ניט נור פון טײַז, נאָר אויך איבעריגע מלכים און מלכה'ס און אויבערס און גלאַט געפּינטעלטע קאָרטען האָבען זיך אַרויסבעוויזען אָהן אַ שעור!

דאָס ערשטע, וואָס מיר האָבען פאַרגענומען: — אָנשטאָט אַהײם, זאָבען מיר זיך צולאָזט איבער אַלע שוהלען און בתי־מדרשים, נאָכגעקוקט, נאָכגעשמעקט און נאָכגעפרעגט זיך אויף אַ בעל־שם־טוב'ס איין אײניקעל מיט אַ גבאי. לאָזט זיך אויס, מן הסתם, אַז קײנער האָט נישט געזעהען און קײנער האָט נישט געהערט, נישט קיין אײניקעל, נישט קיין גבאי!

זענען מיר געפאַלען אויף אַנ'עצה: לאָמיר געהן צו דער באַהן! געקוקט אויפ'ן וואָקזאַל, געזוכט, געשמעקט, דורכגעגאַנגען דרײַ מאָל הין

און צוריק אַלע וואַגאָנעם — נישטאָ קיין איינ׳קעל, נישטאָ קיין גבאי, — טאַקי נור ווי אין דער ערד אַריין!

ערשט נאָכ׳ן דריטען גלעקעל און נאָכ׳ן לעצטען פייף האָבען מיר דערהערט פון וואַגאָן אַרויס אַ קענטליכע שטימע:

— קנאָרטען!!...

מיר אַלע האָבען זיך אַ וואָרף געגעבען און גענומען קוקען. פון איין אָפענעם פענסטער פון וואַגאָן צווייטע קלאַס האָבען אַרויסגעקוקט צו אונז צוויי פיגורען. איינע אַ לאַנגע און אַ שמאָלע. די אַנדערע אַ קורצע און אַ גראָבע. נאָר ביידע מיט געגאָלטע פנים׳ער, מיט קורצע וויטינלעך און מיט קליינע קאַפּעלישלעך — און דאָך זענען אונז זייערע פנים׳ער געווען ווי קענטליך. נישט אַזוי די פנים׳ער ווי די אויגען, ווייבע, שמייכלענדיגע, גנבה׳שע אויגען.

דער ערשטער, וואָס האָט זיי דערקענט, איז געווען דאָס צאַצ־קעדיגע איידעמעל, אֶלי ראַפּאַלסקי. ווי נור ער האָט דערזעהען זייערע שמייכלענדיגע פנים׳ער, האָט ער אָנגעוויזען מיט׳ן פינגער גלייך אויף זיי אין פענסטער אַריין.

— אָט זענען זיי! — האָט אֶלי אויסגעשריגען נישט מיט זיין קול: — אָט זענען זיי די צוויי יודען פון די קנאָרטען, זיי, ווי איך בין אַ יוד!

דער וואַגאָן זייערער האָט שוין אָבער געהאַלטען אין גליטשען זיך. די רעדער האָבען נור־וואָס אָנגעהויבען צו דרעהען זיך און דורכ־פאָהרענדיג פאַרביי אונז, האָבען זיי אונז נאָך אַמאָל בעשענקט מיט אַ קוק פון זייערע ווייבע, שמייכלענדיגע ממזר׳ישע אויגען; און אֶלי ראַ־פּאַלסקי׳ן האָבען זיי, פאַר זיין אויסגעשריי, אונטערגעטראָגען אַ בעזונדער׳ע מתנה: אַ קאָמבינאַציע, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, פון דריטהאַלבען פינגער, וואָס מע מאַכט איבער דעם בורא פרי העץ...

ענדע.

שלום-עליכם.

שראגע.

אײנאַקטער.

לכבוד פורים.

פערלאג „פאמיליען-ביבליאטעק“.

הויפטפערקויף אין בוכהאנדלונג „צענטראל“.

װארשוי. ניו-יארק.

תרע"ב — 1912

שראגע.

א אײנאַקטער

לכבוד פורים.

פערזאָנען:

ישראל־איסר — א נגיד, האלב־יוד, האלב־אריסטאָקראַט, א „שפּעגעלאַנט" פון דער בערזע.

חנה — זײן װײב, מעהר יודענע װי אריסטאָקראַטין.

בערטע — זײער טעכטערל, א בת־יחידה־קה'לע, א כלה, א יפת תואר.

גרישא — איהר חתן, װיל אַרײַן אין אוניװערזיטעט.

שושנה — איהרע א חבר'טע.

הײדאַד — א לעהרער פון העברעאיש.

געסט — מעקלערס פון דער בערזע מיט זײערע װײבער, אַלע אריסטאָקראַטען.

יונגװאַרג — מײסטענס מײדלעך.

אָרט — יעהופּעץ.

צײט — פורים נאָך דער מגילה.

(אַ בעל-הבתישע שטוב. פֿײַן מעבעל. אַ פֿאָרטעפּיאַנאָ. אין מיטען צימער צוויי לאַמבערדנע טישלאַך איבערגעדעקט מיט אַ ווײַס טישטוך. אויפ'ן טיש איין אָפֿענע מגילה. היידאַר לייענט די מגילה. אַלע שטעהען אַרום איהם און הערען צו. איטליכער אין איין אַנדער פּאָזע: ישראל-איסר האַלט צו מיט איין האַנד די מגילה, און דער אַנדערער האַט ער אַ ליכט. ער לײַכט דעם בעל-קורא און קוקט אַליין אויך אַרײַן. די איבעריגע מאַנסבילען זעהען אויס, ווי זיי האָבען זיך געביטען מיט די היטלען. די דאַמען ווייסען נישט, וואָס פֿאַר אַ פּנים זיי זאָלען מאַכען, ס'זאָל אויסקומען נישט צו ערנסט און נישט צו לײַכטזיניג. חנה שטעהט מיט אַ פֿרום פּנים. בערטע אין עקסטאַז, שעפּטשעט נאָך איטליכעס וואָרט. גרישאַ שטשיפּעט די וואָנסיליך; קוקט מיט ליעבשאַפֿט אויף בערטע'ן. יונגוואַרג שטעהען פֿערלייגט די הענד אַרונטער, האַלב ערנסט האַלב שמייכלענד. קוקען אַלע אויף בערטע'ן).

היידאַר (שאָקעלט זיך איבער דער מגילה מעשה חזן. די הענד הענגען איהם אַראָב פֿון הינטען, גלייך ווי זיי געהערען זיך מיט דער מגילה גאָר נישט אָן. קוקט גאָר נישט אַרײַן, זאָגט כמעט אויסווענדיג מיט אַ נגון. פֿריהער גייך אין גאַלדעם אַלץ מעהר אײַנגעהאַלטען): וכל מעשה תקפו וגבורתו ופרשת גדלת מרדכי אשר גדלו המלך הלא הם כתובים על ספר דברי הימים למלכי מדי ופרת (לאַנגזאַם) ומרדכי היהודי משנה למלך אחשורוש (מיט גדלות) וגדול ליהודים (טריאומפֿירענד) ורצוי לרוב אחיו (הויך און מיט אַ נגון) דורש טוב לעמו ודובר שלום לכל זרעו. (עס טוט איהם באַנג, וואָס ער האָט אַזוי גיך געענדיגט).

ישראל-איסר (לעשט אויס דאָס ליכט, גיט דעם לעהרער, ער זאָל צוזוויקאַטשען די מגילה. טרייסעלט אָב די הענד): סלאַוואַ באָגאָו!

בערטע (מיט אַ פֿאָרוואורף צום פֿאָטער): פּאַפּאַ! וואָס פֿאַר אַ לשון? וואָס פֿאַר אַ שפּראַך? וואָס פֿאַר אַ סלאַוואַ באָגאָו?

ישראל-איסר: איך מיין, דאַנקען גאָט מיין איך, געפּטר'ט...

בערטע (אַ פּלעסק מיט די הענד): גע'פּטר'ט? אויף דער מגילה גע'פּטר'ט?

ישראל-איסר (וויל זיך פערעגטפערען פאר דער טאכטער): קינדעניו, ניט דאס האב איך געוואלט זאגען... איך האב געוואלט זאגען...

בערטע (קאפריזנע): וואס דו האסט געוואלט זאגען ווייס איך נישט. איך ווייס נאר, אז דו האסט געזאגט אויף דער מגילה „גע'פטר'ט"!

ישראל-איסר: קינדעניו, איך האב נאר געזאגט, אז די מגילה... אז ביי אונז אין שטוב... אז... (קוקט אויפ'ן חתן, בעט זיך ביי איהם מיט די אויגען, ער זאל צוגעהן איהם אביסעל ארויסהעלפען, ער זאל איהם פערענטפערען).

גרישא (טוט זיך אווארף צו בערטע'ן): א וואל אוויכא...

בערטע (פערריכט איהם): אוויך.

גרישא: ווינאוואט... טא יעסט סליכא! אוויך היביא סימחאטא בידוואר קריאט המגילא האזע...

בערטע: האזאט...

גרישא: ווינאוואט, טא יעסט סליכא.. המגילה האזאט באבאאיט האזאט...

בערטע: האזע.

גרישא: סליכא! באבאאיט האזע... (חתן כלה ווערען ארומגערינגעלט מיט'ן יונגוואַרג, קעהרען אב אויף א זייט. שלאגען זיך צונויף אלע אינאיינעם. רעדען שטילערהייד).

ישראל-איסר (גליקליך, וואס דער חתן האט איהם ארויסגעראטעוועט פון דער טאכטערס העגד, קוקט אויף די געסט צופריעדען): גאספאדא! סאדיטעס! זיצט... פאר וואס זיצט איהר נישט? (די געסט שטעהען נאך אלץ, ווי פרעמדע מחותנים, ווייסען נישט, וואס צו טאן מיט די הינטלען).

הידאד (געענדיגט די ארבייט, שטעלט זיך אוועק מיט דער צונויפגעקאטשעטער מגילה אקעגען די געסט, ווייזט מיט דער האנד אויף דער מגילה און רעדט אויף העברעאיש מיט'ן ספרדישען אקצענט, וואס ווייטער מיט אלץ מעהר היץ): בעכאל דאר ואדאר ובכאל מדינא ומדינא האזערעט המגילא האזאט... (די געסט קוקען אויפ'ן לעהרער מיט ווילדע אויגען, פערשטעהען נישט, וואס ער וויל, רוקען זיך אב פון איהם, ער טרעט אן אויף זיי, מאכט מיט דער מגילה אין

דער לופטען און רעדט מיט נאך מעהר פייער): קאמא פעאמים נעלטאוו ווענעחטאם אל אם היהודים לאהאראג אול האשמיר!!... קאמא פעאמים יאצא האמאן בען האמראטא האאגאגי לעלטאוו שיטנא אל אם איסראעל!...

ישראל-איסר (זעהט ווי די געסט האבען מורא פאר'ן לעהרער, מישט ער זיך אריין אין מיטען, ווענדט זיך צום לעהרער): וידבר על העצים ועל האבנים — וואס רעדט איהר צו זיי אזא לשון, וואס זיי הייבען נישט אן צו פערשטעהן? א מעהר דבר'ט בעסער אט צו ווענען. (ווייזט אן אויפ'ן יונגווארג) זיי וועלען אייך פערשטעהן, זיי זיינען מבין כל דבור.

הײדאַר (האלב אויף יודיש האלב אויף העברעאיש): וואס געהט'ס מעך אען, ציינענער פערשטעהט מעך, ציער פערשטעהט מעך נישט? דאס איז מאן שפראך! למאי שעמט זיך נישט ביי אונז דער פוילען מיט זיין פוילעש, דער דאטש מיט זאן דאטש, דער פראנצויז מיט זאן פראנצויזיש, און אפילו דער ציגאנער מיט זאן ציגאנעריש? אני מעדאבער איוורית בעכאל מאקאם ואים קאל האאלאם. ואפילו כשאני יאצע בעמערקאווא אני אמער להאקאנדוקטאר: טען לי קארטים! וואס געהט'ס מעך אען!

ערשטער גאסט: קאקאיא בלאושענסטווא!

צווייטער גאסט: זאמעטשאטעלני יאזיק! פאחאוש נא איטאליאנסקי.

דריטער גאסט (מיט א באסאווע שטים): סאווערשעננא ווערנא, זוואוטשיט קאק איספאנסקי.

פיערטער גאסט: איספאנסקי, איספאנסקי.

בערטע (וואס שטעהט מיט שושנה'ן ביי דער זייט, רעדט שטיל, ווענדט זיך צום פאטער פון דערווייטענס): וואס איז דארט ביי אייך פאר א שמועס, פאפא?

ישראל-איסר (צופריעדען, וואס מען האט איהם אבגעריסען פון איין אנשיקעניש): מיר שמועסען דא מיט'ן לעהרער וועגען דרעווניעיעווריסקי...

בערטע (פון דערווייטענס צום פאטער): אך, פאפא! איך האב דיך וויפיעל מאל געבעטען זאלסט דאס נישט רופען דרעווניעיעווריסקי! וואס פאר א דרעווניעיעווריסקי?

היידאַד (צופרידענע מיט בערטע'ן): טאָוו וועיאַפּע ווענעחמאַד וועֶנאַ־אים!

בערטע: קאָנסט דאָס רופען ווי דו ווילסט. קאָנסט דאָס רופען העברעאיש, קאָנסט דאָס רופען אונזער לשון, אונזער נאַציאָנאַל־שפּראַך.

ישראל־איסר (צו דער טאָכטער פון דערוויטען): נו קאָניעטשנאָ נאַציאָנאַל־שפּראַך. ווי אַזוי זאָג איך דען? (בערטע רעדט מיט איהרע חבר'טעס און חברים און ישראל־איסר צו די געסט): אַדנים סלאָ־וואָס ס'אַ וועלט געוואָרען — ניע דאי באָג! איהר מיינט נאָר דאָ? אויף דער גאַנצער וועלט. און נאָר מאָלאָד־יאָזש! זעהט איהר אָט די דאָזיגע יפהפיה? (ווייזט אויף שושנה'ן, וואָס רעדט מיט דער טאָכטער) דאָס האָט מען איהר צו פערדאַנקען. דאָס האָט זי אינאיינעם מיט מיין טאָכטער אויפגעגעבען אַ פּראָיעקט אויף צו סאָיעדיניאיען די מאָ־לאָדיאָזש פון דער גאַנצער וועלט. וואָפּערוויך: (וויל צעה־לען אויף די פינגער).

בערטע (צום פאָטער פון דערוויטען): וואָס ווייזטו אויף אונז מיט די פינגער, פּאַפּאַ?

ישראל־איסר (צו דער טאָכטער און שושנה'ן): גאָרנישט. איך שמועס קָם אַקעגען אייער הסתדרות, וואָס איהר האָט אויסגעטראַכט..

שושנה: וואָס מיר האָבען אויסגעטראַכט?

היידאַד (מישט זיך אריין. שאָקעלט מיט דער צענויפגעקאַטשעטער מגילה, רעדט צו ישראל־איסר'ן): סליכאַ! סליכאַ!...

ישראל־איסר: וואָסער סליחה? ס'איז דען אַ סליחה? ס'איז דאָך אַ מגילה, נישט קיין סליחה.

היידאַד: קיין! אַוואָל... סליכאַ. (אַ מאַך מיט דער האַנד. געהט אָב צום יונגוואַרג, מע זעהט פון דערוויטען ווי שושנה רעדט, זשעסטיקולירענד מיט די הענד און דאָס גאַנצע יונגוואַרג הערט זיך איין).

ישראל־איסר (פטור געוואָרען פון'ם לעהרער, נעהמט אַראָב דאָס ווייסע טישטוך פון'ם גרינעם טישעל און גיט עס איבער מיט'ן ליכט צו חנה'ן. טהוט אויס דאָס היטעל) דושינקע, פאַרוואָס בעטסטו נישט די דאַ־מען שפּעגעלירען... מיין איך זיצען?

חנה (צו די דאַמען): זיצט, פאַר וואָס זיצט איהר נישט? (די דאַמען זעצען זיך אוים מיט די רידיקולס אין די הענד. קוקען אויף די מאַנסבילען. די מאַנסבילען טוען אוים אייניציגווייז די הימלען. אייניגע פערדרייבערען. אייניגע שטעהען און קוקען נאָך אויפ׳ן יונגוואַרג, וואָס הערען בערטעם רעדע).

ישראל-איסר (פערדרייבערט. צו די געסט, אָנווייזענדיג אויפ׳ן יונגוואַרג): ס׳איז כיי זיי היינט אַ שפּעגעלאַציע... מיין איך אַ סאָבראַניע פון דער נייער אָבשטשעסטוואָ, וואָס איך האָב אייך אָנגעהויבען צו דערצעהלען, האָט מיך אָט דער חיים-יענקעל איבערגעשלאָגען (ווייזט אויפ׳ן לעהרער) און פון וועמען וואַקסט עס? אַלץ פון איהר, אַלץ פון איהר. (ווייזט אויף שושנה׳ן און מיינט די טאָכטער) אַ ברען ניע דאי באָג! קאַרג וואָס זי האָט אָבגע׳שמדט גאַנץ יעהופּעץ, געמאַכט אַלע שפּעגעלאַנטען, מיין איך אַלע יודען פאַר דרעוונעיעווריציעם, האָט זי זיך גענומען איצטער פאַר די אַלע איבריגע שטעדט פון דער גאַנצער וועלט. איהר זאָלט זעהן די בריעף, וואָס זיי צעשרייבען אַ טאָג — ניע דאי באָג!

חנה (וואָס רעדט שוין מיט די דאַמען, מישט זיך אַריין צו די מאַנסבילען): וואָס זיי קאָסט אָב אַ וואָך פּאָסט-מאַרקען, מיט אָטקריטקעס, מיט פּאַפּיער, מיט טינט, מיט שלעק, צרות, וואָלט זיך עס אַ מעקלער ווינשען פערדיענען אויף דער בערזע... (דער עולם קוקט זיך איבער שמייכלענדיג).

ישראל-איסר (וויל צוטרייבען די אונאַנגענעהמליכקייט): דושענקאַ! פאַרוואָס הייסט דו נישט עפּעס דערלאַנגען צום טיש? ס׳איז דאָך עפּעס יום-טוב! פּורים אויף דער וועלט! המנ׳ס יאָהר-צייט!

חנה: שוין געהייסען. אָט באַלד וועט מען דערלאַנגען. (רעדט שטילערהייד מיט די דאַמען).

ישראל-איסר (צו די געסט): אַ פערקעהרטע וועלט געוואָרען. שטעלט אייך פאַר, דאַזשע לעוו איזראַילעטש...

געסט (אַלע אויפגעלעבט): לעוו איזראַילעוויטש? וואָס לעוו איזראַילעוויטש?

ישראל-איסר: לעוו איזראַילעוויטש האָט זיך אַנימעלטען אויסגעדריקט, אַז ער האַלט אויך פון די זאַכען. דאָס הייסט

פון יודיש האלט ער דוקא נישט, ער האט פיינט זשאר-
גאן ווי חזיר! זשארגאן, זאגט ער, איז נישט קיין שפראך,
ער האלט נאר פון דרעווניעיעווריייסקי. ער זאל זיך נישט
סטיעסניאנען, זאגט ער, פאר כריסטען, וואלט ער איינ-
געפיהרט, אז אלע זיינע סלוזשאטשעם זאלען אין קאנ-
טאר רעדען נאר פא דרעווניעיעווריייסקי.

ערשטער גאסט: ניעאוושעלי? קאקאיא בלאזשענסטווא!
(צווישען יונגווארג ברעכט אויס א געלעכטער. די דאמען דרעהען זיך אויס צום יונגווארג, קוקען זיך איבער מיט די מאנסבילען).

ישראל-איסר (צו דער טאכטער פון דערוויטען): וואס איז דארט ביי אייך אזוי לעבעדיג?

בערטע (פון דערוויטען) אך, פאפא! ווען וועט איהר שוין אויפ-הערען אמאל דינען עבודה זרה?

היידאד: טאוו וועיאפע ווענעחמאד וועניאאים!

ישראל-איסר: וואסער עבודה זרה?

שושנה (פון דערוויטען): א גליק וואס לעוו איזראילעוויטש לייענט נישט חנוכה די מגילה און בענשט נישט פורים מיין חנוכה-לעכטלעך...

יונגווארג: חא-חא-חא!

היידאד: טאוו וועיאפע ווענעחמאד וועניאאים!

ישראל-איסר (פיהלט זיך נישט גוט, וויל פערדרעהען די געסט): ניע דאי באג! ווי וואלטען וועלען, אז אלע שפעגעלאנטען, אלע יורען מיין איך, זאלען בענטשען די מגילה און לייענען חנוכה-ליכטלעך און בענטשען די מגילה, — טפו! וואס זאג איך?

חנה (קומט דעם מאן צו הילף): ביז מיר זענען נישט אריבערגעפאה-רען קיין יעהופעץ איז מיין מאן געוועזען א מענש, ווי אלע מענשען. און דא, זינט ער האט אנגעהויבען האנדלען אויף דער בערזע, איז ער געווארען אזא צוטראגענער מלאך, אז מען קען פון איהם דעם שלאק בעקומען! ער קאן אייך אמאל אויפשטעהן אין דער פריה און מאכען א געוואלד: „וואו זענען מיינע שפעגעלאציעס!" — „וואסערע

שפּעגלאַציעס?" — „מײַן איך די אַקציעס?" — „וואָסערע אַקציעס?" — „מײַן איך דיווידענטען" — „וואָסערע דיווי־דענטען?" — לאָזט זיך אויס, אַז ער זוכט די שטעק־שיך. (צווישען עולם ווערט אַ געלעכטער. ישראל־איסר קוקט אויף חנה'ן אריבער די ברילען, צענעהמט די הענד, וואָלט וועלען, זי זאָל שוין אַמאָל אויפהערען רעדען. אויף זײַן גליק עפענט זיך די קיכטהיר און עס בעווײַזט זיך אַ גרויסער בעקען מיט שלח־מנות'דיגע זאַכען: פלעדליך, לעקעכלעך, מאָהנדלעך, טײַגלעך און מאַראַנצען).

ישראל־איסר (צו חנה'ן): דושינקע, אָט האָט מען געבראַכט דעם שלח־מנות.

חנה (האַפּט אונטער דעם בעקען מיט בײדע הענד, טראָגט איהם צו פריהער צו די דאַמען, דערנאָך צו די מאַנסבילען, דערנאָך צום יונגוואַרג, בעט יעדען בעזונדער): געניסט, איך בעט אײַך, געניסט עפּיס, פאַרוואָס זאָלט איהר עפּיס נישט געניסען? נעהמט כאָטש אַ מאַראַנץ!

ישראל־איסר (קומט איהר צו הילף): גאָספּאָדאַ! שלח־מנות!

ערשטער גאַסט: שלח־מנות? קאַקאָיאַ בלאַושענסטוואַ!

יונגוואַרג (שיסען אויס אַ געלעכטער): חאַ־חאַ־חאַ! (אַלע געסט קוקען זיך אַרום).

די דאַמען (קוקען אויפ'ן יונגוואַרג): וואָס איז דאָרט ווידער „חאַ־חאַ־חאַ"?

ישראל־איסר (צו דער טאָכטער): וואָס איז דאָרט בײַ אײַך אַזאַ גדולה?

בערטע (פון דערווײַטען): מיר קלויבען דאָ נחת פון אײַך, וואָס איהר זענט אײַך אַזוי נוקם אָן דער רוסישער שפּראַך...

שושנה: איהר זענט מקיים דעם פּסוק: לעשות נקמה בגוים...

(יונגוואַרג געהען אָב אין צווייטען צימער).

היידאָר: טאָוו ועיאָפע ועניחמאָד ועניאָים! (געהט מאַכענדיג מיט דער מגילה נאָכ'ן יונגוואַרג... די דאַמען קוקען זיך איבער. די געזעלשאַפט פיהלט זיך אונאַנגענעהם).

חנה (וויל פאַרגלעטען, טראָגט צו נאָכאַמאָל דעם בעקען מיט שלח־מנות צו די דאַמען): געניסט, איך בעט אײַך, פאַר וואָס זאָלט איהר עפּעס נישט געניסען? נעהמט כאָטש אַ מאַראַנץ...

(די שטימונג ווערט נאך מעהר געשלאגען).

ישראל־איסר (וויל איבעררייסען די שטימונג): א וועלט געווארען! כסדר ביי זיי שפעגעלאציעס... מיין איך סאבראניעס, זאסעדאניעס. און איבערהויפט אט די שושנה און מיין טאכטער, זיי טוען אויף אועלכע זאכען — ניע דאי באג! שטעלט אייך פאר — זיי האבען אויסגעארבייט אן אוסטאוו ביי זיי, מיט פונקטען, מיט פאראגראפען. (צעהלט אויף די פינגער): וואפערוויך, דרעווניעיעווריסקי. וואווטאריך, יודישע חדרים...

ערשטער גאסט: ניעאוושעלי?

צווייטער גאסט: חערע׳?

דריטער גאסט: סאווערשענא וויערנא. שקאלעס מסתמא.

ישראל־איסר: ניין, נישט קיין שקאלעס, נאר טאקי חדרים, פשוט׳ע יודישע חדרים.

מאנסבילען (אלע אינאיינעם): „חדרים״?

דאמען: „חדרים״?!

ישראל־איסר: היינט איז דא ביי זיי א פונקט, מען זאל אוניטשטאושען קארטען.

מאנסבילען (איבערראשט): אוניטשטאושען קארטען

דאמען (דערשראקען): קארטען?!

ישראל־איסר (צעגעהמט די הענד ווי אויף צו שווימען): אקאנטשאטעלנא! אוים קארטען!

ערשטער גאסט (קוקט אויף די איבריגע): קאקאיא בלאזשענסטווא!... (צום בעל־הבית) וואס־זשע, הייסט עס, וועלען מיר טאן, אז מען וועט זיך צונויפקומען נאפרימער אויף אימענינעס, אדער א יום־טוב, אדער אזוי אנ׳אבשטשעסטווע?

צווייטער גאסט: וואס פערשטעהט איהר נישט?־וועלען מיר שמועסען א ביסעל פאדרעווניעיעווריסקי, א ביסעל פון ליטעראטור.

דריטער גאסט: סאווערשענא וויערנא. אויב אינצוויישען וועט מען מאכען א זעקס־און־זעכציג, און אויב אינדרייען איז א פינף הונדערט איינס...

פיערטער גאסט: און אויב מעהרער איז א סטוקעלקע.

פינפטער גאסט: און אפשר גאר אַנ'אַבשטשע שפּיעל? (קוקט אויף די דאמען) הא? וואָס זאָגט איהר?

דאמען: קאָניעטשנאָ אַנ'אָבשטשע שפּיעל! (נעהמען זיך צו די רידיקולס).

ישראל-איסר: הא? וואָס זאָגט איהר: אַנ'אָבשטשע שפּיעל? (מען ווייסט נישט, פון וואַנען עס וואקסט אויס ביי איהם אין די הענד צוויי טאַליעס קאָרטען) טא! ביי מיר האָט איהר גע'פועלט. איך בין דאָך, ווי זאָגט איהר, נישט מעהר ווי בעל-הבית...

חנה (ווידער אמאל מיט'ן שלח-מנות, שוין צו די מאנספילען): געניסט נאָך עפּעס, פאר וואָס זאָלט איהר נישט געניסען? נעהמט חאָטש אַ מאראַנץ...

ישראל איסר (וויל פטור ווערען פון איהר אויך): דושענקע! טאָמער וואָלט געווען גענוג מאראַנצען? מיר האָבען דאָך גערעדט וועגען המן-טאַשען. עפּיס יום-טוב פורים אויף דער וועלט. המנ'ס יאָהר-צייט...

חנה (טוט זיך א האפּ אויף און א פּאטש אין שטערען): אָט אַ קאָפּ! אַ קאַצענער מח! גוט וואָס דו האָסט מיך דערמאָנט המן-טאַשען. איך געה אין קיך אריין. איך מוז אליין זיין ביי די המן-טאַשען. (צו די דאמען) האָט קיין פאראיבעל נישט, איך מוז געהן. מיין דיענסט וועט מיר דאָרטען אָנמאַכען המן-טאַשען וועט זיין, וואָס צו זעהן! די יעהופּעצער פּוסטאָקראַטען — גאָט זאָל נישט שטראָפען פאר די רייד — איך מיין די היגע דיענסטען מיין איך. איך זאָג איהר, מיין קעכין הייסט עס: המן-טאַשען קאָנט איהר מאַכען? קוקט זי מיך אָן ווי אַ ליימענער גולם. ביז איך האָב איהר איינגעטאָלקעוועט, אז מען דאַרף פערקנעטען טייג, אויסקאַטשען און אויסקלעפּען דרייעקיגע המן-טאַשען, צערייבען מאָהן אויף מילך. ביי איהר איז געווען רעכט אריינטאָן דעם מאָהן אין די המן-טאַשען, ווי ער שטעהט און געהט. גאָט איז מיט אייך, זאָג איך, איהר זענט נאָך נישט פערטיג מיט די המן-טאַשען! צו המן-טאַשען דאַרף מען נאָך האָניג אויך...

ישראל-איסר (צום ווייב): הכלל, ליובעניו, ווען וועלען מיר שוין דערלעבען זיך זעהען מיט די המן-טאַשען?

חנה: אט דאס געה איך דאך (געהט אב אין קיך. די דאמען שטיילען צו איהר פלומרשט פריינדליך, צופריעדען, וואס חנה איז אבגעגאנגען, רוקען זיך צו מיט די רידיקולם צום טיש).

ישראל איסר (צו די געסט): אלזא, גאספאדא, איז איין אבשטשעע שפיעל? איך מיין אבער, אז פאזאקאנו קומט היינט אנ׳אקע. אקע איז א יודישע שפּעקולאציע, מיין איך א יודישע שפּיעל. פּארט יום-טוב, פורים אויף דער וועלט. המנ׳ס יאהר-צייט... (צו די געסט): הא? וואס זאגט איהר?

געסט (אלע אינאיינעם, אויפגעלעבט): סאווערשענא ווערנא — איין אקע! איין אקע!

ישראל-איסר: אלזא איין אקע? ביי מיר האט איהר גע׳פועלט. איך בין דאך, ווי זאגט איהר, נישט מעהר ווי בעל-הבית... (עפענט אויף די קארטען מיט א קנאק) ווי אזוי-זשע שפּעגעלירען מיר, מיין איך ווי אזוי שפּיעלען מיר? מיט׳ן קווענץ?

ערשטער גאסט: אקע מיט׳ן קווענץ — קאקאיא בלאזשענסטווא!

צווייטער גאסט: און איך וואלט געזאגט, דוקא אהנ׳עם קווענץ.

דריטער גאסט: סאווערשענא ווערנא. מיט׳ן קווענץ און מיט׳ן קאנטשיק.

פיערטער גאסט: פא נאסטאיאשטשעמו בעדארף זיין אנ׳אקע מיט אלע פּאדלאסטען. דאס הייסט מען מעג אייך שמייסען ביז׳ן טאג אריין. פון א דרייערל ביז א הונדערטער און דאשע מעהר פון א הונדערטער.

פינפטער גאסט: קאניעטשנא, מיט אלע פּאדלאסטען, (צו די דאמען): וואס זאגט איהר?

דאמען (נישט צופריעדען, וואס מען וועט שפּיעלען אין אקע אהן זיי, נעהמען זיך פון דעכטוועגען צו די רידיקולם, רוקען זיך צו מיט די שטוהלען צו זיי אין די קארטען פון הינטען, זיפצען): לאז זיין אנ׳אקע, לאז זיין מיט אלע פּאדלאסטען, אבי לאז מען שוין שפּיעלען.

ישראל-איסר: אדנים סלאוואם, ווער איז ערשטע האנד? (ווארפט אוים קארטען. רעדט אין איין אטעם): אל״ף אנ׳אדלער. בית א בארנבוים. גימעל א גנב. דלת א דריידעל. הי א הטן-טאש.

וואו א וויינגאָרטען. זיין א זאווערובקע. חית חיים-יענקעל...
(צום ערשטען גאסט): איהר זענט ערשטע האנד. (לעגט אויס יעדען צו צוויי קאָרטען צוזאַמענסט און נאָכדעם צו צוויי קאָרטען אויפ-געדעקט. דער עולם הויבט אָן ווערען געריוועז, נאָר מען מאַכט זיך גלייכגילטיג).

ערשטער גאסט: קאַקאיא בלאַזשענסטווא! (רוקט זיך צו צום טיש נאָך נעהנטער, נעהמט ארויס געלד, פערקאַטשעט די ארבעל) שוין לאנג נישט געשפּיעלט אין אָקע.

צווייטער גאסט (רוקט זיך צו, נעהמט זיך צו דער קעשענע): א שאָק מיט יאָהרען.

דריטער גאסט (נעהמט זיך צו דער קעשענע): סאָווערשענאַ ווערנאַ! ערשט נעכטען געהאַקט אין אָקע א גאנצע נאַכט, ביז'ן ווייסען טאָג...

פיערטער גאסט (נעהמט זיך צו דער קעשענע. זינגט מיט א חסיד'ישען נגון): דער רבי האָט געהייסען פרייליך זיין, ביז'ן ווייסען טאָג אריין. (צו די דאַמען): האַ? וואָס?

דאַמען (קוקען מיט ברענענדיגע אויגען צו די מאַנען און די אויסגעלעגטע קאָר-טען, זיפצען, לאַכען נערוועז): האַ-חאַ-חאַ!

ישראל-איסר (צום ערשטען גאסט): אָדניס סלאַוואָס. איהר זענט ערשטע האנד, דאַרפט איהר רעדען ווערטער.

ערשטער גאסט (בעטראַכט אלעמענס קאָרטען, וואָס אויפ'ן טיש): קאַקאיא בלאַזשענסטווא! איך וועל בעטען דעם עולם אוועקלעגען צו דרייערלעך סליעפּאָ (לעגט אוועק א דרייערל און מאַכט צו די אויגען).

צווייטער גאסט: בלא ראיה הייסט עס? (טראַכט א ווײלע, רעדט צו זיך אליין): נו, מאָיסיי מאַרקאָוויטש? פּאָזשאַלויסטע וואָקאַנטאָ-רו — ארויס מיט דער מטבע (לעגט געלד).

דריטער גאסט: סאָווערשענאַ ווערנאַ (לעגט געלד, אונצופריעדען) ווי א לאָך אין קאָפּ!

פיערטער גאסט (זיפצט): אז אָך און וועה איז מיר, איך מוז מיך נאָכשלעפּען. (לעגט געלד) ביי א פגירה בין איך אויך א בהמה.

פינפטער גאסט (קרעכצט, לעגט א דריידעל) פארפינסטערט בין איך געווארען! איך מוז אויך; וואס זאל איך טאן?

ישראל־איסר: נו, מוז איך דאך אודאי שפעגעלירען, איך בין דאך, ווי זאגט איהר, עפעס בעל־הבית, לכבוד פורים... (לעגט געלד) המנ'ס יאהר־צייט...

ערשטער גאסט: מיר זאגט דאס הארץ, אז דא דארף ליגען גאלד. (קלאפט מיט א פינגער איבער די צוגעמאכטע קארטען); גאספאדא! נאך א דריידעל בלינד. (לעגט אוועק נאך א דריידעל).

צווייטער גאסט (צו זיך אליין): נו, נו, מאיסיי מארקאוויטש ביזט דו אריינגעקראכען, קריך ווייטער. (לעגט נאך א דריידעל).

דריטער גאסט: סאווערשענא וויערנא. (לעגט דאס געלד מיט כעס) ווי א פינפטער ראד צום וואגען!

פיערטער גאסט (זיפצט): אז אך און וועה איז מיר. (קריכט אין קעשענע) איך מוז מיך נאכשלעפען. וואס וועט זיין מיט כל ישראל, וועט זיין מיט רב ישראל.

פינפטער גאסט (קרעכצט און לעגט געלד): פארפינסטערט בין איך געווארען! איך מוז אויך, א ברירה האב איך?

ישראל־איסר: נו, מוז איך דאך אודאי שפעגעלירען. איך בין דאך, ווי זאגט איהר, עפעס בעל־הבית. המנ'ס יאהר־צייט. (לעגט געלד. עס וואקסען די דריידעלעך אויפ'ן טיש. אלע אויגען ברענען, די דאמען זיפצען). נו, גאספאדא? וואס וועט זיין ווייטער? (קוקט אויפ'ן ערשטען גאסט, פון צווייטען חדר גנב'ט זיך אונטער מיט שטילע טריט גרישא. קוקט זיך ארום צוריק, געהט צו פאוואליע צום טיש, זעצט זיך אוועק אונבעמערקט אויף א שטוהל אונטער ישראל־איסר'ס פלייצעס. קוקט צו, ווי מע שפיעלט).

ערשטער גאסט: וואס זאל זיין ווייטער? ווייטער וועלען מיר זיך געהן אנקוקען... די דריטע קארט וועט שוין זאגען, וואס איך האב צו טאן... (הויבט אויף איינע פון די צוויי צוגעדעקטע קארטען, לעגט זי ארויף מיט'ן פנים ארויף אויף איינע פון די אפענע קארטען. לעהנט זיך אב א ביסעל צוריק. טראגט צו דאס פאפיר צו דער נאז, ווארפט א גיבען קוק אויף דער דריטער עטוואס אויפגעדעקטער קארט, ווערט מאדנע לעבעדיג): קאקאיא בלאזשענסטווא! (לעגט גיך אוועק צוריק די קארטען און נעהמט זיך צו דער קעשענע) אזוי ווי דאס הארץ אפער האט מיר געזאגט, אז דא

דאַרף ליגען אַנ׳אוצר. נו, גאָספּאָדאַ? ווער פאָהרט מיט מיר קיין יאַרמעליניץ אויפ׳ן יאַריד? צוויי דרייערליך אויף דריי.

צווייטער גאַסט (צו זיך אַליין): נו, מאָיסיי מאַרקאָוויטש? דו קריכסט נאָך, צו נײַן? (טוט אַ הויב אויף די דריטע קאָרט) געווענט-פערט אויף מיינע דריי.

דריטער גאַסט: סאָוועשענאָ וויערנאָ. (אָנגעקוקט אַלע פיער קאָרטען, מלא גזלן. טוט זיי אַ שמיץ מיט כעס): שראַגע, אַ רוח אין דיין האַרצען אַריין! ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט אַזאַ שפּיעל, וואָס הייסט אָקע?

פיערטער גאַסט: אַז אָך און וועה איז מיר. איך מוז זיך אויך געהן אָנקוקען. (קוקט זיך אָן) געשטאָרבען אַ יוד. (לעגט אַוועק די קאָרטען) איך האָב געוואוסט פריהער, אַז וויבאַלד אָקע, אַזוי וועל איך בעגראָבען.

פינפטער גאַסט (קוקט זיך אָן): ברוך דיין אמת. געשטאָרבען נאָך אַ יוד. (לעגט אַוועק די קאָרטען. רעדט צו די דאַמען): בין איך נישט גערעכט געווען, אַז איך האָב געזאָגט אַנ׳אָבשטשע שפּיעל? אָקע האָט זיך זיי פערגלוסט! וואָס זאָגט איהר?

דאַמען: קאָניעטשנאָ!

ישראל-איסר (צום ערשטען און צווייטען גאַסט): זענען מיר, הייסט עס, געבליבען אינדרייען אויפ׳ן יאַריד? (צום ערשטען גאַסט): וואָסזשע וועט איהר עפּיס זאָגען וויטער כרומה למשל נאָפּרימער? נו? אַרוים מיט לשון!

ערשטער גאַסט: וואָס האָט איהר קיין צייט נישט? נאַד נאָמי ניע קאַפּליעט (קוקט אויפ׳ן טיש) מע דאַרף זיך גוט בעטראַכטען, וואָס פערמאָגט דער עולם? (קוקט רעכטס און לינקס) דער האָט שיקסעס און דער שקצים. קאַקאַיאַ בלאַזשענסטוואַ! (צום צווייטען גאַסט): וואָס וועט איהר זאָגען, ווען איך טו אַ פאַס צו אייערע שקצים?

צווייטער גאַסט: גאָט איז מיין עדות, אַז איך קאָן נישט פאַסען. איך האָב דריי. (לעגט געלד) געענטפערט אויף מיינע דריי און אַריבערגעצימבעלט מיט איין צעהנערעל אויף דריי גלייך זיי אויף אַלע.

ישראל-איסר (רעדט צו זיך אליין. מאכט מיט די פינגער): היינט געה טרעף, דער שמייסט מיט דרייערלעך אויף דריי און דער ציִמ־בעלט אריבער מיט א צעהנערעל אויף דריי ווי אויף אלע. עס האט אנגעריסען ביי זיי — ניע דאי באג! אצינד איז א וואפראס (מיט א נגון פון דער גמרא און שטארק אויסגעצויגען): טשטא מיניע דיעלאט? צו זאל איך מיך אריינלאזען אין דער שפעגעלאציע און שפעגעלירען סליעפא? צו זאל איך מיך געהן אנקוקען? (נעהמט זיך פלומר׳שט צו דער קעשענע, צעהלט געלד. אלע אויגען קוקען אויף איהם. לעגט אוועק די קארטען און מישט אוים די איבריגע): דאסווידאניא (וויל אויפהויבען די פיערטע קארט).

גרישא (חאפט איהם אן ביי דער האנד): לאוו! באזשע סאחראני! נישטא קיין אנקוקען זיך! א צעהנערעל מיט נאך א צעה־נערעל.

ישראל-איסר (קוקט אויף איהם): משוגע?

גרישא: פאלגט מיך (בעט זיך): פאלגט־זשע מיך! זיי בײדע האָ־בען גארנישט מיט גארנישט!

ישראל-איסר (צו די געסט, וויזט אויף גרישא׳ן): אז ער הייסט! מע דארף, ווי זאגט איהר, פאלגען אמאל א חתן אויך? (לעגט געלד) קאופעץ קאק סטרעליעץ.

גרישא: יא וואס רוטשאיוס, אז זיי בײדע האבען שראגע? (נעהמט זיך צו דער קעשענע) צו אפשר מיינט איהר, אז איך האב מיך וועסאמאס דיעלע איבערגעשראקען פאר אייערע שיק־סעס? איך ענטפער אייך אויף אייער צעהנערעל און ארי־בערגעטראסקעט מיט צוויי צעהנערלעך אויף מיינע דריי, ווארים איך ווייס, אז מעהר ווי צוויי מוידען האט איהר נישט געהאט און וועט נישט האבען.

צווייטער גאסט: שוין לאנג שטיל געווען, מאיסיי מארקאוויטש, מיט אזעלכע צוויי גבורים טארסטו דיך נישט אריינלאזען אין דער נארישער וועלט. (טראכט א ווײלע) הערט־זשע אוים, אפשר וועלען מיר מאכען א שטיקעל געשעפט!

ערשטער גאסט: נאפרימער?

ישראל איסר: כרומה למשל!

צווייטער גאַסט: וואָס וועט איהר מיר געבען אַמטריט-געלד? דאָס הייסט, וואָס וועט איהר מיר געבען, איך זאָל זיך אַוועקלעגען בלא ראיה?

ערשטער גאַסט: חאַ-חאַ-חאַ!

ישראל-איסר: אַ גוט אויג וועלען מיך אייך געבען! אַז מען האָט שראַגע טראָגט מען זיך אָפּ און מע מאַכט נישט קיין שפּעקולאַציעס.

צווייטער גאַסט: אַזוי זאָגט איהר? (קוקט אָן די פּיערטע קאַרט, טראַכט אַ ווײַלע) האַ? אַז מען האָט, זאָגען זיי, שראַגע, טראָגט מען זיך אָפּ און מע מאַכט נישט קיין אָנשטעלען? (נעהמט זיך כלומר'שט צו דער קעשענע. צעהלט געלד. אַלע אויגען קוקען אויף איהם. לעגט אַוועק די קאַרטען און מישט זיי אויס מיט די איבּיגע): דאָסווידאַניע, מאָסיי מאַרקאָוויטש! אַ חלירע וואָלט געמעגט קומען אויפ'ן מחבר פון דער אַקע!

ישראל-איסר (צום ערשטען גאַסט, טרייסעלט מיט די הענד): האָבען מיר שוין, סלאַווא באָגו, גע'פּטר'ט אַלע אונזערע שונאים?

ערשטער גאַסט: קאַקאַיאַ בלאַזשענסטווא!

גרישאַ (צום ערשטען גאַסט. לעגט אַרויף די האַנד אויף ישראל-איסר'ס קאַרטען): געענטפערט און אַריבערגעפּידעלט מיט אַ גאַנצען כף-היי'ער.

ישראל-איסר (צו גרישאַ'ן): משוגע? צו חסר דעה?

גרישאַ: פאָלגט-זשע מיך. דרך ארץ פאַר די באַרישניס! טשעסטנאָע סלאָווא, ער פערמאָגט נישט מעהר ווי שראַגע!

ישראל-איסר (געהט צו דער קעשענע): אַז ער הייסט... (ווייזט אויף גרישאַ'ן) מע דאַרף, ווי זאָגט איהר, אַמאָל פאָלגען אַ חתן אויך? (לעגט געלד) דערויף זענען מיר דאָך שפּעקולאַנטען.

ערשטער גאַסט: קאַקאַיאַ בלאַזשענסטווא! (קוקט אָן די פּיערטע קאַרט געהט צו דער קעשענע. רעדט פּאַוואָליע, זיפצענדיג): ווי באַלד אַזוי, איז אַ הונדערטער אויף מיינע אַלע.

געסט (אַלע): אַ הונדערטער??!

דאַמען (אַלע): אַ הונדערטער??!?

ישראל-איסר: ווטאָקאָם סלוטשאַיע דאַרפען מיר לערנען דעם פשט, אַז ער סטראַשעט מיך מיט אַ נאַראָש? (מיט אַ גמרא-נגון), ווי

באַלד אַזוי בעדאַרף מען געהן אויפדעקען די פיערטע מויד. (הויבט אויף פּאַוואָלינקע די פיערטע קאַרט, קוקט אויף גרישא'ן).

גרישא (קוקט אַריין אין דער קאַרט פון אונטען אַרויף): פּאַשלאַ! אַ הונ־דערטער מיט נאָך צוויי הונדערטערס! (דער גאַנצער עולם ווערט העכסט אויפגערעגט. די דאַמען האַפּען זיך צו די רידיקולס) אַזאַ קאַרט טרעפט איין מאָל אין הונדערט יאָהר! טשעסט־נאַיע סלאָווא!

ישראל־איסר (קוקט אויף גרישא'ן אַריבער די ברילען): וואָס מיינסטו? איך בין לעוו איזראַילעוויטש?

גרישא (בעט זיך): פּאַלגט־זשע מיך! קליאַנוס באָגאָם, ער האָט מעהר נישט ווי שראַגע. (ווייזט אויפ'ן ערשטען גאַסט, וואָס זיצט זיך גאַניץ קאַלטבלוטיג).

ישראל־איסר (צו גרישא'ן): אַזוי זאָגסט דו? (ווּפּצט) ניין, נישט פּאַר מיר קיין שפּעגעלאַציע. איך בין נישט לעוו איזראַילע־וויטש. (מישט אוים זיינע פיער קאַרטען מיט אַלע איבריגע אַנגעוואָר־פענע, מע זאָל נישט זעהן וואָס ער האָט. מיט אַ טיעפען זיפץ): פּאַס!

ערשטער גאַסט (שאַרט צונויף דאָס גאַנצע געלד פונ'ם טיש מיט ביידע הענד): קאַקאַיאַ בלאַושענסטוואַ! (שטופּט מיט ציטערנדע הענד דאָס געלד אין אַלע קעשענעס. אַלע אויגען קוקען אויף איהם מיט קנאה, די דאַמען האַפּען אויס די רידיקולס און דריקען צו צום האַרצען).

גרישא (אין דער צייט, ווען דער ערשטער גאַסט שטופּט דאָס געלד אין די קעשענעס, טוט ער אַ הויב אויף מיט איין האַנד יעגעמס פיער קאַר־טען און מיט דער אַנדערער האַנד דערלאַנגט ער אַ זעץ איבער'ן טיש אַזוי, אַז די טאַליע קאַרטען שפּרינגט אונטער און אויך דער עולם טוט אַ שפּרונג אויף פון די ערטער. די דאַמען פאַלען שיעור חלשות): טשטאָ יאַ וואָס סקאַזאַל? משוגע צו ווערען פון אַזאַ שפּיעל, טשעסטנאַיע סלאָווא!! (אויף זיין געשריי קומט צולוי־פען פון צווייטען צימער פריהער בערטע, דערנאָך שושנה, דערנאָך דאָס גאַנצע יונגוואַרג און נאָך זיי הייראַד מיט דער מגילה) אַזאַ מעשה איז גאַרנישט געהערט געוואָרען! מיט גאַרנישט פער־טרייבען דריי מיידלעך?! שוטו שמים! ס'איז הימעל שרייענד!!! נאַט זעהט האָטש! חאַ־חאַ־חאַ, (בעווייזט אַלע־

מען די קאָרטען) זעהט, יודישע קינדער, מיט וואס מע פער־טרייבט דריי מיידלעך ? ? ? מיט גאָרנישט. מיט שראַגע ! מיט שרראַגע ! ! נו, קאָן מען לעבען אויף דער וועלט ? !

געסט (קוקען פון די ערטער אָן די אויפגעדעקטע פיער קאָרטען) : שראַגע !

דאמען (גאָך זיי, פערברעכען מיט די הענד) : שראַגע !

בערטע (בלייבט שטעהן אויף דער טהיר. דערזעהט גרישא'ן מיט די קאָרטען אין האַנד, טוט זי אַ פּלעסק מיט די הענד) : אַך ! (וויזט מיט דער האַנד אויפ'ן חתן, פאַלט צו שושנה'ן אויף די הענד).

גרישא (טוט אַ שמייס די קאָרטען אויפ'ן טיש. טוט זיך אַ לאָז צו דער כלה) : בערטוסיאַ ! ברוניה'ניו ! וויגאָוואַט ! טאָ יעסט סליכאַ ! איך האָב נישט געשפּיעלט ! טשעסטנאָיע סלאָוואָ ! טאָ יעסט סליכאַ ! קליאַנוס באָגאָם ! ! (פאַלט איהר צו די פיס) : יאַנאַטי ! יאָפּאַטי ! טאַמאַטי ! . . . (אין דער מינוט קומט אָן פון די קיך חנה מיט די המן-טאַשען).

חנה (דערזעהט בערטע'ן אַ פער'חלשטע און גרישא'ן שטעהען אויף איין קניע, פערלירט זי דעם טעלער מיט די המן-טאַשען און לאָזט זיך צו דער טאָכטער) : גאָט איז מיט דיר ! טאָכטער מיינע ! (צום מאַן) וואס איז דאָס געשעהן ? גיכער ! וואס האָט זיך דאָ געטראָפען ? נו, זאָג שוין !

ישראל-איסר (צום ווייב, וויל זי בערוהיגען) : שאַ, שאַ ! ! שריי נישט ! גאָ־לע גאָרנישט . . . אָבגעשמיסען . . . פערטריבען . . . דריי מיידלעך . . .

חנה : ווער האָט געשמיסען ? וועמען געשמיסען ? אַ דונער איז מיר ! (קוקט אויפ'ן יונגוואַרג) : וואָסער מיידלעך ? . . .

ישראל-איסר (שטעהט אויף פון טיש) : שטיא ! פערשטעהסט נישט קיין שפּעגעלאַציע ! (מאַכט מיט די הענד) דריי מיידלעך. איך האָב געהאַט דריי מיידלעך און ער (ווייזט אויפ'ן ערשטען גאַסט) האָט גאָלע גאָרנישט. שראַגע האָט ער געהאַט, האָט ער מיר געשמיסען און געשמיסען, פערטריבען הייסט עס מיט שראַגע, מיט גאָרנישט ! (גלייך צו איהר אין פּנים אַריין. מאַכט די הענד) מיט שראַגע ! מיט שראַגע ! !

פאָרהאַנג.

פאמיליען-ביבליאטעק

שלום עליכם

צוויי שלח־מנות'ן

ווארשא, תרע״ד

№ 83

פרייז 5 קאפ.

Типографія Г. Пимента и Я. Швабе, Сѣраковская 4

שלום עליכם:

1) פּעסעלע דעם רבינ'ס 5

ל. שפּירא:

3) דער קוש 5

שלום עליכם:

4) אלמנה נומער 1 5

5) אלמנה נומער 2 5

6) אלמנה נומער 3 5

אברהם רייזין:

7) פערשפּעטיגט 5

9) גוטע ברידער, קאָמעדיע 5

שלום אש:

10) מאָמענטען 15

שלום עליכם:

11) א חוּגרישנער בילעט 15

12) שמוּא'ליק 5

13) יוסף דער דזשענטעלמען 10

ד. פּינסקי:

14) די יונגע ליעבע 5

שלום עליכם:

15) שפּרינצע 5

מ. טייטש:

16) דער שפּיאָן 5

שלום עליכם:

17) די יורשים 5

18) מיט'ן עטאַפּ 15

19) דער יונגסטער פון די מלכים 5

20) די ערשטע קאָפּונע 10

21) חוה 5

22) ערשטע יודישע רעפּובליק 10

יעקב גאָרדין:

23) דער קרבן 5

שלום עליכם:

24) 13 פּעראייניגטע שטאַאַטען 10

25) 13 געפאַנגענע 10

26) עולם הבא 10

27) הונדערט איינס 5

אברהם רייזין:

28) די ציגיינערין 5

שלום עליכם:

29) ערב-פּסח'דיגע עמיגראַציע 5

גיואַי דע מאָפּאַסאַן:

30) שמעון 5

ה. ספּענסער:

31) שלאָף און חלומות 6

וו. דאָראָשעוויטש:

32) די באַראָנעסע 5

מענדעלע מוכר ספרים.

33) אין יענער צייט 10

לעוו טאָלסטאָי:

34) וועמעס גלויבען איז בעסער? 5

יעקב דינעזאָהן:

35) המן און זיינע טעכטער 5

שלום עלכים:

36) אויף יענער זייט סמבטיון 10

37) א פּסח אין דאָרף 5

38) ל"ג בעומר 5

39) משוּתלח 5

40) דער וויגער 5

41) א בלעטיל שיר השירים 7

42) א מעשה אָהן אנ'עק 25

43) ווען איך בין ראָטשילד 5

אברהם רייזין:

44) א פּוילישער גלח 5

שלום עליכם:

45) גזלנים 6

46) א גרויסע געווינס 8

ג. גאָרין:

47) פּאָפּיע 5

שלום עליכם:

48) צוויי טויטע 8

49) דאָס פּאַר פּאָלק 8

יונה ראָזענפעלד:

50) קאָנקורענטען 5

שלום עליכם:

51) מענשען 15

יעקב דינעזאָהן:

52) שמשון שלמה 5

שלום עליכם:

53) בלינצעס 7

54) טביה דער מילכיגער פאָהרט קיין ארץ ישראל 7

55) אסתר 7

56) גאָלד-שפּינערס 5

57) די שטאָדט כתרילעווקע 5

58) פיער זענען מיר געזעסען 15

מ. מעטערלינק:

59) די דערטרונקענע 5

ג. וועגדראָף:

60) פריהער און שפּעטער 5

שלום עליכם:

61) די גרויסע בהלה 15

62) רויבערט און שיכור'ט 6

63) ביים קעניג אחשורוש 5

64) מיין ערשטער ראָמאַן 10

א. פראַנס:

65) דער גאַסען-הענדלער 10

שלום עליכם:

66) ראַבטשיק 6

67) בערדיטשעווער טראַמוויי 5

68) בערדיטשעווער האָטעלען 8

69) בערדיטשעווער טעאַטער 5

70) בערדיטשעווער שריפות 5

71) די פרעהליכע קאָמפּאַניע 15

א. גאָרשין:

72) די געפאַלענע פרוי 10

אברהם רייזין:

73) רעפּעטיציע 6

IX.

צווייִ שלח־מנות׳ן.

ס׳איז שוין לאנג נישט געווען אין כתריליווקע אזא שענער פורים און אזא ווארעמער. עס האט פארפריה געלאזט דאס אייז, און פונ׳ם שניי איז געווארען א טוואן ביז׳ן נארטעל. די זון האט געשיינט. עס האט געבלאזען א פויל ווינטיל. א נארישׁ קעלבּיל האט זיך אויס־געוועזען, אז סע שמעקט מיט ווערנע, האט דאס אנגעהויבען בלעקען, פערריסען דעם ווידיל, אראבגעלאזט די מארדע און ארויסגעלאזט א האלבען „מע״! אויף דער גאס זענען געלאפען שליינגעלדיגע ריטש־קעליך אראב אבארג, געשלעפט מיט זיך וואו ערגיץ א שפינדיל, א שטרוי אדער א שטיקיל פאפיר, א גליק וואס אין שטאדט איז נאך כמעט ביי קיינעם נישט געווען אויף מצות; אנית וואלט מען געקאנט מיינען, אז ס׳איז נישט פורים, נאר ערב־פסח.

סאמע אין מיטען שטאדט אין דער רעכטער בלאטע האבען זיך בעגעגענט צוויי מיידליך, וואס ביידע האבען געהייסען נחמה, איינע א שווארצע א געזונדע מיט געדיכטע ברעמען און מיט א קורצער נאז. די אנדערע א ווייסע א קראנקליכע מיט רויטע האר און מיט א שפי־צעדיג נעזיל; איינע א בארוויסע מיט גראבע שווארצע פולקעס, די אנדערע כלומר׳שט אין שיך, וואס האלטען אפען דאס מויל און „בעטען עסען״; שענע שיך! אז מע געהט קוואטשקען זיי און סע שלעפט זיך נאך א פארעשווע, וואס גיט אלע מאל א ליאסק מיט א קוויטש, און אז מע טהוט זיי אויס ווענען זיי א פונט. דאס איז געווען אזעלכע שיך, וואס מע זאגט אויף זיי: „איידער אזעלכע שיך איז שוין גלייכער בארוויס...״ ביידע נחמה׳ס האבען געטראגען שלח־מנות׳ן איבערגעדעקט מיט א וויים סערוועטיל און צו געהאלטען מיט ביידע

הָענְר. אִין דָער הויף. דָערזָעהָען זיך הָאבָּען בֵּיידָע מֵיידְלִיך זיךְ אָפְּגֶע־שְׁטָעלְט.

— אַ! נְחָמָה?

— אַ! נְחָמָה?

— וָואהִין גֵעהְסְט דוּ דָאס, נְחָמָה?

— וָואס הֵייסְט וָואהִין גֵעה אִיךְ? אִיךְ טְרָאג שְׁלַח־מָנוֹת.

— צוּ וָועמֶען טְרָאגְסְט דוּ שְׁלַח־מָנוֹת?

— צוּ אַייךְ טַאקִי; אוּנ וָואהִין גֵעהְסְט דוּ, נְחָמָה?

— וָואס הֵייסְט וָואהִין גֵעה אִיךְ? זָעהְסְט דָאךְ, אַז אִיךְ טְרָאג שְׁלַח־מָנוֹת.

— צוּ וָועמֶען טְרָאגְסְט דוּ שְׁלַח־מָנוֹת?

— טַאקִי צוּ אַייךְ.

— אַ הִיסְטָארִיֶע בְּנֶאֱמָנוּת!

— אַ רֵיינֶע קָאמֶעדִיֶע!

— אַנוּ וַוייז נָאר דַיין שְׁלַח־מָנוֹת, נְחָמָה?

— וַוייז דַיין שְׁלַח־מָנוֹת, נְחָמָה?

אוּנ בֵּיידֶע נְחָמָה׳ס הָאבֶּען גֶעזוּכְט מִיט דִי אוֹיגֶען, וואוּ מֶע קָאן זיךְ צוּזֶעצֶען אוֹיף אַ וַוײלֶע, אוּנ גָאט הָאט זֵיי צוּגֶעשִׁיקְט, דָערזָעהָען אַ קְלֶעצִיל גֶעבֶּען אַיין אַיינְגָעפַאהְרְהוֹיז, הָאבֶּען זֵיי אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען דִי פִּיס אִין דָער לַיימִיגֶער בְּלָאטֶע אוּנ הָאבֶּען זיךְ בֶּעזֶעצְט אוֹיף דֶעם דָאזִיגֶען קְלֶעצִיל, אַנִידֶערגֶעשְׁטֶעלְט דִי בֶּעקֶענְס אוֹיף דִי קְנִיהֶעס, אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּע־ דִי סֶערְוָועטְלִיךְ אוּנ בֶּעטְרַאכְט דִי שְׁלַח־מָנוֹת׳ן.

פְּרִיהֶער הָאט נְחָמָה דִי רוֹיטֶע אוֹיפְגֶעדֶעקְט אוּנ בֶּעוִויזֶען אִיהר שְׁלַח־מָנוֹת. זִי הָאט גֶעדִיענְט בֵּיי זָעלְדֶע־רֶב־יָאסִים, גֶענוּמֶען פִינְפְט־הַאלְבֶּען קֶערְבְּלִיךְ פַארְ׳ן וִוינְטֶער מִיט קְלֵיידֶען אוּנ שִׁיכֶען. ס׳אִיז גֶעוָועזֶען אַ „קְלֵיידֶען״ מִיט אַ „שִׁיכֶען״! מֵילָא דָאס קְלֵיידִיל אִיז גֶעוֶועזֶען אַ קְלֵיידִיל, מִיט לַאטִים אַפִילוּ, נָאר פָּארְט אַ קְלֵיידִיל; דִי שִׁיךְ אָבֶּער זֶענֶען מַאנְסְבִּילְשֶׁע שִׁיךְ, פוּן זָעלְדֶע רֶב יָאסִים בָּחוּר מְנַשֶׁה, וָואס הָאט

אַ פּוּס ווי אַ דעיזשקע, און דערצו האָט ער נאָך אַ טבע דרעהען די ערצאַסען. שיינע שיך!

דער שלח־מנות וואָס נחמה די רויטע האָט געטראָגען איז בעשטאַנען: פון אַ שיינעם גרויסען המן־טאַש מיט מאָהן, פון צוויי קישעליך איינס איין אָפּעגנס מיט האָניגפאַרפעל, און דאָס אַנדערע אַ קיילעכיגס פון ביידע זייטען זעהר שיין געצוויקעלט, אַ ציקערלעקיכיל מיט אַ ראָזינקע אַריינגעשטעקט סאַמע אין מיטען, אַ גרויסע פיערעקעכיגע שטיק טאָרט, אַ שיין שטיקיל קומישברויט, צוויי קליינע מלכות־ברייטליך און אַ היבשע שטיק קאָרענער לעקיך, וואָס איז ביי זעלדען היינטיגס יאָהר מעהר געראָטען ווי אַלע יאָהר; צי די מעהל איז געווען זעהר אַ גוטע מעהל, צי דער האָניג איז געווען אַ ריינער האָניג, צי דער לעקיך האָט זיך גלאַט גוט אויסגעבאַקען, צי מע האָט איהם גוט אויסגעשלאָגען — ער איז געווען טאַקי נאָר ווי אַ געדיכטע פּעבקע קישען!

בעטראַכט נחמה דער רויטערס שלח־מנות האָט נחמה די שוואַרצע אויסגעדעקט און בעוויזען איהר שלח־מנות. זי האָט געדינט ביי זלאַטע רב אייזיק'ס גענומען זעכס קערבליך פאַר'ן ווינטער אויף איהר איינגענעם גאַנג, איז זי דערפאַר געגאַנגען באָרוויס, און זלאַטע האָט זי געשאָלטען מיט טוידטע קללות:

— ווי אַזוי געהט דאָס אַ מויד אַ גאַנצען ווינטער באָרוויס? דו ווילסט אַ פּנים זיך פערקיהלען צו אַלדע שוואַרצע יאָהר!... נחמה האָט זי אָבער געהערט ווי המן דעם גרייגער; זי האָט בעסער געקליבען דאָס געלד אויף פּסח, אויף פּסח וועט זי אם ירצה השם זיך מאַכען אַפּאָר שיך אויף הויכע אָבצאַסען מיט קולקעס און אַ סיטצען קליידיל מיט אויבאָרקעליך. קאַפּיל דער שוסטער וואָס שדכנ'ט זיך צו איהר וועט איינגעמען אַ מיתה־משונה!

דער שלח־מנות וואָס נחמה די שוואַרצע האָט געטראָגען איז בעשטאַנען פון אַ פיינע שטיק שטרודעל, צוויי גרויסע צוקערלעקיכער, אַ היבש האָניג־טייגעל, צוויי פישעליך וואָס פון ביידע זייטען איז

געוועג אויסגעצוויקעלט א פישעלי און אנגעפילט מיט קליינע זיסע פארפעליך, און צוויי גרויסע מאהענדליך, שווארצע, גלאנצענדיגע, דורכגעשפיגעוועט מיט יאדערען פון ניסליך, גוט איינגעפרעגעלט אין האניג! אויסערדעם איז אויפ׳ן בעקען געליגען, און געשמייכעלט א געלער א שמעקענדיגער מאראנץ, וואס דער ריח איז זיך צעגאנגען אין יעדער אבר.

ב.

— הערסט דו נחמה, וואס איך וועל דיר זאגען? דיין שלח־מנות איז א שענערער שלח־מנות פון מיין שלח־מנות! — אזוי האט געזאגט נחמה די רויטע צו נחמה דער שווארצער מיט א קאמפלימענט.

— יע! דיין שלח־מנות איז אויך ניט קיין שלעכטער שלח־מנות—האט איהר נחמה די שווארצע געענטפערט מיט א קאמפלימענט פאר א קאמפלימענט און האט א טאפ געטהון מיט׳ן פינגער דעם המן׳טאש.

— אט א המן׳טאש!... האט געזאגט נחמה די שווארצע און האט זיך אזש בעלעקט. אט דאס הייסט א המן׳טאש!... איך וועל דיר זאגען דעם אמת, איך פערגין איהר גאר נישט, דער בעל־הבית׳טע מיינער אזא המן׳טאש... אזא מכה זאל זיך איהר זעצען אויפ׳ן פנים, רבונו של עולם!... הערסט דו, נחמה, וועדליג איך האב נאך היינטיגען טאג אין מיין מויל נישט געהאט, וואלט איך א בעלן געוועזען פער־זוכען פון דעם דאזיגען המן׳טאש חאטש א שטיקיל...

— און איך מיינסט דו האב היינטיגען טאג עפּיס געגעסען? נישט מעהר זאלען זיי עסען ווייל זיי וועלען לעבען!—מאכט נחמה די רויטע, און קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען — נעם, פאלג מיך, נחמה, דעם המן׳טאש און צעברעך איהם אויף צווייען, וועלען מיר איבער־חאפען. וואו שטעהט דאס, אז שלח־מנות מוז זיין מיט א המן׳טאש? אט למאי איז ביי דיר שלח־מנות אהן א המן׳טאש?

— לאם איך האבען אזא יאהר ווי דו ביזט גערעכט! — זאגט

נַחֲמָה דִי שְׁוואַרְצֶע, צֶעבְּרֶעכְט דֶעם הָמָן׳טַאשׁ אוֹיף צְווייעֶן אוּנ צֶעטְהֵיילְט זִיךְ מִיט נַחֲמָה דֶער רוֹיטֶער.

— הֶערְסְט דוּ וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגֶען! ס׳אִיז דָאךְ טַעַם גַן־עֵדֶן, בְּנֶאֱמָנוּת! אַ חִסָרוֹן נוּר וָואס סֶע מֶעהר נִישְׁטָא... פַאר דַיין הָמָן׳טַאשׁ, נַחֲמָה׳נִיוּ, קוּמְט דִיר אַ שְׁטִיק לֶעקִיךְ פוּן מַיין שְׁלַח־מָנוֹת, וָוארוּם וֶועדְלִיג מִיר וֶועלֶען זִיךְ דָא אָנְנֶעמֶען פַארְ׳ן וֶועג מֶעג זַיי זַיין ווינְצִינֶער מִיט אַ שְׁטִיקִיל לֶעקִיךְ אוּנ מֶעהר מִיט אַ מַכָּה... מָאל דִיר פוּן גַאנְץ פְרִיה אָן בִּיז אִיצְטֶערְטָא טְרֶעף וויפִיעל הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט? קוּים — קוּים אַ גִילֶען מִיט צְווַיי גְרָאשֶׁען, אִי דָאס זֶענֶען דִי צְווַיי גְרָאשֶׁען מִיט אַ לֶעכִיל... וויפֶעל הָאסְט דוּ גֶעמַאכְט, נְשָׁמָה מַיינֶע?

— אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיךְ נִיט גֶעמַאכְט אַ מַכָּה זָאל זִיךְ זַיי מַאכֶען!

— זָאגְט נַחֲמָה דִי רוֹיטֶע אוּנ קַייעֶט דֶעם לֶעקִיךְ אוּנ שְׁלִינְגְט גַאנְצֶע שְׁטִיקֶער ווִי אַ גַאנְז — הַלְוַאי אִיךְ זָאל פַארֶען גַאנְצֶען טָאג מַאכֶען אַ גִילֶען!...

— שֵׁענֶע נְגִידִית׳טֶעס, זַיי מֶעגֶען זִיךְ נִישְׁקָשֶׁה, אַלֶע בֶּעגְרָאבֶּען! — זָאגְט נַחֲמָה דִי שְׁווַארְצֶע אוּנ בֶּעלֶעקְט זִיךְ נָאכְ׳ן לֶעקִיךְ — אִיךְ קוּם צוּ גֵעהן צוּ חַיֶענֶע דֶער צֶעלְנִיקֶערִין מִיטְ׳ן שְׁלַח־מָנוֹת, נֶעמְט זִי צוּ בַּיי מִיר דֶעם שְׁלַח־מָנוֹת קְרַאצְט אוּנ קְרַאצְט דִי קֶעשֶׁענִי אוּנ הֵייסְט מִיר קוּמֶען שְׁפֶּעטֶער, קוּמֶען זָאל אוֹיף אִיהר אַ מִיתָה מְשׁוּנָה!

— אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בַּיי קַיילִי רֶב אַהֲרֹן׳ס — זָאגְט נַחֲמָה דִי רוֹיטֶע — אִיךְ קוּם צוּ גֵעהן צוּ אִיהר מִיטְ׳ן שְׁלַח־מָנוֹת גֵעהט זִי אוּנ שֵׁענְקְט מִיר אַ צוּקֶערְלֶעקְעכִיל פַארְ׳ן וֶועג. שֶׁענְקֶען זָאל אִיהר גָאט אַ נַייעֶ נְשָׁמָה.

— אוּנ דִי אַלְטֶע זָאל מֶען אַרוֹיסְוַוארְפֶען פַאר דִי הִינְד — לָאזְט אוֹיס פַאר אִיהר נַחֲמָה דִי שְׁווַארְצֶע אוּנ נֶעמְט אֵיינֶע פוּן זְלַאטֶעס צְווַיי צוּקֶערְלֶעקְעכִיר אוּנ צֶעבְּרֶעכְט אִיהם אוֹיף צְווייעֶן — נַא, עֶס, נְשָׁמָה מַיינֶע, עֶסֶען זָאלֶען זַיי וֶוערֶעם! אַז דַיין בַּעַל־הַבַּיִת׳טֶע וֶועט הָאבֶּען ווינְצִינֶער מִיט אַ צוּקֶערְלֶעקִיכִיל, בִּין אִיךְ בְּדַלוּת!

— אוֹי, אַ מַכָּה אִיז מִיר! — הָאט זִיךְ נַחֲמָה דִי רוֹיטֶע צוּם עֶרְשְׁטֶען

אויסגעהאפט פונים אָרט און אָנגעהויבן ברעכן די הענט — זעה נאר, געשטשאַנעס, וואס ס'איז מיר געבליבן פונים שלח-מנות!

— ווער וועט זיי געהן דערצעהלען, נארישע טויד? — בערוהיגט זי נחמה די שווארצע — האב קיין מורא ניט, ס'איז ביי זיי היינט א טאג פון שלח-מנות'ן, זענען זיי פערטאַרעראַמט, מע וועט זיך ניט ארומקוקען.

און ביידע נחמה'ס דעקען איבער די שלח-מנות'ן — מיט די ווייסע סערוועטליך און לאָזען זיך געהן איבער דער בלאָטע, איינע אהין, די אנדערע אהער, גלייך ווי ס'איז גאר ניט געוועזן...

ג.

זעלדע רב יאסיס, א יודינע מיט א קיילעכדיגען פנים און א גאַנץ שענע איז געשטאַנען מיט א רויטען זיידענעם פאַרטוך מיט ווייסע שפּרינקעליך און האט אויסגעטיילט און צעגויסגעשטעלט אלע שלח-מנות'ן, וואס זי האט בעדאַרפט שיקען יענעם און וואס יענע האבען געשיקט איהר.

רב יאסי לעמעשעסע (אַזא צונאָמען האט ער געהאט אין כתי-דילעווקע) איז געלעגען אויף דער קאַנאַפּע און האט געכראָפּעט, און מנשה, א בחור פון א יאהר אכטצעהן מיט רויטע באַקען און מיט א לאַנגער ליוסטרינער נאַקידקע, האט ארומגעפּאַדקעוועט אַרום דער מאַמע, גענאַשט אַלע מאָל א שטיקל האָניגטייגיל, א צוויי פּאַרפּעליך אָדער א מאַרגדיל; ער האט זיך אַזוי אָנגעשטאָפּט מיט די אַלע גוטע זאַכען אַז די צייהן מיט די ליפּען זענען איהם געוועזן שוואַרץ און דער בויך האט אָנגעהויבען „רעדצן"

— מנשה, מאַמער וואָלט שוין אַמאָל געוועזן גענוג מנשה? — זאָגט איהם זעלדע אַלע מינוט.

— גענוג, גענוג! — ענטפערט מנשה און חאַפּט אַריין אין מויל אַריין אַלע מאָל איין אַנדער שטיקל „דאס לעצטע מאָל", און ווישט אוים מיט דער צונג די ליפּען.

* * *

— אַ גוט יום-טוב, די בַּעל־הַבָּיתְ'טֶע האָט אײַך גֶעשִׁיקְט שְׁלַח־מָנוֹת! — זאָגט נַחֲמָה די שְׁוואַרְצֶע און טְרָאגְט אונְטֶער זֶעלְדֶען דֶעם איבֶּערְגֶעדֶעקְטֶען שְׁלַח-מָנוֹת.

— בַּיי ווֶעמֶען דִיעֶנְסְט דוּ? — פְרֶעגְט זי זֶעלְדֶע מִיט אַ פְרַײנְדְלִיך שְׁמֵייכִיל, און נֶעמְט צוּ בַּיי אִיהר דֶעם שְׁלַח-מָנוֹת פוּן די הֶענְד.

— בַּיי זְלַאטֶע רֶב אַייזִיק בַּעַל־בְּרִית'נִיקְס — מַאכְט נַחֲמָה די שְׁוואַרְצֶע און וואַרְט, מֶע זאָל בַּיי אִיהר צוּנֶעמֶען דֶעם שְׁלַח־מָנוֹת און אוּמְקֶעהְרֶען דֶעם בֶּעקֶען.

זֶעלְדֶע נֶעמְט זִיךְ מִיט אֵיין הַאנְד צוּ דֶער קֶעשֶׁענִי בֶּעצָאהְלֶען דֶעם מֵיידִיל אַ גְרָאשֶׁען פַאר'ן ווֶעג און מִיט דֶער אַנְדֶערֶער הַאנְד דֶעקְט זי אָפּ דֶעם שְׁלַח־מָנוֹת און בְּלַײבְּט שְׁטֵעהְן ווי גֶעלֵייְמְט.

— וואָס אִיז דָאס? מְנַשֶּׁה, טְהוּ נוּר אַ קוּק!...

מְנַשֶּׁה דֶערְזֶעהְט דֶעם שְׁלַח־מָנוֹת חַאפְּט עֶר זִיךְ בַּיי די זַייטֶען, בֵּייגְט זִיךְ צוּ בִּיז דֶער עֶרְד און מַאכְט אַזאַ גֶעלֶעכְטֶער, אַז רֶב יָאסִי קֶעטֶעשְׁקֶע פַאלְט שִׁיעֶר אַרָאבּ פוּן דֶער קַאנַאפֶּע אַ דֶערְשְׁרָאקֶענֶ'ר.

— הַא? וואָס? וואָס אִיז? ווער אִיז דָארְטֶען?...

— זֶעה נוּר אַ שְׁלַח־מָנוֹת! — מַאכְט צוּ אִיהם זֶעלְדֶע און לֵייגְט צוּנוֹיף בֵּיידֶע הֶענְד אוֹיפְ'ן בּוֹיךְ. מְנַשֶּׁה הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ לַאכֶען און רֶב יָאסִי קֶעטֶעשְׁקֶע טְהוּט אַ שְׁפֵּיי, דְרֵעהְט זִיךְ אוּם מִיטְ'ן פְּנִים צוּם וַואנְד און שְׁלָאפְט וַוייטֶער.

זֶעלְדֶע טְהוּט אַ שְׁמִיץ נַחֲמָה'ן דֶעם בֶּעקֶען מִיטְ'ן סֶערְווֶעטִיל, און זָאגְט צוּ אִיהר:

— זָאלְסְט זָאגֶען דֶער בַּעַל־הַבָּיתְ'טֶע דַיינֶער, זי זָאל דֶערְלֶעבֶּען אִיבֶּער אַ יָאהר און זָאל קֵיין שֶׁענֶערֶען שְׁלַח־מָנוֹת נִיט פֶערְמָאגֶען!

— אָמֵן גַם אַתֶּם! — מַאכְט נַחֲמָה די שְׁוואַרְצֶע און נֶעמְט צוּ דֶעם בֶּעקֶען.

— מִיטְ'ן קָאפּ אִין דֶער עֶרְד! זָאגְט זֶעלְדֶע מִיט כַּעַס. אַ מוֹיד אֵיין עַזּוּת'נִיצֶע קָאן! וואָס זָאגְסְט דוּ אוֹיף אִיהר, מְנַשֶּׁה?...

ד.

זְלַאטֶע ר' אַייזִיקְ'ס, אַ יוּדִינֶע וָואס הָאט אַלֶע יָאהר אַ קִינְד אוּנ הָערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ דָאקְטֶערֶען זִיךְ, אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַזוֹי אוֹיסְגֶעמִידְט פוּנ'ם שְׁלַח-מָנוֹת אָפְנֶעמֶען אוּנ צֶרוֹיסְגֶעבֶּען, אַז זִי הָאט זִיךְ גֶעמוּזְט צוּזֶעצֶען אוֹיף אַ בֵּייְנְקִיל אוּנ קָאמַאנְדֶעוֶוען מִיטְ'ן מַאן אַייזִיק בַּעַל-בְּרִית'נִיק (אַזוֹי הָאט מֶען אִיהם גֶערוּפֶען אוּנְטֶער דִי אוֹיגֶען, דֶערְפַאר וַוי ער פְּרַאוֶועט אַלֶע יָאהר אַ בְּרִית).

— אַייזִיק, נֶעם אָט אַ יֶענְץ שְׁטִיקִיל טָארְט אוּנ לֵייג אַוֶועק אַהֶער, אוּנ דָאס שְׁטִיקִיל קוּמִישׁ-בְּרוֹיט, מִיט דִי צְוֵויי מָאהֶנְדְלִיךְ פוּן דַאנֶען לֵייג צוּ אַהִין, אַייזִיק, אוּנ דֶערְלַאנְג מִיר יֶענְץ קִישֶׁעלֶע וָואס מִיט דִי פַּארְפֶעל, נֵיין נִיט יֶענְץ, אָט אַ יֶענְץ! נוּ, רִיהר זִיךְ אַייזִיק! זֶעה נָאר וִוי מֶע בֶּעדַארְף אִיהם לֶערְנֶען קָמֵץ-אַלֶף וִוי מִיט אַ קְלֵיין קִינְד! אוּנ נֶעם יֶענְץ לֶעקֶעכִיל, דָאס גְרֶעסֶערֶע אוּנ לֵייג צוּ אַהִין, אָט אַזוֹי אוּנ צֶעשְׁנֵייד דָאס שְׁטִיקִיל טָארְט אוֹיף צְווייֶען, צוּ אַ גְרוֹיסֶע שְׁטִיק טָארְט, אַייזִיק, אַיין עֲבֵירָה... אִין דֶער עֶרְד אַרַיין, מַמְזֵרִים, וָואן!

דִי לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען אוֹיף אַ גַאנְצֶער הָאפְטֶע וַוייסֶע חֶבְרָה'נִיקֶעס, וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אַרוּם אִיהר מִיט הוֹילֶע פוּפֶקֶעס גֶעקוּקְט אוֹיף דִי זִיסֶע זַאכֶען מִיט זְשֶׁעדְנֶע אוֹיגֶען אוּנ בֶּעלֶעקְט זִיךְ.

דִי וַוייסֶע חֶבְרָה'נִיקֶעס נַגְבָה'נֶען זִיךְ אוּנְטֶער אַלֶע מָאל פוּן אוּנְטֶען, ווילֶען אַוֶועקְשְׁלֶעפֶּען אַ לֶעקֶעכִיל פוּנ'ם טִישׁ, דֶערְזֶעהט דִי מַאמֶע אוּנ שֶׁענְקְט אַ פַּאטְשׁ, אָדֶער אַ סְטוּסַאק מִיט אַ פָּאטִילֶעטְשְׁנִיק.

* * *

— אַ גוּט יוֹם-טוֹב! דִי בַּעַל-הַבַּיִת'טֶע הָאט אַייךְ גֶעשִׁיקְט שְׁלַח-מָנוֹת — זָאגְט נַחֲמָה דִי רוֹיטֶע אוּנ טְרָאגְט אוּנְטֶער זְלַאטֶען דֶעם אִיבֶּערְגֶעדֶעקְטֶען שְׁלַח-מָנוֹת.

— בַּיי וֶועמֶען דִינְסְט דוּ? פְרֶעגְט זִי זְלַאטֶע מִיט אַ פְרֵיינְדְלִיךְ שְׁמֵייכֶעלִי, אוּנ נֶעמְט צוּ בַּיי אִיהר דֶעם בֶּעקֶען פוּן דִי הֶענְד.

— בַּיי זֶעלְדֶע רֶב יָאסִי לֶעמֶעשְׁקֶעס — זָאגְט נַחֲמָה דִי רוֹיטֶע

און ווארט, מע זאל ביי איהר צונעמען דעם שלח־מנות און אומקעהרעי דעם בעקען.

זלאטע נעמט זיך מיט איין האנד צו דער קעשעני בעצאהלען דעם מיידיל א גראשען פארן וועג און מיט דער אנדערער האנד דעקט זי אב דעם שלח-מנות און בלייבט שיער חלשות.

— אללע בייזע ווייסטע שלעכטע טוידטע פינסטערע חלומות זאל אויסגעהן צו מיינע שונאים'ס קעפ און צו זייערע הענד און פיס און צו זייער לייב און לעבען! זעה נאר א מין שלח־מנות! אזוי ווי עפים נאר אויף א געלעכטער, א הולטייקע קען!

— נא, געב דאס אב דער בעל־הבית'טע דיינער צוריק! — זאגט זלאטע און טהוט א שמיץ נחמה דער רויטער דעם בעקען מיט'ן סעד־וועטיל מיט'ן שלח־מנות צוריק אין פנים אריין.

ה.

רב יאסי לעמעשקי און רב אייזיק בעל־ברית'ניק זענען ביידע קרעמער אין בתריליוווקע א קלייטיל נעבען א קלייטיל; און חאטש זיי זענען קאנקורענטען הייסט דאס, און שלעפען איינס ביים אנדערען קונים, אבי זיי קענען נאר, פון דעסטוועגען איז מען צווישען זיך דוקא גוטע ברידער, מע חאפט איינער ביים אנדערען א גמילת חסד, מע געהט איינער צום אנדערען אויף שמחות, יום־טוב — אויף קדוש, ווי עס געהער צו זיין צווישען גאהינטע שכנים: זומער זיצט מען גאנצע טעג אין קלייט און מע שפיעלט אין ביינדליך און ווינטער געהט מען אריין איינער צום אנדערען זיך אנוואריעמען אביסל. אויך די ווייבער צווישען זיך לעבען גאר פריינדליך, רעדען ביידע אב פון דער גאנצער וועלט, לייהען זיך אויס איינס דאס אנדערע אז סע פעהלט סחורה, פערטרויען זיך איינע דער אנדערע די גרעסטע סודות, קריגען זיך כמעט קיין מאל ניט, און אפילו אז עס מאכט זיך זיי צוקריגען זיך א מאל איבער א נארישקייט, בעטען זיי זיך באלד איבער... הכלל ס'איז א לעבען "ווי אונטערען באד". אויף מארגען נאך פורים, אז רב

אײַזיק בעל-בּרית'ניק איז אַרויסגעקומען עפּעס די קלײט, איז שוין רב יאָסי לעמעשקע געשטאַנען בײַ דער טיר פון זײַן קלײט אָנגעבלאָזן ווי אַן אינדיק און געוואַרט אַז רב אײַזיק זאָל צוגעהן צו איהם זאָגן אַ גוט מאָרגען, וועט ער איהם ניט ענטפערן... רב אײַזיק וואָס איז אויך געווען גוט אָנגעדרודלט פון זײַן ווײַב אויף רב יאָסין, האָט אויסגעשלאָסן די קלײט, זיך אַנידערגעשטעלט בײַ דער טיר און געוואַרט ביז רב יאָסי וועט צוגעהן צו איהם און וועט איהם זאָגן אַ גוט מאָרגען וועט ער איהם ניט ענטפערן... און אַזוי זענען זײ געשטאַנען בײדע אײנס אַקעגען דאָס אַנדערע ווי די האָהנען און געוואַרט ווער וועט אָנהויבן פריהער... זײ וואָלטען געקאָנט אַזוי אַרומשטעהן בײדע אַ גאַנצען טאָג, ווען עס זאָלען ניט געווען אָנקומען זײערע בײדע ווײַבער פון'ם מאַרק, בײדע מיט פלאַמענדיגע פּנימ'ער און מיט ברענענדיגע אויגען פאַר כּעס.

— אײַזיק, פאַר וואָס דאַנקסט דו איהם ניט אָב פאַר'ן שענעם שלח מנות, אײַזיק, וואָס זײַן יפהפיה האָט מיר געשיקט? רופט זיך אָן זלאַטע צו איהר מאַן.

— יאָסי, פאַר וואָס דערמאָנסט דו איהם ניט דעם געכטיגען שלח-מנות? זאָגט זעלדע צו איהר מאַן.

— אײַזיק, דו העסט, אײַזיק, זי רײצט זיך נאָך! וואָס שווײַגסט דו איהם, אײַזיק?

— וואָס וועל איך געהן רעדען מיט אַ „לעמעשקע"? זאָגט רב אײַזיק הויך אויף אַ קול, בּכדי רב יאָסי זאָל דערהערען, אַז ער רופט איהם „לעמעשקע".

— איך האָב מורא אָנהויבען זיך מיט אַ „בעל-בּרית'ניק"!... זאָגט רב יאָסי הויך אויף אַ קול, בּכדי רב אײַזיק זאָל הערען אַז ער רופט איהם „בעל-בּרית'ניק"...

דאַכט זיך אין פלוג וואָס ליגט אַזעלכעס אין'ם וואָרט „בעל-בּריתניס"? איטליכער ייד אַז זײַן ווײַב ווערט געלעגען און האָט אַ יונגיל ווערט ער אויפ'ן אַכטען טאָג אַ בעל-בּרית'ניס.

רב אייזיק אבער האט אלסדינג אויף דער וועלט געקאנט איבער־טראגען, נאר נישט דעם צונעמעניש „בעל־ברית׳ניק“. דאס איז פאר איהם געוועזען טויזענד מאל ערגער ווי אין טאטען אריין געשאלטען! ער איז דעמאלט ־קאפאבעל געוועזען יענעם צורייסען אויף שטיק שטיקליך!...

דאס אייגענע איז געוועזען מיט רב יאסי. איהר זאלט איהם געבען דריי פעטש, וואלט ביי איהם געוועזען מעהר ניחא ווי דאס ווארט „לעמעשקע“.

עס איז זיך צענויפגעלאפען דער גאנצער מארק און מע האט זיי קוים צענומען; מע האט געוואלט געוואהר ווערען פאר וואס און פאר ווען האבען זיך עס צוויי נאהענטע שכנים און גוטע פריינד פלוצים פערפאהרען איינס דאס אנדערע אין די בערד אריין... נאר רב יאסי און רב אייזיק און זלאטע און זעלדע האבען גערעדט אלע פיער איינס איבער דאס אנדערע, זיי האבען אלע אזוי געפולדערט און געקוויטשעט, אז מע האט נור געקאנט הערען „שלח־מנות“! „שלח־מנות“! — און גענוג. וואס „שלח־מנות“? ווער „שלח־מנות“? — דאס איז אונמעגליך געוועזען צו דער גרינטעווען זיך.

— אז דו ווערסט ניט איינגעבען צום מיראוואי אויף דער „לעמעשקע“, זאלסט דו זיך געזעגענען מיט׳ן לעבען! — האט זלאטע געשריגען אויף איהר מאן, און רב יאסי האט זיך אנגערופען צום גאנצען מארק:

— יודען, איהר זאלט זיין עדות, אז די דאזיגע הולטייקע האט מיך אנגערופען „לעמעשקע“! אט געה איך באלד און גיב איין דעם מיראוואי אויף איהר און אויף איהר מאן דעם „בעל־ברית׳ניק“ א פאפיר.

— יודען! — האט זיך אנגערופען רב אייזיק — איהר זאלט וויסען אז איך שטעל אייך פאר עדות ביים מיראוואי, אז דער דאזיגער... דער דאזיגער... איך וועל איהם ניט אנרופען ביי זיין שענעם נאמען, האט מיך נאר וואס אנגערופען „בעל־ברית׳ניק“!

אין א שעה ארום זענען זיי ביידע געוועזען ביי יודיל דעם

שרייבער, ביידע האבן געשטעלט עדות אונ ביידע האבן איינ־
געגעבעי צום מיראָוואַי.

ו.

דער כּתריליווקער מיראָוואַי — פֿאַן מיליגיעווסקי, אַ גראָבער פּריץ מיט אַ לאַנגער באָרד אונ מיט אַ הויכען שטערען, איז שוין אַזוי לאַנג מיראָוואַי, אַז ער איז גוט בעקאַנט מיט דער גאַנצער שטאָדט, אויסגעבונדען מיט איטליכען בעזונדער אונ איבערהויפּט מיט כּתריליווקער יודען, ער קאַן יעדען איינציגען, ווייסט יעדענס כאַראַקטער דורך אונ דורך, פֿערשטעהט יודיש ווי אַ יוד, קלוג ווי די וועלט, — מאַקי גאָר „אַ יודישע קאָפּ אויף איהם!...״ זאָגט מען אין כּתריליווקע.

קומט אָסיען־צייט, אַרום נאָך סכּות, ווערט ער פֿערוואָרפֿען מיט פּאַפּירען אונ אַלץ פֿון יודען זאָלען געזונד זיין, — נישט חלילה פֿאַר גנבות גזלות אונ רציחות, — ניין! נאָר פֿאַר פֿייגען אונ פֿאַר פּעטש איבער „שישי״, איבער „אתה־הראית״, איבער „חתן־תורה״ אונ „חתן בראשית״. פֿאַן מיליגיעווסקי האָט פֿייגד מאַכען מיט די כּתריליווקער יודען צערעמאָניעס, אַריינלאָזען זיך מיט זיי אין לאַנגע חקירות, אונ קיין סך רעדען לאָזט ער זיי ניט, וואָרום ס׳איז אַ מעשה אָהן אַן עק. ווילען זיי שלום, איז רעכט (פֿאַן מיליגיעווסקי איז אַ רודף־שלום ניט); אָלא ניט, טהוט ער אָן די קייט אונ שניידט. „פּאָ אוקאַזו נאַ אָסנאָוואַניע מאַקאַי־טאָ אי מאַקאַי־טאָ סטאַטי פּסקה איך אָב הערשקען זאַ פּאַסען (חתן)־בּראשית דריי טעג וועזשע. אונ יענקלען זאַ פּאַסען (חתן)־תורה דריי טעג וועזשע...״ קיין מיוחסים, ווי איהר זעהט. איז ביי איהם נישט פֿאַרהאַן...

פונקט צוויי וואָכען פֿאַר פּסח איז געווען דער משפּט פֿונ׳ם „שלח־מנות״. דאָס מיראָוואַי־שטיביל איז געווען פֿול אָנגעשטויסען מיט יודען אונ ווייבער, וואָס כּמעט אַלע זענען געווען עדות, ס׳איז ניט געווען וואו אַ שפּילקע דורכצוּוואַרפֿען.

— אייזיק, יאָסקע, זלאַטע, זעלדע! — האָט אויסגערופֿען פֿאַן

מִילִינִיעָוִוסְקִי, אוּן עֶס זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעטְרָאטֶען פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער בַּאנְק רָב יָאסִי לֶעמֶעשְׁקֶע אוּן רָב אַייזִיק בַּעַל־בְּרִית׳נִיק מִיט זַייעֶרֶע וַוייבֶּער; אוּן אֵייְדֶער דֶער מִירָאוָואי הָאט נָאךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט אַ וָוארְט, הָאבֶּען זֵיי אַלֶע פִיעֶר מִיט אַמָאל אָנְגֶעהוֹיבֶּען רֵעדֶען, אוּן מֶעהר פוּן אַלֶע אוּן הֶעכֶער פוּן אַלֶע גֶעוֵוייהְנְלִיךְ דִי וַוייבֶּער.

— גָאסְפָּאדִין מִירָאוָואי — זָאגְט זֶעלְדֶע, שְׁטוּפְּט אָב דֶעם מַאן אִין בֶּעוֵוייזְט מִיט דֶער הַאנְד אוֹיף זְלַאטֶען — אָנַא עֶטַא הוֹלְטַייקֶע דָא מִינִיֶע פְּרִיסְלַאיֶעט הַיינְטִיגֶען פוּרִים חַארָאשִׁי שְׁלַח־מָנוֹת נַא לַייטִישׁ גֶעלֶעכְטֶער! פַּארִישִׁיוו שְׁטְרוּדֶעל אִי אָדִין צוּקֶערְלֶעקִיכִיל, פְּרָאסְטָא חוּזֶק, סְטְרַאם, טְפוּ!...

— אוֹי! אוֹי, אוֹי! אִיךְ וֶועל דָאס גָאר נִיט אוֹיסְהַאלְטֶען! שְׁרַייט זְלַאטֶע אוּן שְׁלָאגְט זִיךְ אִין הַארְצֶען — דַאי בָּאזְשֶׁע מִינִי מַאקִי שְׁבַאטָאק זָאלָאטֶע!

— אָמֵן! — זָאגְט זֶעלְדֶע.

— שְׁוַויינ, דוּ פִּיסְקַאטֶע! דְוַוא פָּאדוּשִׁיטְשְׁקִי, גָאסְפָּאדִין מִירָאוָואי, דַאי בָּאזְשֶׁע מִינִי מַאקִי מַזָל, אִי קוּמִישְׁבְּרוּט, אִי צַארְסְקִי חָלִיעב, אִי צָרוֹת אִיהֶר, אִי פְּרַאנֶעק! אִי פַּרְעֹה׳ס מַכּוֹת! אַ הַאמֶענֶע אוּכֶע? וֵועה אִיז מִיר!

— יַאקָאי הַאמֶענֶע אוּכֶע? סֶע הוֹיבְּט זִיךְ גָאר נִיט אָן!

דֶער מִירָאוָואי הָאט גֶעפְּרוּבְּט אַיינְשְׁטִילֶען דִי וַוייבֶּער פְרִיהֶער מִיט גוּטֶען, נָאכְדֶעם מִיט בֵּייזֶען, גֶעקְלוּנְגֶען מִיט׳ן גְלֶעקִיל, אוּן אַז עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען אַז עֶס הֶעלְפְט נִיט, ס׳אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ זֵיי צוּצוּמַאכֶען דָאס מוֹיל, הָאט עֶר דִי וַוייבֶּער אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען מְחִילָה אִין דְרוֹיסֶען אַרוֹיס, סֶע זָאל וֶוערֶען אַבִּיסִיל שְׁטִילֶער, מֶע זָאל חָאטְשׁ קָאנֶען הֶערֶען וָואס סֶע רֶעדְט, אוּן דִי מַאנְסְבִּילֶען הָאט עֶר גֶעגֶעבֶּען אַיין עֵצָה זֵיי זָאלֶען גֵעהְן צוּם רָב.

— נָא רַאבִּינַא! — הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט — דָא רַאבִּינַא סְוַואשִׁי הַאכְעֶנְעַאכֶע! — אוּן דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם אִיז אַוֶועק פוּן דָארְטֶען צוּם רָב.

ז.

רֶבּ יוֹזִיפִּיל דֶער רָב, וָועדְלִיג עֶר אִיז בֶּעקַאנְט אוּנְזֶערֶע לֵיעזֶער, אִיז בָּרוּךְ־הַשֵּׁם אַזַא יוּד, וָואס קָאן אִיבֶּערְטְרָאגֶען אוֹיף זִיךְ אַלְסְדִינְג. עֶר הָאט לִיעבּ אוֹיסְהֶערֶען אִימְלִיכֶען בֶּעזוּנְדֶער בִּיזְ'ן סוֹף. רֶבּ יוֹזִיפִּיל גֶעהט מִיט דֶעם גַאנְג, אַז יֶעדֶער מֶענְשׁ, וויפִיעל עֶר זָאל נִיט רֶעדֶען, מוּז עֶר אַמָאל אוֹיסְהֶערֶען, וָוארוּם אַ מֶענְשׁ זָאגְט עֶר אִיז נִיט קֵיין מַאשִׁינֶע... דֶער חִסָרוֹן אִיז נָאר גֶעוֶוען וָואס אִיצְטִיגְס מָאל הָאבֶּען זֵיי גֶערֶעדְט אַלֶע פִיעֶר אִינְאֵיינֶעם. אֵיינְס אִיבֶּערְ'ן אַנְדֶערֶען, אוּנ אוֹיךְ מֶענְשֶׁען פוּן דֶער זַייט הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע מָאל אַרַיינְגֶעמִישְׁט, נָאר וָואס מַאכְט דָאס אוֹיס? אַלְסְדִינְג אוֹיף דֶער וֶועלְט מוּז הָאבֶּען אַ סוֹף... אַז אַלֶע הָאבֶּען זִיךְ גוּט אָנְגֶערֶעדְט, אָנְגֶעשְׁרִיגֶען אוּנ אָנְגֶעקְרִיעגְט, אוּנ ס'אִיז גֶעוָוארֶען שְׁטִיל, הָאט זִיךְ רֶבּ יוֹזִיפִּיל אָנְגֶערוּפֶען צוּ בֵּיידֶע צַדָדִים פַּאוָואלִי, בִּנְעִימוּת, וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז, מִיט אַ זִיפְצִיל:

— אֶךְ־אֶךְ־אֶךְ! גֶעהט אַזַא יוֹם־טוֹב, אַזַא הַיילִיגֶער יוֹם־טוֹב, פֶּסַח! אַ קְלֵיינִיגְקֵייט פֶּסַח! אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען דֶעם יַם, אַזַא יַם, אִין דֶער טְרוּקֶענִישׁ! גֶעבְּלָאנְדְזֶעט אִין דֶער מִדְבָּר פֶערְצִיג יָאהר, פֶערְצִיג יָאהר! מְקַבֵּל גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן בַּארְג סִינַי דִי תּוֹרָה, אַזַא תּוֹרָה, וָואס דָארְט שְׁטֵעהט גֶעשְׁרִיבֶּען בְּפֵירוּשׁ: „וְאָהַבְתָּ — אוּנ דוּ זָאלְסְט לִיעבּ הָאבֶּען, לְרֵעֲךָ — צוּ דַיין חָבֵר, כָּמוֹךָ — וִוי זִיךְ אַלֵיין זָאלְסְט דוּ לִיעבּ הָאבֶּען!..." צוּם סוֹף, אוֹי, צוּם סוֹף קְרִיגֶען זִיךְ יוּדֶען, בַּעֲוֹונוֹתֵינוּ־הָרַבִּים, רַייסֶען זִיךְ בַּיי דִי בֶּערְד, אִיבֶּער וָואס? אִיבֶּער נַארִישְׁקַייטֶען, שְׁטוּתְ'עֶרַייעֶן... אַ חִלוּל־הַשֵּׁם פַאר גוֹיִם, כְּלֶעבֶּען, אַ חִלוּל־הַשֵּׁם!... מֶע זָאל בֶּעסֶער אִין זִינֶען הָאבֶּען מָעוֹת־חִטִּין, אָרִימֶע־לַייט גֶעבִּיךְ הָאבֶּען נָאךְ נִישְׁט קֵיין מַצוֹת אוֹיף פֶּסַח; פוּן אֵייעֶר אוּנ פוּן שְׁמַאלְץ אוּנ פוּן שְׁאָר־יְרָקוֹת שְׁמוּעֶסְט מֶען נִיט, — מַצוֹת חָאטְשׁ, גֶעוַואלְד, מַצוֹת אוֹיף פֶּסַח! אַ קְלֵיינִיגְקֵייט פֶּסַח! אַזַא יוֹם־טוֹב! אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם, אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען דֶעם יַם, אַזַא גְרוֹיסֶען יַם! אִין דֶער טְרוּקֶענִישׁ, גֶעבְּלָאנְדְזֶעט אִין דֶער מִדְבָּר פֶערְצִיג יָאהר, פֶערְצִיג יָאהר! מְקַבֵּל

גֶעוועֶן אוֹיפְ'ן בַּארְג סִינַי דִי תּוֹרָה, אַזַא תּוֹרָה, אַזַא תּוֹרָה!... פַאלְגְט מִיךְ, יוּדִישֶׁע קִינְדֶער, זַייט זִיךְ מוֹחֵל אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען, וֶוערְט שָׁלוֹם, אוּנ גֵעהט אַהֵיים גֶעזוּנְדֶערְהֵייט אוּנ הָאט בֶּעסֶער אִין זִינֶען עֶס גֵעהט אַזַא יוֹם־טוֹב, אַזַא גְרוֹיסֶער, אַזַא הֵיילִיגֶער יוֹם־טוֹב!...

אֵיינְצִיגְוַויז, אֵיינְצִיגְוַויז, הָאט זִיךְ דֶער עוֹלָם אָנְגֶעהוֹיבֶּן אַרוֹיסְ־רוּקֶען פוּנ'ם רָבִ'ס שְׁטוּבּ, כְּלוֹמֶרְ'שְׁט גֶעלַאכְט פוּן רֶב יוֹזִיפִילְ'ס מִשְׁפָּט מִיט אַ וֶוערְטִיל: „יַאק נֶע פֶּסֶק, טָא פֶּסַקֶעץ", ווִי דֶער שְׁטֵיינֶער אִיז פוּן דִי כַּתְּרִילִיוְוקֶער לֵצִים; נָאר אִינְוַוייְנִיג בַּיי זִיךְ אִין הַארְצֶען הָאט אִיטְלִיכֶער בֶּעזוּנְדֶער גֶעפִיהלְט אַז רֶב יוֹזִיפִיל אִיז גֶערֶעכְט, אוּנ מֶע הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט נָאךְ אַ־יָאר אִיבֶּערְחַזֶר'ען דִי מַעֲשֶׂה מִיטְ'ן שְׁלַח־מָנוֹת...

* * *

דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאג פֶּסַח אִין דֶער פְרִיה נָאכְ'ן דַאווְנֶען אִיז רֶב יָאסִי לֶעמֶעשְׁקֶע (עֶר אִיז יוּנְגֶער) גֶעוועֶן בַּיי רֶב אַייזִיק בַּעַל־בְּרִית'נִיק אוֹיף קִדּוּשׁ, גֶעלוֹיבְּט דֶעם פֶּסַח'דִיגֶען וַויין, אַז עֶר אִיז הַיינְטִיגֶעם יָאהר גָאר אַ חֲרִיפוּת, אוּנ גֶעלֶעקְט דִי פִינְגֶער פוּן זְלַאטֶעס פַאלִירְטְשִׁיקֶעס; אוּנ דֶעם אַנְדֶערֶען טָאג פֶּסַח אִין דֶער פְרִיה אִיז רֶב אַייזִיק בַּעַל־בְּרִית'נִיק (עֶר אִיז עֶלְטֶער) גֶעוועֶן בַּיי רֶב יָאסִי לֶעמֶעשְׁקֶע אוֹיף קִדּוּשׁ, גָאר נִישְׁט גֶעקָאנְט אָבְּלוֹיבֶּען זִיךְ פוּנ'ם פֶּסַח'דִיגֶען וַויין פוּן רָאזִינְקֶעס אוּנ פוּן זֶעלְדֶעס פַאלִירְטְשִׁיקֶעס. אוּנ בַּיי טָאג, נָאכְ'ן עֶסֶען, אַז זֶעלְדֶע מִיט זְלַאטֶען זֶענֶען זִיךְ צוּנוֹיפְגֶעקוּמֶען אוּנ צוּרֶעדְט פוּנ'ם שְׁלַח־מָנוֹת, אִיז דֶער אֱמֶת אַרוֹיף ווִי בּוֹימֶעל אוֹיפְ'ן וַואסֶער, אוּנ בֵּיידֶע דִיעֶנְסְט־מֵיידְלִיךְ, נַחֲמֶה דִי שְׁוַוארְצֶע אוּנ נַחֲמֶה דִי רוֹיטֶע, הָאבֶּען שׁוֹין גֶעהַאט צַייעֶר עֶהרְלִיךְ אוֹיסְקוּמֶענִישׁ: תֵּיכֶּף נָאךְ פֶּסַח הָאט מֶען זֵיי גֶעגֶעבֶּען דֶעם וֶועג.

בוכהאנדלונג „צענטראל“.

ווילנא — ווארשא — נויארק

בערנשטיינ'ס נייער יודישער

בריעף-לעהרער.

אין אונזער אלטעגליכער ליטעראטור פיהלט זיך שוין לאנג דער מאנגעל פון א אנשטענדיגען בריעפלעהרער, און קיין איינער פון די פער־האנענע בריעפענשטעלערס איז נישט אימשטאנד אויסצופילען דעם פלאץ פון א אמת'ן האנד- און הילפס-בוך, אין וועלכען דער לעזער זאל געפינען אלץ, וואס איז איהם נויטיג אין זיין גייסטיגען און געשעפטליכען פער־קעהר מיט די נאהנטע און ארומיגע. איצט האבען מיר דעם מאנגעל אויס־געפילט: אונזער בריעפלעהרער, וואס איז צוזאמענגעשטעלט לויט דעם מוסטער פון די בעסטע אייראפעאישע בריעפלעהרער, שטעלט פאר מיט זיך א ווירקליכע ענציקלאפעדיע פאר אלץ, וואס האט נאר א שייכות צו דעם אלטעגליכען לעבען פון יעדען איינציגען.

אין דעם בריעפלעהרער געהען אריין פאלגענדע אבטהיילונגען:

פאמיליען-בריעף, פריינדשאפטס-בריעף, ליעבעס-בריעף, יוגענד-בריעף (ספעציעל פאר דער יודישער אינטעליגענטער יוגענד), קלאסישע מוסטערן, געשעפטס-בריעף, גראטולאציעס, אלבאם-אויפשריפטען, טאסטען, עפיגראמען און נאך אנדערעס.

מיט א אויספיהרליכער איינלייטונג און א קורצער גראַ־מאטיק פון דער יודישער שפראך.

פרייז 50 קאפ.

דער נייער יודישער

פאלקס-בריעפענשטעלער

דער בריעפענשטעלער ענטהאלט א רייכע סעריע מוסטערן פון בריעף פאר אלע קלאסען פון פאלק און פאר אלע אינטערעסען פון דעם אלטעגליכען לעבען. — פרייז 25 קאפ.

דער יודישער

קאליגראפישער-בריעפענשטעלער.

זעהר וויכטיג פאר יונגערע און עלטערע קינדער, אויסגעצייכענטע שלעכטע האנדשריפטען, מיט אנ'אויספיהרליכער איינליימונג.

פרייז 20 קאפ.

Buchhandlung „CENTRAL“ Warschau—Wilno — New-Jork —

שלום עליכם:

74) די ווייסע כפרה 10
75) דער טוידטער אתרוג 10
76) א בוידעם 7
77) הייגטיגע קינדער 8
78) חנוכה-געלד 7
79) אלעמען גלייך 10
80) א פערשטערטער פסח 7
81) דער נס פון הושענה רבה 5
82) צו אונזערע שוועסטערן 8
83) צוויי שלח-מנות'ן 5
84) אויף וואס דארפען
יודען א לאנד ? 8
85) סטעמפעניו 40
86) מילכיגס 5
87) פינף און זיעבעציג
טויזענד 15
88) דייטש 5
89) חרוסת 5
90) א פריהער פסח 5
91) וועליג מעכאניק 10
92) לאנדאן 10
93) פאפירלעך 10
94) אויפ'ן פידעלע 8
95) א בכבוד'ע פרנסה 8
96) מענדער בלאנק 35
97) מיליאנען 20
98) איין מאל א סוכה 5
99) די פאהן 5
100) עס פיעדעלט נישט 7
101) בלומען 7
102) שלים-שלים-מזל 7
103) פערבענקט אהיים 5
104) געצו 5
105) דאס דריידיל 8

ז. ווענדראף:

106) איבער די קשיות 5
107) א ענדיק אויף פסח 5
108) א סוכה אויפ'ן בוידעם 5

שלום עליכם:

109) די ראזינע נאכט 8
110) העכער און נידעריגער 8
111) די רויטע יודעלעך 10
112) ווארים-בעדער 10
113) גלות דאטשע 20

מענדעלי מו"ס:

114) וואס איז חנופה ? 5

שלום עליכם:

115) קבר אבות 5
116) מען טאר נישט זיין
קיין גוטער 5
117) גיטא קיין מזל 5
118) דריטע קלאס 5
119) דער גליקליכער אינקאדני 5
120) סטאנציע באראנאוויץ 5
121) א מענש פון בוענאס-
איירעס 5
122) א תחונה אהן גלי-זמר 5
123) רוף מיך קאקניסעל 5
124) קעניג פיק 5
125) א זעקס-און-זעכציג 5

ז. ווענדראף:

126) גענעכטיגט אין סוכה 5
127) מרדכי אין סקאבעלעוו 5
128) צאלע דער בעל חשבון 5
129) ביים גרינעם טישעל 5
130) צמח דרעהקאפ 5
131) דער ארעסער
קראסאוויצע 5
132) זרח און פאלטי 5
133) דערלעבט 5

הויפטפערקויף אין דער בוכהאנדלונג „צענטראל"

Книжный магазинъ „ЦЕНТРАЛЪ" Варшава, Новолипки 7.

Buchhandlung „CENTRAL" Warschau Nowolipki 7.

בוכהאנדלונג „צענטראל"

ווילנא — ווארשא — ניו־יארק

שלום־עליכם'ס ווערק.

№		פערלאג	בראשירט ר'	בראשירט ק'	געבונדען ר'	געבונדען ק'
296.	פיער טייל אין צוויי בענדער .	פראגרעס	2	50	3	10
297.	יובילעאום־אויסגאבע באנד I	„	1	—	1	30
298.	„ „ „ II	„	1	—	1	30
299.	„ „ „ III	„	1	—	1	30
300.	מנחם מענדיל'ס בריעף IV . .	„	1	—	1	30
301.	מאטעל דעם חזן'ס V . .	„	—	80	1	05
302.	יודישע קינדער VI . .	„	—	85	1	10
303.	טוביה דער מילכיגער VII . .	„	—	80	1	05
304.	קאמי־וואיאזשארין VIII . .	„	—	80	1	05
305.	דער מבול. . . .	„	—	80	1	05
306.	סטעמפעניו . . .	„	—	40		
307.	סענדער בלאנק און זיין געזינדיל	„	—	35		
308.	א מעשה אהן אן עק . .	„	—	25		

צוזאמען מיט די נייזאמעלטע ווערק פון דעם באליבטען הומאריסט, וואס נעהמען א־ויס סיסטעמאטיש און גרויסען פאר־מאט, האבען מיר ארויסגעלאזען אויך א רייכע סעריע קליינע בראשורען פון שלום עליכם'ס בריליאנטענע הומארעסקען. די דאזיגע בראשורען, וועלכע פערקויפען זיך צו זעהר בילינע פרייזען, זיינען גלייך צוגענגליך פאר אלע שיכטען פון פאלק, און גיעבען יעדען יודישען לעזער די מעגליכקייט, צו געניסען דעם גרויסען נאטירליכען פערגעניגען, וואס נאר איין שלום עליכם איז אימשטאנדע איהם צו פערשאפען.

Księgarnia „CENTRAL" Warszawa—Wilno — New-Jork. —

פאמיליען ביבליאטעק
פערלאג ווארשא

שלום עליכם.

דרייצעהן
פעראייניגטע שטאאטען

№ 24.	פערלאג "פאמיליען ביבליאטעק".	פרייז 10 ק'.

Варшава, 1909. ווארשע. תרס"ט.

13 КОЛОНІЕСЪ, разск. Шолемъ Алейхема.
Тип. И. Эдельштейна, Налевки 38.

ווער עס איז באַקאַנט מיט דער קולטור געשיכטע, ווי אַזוי די מענשליכע געזעלשאַפט האָט זיך ענטוויקעלט, דער וועט זיך ניט וואונדערען אויף אונז, דרייצעהן ראָבינזאָנס אויף די „דרייצעהן אינזעל" וואָס אונז האָט זיך פערגלוסט איינטהיילען זיך מיט אונזער גוטס. אונזערע עלטער-עלטער-זיידעס האָבען אויך אַזוי געטהאָן. פריהער אַז זיי זענען געווען נאָמאַדען, געפיטערט פיה, זענען זיי אַרומגעגאַנגען מיט זייערע שאָף און רינדער פראַנק און פריי איבער פעלדער און וועלדער. שפּעטער אָבער, אַז זיי האָבען זיך אָנגעהויבען באַזעצען אויף לאַנד, זיך גענומען צו ערד אַרבייט — אָט דאָ האָבען זיך אָנגעהויבען קריעגערייען, געשלעגערייען, מלחמות, בלוט האָט געריננען טייכענווייז. יעדער האָט געוואָלט פערחאַפּען וואָס מעהר, און ווער ס'איז געווען שטאַרקער, דער האָט גובר געווען. אויך מיר, דרייצעהן ראָבינזאָנס, זענען פריהער געווען נאָמאַדען, געפיטערט די פיה (ציעגען) אויפ'ן באַרג, געלעבט פון באַנאַנעס און פון נים, וואָס וואַקסען אויף די בוימער און געווען צופריעדען. שפּעטער אָבער אַז דאָס דאָזיגע לעבען האָט זיך אונז צוגעגעסען, האָבען מיר אָנגעהויבען טראַכטען וועגען אַ ישוב, וועגען קאָלאָניזירען אונזער טעריטאָריע, זיך איינטהיילען מיט דער ערד, מיט'ן וואַלד, מיט די בוימער, מיט די פיה און מיט'ן איבעריגען גוטס. דער חלוק איז נאָר, וואָס אונזערע אור-אור-עלטערן פאַרצייטען האָבען דאָס געטהאָן מיט גבורה, מיט מלחמות און בלוט פערגיסונגען, וועהרענד ביי אונז איז דאָס אָפּגעגאַנגען;

דאַנקען גאָט, אָהן מלחמות, אָהן געשלעגע און אָהן מחלוקת. עס איז ניט פערגאָסען געוואָרען קיין טראָפּען בלוט; עס איז ניט געוועזען קיין פערדראָס, קיין קנאה-שנאה, און קיין גורל אויף לאַנד, ווי משה רבינו האָט אָנגעזאָגט, האָבען מיר אויך ניט געוואָרפען. און ס'איז גאָר קיין חדוש ניט: עס איז געווען ביי אונז פון כל טוב אַזוי פיעל און אַרבייטען האָבען מיר בעדאַרפט אַזוי ווייניג אַז ס'איז ניט געווען איבער וואָס צו קריעגען זיך. יעדער איינציגער פון אונז האָט זיך אָבגעקליבען זיין שטיק באַרג, זיינע בוימער, זיינע באַנאַנעס, זיינע ניס, זיינע בלומען, זיינע פיה (ציעגען).

און אַט אויף אַזאַ מין אופן איז זיך יעדער פון אונז געוואָרען אַ בעל הבית פאַר זיך, מיט אַלעס גוטען, מע קאָן זאָגען אַ פירשט. דרייצעהן קאָלאָניסטען, דרייצעהן פירשטען! און אַלע זענען מיר געווען העכסט צופריעדען. פריהער, אַז מיר זענען געווען אַלע אינאיינעם, איז אונז קיין זאַך ניט געווען ליעב. איצטער, אַז מיר האָבען זיך צוטהיילט, איז אונז אַלסדינג געוואָרען טייער. יעדער פון אונז האָט ליעב געקריעגען זיין קאָלאָניע, זיין טעריטאָריע, זיין שטיקעל וואַלד, זיינע בוימער, זיינע ציעגען, זיין הייל. איטליכען פון אונז איז געוואָרען אָנגענעהם דער געדאַנק, אַז ער עסט זיינע אייגענע באַנאַנעס, אַז ער קנאַקט זיינע אייגענע ניס, אַז ער טרינקט זיינע „אייגענע" מילך פון זיינע אייגענע ציעגען... איהר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגען? עס ליעגט עפּיס אין דעם אייגענטהום אַ בעזונדער מין זיסקייט. לאָז זיך אונזער „סאָציאַליסט" רייסען אויף די גלייכע ווענט! איך האָב געהאַט גענוג צייט נאָכצוקוקען נאָך זיך און נאָך זיינע קאָלעגען, די אַלע ראָבינזאָנס, וואָס אויף דער „דרייצעהן אינזעל", שטודירען יעדענס כאַראַקטער, מעלות און חסרונות. איך האָב בעמערקט אַ משונה'דיגע זאַך: דער וואָס מיר האָבען איהם גערופען „סאָציאַליסט", דער וועלכער האָט אָבגעלייקענט אייגענטהום, דער וועלכער האָט אויפגעוויעזען פון די גרעסטע אויטאָריטעטען, אַז אייגענטהום איז גזלה, אָדער ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אויף זיין האַלב רוסישען דיאַלעקט: „סאָבסטווענאָסט איז גראַביעזש" — אַט דער זעלבער סאָציאַליסט אַז עס האָט זיך געטראָפען למשל, איינער על פי טעות איז אַריין צו איהם אין זיין חלק בוימער און האָט זיך צוגעכאַפּט צו זיינע באַנאַנעס, האָט ער, דער סאָציאַליסט, פערגעסען אין דעם מאָמענט זיינע קאָמוניסטישע אידעען און האָט יענעם געגעבען אַ חיסטען סוף, ער זאָל ניט האָבען קיין „פּריוויטשקע" (געוואָהנהייט) „זאַליעזאַיען" (פאַרקריכען) צו יענעמס אין די „קעשענעס" (טאַשען). יאָ מיינע ליעבע פריינד, איהר מעגט אייך

זאגען וואס איהר ווילט. די טהעאריע מיט דער פראקטיק זענען זיך צוויי בעזונדערע זאכען. דעם בעסטען סימן האב איך פון זיך זעלבסט. למשל, איך בין טהעארעטיש א גרויסער חסיד פון וועגעטאריזם, און א גרויסער גענגער פון פלייש. און באמת טאקי, וואס קאן זיין מעהר אבשייליך ווי נעמען, למשל, א הוהן, א לעבענדיגעס וועזען, וואס איז נאט די נשמה שולדיג, קוילען דאס מיט א מעסער, צושניידען דאס אויף שטיקער, לייגען אין טאפ אריין, קאכען אויפ'ן פייער און נאכדעם דאס אויפפרעסען? ווי באלד אזוי, וואס איז דער אונטערשייד פון מיר ביז א ווילדע חיה, אדער ביז א ווילדען מענשען? מיט דעם שטעה איך העכער וואס זיי עסען דאס רויהער הייט און איך עס דאס צוגעבראטען אויפ'ן פייער?.. מיר, אלע דרייצעהן ראבינזאנס אויף אונזער „דרייצעהן אינזעל", זענען געוועזען אזוי וויים וועגעטריאנער, אז מיר האבען זיך געגעבען דאס ווארט, אז טאמער וועלען מיר אמאל אויפגעריכט ווערען פון דאנען, זאל קיין פלייש, קיין פיש און קיין אנדער דבר מן החי נישט קומען צו אונז אין מויל אריין! אי אבער האבען מיר געבענקט נאך א ראסעל-פליישעל מיט קארטאפלעס! נאך א שטיקעל געפילטע פיש מיט פעפער! א קאטלעט, א יויכעל, א נ'איי, א סארדעלל!! מע מוז זיך מודה זיין אז די באנאנעס מיט די ניס מיט די ציעגענמילך האבען זיך אונז אזוי צוגעגעסען, אז מיר וואלטען דאס אלעס אוועקגעגעבען פאר איין פריש ברייטעל אנגעשמירט מיט קנאבעל און פאר איין שטיקעל הערינג, פאר איין ציבעלע מיט שמאלץ! איך בין דערגאנגען אויף אונזער „דרייצעהן אינזעל" א פראקטיקע און איך האף, און אלע מיינע אינזעל קאלעגען וועלען דאס מיר מיטגעבען, אז ס'איז זעהר גוט צו זיין א וועגעטעריאנער און עסען האטש איין מאל אין טאג פלייש!..

דאס איז אבער אלסדינג נישט מעהר ווי חלומות. מיר, דרייצעהן ראבינזאנס, זענען אפגעריסען מיט'ן גרויסען שטורמישען ים פון דער גאנצער וועלט. מיר, דרייצעהן ראבינזאנס, מוזען זיך בענוגענען מיט דעם, וואס מיר האבען, און זיין צופריעדען מיט באנאנעס, מיט ניס און מיט ציעגענמילך אלע יאהרען. וויפיעל אונז איז נאך בעשערט דא צו פערבלייבען. און בכדי די צייט זאל אונז ניט זיין לאנג-ווייליג, בכדי מיר זאלען פערגעסען אונזער עלענד, פערטיעפען מיר זיך אין אלע קלייניגקייטען פון אונזער לעבען, יעדער אין זיין לאך, אדער ווי מיר רופען דאס, אויף זיין טעריטאריע, אין זיין קאלאניע, זיין אייגענטום, זיין גוטס, זיינע אינטערעסען, ווילט זיך יעדען בעשטעטיגען, בעשיצען, פערהיטען זיינע אינטערעסען אדער, איך וואלט

געזאָגט: געזעצליך בערעכטיגען. אַלע טאָג קומען מיר זיך צונויף אין דער בעשטימטער צייט אויף אַ בעשטימטען פּלאַץ. אַ פּלאַץ אויף צו שמועסען האָבען מיר שוין לאַנג אָפּגעקליבען זעהר אַ שענעם: אַ בעזונדער בערגעל אונטער אַ גרויסען בוים. אויף דער ערד — בלומען. פאַר אונזערע אויגען — דער אַלטער בייזער ים מיט די רוישענדע כוואַליעס, וואָס הערט נישט אויף צו ברומען און צו רייצען זיך מיט אונז, אַז דאָרט אויף יענער זייט האָט יעדער פון אונז אַ היים, עלטערן, קינדער, ברידער, שוועסטער, פריינד און בעקאַנטע, וואָס קוקען אַרויס אויף אונז מיט טרערען אין די אויגען, אָדער אפשר האָבען זיי אונז שוין לאַנג פערגעסען?.. ווער קאָן דאָס וויסען? אַלע טאָג פלעגען מיר זיך צונויפקלייבען אָט דאָ אונטער'ן בוים, אָדער ווי מיר האָבען דאָס אַ נאָמען געגעבען „דער פּאָליטישער קלוב", אַ ביסעל שמועסען אָדער גלאַט אַזוי זיצען און קוקען אויף דעם אַלטען בייזען ים, און מיר הערען זיך צו, ווי ער ברומט, דער אַלטער בייזער ים, ווי די כוואַליעס רעדען, און מיר דערצעהלען איינער דעם אַנדערען צום הונדערטסטען מאָל זיין ביאָגראַפיע, זיין פערגאַנגענהייט. יעדער רעכענט אויס זיין פאַמיליע, זיינע אייגענע און געטרייע ביי די נעמען, יעדער מאָלט אויס אויסליכעס פיזיאָנאָמיע, יעדענס כאַראַקטער, יעדענס מעלות און חסרונות. אַזוי פיעל מאָל ווערט דאָס אַלעס איבערגעקייט, אַז מיר קאָנען שוין אויסליכען מיט זיין גאַנצער משפחה און מיר ווייסען אויף אויסווייניג אַלעס וואָס מיט עמיצען האָט זיך פאַסירט...

אָט דאָ אונטער'ן בוים, אין אונזער „פּאָליטישען קלוב", האָבען מיר זיך צונויפגעקליבען אַלע דרייצעהן צו בעשפּרעכען, בעטראַכטען די לאַגע און צו קלערען אַ מיטעל ווי אַזוי מיר זאָלען איינאָרדנען אונזער לעבען פון היינט אָן און ווייטער פון אַלע זייטען: פּאָליטיש, סאָציאַליש און עקאָנאָמיש, דאָס הייסט, מיר זאָלען מאַכען אַזוי, אַז יעדער פון אונז דרייצעהן זאָל זיך טאַקי זיין אַ פּריץ פאַר זיך, אונאָבהענגיג פונ'ם אַנדערען, און דאָך זאָלען מיר אַלע זיין איין משפחה, איין פּאָליטישע מאַכט אין פאַל טאָמער פאַלען אויף אונז אָן ווילדע מענשען אָדער ווילדע חיות.

זעלבסט פערשטענדליך, אַז דער געדאַנק רופט אַרויס ביי אונז, ווי אַלע מאָל, הייסע דיסקוסיעס און פייערדיגע דעבאַטען. יעדער גיט אויף זיין פּלאַן. דרייצעהן קאָלאָניסטען, דרייצעהן פּלאַנען. פרידער פון אַלע גיט אויף זיין פּלאַן דער מיליאָנער, אָדער ווי מיר רופען איהם דער „קאַפּיטאַליסט". מערקווירדיג! דער גייסט פון קאַפּיטאַליזם האָט אין אונזער יאָהר-

האנדערט מיט זיינע אייזערנע הענד אזוי שטארק ארומגענומען די גאנצע וועלט, אז אפילו ביי אונז, אויף אונזער „דרייצעהן אינזעל“, האט ער אויך א געוויסען איינפלוס. אומעדום און אלע מאל, אז מע דארף עפּיס אנהויבען רעדען וועגען אנ'עניך, וואס איז נוגע צו אונז אלעמען, ווער שטעלט זיך ארויס פריהער? — דער קאפּיטאליסט! ער איז א פּנים פון קינדווייז אן אזוי געוואהנט געווארען צו זיין אומעדום דער ערשטער, אז ער פערשטעהט גאר אנדערש ניט, נאטירליך, רופט דאס ארויס אונצופריעדענהייט ביי איינינע פון אונזערע קאלאניסטען. דער „סאציאליסט“, למשל, איז איין מאל ארויס מיט א פּראטעסט גאנץ אפענטליך און האט א פרעגע געטהון ביים קאפּי־טאליסט די אלטע פראגע: „מי שמך? ווער האט אייך געמאכט פאר א קאפּראל?“

סקאקאי סטאטי נעמט איהר זיך אלע מאל די פּראווא (דאס רעכט) צו זיין א פּרעדסעדאטעל (פארזיצענדער)?.. אזוי האט איהם איצטינס מאל א חאפּ געטאן דער „סאציאליסט“ אויף זיין האלב רוסישען דיאלעקט.

דער „קאפּיטאליסט“ איז אבער א מענש א געלאסענער, מיט א שטי־לען, גלייכען האראקטער. ער האט דעם „סאציאליסט“ אויסגעהערט מיט א לייכט שמייכעלע אויף די ליפּען, אויפגעשטאנען, אבגעטראטען איהם דאס ארט און א זאג געטהון זעהר העפליך:

זייט איהר דער פארזיצענדער...

דאס האט געמאכט אויף אונז אלעמען אזא גוטען איינדרוק, אז מיר אלע (אויסער דעם „סאציאליסט“) האבען געבעטען דעם „קאפּיטאליסט“ ער זאל בלייבען אויף זיין ארט, און דער „קאפּיטאליסט“ האט אונז צו־ליעב געטהון און איז געבליעבען אויף זיין ארט.

דער פּלאן, וואס דער „קאפּיטאליסט“ האט פארגעלייגט, איז געוועזען א גאנץ איינפאכער פּלאן פון א מין „בורזשואזנע קאנסטיטוציע“, ווי דער סא־ציאליסט האט דאס אנגערופען. לויט דעם דאזיגען פּלאן דארפען מיר אלע דרייצעהן קאלאניסטען בילדען א שטאאט פון דרייצעהן פּראווינצען, וואס וועלען בעהערשט פון איין אויסגעוועהלטען פּרעזידענט. דער פּרעזידענט, אלס פארשטעהער פונ'ם פאלק, האט צו שטעהן איבער אלע קאלאניסטען, צו זארגען וועגען זייערע אינטערעסען, אויסהערען זייערע אנקלאגען און ריכטען זיי לויט זיין פערשטאנד און זיין געוויסען...

דא האט שוין דער „סאציאליסט“ מעהר ניט געקענט איינזיצען. ער האט זיך אויפגעכאפּט ווי אנ'אבגעבריהטער און האט אנגעהויבען צו פייערען

און צו שיסען מיט ווערטער: „אויטאָקראַטיע"? „אַבסאָלוטיזם"? „סאַמאָדער־זשאַוויע"?!

— פטור! וואָס זשע איז? — שטעלט זיך אַרויס דער ליטוואַק דער אָרטאָדאָקס — ווי באַלד מען שמועסט פון אַ מלוכה, אוודאי דאַרף מען זעהן אַ מלך, ווי אין פסוק שטעהט: שום תשים עליך מלך — זאָלסט דיר אַוועק־שטעלען אַ קייזער...

— בכדי עס זאָל זיין וועמען צו מאַכען שבת און יום־טוב אַ „הנותן תשועה"?...

אַזוי וויצעלט זיך איינער פון די צוויי אינטעליגענטען, דאַכט זיך, דער ציוניסט, און דער אָרטאָדאָקס ענטפערט איהם:

— געווים! ווי אונזערע חכמים האָבען אונז געלערנט: „הוי מתפלל — זאָלסט תפילה טהון פאַר'ן מלכות, וואָרום ווען ניט די מורא פאַר'ן מלכות, וואָלטען מענשען איינגעשלונגען איינס דאָס אַנדערע לעבעדיגערהייד"...

צו בעמערקען, אַז די לעצטע ווערטער האָבען אַרויסגערופען אין אַלע עלעמענטען נאָר אַ געלעכטער. אפילו דער פּראָסטער מענש, דער „פּראָלע־טאַרי", האָט געקוקט אויפ'ן אָרטאָדאָקס אַזוי בייז, ווי אויפ'ן גרעסטען שונא. עס איז קיין ספק ניט, אַז אַלע קלאַסען וועגען געווען פריי געוואָרען. עס איז ניט געווען קיין איינציגער, אַ חוץ דעם אָרטאָדאָקס, וואָס זאָל וועלען אַ מאָנאַרכיע. גאַנץ מעגליך, אַז דער אָרטאָדאָקס אַליין האָט אויך ניט אַזוי שטאַרק גע־בענקט נאָך אַ זעלבסטהערשער. ניִשט מעהר — דער פסוק! וואָס טהוט מען מיט אַ פאַרטיגען פסוק?...

דאַן איז אויפגעשטאַנען דער „אַטעאיסט" פון אַמעריקאַ און האָט אויפ־געגעבען נאָר איין אַנדער פּלאַן, דהיינו: אַז מיר אַלע דרייצעהן קאָלאָניען זאָלען זיך מאַכען זיין דרייצעהן באַזונדערע שטאַאַטען; יעדער קאָלאָניסט זאָל זיך זיין אויטאָנאָמישער בעל־הבית פאַר זיך, נאָר אַלע דרייצעהן שטאַאַטען, דאָס הייסט אַלע דרייצעהן קאָלאָניען זאָלען זיך פעראייניגען „אַזוי ווי ביי אונז אין דהי יונייטעד סטייטס אָף אַמעריקאַ" און אַ פּרעזידענט זאָלען מיר זיך וועהלען מאַכען איינס פון אונז דרייצעהן, אַלע 4 יאָהר אַנאַנדער פּרעזידענט, „אַזוי ווי ביי אונז אין דהי יונייטעד סטייטס אָף אַמעריקאַ, און רופען זאָל ער זיך: „דהי פּרעזידענט אָף דהי יונייטעד סטייטס אָף דהי פוירסט דזשואיש רעפּובליק אָוו דהי טהוירטין איילאַנד אָף איזראַעל". (דער פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען פון דער ערשטער יודישער רעפּובליק אויף די „דרייצעהן אינזעל" פון ישראל).

— אך! דאס וואלט געווען זעהר שעהן! — רופט זיך אן דער אידעאליסט — איך האב שוין לאנג געטרוימט פון א יודישער רעפובליק.

— ניט פראקטיש! — שלאגט איהם איבער דער מאטעריאליסט — עס וועט אוועקגעהן די גאנצע צייט מיט'ן גאנצען פאפיר אויף אויסצושטעלען אזא לאנגען נאמען. שטעלט אייך פאר: „דהי פרעזידענט אף דהי יונייטעד סטייטס אף דהי פוירסט דזשואיש רעפובליק אף דהי טהוירטין איילאנד אף איזראעל״!.. א גאנצע מגילה!

— ערלויבען זיי מיר! — שטעלט ארייַן אויך די פרוי איהר ווארט. — פאר וואס זאלען מיר נאכמאכען אמעריקא? אויף וויפיעל איך ווייס, איז אמעריקא נישט קיין מאדערנעס לאנד. אלע מאדעס געהען פון פאריז. וואס געהט אב דער פראנצויזישער רעפובליק? אדער דער רעפובליק פון דער שווייץ? אט בין איך געווען ערשט פאראיאהרען אין דער שווייץ. מיט מיין גאטזעליגען מאן בין איך געווען. אומעטום זענען מיר געווען. אין ציריך, מאנטרע, אונטערלאקען... געזעהן דעם מאנבלאן... מיר דאכט, ס'איז גאר ניטא אויף דער וועלט נאך אזא לאנד, ווי די שווייץ... ניצצא איז אויך נישקשה פון א שטעדטעל... אין מאנטעקארלא קען מען אויך עפיס זעהן... נאר אז מען וויל גוט לעבען, גוט און ביליג, זאל מען פאהרען אין דער שווייץ... ערשטענס — מילך... פאר צוויי סאן די בעסטע מילך...

— מיל פארדאן, מאדאם! — ענטשולדיגט זיך פאר דער פרוי דער קאפיטאליסט — מיר רעדען דא ניט פון דעם וועלכעס לאנד איז בעסער אויף צו בעזעצען זיך, דא שמועסט מען וועגען וואס פאר א שטאאט מיר זאלען גרינדען דא ביי אונז, אויף אונזער אינזעל.

די פרוי ווערט רויט ווי פייער, ווארום זי פיהלט, אז זי האט זיך א ביסעל פערדרעדט געגען איהר אייגענעם ווילען, די צונג האט זיך אויפגעכאפט ווי א אונפערצוימט פערד און האט זי אוועקגעטראגען צו אלדע נוטע יאהר. דערמיט האט זי אונז איבערצייגט אז כאטש זי איז א מאדערנע פרוי און האלט זיך ווי א מאנסביל, נאר א פרוי בלייבט א פרוי...

— ענטשולדיגט מיינע הערען. אז איך הויב אן צו רעדען פון דער שווייץ, דערמאן איך מיך ניט ווילענדיג אן מיין גאטזעליגען מאן... איך האב, אייגענטליך, נאר געוואלט זאגען, אז מיר געפעלט בעסער א פעדעראטיווע רעפובליק ווי אין דער שווייץ.

— און מיר געפעלט נישט ניט אייערע פעראייניגטע שטאאטען אין אמעריקא, און ניט די פעדעראטיווע רעפובליק פון דער שווייץ — זאגט דער נאציא-

נאַליסט. ווייסט איהר פֿאַר וואָס? ווייל ס'איז ניט נאַציאָנאַליסטיש, ניט יודיש. מע וואָלט בעדאַרפֿט צו טראַכטען עפּיס אַזאַ נאָמען, וואָס זאָל שמעקען מיט נאַציאָנאַליזם, וואָס זאָל זיין יודיש!...

— ווי באַלד אַז יאָ יודיש — רופֿט זיך אָן דער ציוניסט — וואָלט איך געזאָגט מיר זאָלען זיך רופֿען אויפֿ'ן נאָמען פֿון דאָקטאָר הערצל...

— וואָס עפּיס הערצל? — פֿאָדערט אידם אַריין דער טעריטאָריאַליסט — פֿאַר וואָס ניט זאַנגוויל?

— וואָרום אַזוי! אויף הערצל'ס נאָמען וואָלטען מיר דאָס אָנגערופֿען: „הערצל-רעפּובליק"! וואָס פֿאַר אַ טעם האָט דאָס זאַנגוויל-רעפּובליק?

— וואָס פֿאַר אַ טעם האָט הערצל-רעפּובליק?

— אַ שענער משל! הערצל איז טויט, און זאַנגוויל לעבט נאָך!

— נו, וואָס זשע האָט איהר געוואָלט: זאַנגוויל זאָל אויך שטאַרבען? וואָס האָט ער אייך געטהון?...

— ווער זאָגט דען, ער זאָל שטאַרבען? לאָז ער אייך לעבען הונדערט און צוואַנציג יאָהר!

— טאָ וואָס זשע ווילט איהר?

— אויב איהר וועט קיין פֿאַראיבעל ניט האָבען — אַחי הויבט אָן ווי זיין שטייגער איז, מיט אַ ענטשולדיגונג, דער „פּראָלעטאַרי", וואָס האָט הערוויילע צוגעגרייט נים און באַנאַנעס פֿאַר'ן גאַנצען עולם — אויב איהר וועט קיין פֿאַראיבעל ניט האָבען, וואָלט איך אייך זאָגען מיין מיינונג. איך ווייס ניט, איך בין דאָך אַ פּראָסטער מענש, אַנאַרבייטער: מיר דאַכט, אַז מען דאַרף קיין נעמס נאָמען ניט. ס'איז גאַנץ גענוג ס'זאָל הייסען „די יודישע רעפּובליק", אָדער „די ערשטע יודישע רעפּובליק" אָדער „די ערשטע יודישע רעפּובליק פֿון די דרייצעהן פֿעראייניגטע שטאַאַטען".

דער דאָזיגער פֿאָרשלאַג פֿונ'ם פּראָלעטאַרי איז אַזוי געפֿעלען אונז אַלעמען, אַז די גאַנצע רעפּובליק ווי איין מענש האָט גענומען אַפּלאָדירען און שרייען „בראַוואָ!" „בראַוואָ!"... דער סאָציאַליסט איז פֿון גרויס התפּעלות, אַ פּנים וואָס מיר זענען אַ רעפּובליק, ניט קיין מאָנאַרכיע, אַרויסגעשפּרונגען אויף אַ שטיין און האָט אויסגעדונערט אויף זיין רוסישען דיאַלעקט:

— בראַטיאַ (ברידער)! דאַ זדראַוסטוואויעט סוואָבאָדאַ (עס לעבע די פֿרייהייט)! דאַ זדראַוסטוואויעט רעספּובליקאַ (עס לעבע די רעפּובליק)! דאַ זדראַוסטוואויעט פּראָלעטאַריאַט (עס לעבע דאָס פּראָלעטאַריאַט)! שרייט, יודען, הורראַ!

— הורראַ!!! — האָפּען מיר אונטער און זעצען זיך אוים אַלע דרייצעהן פאָרשטעהער פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאטען אַרום טיש און נעמען זיך מיט גרויס אַפּעטיט צו די זיסע באַנאַנעס מיט די פעטע ניס מיט דער פרישער ציגענמילך, וואָס דער פּראָלעטאַרי האָט אונז צוגעגרייט, און מיר פערפיהרען אַלאַנגען שמועס וועגען דער צוקונפט, וואָס ערוואַרטעט אונזער ערשטער יודישער רעפּובליק פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאטען, און וועגען די סטאַטוטען רעגלען און געזעצען וואָס מע דאַרף אויס אַרבייטען, און וועגען אַ פּרעזידענט ריהרט איינער אָן די פראַגע, דאָס הייסט: וועמען זאָלען מיר מאַכען פאַר פּרעזידענט?

אַלע אויגען האָבען זיך ניט ווילענדיג אַ קעהר געטהון צום מיליאָנער, צום קאַפּיטאַליסט, און דער קאַפּיטאַליסט האָט דערפיהלט, אַז אַלע אויגען קוקען אויף איהם, האָט ער זיך אויסגעגלייכט און האָט געוואָלט עפּיס זאָגען, האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דער סאָציאַליסט, דער איינציגער עזות=פּנים, וואָס שטעהט שטענדיג אויף דער אָפּאָזיציע קעגען קאַפּיטאַליזם, און האָט אַ זאָג געטהון אויף זיין מאָדנעם רוסיש=יודישען דיאַלעקט:

— איך פערשטעה ניט, וואָס אָזנאַטשאַיעט (בעדייט) דאָס פּערעגליאַ־רעוועען זיך (וואָס מע קוקט זיך איבער)? מיר וועלען טהון אַזוי ווי אין אַלע פּראָגרעסיווע גאָסודאַרסטוועס (שטאַאטען); מיר וועלען נאַזנאַטשען (בע־שטימען) וויבאָרעס (וואַהלען), און וועמען דער נאַראָד (דאָס פאָלק) וועט אויסקלייבען באָלשינסטוואָם גאָלאָסאָוו (מיט די מעהרהייט), דער וועט זיין פּרעזידענט!

— אַלזאָ קלייבען מיר אַ פּרעזידענט?

— יאָ. מיר קלייבען אַ פּרעזידענט!

דאָס קלייבען אַ פּרעזידענט אויף די דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאטען פון דער ערשטער יודישער רעפּובליק פערדינט, נאָך אונזער מיינונג, אַ בע־זונדערע בעשרייבונג.

ז.

13 פּרעזידענטען.

דער וואָס האָט אַרומגערייזט די וועלט אַזוי ווי איך, דער וועט מיר צוגעבען, אַז די מענשהייט איז נאָך גאַנץ ווייט פון פאָלקאָמענהייט. די גרעסטע פּאַרלאַמענטען אין די פריהסטע לענדער קאָנען זיך ניעשט בע־

ריהמען, אז זיי זענען נאהענט צום פאליטישען אידעאל. געדט זעהט ווי אזוי אין דעם רעפובליקאנישען פראנקרייך קאכט זיך בשעת וועהלען א פרעזידענט; אדער נעמט דאס פרייע גאלדענע לאנד אמעריקא, די דעמאקראטישע רעפובליק. וועה-וועה, וואס עס טהוט זיך אב איז א עלעקשאן יאהר! פארטייען, אינטריגעס, טעמעני האלל און נאך אזעלכע שענע זאכען, וואס א פרעמדער וועט ניט גלויבען און וועט דאס גאר נישט פערשטעהן! דער פאליטישער קאמפף פיהרט זיך אומעטום אזוי ביטער, אז מענשען פערגעסען זיך, אז זיי זענען מענשען. א ברודער שטעהט אויף קעגען א ברודער, א פאטער אנערקענט ניט זיין קינד — ס'איז הימעל עפען זיך!

וואס איז שוין דאס חידוש, וואס אין אונזערע דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק אויף אונזערע „דרייצעהן אינזעל" האט אזוי געקאכט, אז ס'איז געקומען צום אויסקלייבען א פרעזידענט? קודם כל האט מען בעדארפט „נאמינירען קאנדידאטען", דאס הייסט, יעדער פון אונז, דרייצעהן ראבינזאנס, דרייצעהן קאלאניסטען, דרייצעהן פארשטעהער פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען, זאל אנרופען זיין קאנדידאט אויף פרעזידענט. נאטירליך, זענען געווען צווישען אונז פערשיעדענע פארטייען און יעדע פארטיי האט זיך געהאט איהרע אנהענגער און איהרע געגנער. למשל, דער רייכער פאבריקאנט אדער ווי מיר האבען איהם אנגערופען דער „קאפיטאליסט" האט זיך געהאט זיין זאגענאנטע קאפיטאליסטישע פארטיי. זיינע חברים וואס האבען אגיטירט פאר איהם, זענען געווען: דער ליטוואק, אדער ווי ער האט ביי אונז געהייסען „דער ארטאדאקס", די מאדאם (די איינציגע פרוי וואס אויף אונזער אינזעל), דער נאציאנאליסט, דער אידעאליסט און דער מאטעריאליסט. סך הכל האט ער געהאט אויף זיין זייט 5 פארשוין, וואס האבען אגיטירט מיט אלע כחות צווישען די אלע איבריגע פארשטעהער פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען. זיי זענען געווען שוין כמעט פארטיג מיט'ן פוילישען יודען פון משה רבינו'ס פאליאקען, וואס מיר האבען איהם א נאמען געגעבען דער „אסימילאנט". און ווען זיי שלעפען אריבער אויף זייער זייט נאך א פאר שטימען, דאן איז דער קאפיטאליסט פערזארגט מיט א מעהרהייט פון 8 שטימען. אויפ'ן לעצטען פאל האבען זיי גערעכענט אויפ'ן ארבייטער, אדער ווי ער האט ביי אונז געהייסען דער „פראלעטאריי". אום צו געווינען דעם פראלעטאריי אויף זייער זייט, האט די קאפיטאליסטישע פארטיי ארויסגעלאזט א פראקלאמאציע, אז זייער פרעזידענט, דער קאפיטאליסט, וועט פערפאלגען דריי זאכען: 1) אבהוטען איינע-

טרום; 2) קעמפפען פאר די רעליגיאָן; 3) בעשיצען די אינטערעסען פון די אַרבייטער.

די האָזיגע פּראָקלאַמאַציע, וואָס איז געוועזען אויסגעהאַנגען אין אַלע דריי-צעהן קאָלאָניעס פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאַטען, האָט אַרויסגערופען אַ שאַרפע קריטיק פון דער אָפּאָזיציע, דאָס הייסט, פונ׳ם יודיש-רוסישען סטו-דענט מיט׳ן שוואַרצען העמדעל, דעם „סאָציאַליסט". ער האָט זיך אָבגעשטעלט אויף יעדען פונקט בעזונדער און האָט מיט זיין מאָדנע געמישטע יודישע שפראַך, וואָס איז העכער האַלב רוסיש, אַזוי געזאָגט:

— איך אָבראַשטשאַיע אייער וניִמאַניע (איך ציה אייער אויפמערקזאַמ-קייט) אויף דער נאַחאַלסטוואָ (פרעכהייט) פון דעם קאַפּיטאַליזם! ער וועט זאַשטשישטשאַיען (פערטהיידיגען) רעליגיע? ער וועט אָבראַניאַיען (בעשיצען) די אינטערעסען פון די ראַבאָטשעס (אַרבייטער)! דאָס איז דאָך וואָזמו-טיטעלנאָ דאָ גלוביני דושי (עס דערלאַנגט ביז׳ן ביין)!

און דער סאָציאַליסט האָט זיך ניט געפוילט און איז אַוועק צום „פּראָלע-טאַרי". ער האָט איהם געטראָפען סאַמע ביי דער רעכטער אַרבייט: ער האָט געמאָלקען די ציעגען פאַר אַלע דרייצעהן קאָלאָניסטען. און דער סאָציאַ-ליסט האָט מיט איהם פאַרפירט אַ געשפּרעך וועגען דעם „קאַפּיטאַליסטישעס-קי סטרוי", וואָס הערשט אויף דער וועלט און וואָס פּאָראָבשטשאַיעט (אונטער-דריקט) גלאַווניִם אָבראַזאָם (הויפּטזעכליך) דאָס פּראָלעטאַריאַט. ער האָט איהם געבראַכט אַ פּרימיער (ביישפּיעל) טאַקי פון איהם אַליין, ווי אַזוי ער, איין און איינציגער אַרבייטער האָרעוועט צוועלף שעה אין מעת-לעת אויף אַלע דריי-צעהן קאָלאָניעס; עמיצער זאָל זיך עס דערמאָהנען אפילו איהם קומען צו הילף!

דערויף האָט איהם דער „פּראָלעטאַרי" געענטפערט מיט זיין פּראָסטען שמייכעל ווי זיין שטייגער איז, אַז דערויף האָט גאָט בעשאַפען אַרבייטער אויף דער וועלט — זיי זאָלען אַרבייטען...

— אויף זיך, ניט אויף יענעם! — האָט מיט איהם איינגעטענה׳עט דער „סאָציאַליסט", און האָט איהם געלייענט אַ לעקציע וועגען „ראַזדיעלעניע טרודאַ" (איינטהיילונג פון דער אַרבייט), וועגען „אָנישטשאַזשעניע קאַפּיטאַ-לאַ" (פערניכטען קאַפּיטאַל) א. ז. וו. ער האָט אַזוי לאַנג גערעדט איבער׳ן „פּראָלעטאַרי", ביז ער האָט ביי איהם געפּועל׳ט, אַז ער זאָל פאַר׳ן קאַפּיטאַ-ליסט ניט אָבשטימען בשום אופן.

— פֿאַר וועמען דען זאָל איך יאָ אָבשטימען? — פֿרעגט דער פּראָלעטאַרי מיט זיין נאַאיוויטעט, ווי געוועהנליך.

— פֿאַר זיך אַליין — ענטפֿערט איהם דער סאָציאַליסט.

דער פּראָלעטאַרי הויבט אויף די אויגען.

— וואָס הייסט פֿאַר זיך אַליין?

אָטשען פּראָסטאָ (גאַנץ איינפֿאַך)! איך קאָן בעשטעהן, אַז מיר זאָלען האָבען אַ פּרעזידענט אַ פּראָלעטאַרי. איך בין דער ערשטער, וואָס גיב פֿאַר איך מיין גאָלאָס (שטימע). דא זדראַוסטוואויעט נאַראָד (עס לעבע דאָס פֿאָלק)! דא זדראַווסטוואויעט פּראָלעטאַריאַט!

אַזוי האָט אויסגעלאָזט דער סאָציאַליסט און געדריקט די גראָבע האַנד פֿונ'ם אַרבייטער זעהר פֿריינדליך און איז פֿון איהם אַוועק פֿיהרען זיין פּראָפּאַגאַנדא אין די איבריגע קאָלאָניעס פֿון די דרייצעהן פֿעראייניגטע שטאַאַטען.

וואָס פֿאַר איין איינדרוק די לעצטע ווערטער פֿונ'ם „סאָציאַליסט" האָבען געמאַכט אויפ'ן „פּראָלעטאַרי" איז לייכט פֿאָר־צושטעלען זיך. ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס אָנגעמאָלקענע שעפֿעל מילך האָט זיך געכאַפּט מיט ביידע הענד ביי די זייטען און האָט זיך אַזוי צולאַכט, אַז די ציעגען האָבען איהם אָנגעקוקט ווי אַ משוגע'נעם. נאָכדעם, אַז ער האָט זיך שוין גענוג אָנגעלאַכט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, אויף אַ שטיין, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף ביידע הענד און האָט זיך פֿערטראַכט. וואָס ער האָט געטראַכט קאָנען מיר נישט וויסען. אפשר האָט ער גע'חלומ'ט מיט זיין פּראָסטע־קאָפּ וועגען דעם, אַז ער, דער פּראָלעטאַרי, אַ פּראָסטער בעל מלאָכה, איז טאַקי פּרעזידענט אויף אַלע דרייצעהן פֿעראייניגטע שטאַאַטען פֿון דער ערשטער יודישער רעפּובליק? ווער וועט דעמאָלט אַרבייטען, רייסען באַנאַנעס, טרייסלען ניס, שניידען גראָז, ריינינגען די קאָלאָניעס, מעלקען די ציעגען?...

די צווייטע מעכטיגע פּאַרטיי איז געווען די אַמעריקאַנישע אָדער די אַטעאיסטישע פּאַרטיי. דער אַמעריקאַנער האָט אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע מיט גרויסע אותיות, ווי אין אַמעריקאַ, און אָנגעהויבען האָט זיך די פּראָקלאַמאַציע מיט שרייענדיגע פֿראַזען, אויפ'ן אַמעריקאַנישען שטייגער:

„לייריעס ענד דזשענטעלמען! די ערשטע יודישע רעפּובליק איז אין געפֿאַהר! ראַטעוועט די עהרע פֿון די דרייצעהן פֿעראייניגטע שטאַאַטען פֿון דער ערשטער רעפּובליק אָף איזראַיל!.." ער האָט געהאַט אויף זיין זייט: דעם סאָציאַליסט, דעם טעריטאָריאַליסט, דעם אידעאַליסט מיט'ן מאַטעריאַליסט, דער אַסימילאַנט האָט איהם אויך צוגעזאָגט אונטערהאַלטען, בתנאי, אַז עס

זעט האלטען ביי נאמינירען א קאנדידאט פון דער פוילישער פארטיי („קאלא"), זאל דער אמעריקאנער איהם אויך אונטערהאלטען. די פוילישע „קאלא", אדער דער אסימילאנט פון משה רבינו'ס פאליאקען, האט זיך געהאט זיין פארטיי, וואס איז בעשטאנען פון איהם אליין, פונ'ם אידעאליסט מיט'ן מאטעריאליסט און פון דער מאדאם, פון דער איינציגער פרוי אויף איינער אינזעל. געוואונען האט ער די שטימע פון דער פרוי נאר דערמיט, וואס ער פלעגט איהר מאכען קאמפלימענטען און זאגען, אז זי זעהט אויס ווי אנעכטע „ווארשאוויאנקע", און אז די ווארשעווער פרויען זענען שען — דאס איז דאך איין אקסיאמע, ווי צוויי מאל צוויי. די פראקלאמאציע, וואס די פוילישע „קאלא" האט ארויסגעלאזט, האט זיך אנגעהויבען מיט „יאסנאוועלמאושניע פאנאוויע (וואהלגעבארענע הערען)!" און אויסגעלאזט האט זי זיך מיט דער פוילישער „עוד לא אבדה": „יעשטשע פאלשקא ניע זגינעלא". די פוילישע פראקלאמאציע האט ארויסגערופען א מוראדיגע אפאזיציע פון דריי שטארקע פארטייען, וואס האבען זיך צוליעב דעם פעראייניגט: די נאציאנאליסטישע, די ציוניסטישע און די טעריטאריאליסטישע. די דריי האבען צוגעצויגען אויף זייער זייט דעם ארטאדאקס (זעלבסט פערשטענדליך!) דעם אידעאליסט, דעם פראלעטארי. און האבען געארבייט מיט דער פרוי, בכדי צו געווינען אויף זייער זייט די מעהרהייט פון 7. צו בעמערקען, אז יעדער פון די דריי, וואס האבען זיך פעראייניגט געגען דעם פוילישער פארטיי, האט געארבייט אויך פאר זיך, און דאס האט גארנישט געשטערט צו דעם, אז דער ציוניסט, למשל, זאל געהן געגען טעריטאריאליסט אויף מעסערשטעך! און צוריק דער טעריטאריאליסט, פון זיין זייט, האט געטהון כל המעגליכקייטען אבצוציהען פון דער ציוניסטישער פארטיי אלע עלעמענטען. מען דארף זיך מודה זיין, אז דער קאמפף צווישען די צוויי איז געווען אזוי ביטער, אז מען האט ניט געלייגט קיין כבוד איינער אויפ'ן צווייטען, און מען האט געטהון וואס מען האט געקענט.

אפיציעל איז דער ציוניסט ארויס מיט א פראקלאמאציע אויבען אן מיט א מגן דוד און מיט א פסוק; אט אזוי:

אם אשכחך ירושלים
תשכח ימיני —
פערגעס איך דיך, ירושלים,
זאל פערגעסען ווערען מיין
רעכטע האנד!

אין דער ציוניסטישער פראקלאמאציע איז געשטאנען אויסגערעכענט אלע גרויסע נעמען, וואס האבען געארבייט פאר'ן ציוניזם, פון אברהם אבינו ביז מנחם מענדיל אוסישקין. ער האט ניט פערגעסען אויך דערמאהנען דעם נאציאנאל פאנד און אונזער איינענע „באנק", וואס מיר האבען געגרינדעט אין ארץ ישראל און אונזער כרמל וויין, וואס האט זיך געמאכט בערידמט אויף דער וועלט — קיין זאך האט ער ניט דורכגעלאזט. און אויסגעלאזט האט ער מיט נפתלי הערץ אימבערס נאציאנאל־הימן: „עוד לא אבדה תקותנו!"

באלד נאך דעם איז ארויס דער טעריטאריאליסט מיט אזא מין פראקלאמאציע. אויבען איז געשטאנען א מאטא: „די וועלט איז אונזער היים!" און אנגעהויבען האט די זיך אזוי: „אלטער טרוימער! טויזענד יעהריגער בעל חלומות! ווען וועסטו שוין אויפוואכען פון דעם זיסען שלאף און פון דיינע גאלדענע חלומות, אין וועלכע די עוויגע טרוימער, די ציוניסטען פון אלע צייטען, האבען דיך פערוויגט מיט דיינע קינדער אינ'ם אלטען היסטארישען נהעטא? (א וואונק אויף זאנגוויל'ס בוך: „דהי טשילדרען אף דהי גהעטא"). און אויסגעלאזט האט זיך די טעריטאריאליסטישע פראקלאמאציע מיט די ווערטער: „זוכט, וועט איהר געפינען!"...

די עלעמענטען אויף וועלכע דער ציוניסט האט געקענט רעכענען, זענען געוועזען: דער נאציאנאליסט, דער ארטאדאקס (ווערבסט פערשטענדליך!) דער אידעאליסט און דער פראלעטארי. א שטיקעל האפנונג איז געוועזען אויך אויף דער פרוי, וואס האט געהאלטען מיט'ן ציוניזם נאר דערפאר, וואס די ציוניסטישע קאנגרעסען פאהרען זיך צונויף אין דער שווייץ (אין באזעל). דאס דערמאהנט איהר ניט ווילענדיג אן איהר נאטועליגען מאן, מיט וועלכען די האט ארומגערייזט גאנץ איירא͏פא און געשטארבען איז ער אין לאנדאן. אייגעטונקען זאל ווערען די דאזיגע רויכיגע שווארצע נעבעל שטאדט מיט איהרע שמוציגע גאסען און מיט איהרע אויטאמאבילען, האטש געשטארבען איז איהר נאטועליגער מאן אייגענטליך ניט פון די לאנדאנער שמוציגע גאסען און ניט פון די אויטאמאבילען. געשטארבען איז ער פון זיין אייגענע קראנקהייט. און דא געדט אוועק ביי איהר זעהר א אינטערעסאנטע ערצעהלונג וועגען איהר נאטועליגען מאן, ווי אזוי ער האט געקרענקט, און אויך וואס ער האט געקרענקט, און פאר וואס ער האט געקרענקט, און אזוי ווייטער.

איך האף, אז מיין לעזער וועט מיר מוחל זיין, איך דארף דא מאכען זעהר א נעטיגע בעמערקונג, אז די דאזיגע פרוי, וואס האט זיך געהאלטען ווי א מאנספערזאן, האט געהאט אין זיך פון דעסטוועגען ניין מאס רייד, ווי אלע

פרויען, נאר דאס איז פערבייגעגאנגען. דער עיקר וואס אונז אינטערעסירט איז דער וואהלקאמפף, וואס האט זיך אבגעשפיעגעלט ביי אונז אין די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק.

נישט מעהר שאנסען האט געהאט אויך דער טעריטאריאליסט. אויף זיין זייט זענען געשטאנען נאר דער אמעאיסט, דער אסימיליאנט און דער מאטעריאליסט. דער טעריטאריאליסט האט זיך אפילו שטארק געדרעהט ארום דער פרוי, נאר ער האט ביי איהר ווינציג וואס גע׳פועל׳ט. זי איז שוין ניכער געווען געניינט צום ציוניזם איבער דעם וואס מיר האבען אנגעוויזען אויבען. דער טעריטאריאליסט האט געזעהן אז ער האלט שמאל, האט ער זיך א ווארף געטהון צום קאנסערוואטאר, איהם איינגערעדט, אז די טעריטאריאליסטען היטען אב שבת ניט ווינציגער ווי די ציוניסטען, און אויב עס איז דא א האפנונג אויף א יודישע אויטאנאמיע, וועלען די טעריטאריאליסטען זי דערגרייכען פריהער פאר די ציוניסטען, ווייל זיי האבען אויף זייער זייט די סימפאטיע פון די רייכסטע לייט, פון די גרעסטע קריסטען. האט דערזעהען דער ציוניסט, אז דער טעריטאריאליסט שושקעט זיך עפיס צו פיעל מיט דעם ארטאדאקס האט ער זיך א זאג געטהון פערבייגעהענדיג:

— און וואס הערט זיך עפיס מכח געמישטע חתונות?..

עס ווערט, גלויב איך, קיינעם ניט וואונדערן, אז איך וועל אייך אויסזאגען א סוד, אז דער ארטאדאקס אליין האט אויך געהאט חשק צו זיין פרעזידענט אויף די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען. און פאר וואס ניט? זיין נשמה איז פון קלאטשע? און שטעלט אייך פאר, ער האט זיך געהאט זיין פארטיי. איהר וועט גאר ניט טרעפען, דאס איז געווען, ווי מען זאגט ביי אונז: „אבגעגעבענעס ברויט"... א ביסעל איז געווען אויף זיין זייט דער נאציאנאליסט, נאר פעסטער פון אלע איז געשטאנען פאר איהם די פרוי! נו, האט איהר זיך גערעכנט? איהר שטימע האט ער געוואונען דערמיט, וואס ער האט איהר אויסגערעכענט ווען און אין וואספער טאג זי האט יאהרצייט נאך איהר גאטזעליגען מאן... אויך דעם פראלעטאריי האט ער געוואונען אויף זיין זייט; איהם האט ער גענומען מיט גאט, מיט יענער וועלט, מיט׳ן גיהנם און מיט׳ן גן-עדן. ער איז שוין געווען מיט איהם כמעט פארטיג, האט אנגעשמעקט דער עזות פנים, דער סאציאליסט, און האט זיך פעראייניגט מיט׳ן אמעאיסט און מיט׳ן אסימילאנט און מען איז ארויס מיט איין עפענטליכע אטאקע געגען דער פינסטערע מאכט פונ׳ם קלעריקאליזם.

— דאלאי טשארנאסאטענצעוו (נידער מיט די שווארצע מאהאניקעס) — האט אויסגערופען דער סאציאליסט און איהם האבען אונטערגעהאלטען אלע פראגרעסיווע עלעמענטען.

דא מוז איך זאגען א פאר ווערטער וועגען זיך אליין. איהר וואונדערט זיך, פאר וואס האב איך ניט געשטעלט מיין קאנדידאט אויף פרעזידענט? ערשטענס, האב איך מיך, אלס שריפטשטעלער, געוואלט האלטען פון דער וויטען פון יעדען פאליטישען קאמפף, און צווייטענס, מוז איך מיך מודה זיין, אז איך האב געזעהען גאנץ גוט, אז איך האב וויניגער שאנסען פון אלע אנדערע קאנדידאטען, איך בין נישט קיין גענארטער מענש, איך ווייס אז אלע מיינע קאלעגען האבען מיך פיינט (מען האט נישט ליעב קיין שריפטשטעלער, ובפרט א הומאריסט, וואס בייסט און לאכט און מאכט לאכעדיג; אמת, זיי אלע חנפה'נען מיר, מאכען מיר קאמפלימענטען, לויבען מיינע פעליעטאנען אין טאג אריין, אפילו די וואס האבען נאך ניט געלייענט... איך ווייס אבער, אז ס'איז פאלש. זיי חנפה'ען מיר דערפאר, ווייל זיי האבען פאר מיר מורא, איך זאל זיי ניט בעשרייבען אויף די בלעטער, פאר בעשרייבען ציטערן זיי ווי פאר'ן מלאך המות! זיי האבען ליעב, אז מען בעשרייבט נאר י ע נ ע ם, ניט זיי...) בקיצור, איך האב מיין קאנדידאט אראבגענומען.

דער סוף איז געווען, אז ס'איז געקומען צום וועהלען א פרעזידענט אויף די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק, האט זיך ארויסבעוויזען, אז אויפ'ן צעטעל שטעהען אלע דרייצעהן פארשטעהער פון אלע דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען. דאן איז אויפגעשטאנען איינער פון אונז (בעמערקט, איך זאג ניט, אז דער איינער בין איך געווען; איך רעכען, אז דער לעזער וועט שוין אליין פערשטעהן ווער איז געווען דער איינער...) און האט זיך אנגערופען צום עולם בזה הלשון:

— מיינע דאמען און הערען! שוין באלד צוויי טויזענד יאהר זינט מיר האבען פערלארען אונזער אייגען לאנד, זינט מיר האבען אויפגעהערט צו עקזיסטירען אלס א מלוכה. האבען מיר אין דער צייט אויפגעהערט צו זיין א פאלק? ניין! מיט וואס פאר א כח האבען מיר זיך געהאלטען ביז אהער? איך ווייס ניט! מיט וואס פאר א כח וועלען מיר זיך האלטען ווייטער? איך ווייס ניט! וואו איז געווען ביז אהער אונזער טעריטאריע? וואו איז געווען ביז אהער אונזער פאטערלאנד? וואו איז געווען ביז אהער אונזער היים? איך וועל אייך זאגען: אונזער טעריטאריע זענען מיר אליין. אונזער פאטערלאנד איז אונזער היסטאריע. אונזער היים איז דאס גרעסטע סאציאלע אידעאל, וואס די פריהע-

רינגע נביאים האבען עס געבארען און שפעטערדיגע האבען עס געפרעדיגט, און מקוים וועט דאס ווערען אם ירצה השם אז משיח וועט קומען... אין דעם, וואס יעדער פון אונז דרייצעהן וויל זיין פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען לערען איך אפ, אז קיינער פון אונז דרייצעהן וויל זיך ניט אונטערגעבען, זיך בעקעמפפען פונים צווייטען. פאראן א יודיש שפריכווארט: „דו ביזט ניט מיין נגיד, איך בין ניט דיין קבצן". ברידער! מיר זענען דא דרייצעהן! דרייצעהן זענען מיר געוועזען אויפ'ן שיף, דרייצעהן האט אונז געטראגען דער ים, דרייצעהן זענען מיר ארויסגעווארפען געווארען אהער אויף דער „דרייצעהן אינזעל" און געגרינדעט דרייצעהן קאלאניעס, דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען. עס פרעגט זיך פאר וואס זאל ניט זיין יעדער פארשטעהער א פרעזידענט אין זיין שטאאט? דרייצעהן עמיגראנטען, דרייצעהן ראבינזאנס, דרייצעהן קאלאניסטען, דרייצעהן פארשטעהער פון דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען, דרייצעהן פרעזידענטען! עס לעבען די דרייצעהן פרעזידענטען פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק. הוררא!!

— הוררא! וויוואט! הידד! הורעי! האך! דא זדראוסטוואויעט ראווענסטווא (עס לעבע די גלייכהייט)!

אזעלכע געשרייען האבען זיך געלאזט הערען פון די דרייצעהן פרעזידענטען אויף פערשיעדענע לשונות (עס האט נאך געפעלט דאס ווארט „באנזאי"!) און דערמיט שליסט זיך די פערזאמלונג און מיר פערלאזען דעם „פאליטישען קלוב" ביז מארגען. עס שטעהט אונז פאר נישט מעהר ווי אויסארבייטען א קאנסטיטוציע, אדער סטאטוטען צו די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען. דאס גיט דעם לעזער א האפנונג, אז אם ירצה השם נאך אין גיכען ווערען מיר פארטיג מיט אלע אונזערע בעשרייבונגען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק.

---

13 קאנסטיטוציעס.

„א פאליטיקער איז א שכור". אזוי האט געזאגט אמאל נאפאלעאן באנאפארט, פירסט ביסמארק, אדער אנ'אנדערער גרויסער מענש. „לאזט דו זיך אריין אין פאליטיק — גיב אויף דיינע ביזנעס", אזוי האט געזאגט א פראסטער בשר ודם, א ביזנעס מאן וואס האט זיך פארשכורט אין פאליטיק,

געשכורט מיט אלע שכורים און איז געווארען א פראסטער שכור, איך שרייב מיך אונטער מיט ביידע הענד סאי אונטער דעם, וואס האט געזאגט נאפאלעאן אדער ביסמארק, סאי אונטער דעם וואס האט געזאגט אט דער ביזנעס מאן...

איך בעט אייך, לאמיר זיך קארשט נעמען גוט בעטראכטען אונזערע לאגע נאך אמאל און נאך אמאל: דרייצעהן פארשוין, דרייצעהן רייזענדע, דרייצעהן פערשידענע מענשען פון דרייצעהן פערשידענע בעשעפטיגונגען, לאזען זיך אין וועג אריין, פאהרען אין דרייצעהן פערשידענע פונקטען, אויף איין שיף; פלוצים הויבט זיך אויף א שטורעם, צוברעכט דאס שיף אויף שטיקלעך, חאפט זיי אונטער דער ים אוןווארפט זיי ארויס אלע דרייצעהן אויף איין אינזעל, וואו זיי געפינען פון כל טוב: ערשטענס, הייזלען אויף צו בעשיצען זיך פון דער זון בייטאג און פון קעלט ביינאכט. צווייטענס, בוימער אויף וועלכע עס וואקסען פעטע ניס און זיסע באנאנעס, דריטענס, א פליסענדעס וואסער, לויטער ווי קרישטאל, און אלס א צוגאב שלאגען זיי זיך אן אויף א גאנצע טשערעדע מיט ציגען. וואס לאזען זיך מעלקען! דאכט זיך, אין פלוג, וואס פעהלט אזעלכע דרייצעהן ראבינזאנס? וואס געהט אונז אן, למשל, אז עסען און טרינקען האבען מיר; ארבייטען דארפען מיר ניט; לופט האבען מיר אזעלכע, וואס דאס בעסטע קוראָרט פערמאגט דאס ניט; א ים אויף צו באדען זיך, א וואלד אויף צו שפאצירען, בערג אויף צו קלעטערען, בלומען אויף צו שמעקען, און א בלויער הימעל איז איבער אונזערע קעפ און א פרעכטיגע זון ווארעמט אונז בייטאג, און א העלע זילבערנע לבנה לייכט אונז ביי נאכט, קיין דאגות פרנסה טראגען מיר ניט, מקנא זיין איז ניטא וועמען, צאהלען צינזען זענען מיר פטור, קיין געלד דארפען מיר ניט, מורא האבען איז ניטא פאר וועמען, פון מיליטער, פאליציע, מלחמות ווייסען מיר ניט, דעם רעש מיטין טומל פון דער וועלט הערען מיר ניט, חאפען זיך, לויפען, פאהרען, פליהען — האבען מיר ניט וואהין, — וואס פעהלט אונז?

אנדערע אויף אונזער ארט וואלטען זיך, ווי די אמת׳ע ראבינזאנס, מסתמא אוועקגעלאזט אויספארשען אונזער נייע טעריטאריע אין דער לייג און אין דער ברייט, זעהן וואו מיר געפינען זיך אין דער וועלט און וואס מיר האבען צו טהון, נייך בעדארף זיך אונז פערגלוסטען קאלאניזירען דאס לאנד, דאס הייסט, איינטהיילען זיך אין דרייצעהן בעזונדערע קאלאניעס, בעזעצען זיך אויף דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען, וועהלען דרייצעהן פרעזידענטען

און נעהמען זיך אויסארבייטען א פאסענדע קאנסטיטוציע פאר די דרייצעהן פערייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק — מיט איינעם ווארט, עס האט זיך אונז פערגלוסט מאכען פאליטיק! וואס זאל מען טהון? גאט האט שוין אזוי בעשאפען די וועלט, דאס הייסט, ניט די וועלט, נאר דעם מענשען אז ער זאל קיינמאל ניט זיין צופריעדען מיט דעם וואס ער האט, ער זאל תמיד נור וועלען שטרעבען ווייטער, העכער און בעסער... מענשען געלעהרטע רופען דאס אן פראגרעס און זאגען, אז אהן דעם קאן די וועלט קיין קיום ניט האבען. מיר ווילען קיינעם ניט איבערשפארען און מיט געלעהרטע מענשען פאלעמיזירען אודאי ניט. זיי זאגען פראגרעס, מסתמא ווייסען זיי בעסער... מיר גיבען דא איבער נאר פאקטען, פאקטען און פאקטען!

אלזא, איז געבליבען, אז מיר, דרייצעהן אויסגעוועהלטע פרעזידענטען פון די דרייצעהן פערייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק, זאלען אלע איינאיינעם פערזאמלען זיך אין א בעשטימטער צייט אויף א בעשטימטען פלאץ, אין „פאליטישען קלוב" דאס הייסט, אונטער׳ן בוים, אויפ׳ן בארג פון אונזער „דרייצעהן אינזעל", און דארט זאלען אויסגעארבייט ווערען די סטאטוטען, די גרונד־געזעצע פון דער ערשטער קאנסטיטוציע פון די דרייצעהן פערייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק, און גאנץ נאטירליך, אז יעדער פון אונז איז געקומען צו דער בעשטימטער צייט אין „פאליטישען קלוב" אריין מיט זיין פלאטפארמע, מיט זיין קאנסטיטוציע. דרייצעהן פרעזידענטען — דרייצעהן קאנסטיטוציעס.

צום אלעם ערשטען איז ארויס דער פאבריקאנט אהער, ווי מיר האבען איהם א נאמען געגעבען, דער „קאפיטאליסט". ער האט אויסגעארבייט א פראיעקט פון משונה מאדנע „פרייהייטען", וועלכע מיר גיבען דא איבער פינקטליך ווי זיי זענען געווען אויפגעגעבען פאר אונז אינ׳ם „פאליטישען קלוב" אט וואס איז געשטאנען אינ׳ם קאפיטאליסטישען פראיעקט:

1) אלע בירגער פון די דרייצעהן פערייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק זענען אנערקענט אלס „פרייע בירגער".

2) די פרייע בירגער פון די דרייצעהן פערייניגטע שטאאטען ווערען איינגעטיילט אין דריי פרייע קלאסען: בירגער 1־טע קלאסע, בירגער 2־טע קלאסע און בירגער 3־טע קלאסע.

3) די בּירגער 1־טע קלאַסע זענען פֿרײַ צו עסען און טרינקען און שלאָפֿען.

4) די בּירגער 2־טע קלאַסע זענען פֿרײַ צו יעדער צײַט אַמוזירען די בּירגער 1־טע קלאַסע מיט אַ שמועס, דערצעהלען זײ קורצע מעשיות, אַמאָל אַן אַנעקדאָט, אַ וויץ ווער עס קאָן, מיט איינעם וואָרט, די בּירגער 2־טער קלאַסע זענען פֿרײַ אַכטונג געבּען, אַז די בּירגער 1־טע קלאַסע זאָל שטענדיג זײַן אַנגענעהם.

5) די בּירגער 3־טע קלאַסע זענען פֿרײַ צו אַרבּײטען אויף די בּירגער 1־טע און 2־טע קלאַסע.

6) זײ, די בּירגער 3־טע קלאַסע, קאָנען פֿראַנק און פֿרײַ אַרויס־זאָגען זײערע מײנונגען אין דער צײַט, ווען מען פֿרעגט בּײַ זײ.

7) אַז עס פֿעהלט זײ עפּיס אַ זאַך, אָדער זײ נויטיגען זיך אין אַנ־עצה, זענען זײ פֿרײַ זיך צו ווענדען צו די בּירגער 1־טע קלאַסע אָדער צו די בּירגער 2־טע קלאַסע.

8) טאָמער געפֿעלט זײ עפּיס ניט, זענען זײ פֿרײַ צו דענקען ווע־גען דעם וואָס זײ ווילען. און אַזוי ווײַטער.

עס פֿערשטעהט זיך, אַז די אָפּאָזיציע האָט דעם „בּורזשואַזנעם“ פּראָיעקט פֿערוואָרפֿען מיט פֿולע איהר. די אָפּאָזיציע מײנט מען דעם סטו־דענט מיט'ן שוואַרצען העמדעל, אָהער ווי מיר האָבּען איהם אַ נאָמען געגעבּען: דער „סאָציאַליסט“. ער האָט צושלאָגען אויך דעם „היפּאָקריטישען“ פּראָ־יעקט פֿונ'ם אָרטאָדאָקס, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט אינ'ם ערשטען פּונקט דעם „הײליגען שבת“. ער האָט פֿערוואָרפֿען אויך די אַלע איבּריגע פּראָ־יעקטען, אויף יעדען אײנציגען אויסגעזוכט אַנ'אַנדער חסרון: דער איז צו „נאַציאָנאַליסטיש“, דער איז צו „מאַטעריאַליסטיש“. די צווײ קאָנסטיטוציעס פֿונ'ם ציוניסט מיט'ן טעריטאָריאַליסט האָט ער געמאַכט אויסצודרעהען, און האָט אויפֿגעגעבּען זײַן אײגענעם „סאָציאַליסטישען“ פּראָיעקט. אַרויסגע־נומען פֿון אַלע בּעסטע קאָנסטיטוציעס פֿון איראָפּאַ און אַמעריקאַ.

לײדער איז אָבּער דער פּראָיעקט אויך דורכגעפֿאַלען, נישט אַזוי צו־ליעבּ דעם וואָס די סאָציאַליסטישע קאָנסטיטוציע איז געווען אַזוי שלעכט, ווי צוליעבּ דעם, וואָס יעדען פֿון די דרײַצעהן פֿעראײניגטע שטאַאַטען האָט זיך זעהר געוואָלט, אַז נאָר זײַן קאָנסטיטוציע זאָל דורכגעהן. בּיז עס איז געקומען צום שריפֿטשטעלער, דאָס הײסט, צום פֿערפֿאַסער פֿון די דאָ־זיגע בּעשרײַבּונגען.

דער לעזער האט שוין געהאט די געלעגענהייט וויפיל מאל זיך צו איבערצייגען, אז מיר זענען וויט פון בעריהמעריי. נאר דארט, וואו מען שרייבט אמת׳ע, ניט קיין אויסגעטראכטע, געשיכטען, טאר מען קיין זאך נישט פערלייקענען. איך מוז אייך זאגען, אז מיין פראיעקט איז אנגענומען געווארען מיט גרויס ענטהוזיאזם און וועלטענעם אפלויז, נישט מחמת ער איז געווען אזוי אריגינעל, נאר איבער אנאנדער זאך. איך, פערשטעהט איהר מיך, בין דערגאנגען א סוד, אז אויב איהר ווילט זיין פאפולער אין דער וועלט מוזט איהר יוצא זיין לכל הדעות, דאס הייסט חלילה קיינעם ניט שמייכלען, נאר קיינעם ניט אנגרייפען, נישט אנריהרען חלילה קיינעמ׳ס כבוד. גלויבט מיר, ליעבער פריינד, איך האב עס ניט אויסגעזויגען פונ׳ם פינגער, איך זאג עס פון מיין ערפאהרונג, וואס איך האב זיך אנגעזעהען און אנגעהערט אין דער גאנצער צייט וואס איך האב זיך געפונען אין די 13 פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק. נאך לאנגע נאכדענקענישען און חקירות מיט זיך זעלבסט, בין איך געקומען צו דער פעסטער איבערצייגונג אז וואס מעהר איהר ווילט דורכזעצען אייערע א אידעע, דעסטא מעהר דארפט איהר אננעהמען יענעמס אידעע, און טאמער וועט איהר זיך אריינריידען „קעמפפען“ פאר דער אידעע זאלט איהר וויסען, אז איהר וועט קריגען געבראכען די ביינער און די גאנצע וועלט פאר שונאים.

הכלל, אין וואס איז בעשטאנען מיין פראיעקט? מיין פראיעקט איז בעשטאנען אין דעם, אז אלע פראיעקטען פון אלע פרעזידענטען פון אלע דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען זענען גוט, וואהל און שעהן און פיין און מיר זענען מחויב זיי אלע אננעהמען. נאר אזוי ווי ס׳איז אונמעגליך אנצונעהמען דרייצעהן קאנסטיטוציעס מיט אמאל, לכן לעג איך פאר מען זאל ארויסנעהמען פון יעדענס פראיעקט איין פונקט און מע זאל מאכען א געמישעכטס, א מין קאמפאט, איך וואלט געזאגט, א צימעס פון קאנסטיטוציעס. דער דאזיגער אריגינעלער פראיעקט איז אזוי געפעלען געווארען דעם עולם, אז ניט נאר מע האט מיך בעשאטען מיט דונערנדע אפלאדיסמענטען, יעדער האט געהאלטען פאר א חוב צוגעהן צו מיר און דריקען מיר די האנד און דאנקען פאר די גרויסע נוצען, וואס איך ברענג די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק. איינער פון זיי, עס שיינט מיר, דער אידעאליסט, איז מיר געפאלען אויפ׳ן האלז און האט מיך אוש ארומגעכאפט קושען, און אויב עס האט זיך מיר ניט אויסגעוויזען, זענען זיינע אויגען געווען בענעצט מיט טרעהרען... אויך די מאדאם, די

איינציגע פרוי אין די פעראייניגטע שטאַאטען אויף אונזער אינזעל, איז צוגעגאַנגען צו מיר און מיט זעהר אַ פריינדליך שמייכעלע, וואָס נאָר פרויען זענען דערויף פעהיג, האָט זי מיך אַ פרעג געטהון: אויב איך קלער לאַנג אויף מיינע אידעען, אָדער זיי ווערען געבאָרען ביי מיר אין קאָפּ עקספּראָמט, מאָמענטאַל?.. נאַטירליך, האָב איך איהר געענטפערט צווייזייטיג, דאָס הייסט, איך האָב איהר ערקלערט, אַז עס קומט מיר אָן אַ געדאַנק, בעטראַכט איך איהם פריהער פון אַלע זייטען און נאָכדעם ערשט זאָג איך איהם אַרויס מיט אַמאָל, עקספּראָמט... מיט מיין ענטפער איז די מאַדאַם, ווייזט אויס, געבליבען העכסט צופרידען און האָט מיר געשענקט זעהר אַ ליעבליך חנעוודיג שמייכעלע, און אין איין וועגס האָט זי בעוויזען איהרע געזונדע שעהנע ווייסע צייהן פונ׳ם בעסטען דאַנטיסט אין פּאַריז בולעוואַרד דע איטאַליען נאָמערא סאַן סואַסאַנט עקנז... (165)

אַצונד איז געבליבען נאָך איין זאַך: מע זאָל דאָס געמישעכטס, אָדער דעם צימעס פון די דרייצעהן קאָנסטיטוציעס אַרויסגעבען אויף פּאַפּיער און פערעפענטליכען דורך אַ מאַניפעסט אָדער אַ צירקולאַר. ווי עס פירט זיך אומעדום אויף דער גאַנצער וועלט. ווער זאָל זיין דער פערפאַסער פון דעם מאַניפעסט אָדער פון דעם צירקולאַר? פערשטעהט זיך, אַז איך, דער איינציגער שריפטשטעלער אין די דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאטען פון דער ערשטער יודישער רעפּובליק. צייט האָט מען מיר געגעבען דערויף גאַנצע דריי טאָג. מיינע קאָלעגען האָבען זיך בעגאַנגען מיט מיר זעהר מענשליך. זיי האָבען געזאָגט, אַז מע טאָר אויף איין מאַן ניט אַרויפוואַרפען קיין צו פיעל אַרבייט. פאַר׳ן צושיידען זיך האָבען מיר פערביסען מיט ניס, באַנאַנעס און פערטרונקען מיט פרישע ציעגענמילך וואָס דער איינציגער אַרבייטער, אָדער ווי מיר האָבען איהם גערופען, דער „פּראָלעטאַריי“, האָט אונז אונטערגעטראָגען. געוויינטליך, איז הערביי געהאַלטען געוואָרען אַ פּאָר דרשות. פריהער פון אַלעמען האָט גערעדט דער קאַפּיטאַליסט. בּיידע האָבען זיך, ווי אַלע מאָל געשפּיגעוועט מיט ווערטער. נאָך איהם האָט „געספּיטשט“ דער אַמעריקאַנער, אָדער ווי ער האָט זיך געהייסען ביי אונז, דער „אַטעאיסט“. ער האָט פערלייגט אַ פינגער אין דער זייט פון זיין קעסטעלדיגען זשילעט און דורכגעפירט אַ פּאַראַלעל, אַ פערגלייכונג צווישען אונזער „קאָנסטיטושאָן“ און צווישען דער „קאָנסטיטושאָן“ פון דהי יונייטער סטייטס אָף אַמעריקאַ, און האָט אויסגעלאָזט זיין טאָאַסט מיט פאָלגענדע ווערטער:

— לײדיס ענד דזשענטעלמען! איך הויב מיין טאָאַסט פאַר דער קאָנ-

סטיטושאן אף דהי יונייטער סטייטס אף דהי פוירסט דשואיש רעפובליק אף דהי טהוירטין איילאנד אף איזראיל!

נאך איהם האבען „געשפראכען" נאך א פאר פרעזידענטען, פארשטעהער פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען, נאטירליך, יעדער פון זיין אייגענעם שטאנדפונקט: דער ציוניסט פון ציוניסטישען, דער טעריטאריאליסט פון טעריטאריאליסטישען שטאנדפונקט, איטליכער האט געפונען דאס, וואס ער האט געזוכט. למשל, דער אסימילאנט, אדער פוילישער יוד פון משה רבינו'ס פאלאקען, האט מיטגעטהיילט די יאסנא-וועלמאזשנע פרעזידענטען זיין צופריעדענהייט, וואס די קאנסטיטוציע פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען דערמאנען איהם אן דעם גרויסען אלטען פוילישען סיים מיט אלע זיינע פיינע סטאטוטען... דאס האט ניט געשאדט דעם נאציאנאליסט צו טרינקען פאר דער טיעפער יודישער נאציאנאליסטישער אידעע, וואס לייכט זיך דורך אין אונזער קאנסטיטוציע... דער לעצטער רעדנער איז געוועזען, זעלבסטפערשטענדליך, דער פראלעטארי.

און דער עולם איז אויפגעשטאנען, און מען איז שוין גרייט געוועזען צו געהן אהיים, איטליכער אונטער זיין ווינשטאק און אונטער זיין פייגענבוים,— פלוצים פאלט מיר איין א פראגע צו טהון ביים עולם: אין וואס פאר א לשון זאל געשריבען ווערען דער מאניפעסט, אדער דער צירקולאר פון אונזער קאנסטיטוציע?

ווי א שטיין אז ער פאלט אריין אין וואסער, בעשאפט ארום זיך א ראד נאך א ראד, אהן א שיעור רעדער, אזוי איז געווען די דאזיגע שפראך-פראגע, וואס איך האב אומגערן א ווארף געטהון אין פובליקום. עס האט זיך אויפגעהויבען גאר איבער א נייעס א שטורם, א מלחמה, א קאכעניס, א געשריי מיט א געפילדער ביזן הימעל אריין.

וואס עס איז געווארען וועגען די פראגע פון די שפראכען וועל איך אייך ערצעהלען מארגען.

ח.

18 לשונות.

דער אלטער חומש (ביבעל) דערצעהלט אונז א שענע מעשה, ווי אזוי מענשען האבען אמאל פערטראכט צו בויען א טורעם, וואס זאל גרייכען ביזן

הימעל, האט דאס גאט פערדראסען, און ער האט אויסגעמישט זייער שפראך, און זיי האבען אויפגעהערט איינעם דעם אנדערען צו פערשטעהן.

דאס זעלבע איז געוועזען אויך מיט אונז, דרייצעהן ראבינזאנס אויף אונזער „דרייצעהן-אינזעל“, דאכט מיר, אז דרייצעהן מענשען וואס געהערען צו איין פאלק, זיי מעגען זיין פון פערשידענע לענדער, וואלטען געמעגט האבען איין שפראך, זייער אייגענע שפראך. איך שטעל מיר פאר דרייצעהן קינדער פון איין פאטער האבען פערלאזט זייער פאטער'ס הויז, זיך צוועקגעלאזט אין פערשידענע לענדער און זענען אין א צייט ארום געקומען צוריק, ווי אזוי װעלען זיי זיך קאנען אויפרעדען צווישען זיך, אז ניט אויף זייער מוטער-שפראך, אין דער שפראך פון זייער היים? עס וועט דאך זיי ניט איינפאלען אזא משוגעת, אז זיי זאלען רעדען צווישען זיך אויף דרייצעהן פערשידענע שפראכען? איז דען מעגליך, אז יעדער איינציגער פון זיי זאל זיין געצוואונגען צו פערשטעהן אלע דרייצעהן לשונות?...

אט אזעלכע טרויעריגע מחשבות זענען מיר געקומען אויפ'ן זינען אין דער צייט וואס ס'איז ארויפגעשוואומען ביי אונז די פראגע: אין וואסער שפראך עס זאל געשריבען ווערען די קאנסטיטוציע פאר די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק?

צום ערשטען איז ארויסגעטראטען, ווי אלע מאל דער רייכער פאבריקאנט, אדער ווי ער איז געוועזען בעארבייט ביי אונז אונטער דעם נאמען „דער קאפיטאליסט“, א יוד פון די זאגענאנטע דייטשע יהודים (מיט א פתח אונטער דעם יוד). ער האט ארויסגעשפראכען זיין גרויסע בעוואונדערונג, וואס מען האט די שפראך געמאכט ביי אונז פאר א פראגע. ווער ווייסט דאס ניט, האט ער געזאגט, אז אונזער שפראך איז געוועזען און עס וועט זיין די ריינע, די אלטע, די שענע, די רייכע דייטשע שפראכע? ווי אזוי דען ווילען מיר „שפרעכען“ אז ניט דייטש?

איז אויפגעשטאנען דער שטענדיגער געגנער פונ'ם קאפיטאליסט, דער סאציאליסט, דאס הייסט דער יודיש-רוסישער סטודענט מיט'ן שווארצען העמדעל, און האט זיך אנגערופען אויף זיין געמישטען יודיש-רוסישען דיאלעקט:

— ואפערוויך (ערשטענס), סאמניעוואיע איך זיך (צווייפעל איך) אויב אלע פערשטעהען ופאלניע (פאלקאם) די דייטשע שפראך, און וואוטאריך (צווייטענס), בין איך אובעזשדיאן (איבערציינט) אז די באלשינסטווא (מעהרהייט) פון אונזערע סאבראניע (פערזאמלונג) זענען נא סטאראניע (אויף דער

זייט) פון דער רוסישער שפראך, עס איז ביי מיר קאַק דוואַזשדי דווא (ווי צוויי מאָל צוויי)!

— פשעפּראַשאַם (האָט קיין פאַראיבעל)! שפּרינגט אַרוים דער אסימילאַנט פון משה רבינו׳ס פּאָליאַקען. — איך פּראָטעסטיר געגען דער שפראך פון די מאָסקאָוויטער! מיינע יאַסנאָוועלמאָזשנע קאָלעגען פּרעזידענטען זאָלען מיר פאָלגען, וואָלטען זיי אויסגעקליבען נור די פּוילישע שפּראַכע, די שפּראַכע אויף וועלכער דער גרויסער מיצקעוויטש האָט געשריבען זיין „פאַן טאַדעאוש"...

— מערסי באָקו (אַ שענעם דאַנק)! — שטעלט אַריין איהר וואָרט אויך די מאַדאַם, די איינציגע פרוי אויף אונזער אינזעל. — ווער וועט פערשטעהן אייער מיצקעוויטשעס שפּראַך? אונזער שפּראַך דאַרף זיין נאָך מיין מיינונג די פראַנצויזישע, די דיפּלאָמאַטישע וועלט-שפּראַכע. וואָס קען זיין שענער ווי אַז מען רעדט פראַנצויזיש? אומעטום, וואוהין איהר קומט אין אַ געזעלשאַפט, וואָס פאַר אַ שפּראַך הערט איהר רעדען? פראַנצויזיש. קליינע קינדער אַז איהר הויבט אָן צו לערנען רעדען, וועלכע שפּראַך לערנט איהר זיי? די פראַנצויזישע! מעסיע! פּאַרלע פראַנסע, סיל וואו פּלע! מיינע הערען! רעדט פראַנצויזיש!

— מיסטער טשערמאַן! לייריעס ענד דזשענטעלמען! — אַזוי האָט אָנגעהויבען דער אַמעריקאַנער אַטעאיסט זיין „ספּיטש" געלאַסען, מיט אַ פינגער אונטערן קעסטעלדיגען וועסטעל און מיט איין פוס פאָררויסען, ווי אַלע מאָל. — איך וועל אייך בעטען איהר זאָלט מיר עקסקיוזען (מוחל זיין), איך וועל פערנעהמען אייער צייט מיט סטאַטיסטיק. ביי אונז אין אַמעריקאַ זאָגען מיר: טאַים איז מאָני — צייט איז געלד. לייריעס ענד דזשענטעלמען! וועלכע שפּראַכע ווירד אַם מעהרסטען געיוזט (גענוצט) אויף דער וועלט? די ענגלישע! עס איז מעהר ווי בעוואוסט אַז דריי פערטעל פון דער גאַנצער מענשהייט ספּיקען (רעדען) ענגליש. אונטער זיי רעכענט זיך זעקס הונדערט מיליאָן אין דהי יונייטעד סטייטס אָף אַמעריקאַ.

— פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אייך זעקס הונדערט מיליאָן אין אַמעריקאַ? אויף וויפיל מיר איז בעוואוסט פון דער געאָגראַפיע צעהלען די פעראייניגטע שטאַאַטען נישט מעהר ווי...

אַזוי האָט זיך אָנגערופען איינער פון אונז (מיר דאַכט, אַז דאָס בין איך געווען), איך האָב געמיינט אַז מיין אַמעריקאַנער וועט ניט וויסען וואו אַהינצוטהון זיך פאַר בזיון, צום סוף האָט ער מיר גאָר געמאַכט דעם גרעסטען בזיון.

האָט אַ קוק געטהון אויף מיר פון אויבען אראָב און נישט אַרויסנעהמענדיג דעם פינגער פון דער קעסטעלדיגער ושילעט, מאַכט ער צו מיר מיט א שמייכעלע:

מיסטער! איהר ווערט מיר עקסקיוזען וואָס איך וועל אייך זאָגען, נעהמט אייער געאָגראַפיע און וואַרפט זי אַריין אין ים אַריין. אייער געאָגראַפיע ווייס אַזוי פיעל וויפיעל איהר און איהר אַזוי פיעל וויפיעל אייער געאָגראַפיע. פון וואַנען שטאַמט אייער געאָגראַפיע? פון יוראָפּ? אָלל רייט!..

זינט גאָט האַנדעלט מיט עזות-פּנים'ער האָט ער נאָך אַזאַ אַנ'עזות-פּנים נישט בעשאַפען. איך האָב זיך שיעור נישט בעגראָבען אויפ'ן אָרט, וואָרום אַלע אויגען האָבען געקוקט אויף מיר, און אויף אַלע פּנים'ער האָט זיך צוגאָסען א שמייכעלע, עס איז מיר געבליבען נור איין זאַך: פערבייסען די ליפּען און מאַכען א שוויג...

און דער אַמעריקאַנער דזשענטעלמען האָט דערווייל פאָרטגעזעצט זיין סטאַטיסטיק און האָט „געספּיקט" ווייטער, געשאָסען מיט מיליאָנען, זיך אפילו קיין קרים ניט געטהון. לויט זיין סטאַטיסטישען חשבון האָט בעדאַרפט אויסקומען, אַז אַרום און אַרום זענען פאַראַן מענשען אויף דער ערד א מיליאַרד צוויי הונדערט מיליאָן, אונטער זיי צעהלען זיך ענגליש שפּרעכענדע אַמעריקאַנער זעקס הונדערט מיליאָן, אין ענגלאַנד פיער הונדערט מיליאָן, אין אינדיען אַכט הונדערט מיליאָן, אין אויסטראַליען דריי הונדערט מיליאָן, אין יוראָפּ און אין אַנדערע לענדער צוויי הונדערט מיליאָן, סך הכל אַרום און אַרום זענען ענגליש-שפּרעכענדע כמעט צוויי מאָל אַזוי פיעל וויפיעל עס איז דאָ מענשען אויף דער גאַנצער וועלט... נאָכדעם ווי ער איז פערטיג געוואָרען מיט זיין סטאַטיסטיק, האָט ער אַריינגעלייגט דעם אַנדערן פינגער אין דער קעסטעלדיגער ושילעט און האָט זיך געווענדעט צו אונז אַלעמען מיט'ן גרעסטען פּאַטהאָס:

— רופט מיר אָן נאָך אַזאַ שפּראַך אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס זאָל פאַרמאָגען אַזאַ שעקספּיר ווי מיר פאַרמאָגען, אַזאַ מילטאָן, אַזאַ בייראָן!! לײדיס ענד דזשענטעלמען! עס וואָלט געווען מעהר ווי רעכט, אַז מיר, די דרייצעהן פּרעזידענטען אָף דהי יונייטעד סטייטס אָף דהי פּוירסט רעפּובליק אָף איזראַיל, זאָלען אַנערקענען נאָר די ענגלישע שפּראַכע אַלס פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע שפּראַכע.

— נאַציאָנאַלע שפּראַכע?! — כאַפּט זיך אויף דער נאַציאָנאַליסט מיט פייער און מאַכט מיט הענד. — אַ חרפּה און אַ בושה! ווי שעמען זיך ניט יודען פאַרצושלאָגען אויף זייער אייגענע טעריטאָריע מען זאָל זיך בענוצען מיט

פרעמדע לשונות אין דער צייט ווען מיר האבען אונזער אייגענע אלטע שענע הייליגע פרעכטיגע שפראך לשון הקודש? א שאנדע און א געלעכטער, אז יודען זאלען נתפעל ווערען פון פרעמדע מיצקעוויטשעס, מילטאנס און בייראנס, און פערגעסען זייערע אייגענע גרויסע דיכטער; וואו איז ישעיהו? וואו איז ירמיהו? וואו איז יחזקאל? און וואו איז חבקוק? איך פרעג אייך, אדרבה, זאגט איהר אליין, וואס איז שענער: צו איך זאל זאגען למשל אויף דעם צובראכענעם פאני לשון:

„די ערשטע אסנאוועס צו דער קאנסטיטוציע פון די דרייצעהן סאיעדי-ניאנע שטאאטען פון דער פערווי יעווריסקי רעספובליקא“?

צו איך זאל זאגען אויף דער שפייענדיגער ענגלישער שפראכע:

„דהי פוירסט סטעטשיוטס טו דהי פוירסט קאנסטיטושאן אף דהי טהוירטין יונייטער סטייטס אף דהי פוירסט רעפובליק אף איזראיל“?

אדער איך זאל בעסער זאגען אויף אונזער אייגענעם לשון הקודש:

„הכטאטוטים הראשונים של הקאנסטיטוציה הראשונה של שלש עשרה שטאאטים של הרפובליקה הראשונה בישראל?“ איך פרעג אייך, ווי לאנג נאך וועלען מיר זיין שקלאפען, וואס אנערקענען נור דאס וואס ביי יענעם, דער-פאר וואס איז ביי יענעם ניט ביי אונז? שעמען הארפען מיר זיך! דרייצעהן זענען מיר אדער ארויסגעווארפען געווארען פונ'ם שיקואל, דרייצעהן קינדער פון איין פאלק, פון איין גלויבען, דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען האַ-בען מיר דא געגרינדעט, גאר דער האר ווייסט וויפיעל אונז איז באשערט דא צו פערבלייבען! פאר וואס זאלען מיר זיך ניט בעהעפטען אלע דרייצעהן אונטער איין פלאג? פאר וואס זאלען מיר ניט האבען אלע דרייצעהן איין שפראך, אונ-זער אייגענע הייליגע שפראך, לשון הקודש? מיר אלע דרייצעהן דארפען האבען איין גאט, איין גלויבען, איין תורה, איין שפראך, איין היסטאריע, איין לאנד...

— הידד!!! — האט אונטערגעהאפט דער ציוניסט, און דער אידעאליסט מיט'ן ארטאדאקס האבען איהם אונטערגעהאלטען, און אלע דריי האבען זיי א חאפ געטהון מיט א ניגון אויף א קול, און די מאדאם האט אויך מיט-געזונגען:

עוד לא אבדה תקותנו,
התקוה הנושנה,
לשוב לארץ אבותינו —
לעיר בה דוד ח — — — נה!

מערקווירדיג! אויך קיינעם האט דאס ליעד ניט געמאכט אזא שלעכטען איינדרוק ווי עס האט געמאכט אויפ'ן טעריטאריאליסט. ער האט זיך פשוט קיין ארט ניט געקענט געפינען. ער איז עטליכע מאל אויפגעשטאנען, זיך אחעקגעזעצט צוריק, און ווידער אויפגעשטאנען און אנגערופען זיך:

— זעהר געעהרטע קאלעגען! עס איז ווער, אז די שפראכפראגע איז אזוי וויכטיג ווי די פראגע פון א טעריטאריע. און אזוי ווי די פראגע פון דער טעריטאריע איז ביי אונז אלס איינס: וואס פאר א טעריטאריע אבי א טעריטאריע, אזוי איז אויך די פראגע פון דער שפראך ביי אונז אלס איינס; וואס פארא שפראך אבי א שפראך. און אום צו מאכען איין עק מיט דעם דיספוט וועגען שפראך און אום עס זאל ניט זיין קיין קנאה שנאה — „מיין שפראך, דיין שפראך", לייג איך פאר מיר זאלען זיך דא אויסארבייטען גאר א נייע שפראך, איין אלגעמיינע וועלט-שפראך, א מין „וואלאפיוק", אדער „עספעראנטא".

— בראווא! בראווא!

לויט די געשרייען „בראווא" מיט'ן אפלויז, ווייזט אויס, אז דער פראיעקט פונ'ם טעריטאריאליסט וועגען „וואלאפיוק" אדער „עספעראנטא" האט ביי'ם עולם שטארק אויסגענומען. אפשר איז זיי דער פראיעקט געפעלען דערפאר, וואס זיי האבען ארויסגעזעהען, אז עס שטעהט זיי פאר אנ'ארבייט. עס וועט הערווייל זיין וואס צו טהון... בעשאפען א נייע שפראך, איין אייגענעם וואלאפיוק, בעדארף זיין זעהר איין אנגענעהמע ארבייט. עס איז גאנץ מעגליך, אז מיר וואלטען זיך נאך דעם זעלבען טאג אוועקגעזעצט אלע ביי אונז אין אונזער „פאליטישען קלוב", דאס הייסט, אויפ'ן בארג אונטער א בוים, און מיר וואלטען זיך גענומען צו דער ארבייט — אויסטראכטען נייע ווערטער מיט נייע נעמען. איז מיר אבער איינגעפאלען א געדאנק, איך זאל אויך זאגען א ווארט. אייגענטליך, אלס שריפטשטעלער וואלט מיר אין דער שפראכפראגע געקומען דאס ערשטע ווארט. איך בין אבער בטבע אזא מענש, וואס איך האב ליעב אומעדום זיין דער לעצטער. איך געה מיט דעם גאנג, אז סאי ביים עסען, סאי ביים רעדען מאכט דער לעצטער תמיד בעסער.

— רבותי! — האב איך מיר אנגערופען איצטינס מאל אויף פראסט יודיש — איך מוז מיך מודה זיין, אז איך בין איינפערשטאנדען מיט'ן לעצטען רעדנער, מיט'ן טעריטאריאליסט. דאס הייסט, איינפערשטאנדען בין איך, אייגענטליך, מיט אלעמען, נור מיט איהם בין איך נאך מעהר איינפערשטאנדען, ווי מיט אלע אנדערע. פאר אונז, דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען

פון דער ערשטער יודישער רעפובליק, איז ניטא קיין בעסערע, קיין שענערע, קיין מעהר פאסענדע שפראך ווי „וואלאפיוק" אדער „עספעראנטא". איך וויל אייך נאר מאכען א קליינע בעמערקונג, אז אויף אונזער „וואלאפיוק" דארפען מיר לאנג ניט ארבייטען. מיר האבען איהם שוין א פארטיגען. דאס איז אונזער יודיש לשון, אונזער פאלקס־שפראכע, וואס מען רופט דאס „זשארגאן".

— זשארגאן?.. די שמוציגע שול־הויף שפראכע?.. **צאינה וראינה** עברי טייטש?.. דער גהעטא־דיאלעקט?.. גנבה'ש לשון?..

אזעלכע שפיץ־ווערטער זענען מיר געפלויגען פון אלע זייטען. איך האב דאס איבערגעטראגען גאנץ רוהיג און האב גערעדט ווייטער:

— איך האב געוואוסט, אז איהר וועט דאס זאגען, איך בין געוועזען אנגעברייט דערצו, נאר עס אהרט מיך ניט. ווייסט איהר פארוואס? ווייל איך ווייס, אז איהר וועט מיך אויסהערען, וועט איהר זאגען, אז איך האב רעכט. לאמיר קארשט גוט בעטראכטען, וואס איז אזעלכעס וואלאפיוק? וואלאפיוק איז א שפראך וואס בעשטעהט פון קורצע ווערטער, האט ניט קיין גראמאטיק און איז לייכט צו שטודירען. וואו האט איהר נאך אזא שפראך מיט אזוי פיעל קורצע ווערטער ווי אונזער זאגענאנטע זשארגאן? אז מיט איין „עט", אדער מיט „בע", אדער מיט „נו" קאנט איהר ארויסזאגען אזוי פיעל, וואס אן אנדער שפראך וואלט בייא אייך צוגענומען דערויף מי יודע וויפיעל פלאץ, און ווער שמועסט פון אזעלכע ווערטער ווי: „נו־נו", „טע־טע", „מילא", „שייך", „הייסט עס", „ממה נפשך" — א גאנצע קאנווערזאציאנס לעקסיקאן!.. און וואס גראמאטיק אנבעטרעפט, וועל איך אייך פרעגען, וועלכע שפראך איז נאך אזוי צופאהרען מיט דער גראמאטיק, ווי אונזער זשארגאן? און וועגען דעם עס זאל זיין לייכט צו שטודירען איז גאר ניטא וואס צו רעדען. וואס קען זיין נאך לייכטער ווי צו ערלערנען א שפראך, וואס מען פארשפארט זי גאר שטודירען? עס איז דאך טאקי לעכערליך! ווער פון אונז דרייצעהן אויף אונזער אינזעל פערשטעהט ניט קיין יודיש? און אומעדום אויף דער גאנצער וועלט, וואהין איהר זאלט ניט קומען קענט איהר ניט רעדען אונטער יודען אויף יודיש? איך אליין קען מיך בעריהמען, האב דורכגערייזט א וועלט מיט מיין זשארגאן, געוועזען שוין אין אמעריקא אויך, און דאנקען גאט, מען האט אומעדום געלאכט. א סימן אז מען האט מיך פערשטאנען... אלזא, רבותי, אונזער שפראך איז

וואָלאַפּיוק, און אונזער וואָלאַפּיוק איז אונזער יודיש, אונזער פאָלקס־שפּראַכע. עס לעבע דאָס פאָלק! עס לעבע די פאָלקס־שפּראַכע! הוראַ!

— הוראַ! — האָבען אונטערגעכאַפּט דרײַ פערטל פון אונזער פערזאַמלונג. אָבגעשוויגען האָבען צווײ: דער קאַפּיטאַליסט און דער אַסימילאַנט, און דער אַמעריקאַנער עזות־פּנים איז גיט יוצא געװען מיט אָבשווײַגען אַלײן. ער האָט געפונען פאַר נויטהיג אַרײַנלעגען צווײ פינגער אין מויל און אויספײַפען מיך, ווי נאָט האָט געבאָטען. איך האָב איהם אָבער געהערט מיט׳ן קאָטער. מײַן פּראָיעקט וועגען „יודישען וואָלאַפּיוק" איז אָנגענומען געוואָרען מיט דעם גרעסטען אַפּלויז. דער פּראָסטער מענש, אָדער ווי ער הײסט בײַ אונז, דער פּראָלעטאַרי, איז צוגעגאַנגען צו מיר און האָט מיר לאַנג־לאַנג געטרײסעלט מײַן האַנד און געדאַנקט.

באַלד נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבען אַ שפּאַרערײַ, וואָסער זשאַרגאָן מיר װאָלען געברויכען? און אָט דאָ הויבט זיך ערשט אָן די רעכטע חתונה. יעדער האָט זיך געמעלדעט צום וואָרט. פריהער פון אַלע האָט גערעדט, ווי געוועהנליך, דער קאַפּיטאַליסט. ער האָט אַרויסגעזאָגט זײַן מײנונג, אַז ווי באַלד שוין יאָ זשאַרגאָן, זאָל ער האָטש זײַן רײן, אויסגעפײַנט בעפּוצט מיט רײנע דײַטשע ווערטער, מיט מעהר פּתח׳ן ווי קמץ׳ן. אָנשטאָט „וואָס" זאָל זײַן „וואַס", און אָנשטאָט „דאָס" — „דאַס". מיט פּתח׳ן וועט דאָס אויספיעל שעהנער... זעלבסטפערשטענדליך, אַז איהם האָט באַלד איבערגעשפּאַרט דער סאָציאַליסט. ער האָט אויפגעגעבען אַ „פּרעדלאָזשעניע" (פאָרשלאַג), אַז יעדער זאָל רעדען „פּאָ סוואָיעמו" (ווי ער וויל). דאַן איז אויפגעשטאַנען דער אָרטהאָדאָקס, דער ליטוואַק, און האָט אונז געוואָלט אײַנרעדען, אַז דער רײנסטער זשאַרגאָן איז דער וואָס מען רעדט בײַ זײ אין דער ליטאָ. אַ בײַשפּיעל האָט ער געבראַכט טאַקי פון די ווערטער: „וואָס" און „דאָס". בײַ אונז זאָגט מען אויף וואָס — וואָס און אויף דאָס — דאָס, און בײַ זײ זאָגט מען אויף וואָס — וואַס און אויף דאָס — דאַס... דער משל מיט׳ן „וואָס" און מיט׳ן „דאָס" האָט אַפּנים שטאַרק פערדראָסען דעם אַסימילאַנט, אָדער דעם וואַרשעווער אינטעליגענט פון משה רבינו׳ס פּאָליאַקען. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווי אַן אָבגעבריהטער. דאָס גאַנצע בלוט איז איהם אַרײַן אין פּנים, און ער איז אָנגעפאַלען אויפ׳ן אָרטהאָדאָקס און האָט איהם געגעבען זיפּיעל ס׳איז אין איהם אַרײַן. ער האָט איהם געזאָגט וואָס אין דער קאָרט: „לאַטהאַק"! „צלם קאָפּ"! „לאָבוס"! „פּיפּערנאָטער"! „אָקסענדאָרן"!

„תרנגול“ ז... און נאך אזעלכע שארפע ווערטער, וואס איך האב גאר קיין מאל ניט ערווארטעט פון אזא עכטען פאליאק ער זאל אזוי וויט זיין א זשארגאניסט!

נאטירליך האבען ביידע צדדים געהאט אנהענגער און געגנער: איי־ניגע האבען געהאלטען מיט'ן ארטהאדאקס, אז דער אמת'ער זשארגאן איז דער, וואס מען רעדט אין דער ליטא, און אייניגע האבען געהאלטען מיט'ן אסימילאנט, אז דער פיינסטער זשארגאן איז דער, וואס מען רעדט אין פוי־לין. האט זיך אריינגעמישט, געווענליך, אויך דער אמעאיסט, דער עזות מחוצף פנים, און האט געזאגט, אז דער ליטווישער זשארגאן מיט'ן פוי־לישען זשארגאן טויגען ביידע אויף כפרות. דער אמת'ער זשארגאן איז גאר דער, וועס מען „יוזט“ איהם ביי זיי אין די יונייטער סטייטס אף אמעריקא. ער האט זיך צוועקגעשטעלט אין זיין געווענליכער פאזע, דאס הייסט, איין פוס אויפגעהויבען און די הענד אונטער דעם וועסטעל און האט געמאכט א תל פון אונז אלעמען.

— וואס פאר א זשארגאן איז דאס ביי אייך אין יוראפ — האט ער גע־טענה'ט,— אז אלסדינג איז ביי אייך פאפעריק מיט די פיס ארויף? א לייד' הייסט ביי אייך ווייב, א העט הייסט ביי אייך הוט, א וועסט הייסט זשילעט, בוטס הייסען ביי אייך שטיוועל, ראום איז ביי אייך א חדר, פארניטשור איז מעבעל, פיקטשור איז א בילד, פייפער איז גאזעט, מאני איז געלד, פון משיקען ווערט ביי אייך א הוהן, פון קיטשען א קיך ענד זא וויטער... הייגט נעהמט ווי אזוי ספעלט איהר אייערע ניימס (נעמען): דזשעק איז ביי אייך יאנקעל, דזשאן איז ביי אייך יונה, אייב איז אברהם. טשארלי איז חיים, אייק איז מרדכי ענד זא וויטער, ענד זא וויטער.

עס פערשטעהט זיך, אז דער „ספיטש“ האט פערדראסען דעם איבי־דיגען עולם, און ניט אזוי דער „ספיטש“ אליין ווי דער טאן מיט וועלכען דער אמעריקאנער דזשענטעלמאן האט זיך ערלויבט צו דיקטירען ווי אזוי מען זאל שרייבען יודיש. דער עולם האט זיך גענומען היצען און שרייען אלין העכער און העכער, און גאט ווייסט מיט וואס די דעבאטען וואלטען זיך גע־ענדיגט, ווען עס זאל זיך ניט געווען טרעפען א ואנדערבארער צופאל, אן־אוי־סערגעווענליכע מעשה, וואס האט געמאכט א סוף צו אלע אונזערע דעבאטען און צו אונזערע דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען, ווי עס ווערט דערצעהלט ביי אונז אט באלד אין די לעצטע פון אונזערע בעשרייבונגען.

אין פערלאג „פראגרעס“ ווארשא

איז יעצט ערשיענען

„שריפטען“

פון

יונה ראזענפעלד.

פראכטפאל שעהן געדרוקט

מיט'ן בילד פון אווטאר.

פרייז 65 קאפ׳

געבונדען אין פראכט־באנד נאך 35 קאפ׳.

פיט בעשטעלונגען זיך צו ווענדען!

Книгоиздательство „Прогрессъ“,

Я. ЛИДСКIЙ, Варшава, Налевки 36.

אַן אוצר פון קלאַסישע ליטעראַטור.

אלע 5 בענדער פון

„הויז פריינד“.

רעדאגירט פון מ. ספעקטאר.

פון דעם „הויז פריינד“ איז שוין לאנג ניט געווען צו בעקומען אלע בענדער, און פיר די ערשטע צוויי בענדער אליין האט מען געצאהלט 5 רובל. יעצט האט דער פערלאג „פראגרעס“ אבגעדרוקט די בעסטע ליטעראטור פון אלע 5 בענדער; עס ענטהאלט אומגעפעהר 1300 זייטען אויף שעהן פאפיער.

אין דעם אוצר פון די קלאסישע ליטעראטור „הויז־פריינד“ קומט אריין היסטארישע און וויסענשאפטליכע ארטיקלען, רייזע בעשרייבונגען, ערצעהלונגען פון דער נאטור געשיכטע, ידיעות וואס יעדער מענש דארף וויסען, לעבענס־בעשרייבונג פון גרויסע לייט, נייע ערפינדונגען, אנעקדאטען, שענע מעשות, גלייכע ווערטליך, שכל'דיגע רייד פון גרויסע לייט, ערצעהלונגען, ראמאנען, פאעזי פון 50 פאפולערסטע ליטעראטען און דיכטער:

אום אלע זאלען זיך קענען פערשאפען דעם אוצר פון קלאסישע ליטעראטור האבען מיר געשטעלט דעם פרייז פיר דאס גאנצע ווערק 2 רובל, מיט פארטא 2.50.

געבונדען אין 2 פראכט־בענדער נאך 1 רובל.

אדרעססע

Я. К. ЛИДСКIЙ, Варшава, Налевки 36

שלום עליכם

די פרעהליכע קאמפאניע

פרייז 15 קאפ. №71

Разсказъ Шолемъ Алейхема

Типо-Лит. Ф. Баумритера, Варшава, Красин. пл. 6.

די פרייליכע קאמפאניע.

(ערצעהלונג).

קאפיטעל א.

אין אַ הייסען זומערטאָג, אין איינע פון די גרויסע גאַסען פון דער גרויסער שטאָדט, וועלען מיר זאָגען אין יעהופעץ, האָט געשפאַצירט מיט אַ ציגאַר אין די צייהן אַ שוואַרצער יונגער מאַן מיט רויטע בעקקיך פון אַ יאָהר... איך קאָן אייך ניט זאָגען אַקוראַט פון וויפיל יאָהר, ווארום איך האָב זיין פאַס ניט געזעהן. אַמאָל, אַז מען האָט נאָך ביי אונז געטראָגען בערד, האָט מען נאָך דער באָרד גרינג געקאָנט שאַצען יענעמס יאָהרען. היינט, אַז שערען און גאָלען די באָרד איז געוואָרען ביי יודען ברוך־השם אַ וואָכעדיגער גאַנג — אדרבה, נאַט אייך אַ געגאָלטע מאָרדע און זייט אַ בריה, טרעפט וויפיעל איז זי אַלט?... אַנדערע איז גאָר שווער צו דערקענען אפילו, צי זיי זענען יודען, דאָס הייסט אַז מען קוקט זיך גוט צו צו זיי דערקענט מען זיי אפילו גרייליך. מען דערקענט זיי נאָך דער נאָז, נאָך די אויגען, נאָכ'ן קוק; אַ יוד קוקט גאָר אַנדערש, אַ יוד אַז ער קוקט אויף אייך, לייענט איהר איבער אין זיינע אויגען: „ווער זענט איהר? עפעס זענט איהר מיר קענטליך? און וואָס איז צ״ער טהועכטס? זאָגט — אפשר קאָנען מיר איינס דאָס אַנדערע צו ניטץ קומען"?... אָט אַזוי קוקט אַ יוד... נאָר מיר קעהרען זיך אום צוריק צו אונזער פארשוין, צום שוואַרצען יונגערמאַן.

דער שוואַרצער יונגערמאַן איז זיך געגאַנגען פאַוואָליגקע, ניט אַרויסגעלאָזט די ציגאַר פון מויל, ווי אַ מענש וואָס האָט נאָר וואָס אָבגעגעסען אַ פיינעם מיטאָג, פערדרויכערט אַ ציגאַר און מאַכט „מאָציאָן". אויך דאָס פנים זיינס איז געווען זעהר פיין אויסגעפוצט, די בעקליך

יוט, די וואָנסעם אַרויפגעדרעהט אַרויף, נאָר די מלבושים זענען געווען אַביסעל געהאַפּט, דהיינו: די אַרבעל פונ'ם פּי־ד'זאַק האָבען אַביסעל צופיעל געגלאַנצט, די הויזען זענען געווען אַביסעל .ויסגעטרעטען. און די שטיבלעטין, חאָטש זיי זענען אַמאָל געווען גרויסאַרטיגע, לאַקירטע שטיבלעטין מיט שענע קנעפּעליך, האָבען איצטער, אויף דער עלטער, אַביסעל אונטערגעפּוצעוועט, חלילה נישט צעריסען, נאָר שטאַרק צעטריס־קעט, און די אָפּצאַסען אַביסעל אויסגעדרעהט. אויך דאָס קאַפּעלושעל האָט אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז דאָס בעדאַרף זיין נישט קיין גרויסער נגיד, וואָרום אַ חוץ וואָס דער פאַסאָן איז שוין לאַנג אַרויס פון דער מאָדע, איז דאָס קאַפּעלושעל אַליין געווען צוגעלעגערט און אָבגעבאַרעט אַביסעלע און די טאַשמע פערשמאַלצט מיט פעטען — זעהר־זעהר אַ געמיין קאַפּע־לושעל.

דער דלות האָט שוין אַזאַ טבע, אַז קוים חאַפּט ער זיך אַריין צו איינעם, איז קודם כל לעגט ער זיך ביי איהם אויפ'ן קאַפּעלוש און אויף די שפּיץ־שטיוועל, און נאָכדעם פערקלויבט ער זיך צו איהם אין בייטעלי אַריין, רייניגט אויס פון דאָרטען וואו ערגעץ אַ מטבע אין אַלטע איין אָבגעריבענע, לאָזט איבער אַ צוויי קנעפּליך מיט אַ „רעצעפּיס“ פון דער פּאָסט און רייבט אויס אַ לעכיל, אַז טאָמער וועט זיך מאַכען אַ מאָל אַ מטבע זאָל זי אויך אַרויסקריכען...

ווערליג דער דאָזיגער פּאַרשוין איז געגאַנגען רוהיג, געצעהלטע טריט און געדרעהט מיט'ן שטעקיל און צוגעזונגען שטילערהייד אַ גאַנץ פּיינעם נגון און אַלץ געקוקט אַרויף אין די פענסטער אַריין, האָט מען געקאָנט זיכער מיינען אַז דאָס איז אָדער אַ רייזענדער, וואָס איז אַראָבּ־געקומען אַהער פון אַ פרעמדער מדינה און האָט ניט וואָס צו טהון — איז ער זיך אַרויסגעגאַנגען אַביסעל אָנקוקען די שטאָדט, אָדער דאָס איז אַ היגער תושב, וואָס זוכט אַ געראָטען פּלאַץ אויף צו שטעלען אַ מויער וואָס זאָל האָבען אַ ברייטען הויף מיט אַ פאָנטאַן און מיט חאָטש אַ שטי־קעל גאָרטען צו דער גאַס... אָבגעשטעלט האָט ער זיך נעבען אַ מויער, דערזעהן אַ צוגעקלעפּט צעטיל מיט זיבען גרייזען:

„עס גיט זיך אָב בילליג אַ צעזאַמעניואָהנונג, גילטיג פאַר אַ בחור“.

אויפן פּנים פון אונזער העלד האָט זיך בעוויזען אַ צופריעדען שמיי־כעלע. די משמעות אַז ער איז אַ בחור און זוכט אַ וואָלוועל וואָהנונג און עס אַרט איהם ניט צו וואָהנען מיט נאָך עמיצען.

אָנגעקלונגען צום „סטרוזש“ און אַרויפגעקלעטערט מיט איהם אויפ'ן

פּינפּטען שטאָק, איז ער אַרײַנגעקומען אין אַ קלײַן פּינסטער חדר'ל, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ טויבענשלאַק אויף אַ בוידעם און האָט געטראָפֿען אַ הויבען, טרוקענעם פּאַרשוין מיט אַ בראָנזען גלאַנצענדיג פּנים, מיט אַ ליסינע אויפֿ'ן קאָפּ און מיט אַ גרויע געשאָרען בערדיל זיצען בײַם פּענסטער אויף אַ צעבראָכען בײַנקיל און דרעהען פּאַפּיראָסען. דער אַלטער פּאַרשוין איז געגאַנגען אָנגעטהון... דאָס הײַסט, ער איז ניט געגאַנגען און ניט אָנגעטהון, ער איז געזעסען אויסגעטהון, — כמעט, קאָן מען זאָגען, ווי אָדם הראשון אין גן עדן, אויב איהר וועט ניט רעכענען פּאַר קײַן מלבושים אַ צעבראָסטעט, צעריסען העמדיל ביז די קניה, און אויף די לאַנגע טרוקענע בעוואַכסענע באָרוויסע פיס אַ פּאָר מאָדנע מעשטעס, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען אָדער פון ביבולע פּאַפּיר, אָדער פון איין אַלטען זאַק — פון לעדער געוויס ניִשט.

דער דאָזיגער אַלטער איז ניט אויפגעשטאַנען פּאַר'ן אַרײַנגעקומענען גאַסט, האָט ניט געטראָגען אַקעגען דעם שלום־עליכם, און אַפילו ניט אויפגעהויבען די אויגען, נאָר געבעטען זיצען און אויסגעצויגען אַ לאַנגע, אַ טרוקענע, בעוואַכסענע און אַ ציטערענדיגע האַנד און האָט אַ זאָג געטהון גיט קוקענדיג אויפן אורח:

— זיצט.

דער אַרײַנגעקומענער פּאַרשוין פון זײַן זײַט האָט אויסגעטהון דעם קאַפּעלוש און האָט זיך אַ נײַג געטהון צום האַלב נאַקעטען בעל־הבית.

נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבען זוכען מיט די אויגען, וואו ער זאָל זיך אַ נידערזעצען, און מחמת ס'איז מעהר ניט געווען ווי איין בײַנקיל און דאָס בײַנקיל איז דאָך געווען פערנומען — לכן האָט ער זיך אַביסעל אַרומגעדרעהט און געפּאַלען אויף אַ שכל, אַז איידער בלײַבען שטעהן איז גלײַכער זיך זעצען אויף אַ בעטיל פון די דרײַ בעטליך, וואָס שטעהען בײַ די וועגט. דער דאָזיגער פּלאַן איז געפעלען דעם בעל־הבית אויך, וואָס האָט גיט אָבגעריסען די אויגען פון דער אַרבײַט, און ער האָט זיך געווענדט צום אַרײַנגעקומענעם פּאַרשוין מיט די דאָזיגע ווערטער:

— האָט נאָר קײַן פּאַראיבעל ניט. וואָס איך נעם אײַך אויף „אין חאַלאַט”, ס'איז שרעקליך הײַס אין דרויסען, און דאָ אונטערען דאַך איז נאָך הײַסער, אַ רײַנער גיהנם: איהר ווילט מסתמא דינגען בײַ מיר די קוואַרטיר? פיער קאַרבען אַ חודש, מײַן בעטיל, אײַער בעטגעוואַנט, איין מאָל אין טאָג הײַס וואַסער פונ'ם סאַמאָוואַר. געלד אַלע וואָך אויף צופריהער. וואָס איז אײַער טהועכטס?

מײַן טהועכטס? מאכט צו איהם דער אורח אונטער דער נאָז, המ... איין מאָל אין טאָג הײַם וואַסער? און איך האָב גערעכענט צוויי מאָל.

— וואָס דאַרפט איהר צוויי מאָל? איהר זענט דען אַ שטוב מענש? איהר דרעהט זיך דאָך אַרום מסתמא אין גאַס...

— דרעהען דרעהט מען זיך, מאַכט צו איהם דער אורח, עס טרעפט אָבער, מען קומט אַמאָל אַהײַם פאַר פריה, גלוסט זיך אַטרונק.

— טרינקט מען וואַסער.

— אַ דאַנק אײַך פאַר דער עצה.

— נישטאָ פאַר וואָס.

אַזוי ענטפערט איהם דער האַלב נאַקעטער בעל־הבית, וואַרפט ניט אַוועק די אַרבײַט אויף קײַן רגע און האָט נאָך אײן קוק נישט געטהון אויפ׳ן גאַסט.

— וויפיעל זענען מיר דאָ, הײַסט עס? פרעגט איהם דער גאַסט און קוקט, ווי אַזוי האָבען אַהער געקאָנט אַרײַן דרײַ בעטליך?...

— מיר וועלען זײַן, הײַסט דאָס, אַזוי גרוים ווי דרײַ שכנים און אײנער אַבעל־הבית.

— דרײַ שכנים און אײנער אַבעל־הבית? איך זעה נאָר דרײַ בעטליך, וואו זשע שלאָפט איהר?

— פאַר מיר זאָרגט איהר זיך? עהע־העע! איך וועל מיר שוין געפינען אײן אָרט, איך קאָן שלאָפען אויפ׳ן טיש אויך.

דער אורח איז געבליבען זיצען איבערראַשט. ער איז געוועזען זעהר נײַגעריג צו וויסען ווי אַזוי וועט זיך דאָס דער דאָזיגער אַלטער לעגען אויפ׳ן טיש און וואו וועלען זיך, למשל, אַהינטהון זײַנע לאַנגע פיס? ער האָט איהם בעטראַכט ווי אַמענשען וואָס רעדט פון וועג און האָט זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטען און האָט איהם טאַקי פאָרט אַ פרעג געטהון:

— איך וואָלט אַבעלן געוויזען וויסען, ווי אַזוי קאָן אַזאַ הויבער מענש שלאָפען אויף אַקורצען טיש?

— איהר ווײַסט ניט ווי אַזוי? מען רוקט צו צו דעם טיש נאָך אַ צוויי טישען קומט שוין אוים גוט.

— איהר האָט דאָך אָבער נאָר אײן טיש.

— איז טאַקי נישט גוט.

„אײן אַלטער ליץ"! טראַכט זיך דער גאַסט און טהוט אַ פרעג דעם בעל־הבית:

— ווען, הייסט דאָס, בעדאַרף מען צאָהלען די ערשטע ראַטע פֿאַר דער ערשטער וואָך?

— אויב די קוואַרטיר איז פֿאַר אייך, איז טאַקי באַלד קלאַפּ און צעהל, ווי זאָגט ער אַ מיתה משונה אויפ'ן אָרט.

דער גאַסט, וואָס איז אַליין אויך געווען נישט קיין מרה־שחורה'ניק און האָט אַליין אויך ניט פֿיינט געהאַט צו טרייבען קאַטאָוועס, איז געווען ענטציקט פֿון דעם דאָזיגען מאָדנעם נפש, וואָס האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהויבען די אויגען אַ קוק טהון אויף איהם, און אַפילו דעמאָלט, ווען ער האָט אַרויס בעקומען אַ זילבערנען קערביל און אַנידערגעלעגט איהם דעם אויפגאַב, האָט דער בעל־הבית דאָס קערביל צוגערוקט מיט איין פֿינגער צו זיך און אַלץ נישט אויפגעהויבען די אויגען אויפן גאַסט און זיך גענומען ווידער צו די פּאַפּיראָסען.

דאָס האָט שוין דעם גאַסט פֿערדראָסען און ער איז אויפגעשטאַנען און אָבגערעקאָמענדירט זיך פֿאַר איהם:

— אַרקאַדי שוויצער.

— בראָנזוענטאָלער! האָט איהם דער בעל־הבית אָבגעענטפֿערט קורץ, נישט אויפגעהויבען די אויגען אויפן גאַסט און דערלאַנגט איהם אויף צו געזעגענען זיך צוויי לאַנגע, דאַרע, טרוקענע האָריגע פֿינגער.

שוין געשטאַנען ביי דער טיר האָט זיך אַרקאַדי שווייצער אויסגעדרעהט צום בעל־הבית:

— זאָגט זשע מיר, מיין ליבער בראָנזוענטאָלער, ווער זענען יענע צוויי שכנים מיינע?

בראָנזוענטאָלער האָט אַלץ געדרעהט די פּאַפּיראָסען און נישט געטהון דעם גאַסט צוליעב אַ קוק טהון אויף איהם.

— איהר דאַרפֿט טאַקי נויטיג וויסען דעם יחוס זייערען? אַז איהר וועט וועלן זיין ביי גאָט און האָבען די זכיה, וועט איהר אויף דערנאָכט זיך בעקאָנען מיט זיי, איינער הייסט „נאָל“, דער אַנדערער „שמאָל“, און מיט אייך און מיט אונז ביידען אינאיינעם וועט דאָס אויסקומען „נאָל שמאָל עט קאָמפּאַניע“, זענט איהר שוין צופֿרידען? אַדיעו! איהר קאָנט זיך מטריח זיין ברייגען אייער באַגאַזש.

קאפיטעל ב.

ארקאדי שווייצער איז אוועקגעגאנגען אויף דער אלטער סטאנציע נאכ'ן באגאזש, וואס איז בעשטאנען פון אקליין רענציל, גאר פעסט געפאקט, אנגעשטאפט מיט... וואס קאן זיך, למשל, געפינען ביי אט אזא מין חברה־מאן אין רענציל? איך ווייס ניט ווי אזוי איהר, איך האב פון תמיד אן שטארק חשק א קוק טהון יענעם אין רענציל ארײן, און פון זינט איך האב געלייענט די מעשה פון דעם פאריזער פאריל, איז ביי מיר דער חשק געווארען נאך גרעסער, אויב איהר האט צייט, וועל איך אייך דערצעהלען די דאזיגע מעשה אין קורצען:

די געשיכטע קומט פאר אין פאריז.

איין „ער" מיט א „זי".

ער פון בערלין, זי פון וויען.

ער א חתן, זי א כלה, דאס הייסט זיי האבן געזאלט ווערען חתן־כלה, זענען זיי זיך צונויפגעפאהרען קיין פאריז אויף אנקוקען זיך.

געקומען צופאהרען אין איין צייט, זענען זיי פארפאהרען אין איין האטעל און אבגעשטעלט זיך אין פערשידענע נומערען געוויינטליך, און מהמת זיי האבען זיך ניט געקענט, האבען זיי גארנישט געוואוסט איינס פונ'ם אנדערן.

בעדארף זיך טרעפען א מעשה, (אויף א מעשה פרעגט מען נישט קיין קשיא): זיי האבען ביידע געהאט אלץ איינע רענצליך פון איין פאבריק מיט אלץ איינע שליסעליך, און די מענשען וואס האבען אראבגעטראגען דעם באגאזש, האבען זיך פארביטען מיט די יוצרות, אריינגעטראגען צו איהם איהר רענציל, און צו איהר — זיין רענציל.

אויסגעטהון זיך און איינגעוואשען זיך ווי עס געהער צו זיין, האט זיך יעדער פון די צוויי אבגעשלאסען דאס רענציל, געוואלט איבערטהון זיך ווי עס פאסט פאר חתן־כלה און שטעלט אייך פאר זייער איבערראשונג, אז זיי האבען אנגעהויבען ארויסנעמען פון דארטען די מלבושים: ער — נקבה'שע און זי — מאנסבילשע! זיי זענען ביידע שיער ניט געפאלען חלשות! נאר אלע מענשען אויף דער וועלט זענען דאך נייגיריג... אז דער ערשטער שרעק איז איבער־געגאנגען, האבען זיי אנגעהויבען אריינקוקען אין די רענצליך אריין נאך טיעפער און האבען אנגעהויבען ארויסנעמען פון דארטען משונה מאדנע זאכען, ארויס־שלעפען פעק מיט פאפיערען, בריוועליך אלערליי — און פרעמדע

בריוועליך ווילט זיך דאך דוקא לייענען ! — און מען איז געוואהר געווארען איינם אויפ׳ן אנדערען אזעלכע סודות, וואס ווען זיי געפעלען זיך, טהוען א שדוך, האבען חתונה און לעבען אב א האלבע מאה יאהרען, וואלטען זיי ניט דערגאנגען קיין צעהנט חלק אפילו... בקצור זיי האבען זיך צעפאהרען, ער קיין בערלין זי קיין וויען — אוים שדוך.

אצונד וועלען מיר זיך נעהמען צו אונזער ארקאדי שווייצערס רענציל.

דארט איז געווען אביסעל וועש, אפאר פאפירענע קאלנער מיט מאנקעטען. עטליכע פודעלעך פון אויסגערויבערטע פאפיראסען, אסדור׳ל מיט א תהלים׳ל מיט אפאר קליינע תפילים׳לך (א יודישע נשמה טאר מען ניט שאצען!) און אגאנצער פאק מיט צונויפגעטאשטע, גוט צענויפגעלייגטע און מיט רויטע פאדעם־זייד פערבונדענע טעשליך קארטען.

פון דעם דארפען מיר לערנען דעם פשט, אז ארקאדי שווייצער האט נישט פיינט קיין קערטיל, נאר צו וואס טויג האלטען ביי זיך אין רענציל אזא משא מיט קארטען? איז די משמעות, אז ארקאדיעס געשעפט, דאס הייסט זיין פרנסה איז קארטען — און מיר האבען נישט געהאט קיין טעות. זיך גוט נאכגעפרעגט ביי זיינע בעקאנטע, זענען מיר געוואהר געווארען, אז ער דרעהט זיך ארום קארטען און דערפון טאקי לעבט ער... דער פירוש פון די דאזיגע ווערטער איז ניט גלאט, מען בעדארף עס פערשטעהן און מיט דער צייט וועלען מיר דאס אם ירצה השם וויסען; מיר וועלען זיך נאך אומקעהרען שפעטער צו זיין פראפעסיע, דערווייל וועלען מיר זיך בעקענען מיט די איבעריגע שכנים.

אז ארקאדי האט געבראכט צו טראגען דאס רענציל אויף דער נייער קווארטיר, איז שוין געווען פאר נאכט. אין חדר האט שוין געטשאדעט א פעררויכערט לעמפיל און ביים טיש איז געזעסען און געשריבען א מאדנער נפש מיט א בלאס פנים, מיט הונגעריגע אויגען, מיט אונטערגעבויגענע, שיטערע שטארק אנגעשמירטע האר, אנגעטהון איז ער געווען אין א טשעשונטשאווע פידזשאקיל מיט מאדנע ברייטע ארבעל, א קלאר ווייסען קאלנער פון פאפיר מיט א שניפס א שארף רויטען ווי פייער, מיט דינע שמאלע ווייסע הויזען אויף א פאר קליינעטשקע פיסעליך.

„א פנים דאס מוז זיין איינער פון די דריי שכנים, פון דער חברה „נאל שמאל עט קאמפאני״ — האט זיך ארקאדי געטראכט.

אריינגעקומען און אבגעלעגט דאס רענציל אויף א בעטיל, האט זיך ארקאדי שווייצער פארגעשטעלט פארן נפש מיט׳ן רויטען שניפס און מיט

די ווייסע תחתונים, און דער נפש מיט'ן רויטען שניפּס און מיט די ווייסע תחתונים האָט זיך אויפגעחאַפּט, אויסגעטהון אויף דער גיך די ברילען, אַ טרייסיל געטהון מיט די אונטערגעבויגענע אָנגעשמירטע האָר.

— דאָס זענט איהר, אונזער נייער שכן? זיצט, זעצט זיך, פאַר וואָס זיצט איהר ניט? — און ער טראָגט איהם אונטער דאָס איין־און־איינציג בענקיל.

דער רויטער שניפּס, די פעטע אונטערגעבויגענע נאַר שיטערע האָר, די מאָדנע ברייטע אַרבעל פונ'ם טשעשונטשאָוען פּידזשאַק, די ווייסע תחתונים, דאָס הייזעריגע קול פונ'ם נפש און דערצו נאָך דאָס אונטער־שפּרינגען זיינס—דאָס אַלסדינג אינאיינעם האָט געהאַט דעם זיבעטען חן, און אונזער אַרקאַדי האָט בעדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזען ער זאָל זיך איינהאַלטען פון אויסצושיסען איהם אַ געלעכטער גלייך אין פנים אַריין.

— איהר שרייבט אַ בריוועל? שרייבט, שרייבט, האָט ער צו איהם געזאָגט, און אָבגערוקט פון זיך דאָס בענקיל.

— איך שרייב נישט קיין בריוועל, איך שרייב אַ בוך, איך שרייב בסדר. איך בין אַ שרייבער, פערשטעהט איר מיך, אַ מחבר—האָט איהם יענער געגעבען צו פערשטעהן אויף זיין הייזעריגע שטימע, אונטערגע־טאַנצט און צוגעטרייסעלט מיט די שיטערע אונטערגעבויגענע הערליך. און דאָ האָט אַרקאַדי בעמערקט אַ פּאָר קליינע, ווייסע העגטליך מיט דינע קליינע פינגערליך, וואָס האָבען אויסגעזעהן נאָך קלענער אונטער די ברייטע אַרבעל פונ'ם טשעשונטשאָווען פּידזשאַק.

— איהר זענט אַ שרייבער? וואָס זשע שרייבט איהר איצטער? זעהט נאָר איהר זאָלט אונז דאָ ניט בעשרייבען.

דער שרייבער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ צעשאָטען הייזעריג געלעכ־טער און אַרויסבעוויזען קליינע שוואַרצע צייהנדליך ווי ביי אַ קינד, וואָס האָט קאַלי צייהן דערפאַר, וואָס סע עסט אַ סך צוקערקים.

— איך בין ניט פון די שרייבער, וואָס בעשרייבען יענעם, איך בין גערן אַז יענער טשעפּעט מיך ניט.

אַזוי האָט איהם געענטפערט דער מחבר, און איך מיין, אַז ס'איז געווען לחלוטין איבעריגע ווערטער, דען ווען אפילו ער זאָל דאָס ניט זאָגען וואָלט מען אַליין געקאָנט פערשטעהן, אַז דאָס איז אַ מענש, וואָס איז גערן, אַז יענער טשעפּעט איהם ניט. אַזעלכע מענשליך בע־ווייזען זיך גיך אַרויס מיט זייער כאַראַקטער: „אָט אַ דאָס בין איך און אַזוי מאָלט מיך". אַזעלכע מענשליך זענען געטריי איבערגעגעבען דער

גאַנצער וועלט און די גאַנצע וועלט שאַפט מיט זיי, עקספּלאָאַטירט זיי; איהר קאַנט פון זייער פלעכטען שטריקליך, טהון מיט זיי וואָס איהר ווילט, אַזעלכע מענשליך זענען גרויסע בּישנים, זיי וועלען אייך קיינמאָל ניט בּעקלאָגען זיך אויף זייער פינסטער מזל; זיי, אַז זיי וויינען, וויינען זיי נאָר אויף יענעמס צרות, קומען אָב פאַר פרעמדע זינד, האָבען ניט מיט וואָס אַ טאָג איבּערצוקומען, קאָנען אויסגעהן אין מיטען העלען טאָג פאַר אַלעמען אין די אויגען, חאַפּען זיך אָן אָן אַ שאַרף פון אַ שווערד, טולען זיך צו יענעם און קלעפּען זיך אָן אַזוי שטאַרק, אַז ס'איז שווער זיי אָבּצורייסען און אָבּטרייבּען פון זיך, ווי איין אמת געטריי הינטיל...

קאַפּיטעל ג.

דאָס איז אַ כּלל אויף דער וועלט, אַז הילף קומט מעהרסטענטהייל אומגעריכט. גאָט ווייסט וואָס מיט אונזער פּאַרשוין וואָלט געווען, ווען סע קומט ניט אָן פלוצים בּראָנזענטאָלער און דער מחבּר הערט נישט אויף צו לייענען איהם גאַנצע שטיקער פון דער „חלירע”. איך ווייס אַ מעשה וואָס אַ יונגער מענש, אַ געזונטער, אַ שטאַרקער האָט געחלשט בּיי אַ מחבּר אונטער די הענט. פון דעמאָלט אָן, אַז דער מענש דערהערט דעם נאָמען מחבּר, אַנטלויפט ער וואו דער שוואַרצער פּעפער וואַקסט...

— טשיידעלי! גאָט האָט אייך שוין צוגעשיקט אַקרבּן און איהר מוטשעט איהם מיט אייערע מעשיות? אַנו לייגט נאָר אַוועק די „חלירע” און לאָמיר בּעסער נעהמען עפּעס אין מויל אַריין.

מיט די דאָזיגע ווערטער האָט דער בּעל־הבּית זיך געווענדט צום מחבּר און האָט אַוואָרף געטהון אויפן טיש אַפּעקיל — דאָרט איז געלעגען אַ פלעשיל „מאָנאָפּאָלקע”*, אַ בּרויטעל מיט אַטאַראַנקע מיט אַ פּאָר ציבּעלקים. און אַרקאַדי האָט איהם בּעטראַכט, כּמעט גאָר ניט דערקענט אינ'ם אָנטהון, אויף איהם איז געווען אַשוואַרצע שבּתדיגע קאַפּאָטע, אַ ווייס העמד, געלע שיך מיט רויטע שפּראָנצקעס און אויפן קאָפּ אַ בּרייטער, ווייסער, שטרויענער קאַפּעלוש מיט אַפּענסנע אויף די אויגען, אַגאַנצער פּראַנט! דאָס טונקעל בּראָנזענע פּנים מיט די שאַרפע ווינקלען האָט געגלאַנצט אונטערן ווייסען קאַפּעלוש און אויסגעזעהן ווי איין אויסגעגאָסענע סטאַטויע.

דער בעל הבית בראָנזעַנטאָלער האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך די יום־טוב'דיגע מלבושים און געבליבען אינ'ם אין דערפריהערדיגען קאָסטיום פון אָדם הראשונ'ן, אַריינגעשטעקט די לאַנגע, דאַרע, האָריגע פיס אין די משונה מאָדנע מעשטעס און בשעת מעשה אַזאָג געטהון:

— אַנו, טשיידעלי, זייט אַ בעל־הביתטע, מאַכט טיי!

דער מחבר מיט'ן רויטען שניפּס און מיט די ווייסע תחתונים, וואָס דער בעל־הבית רופט איהם „טשיידעלי". האָט במחילת כבודו זיך אָנגעבויגען און אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בעט אַ קליין בייכיג סאַמאָוואַריל און איז אַוועקגעגאַנגען מיט דעם דאָס אויפשטעלען; און דאָס סאַמאָוואַריל האָט אויסגעזעהן ביי איהם אויף די הענט ווי אַ קליין קינד ביי אַ געטרייער מוטער. בשעת געהן האָט דער מחבר אונטערגעטאַנצט און צוגעטרייסעלט מיט די שיטערע אונטערגעבויגענע הערליך, און אַריינגעקומען האָט ער זיך גענומען צו די גלעזער, אַוועקגעשטעלט איטליכע זאַך אויף זיין אָרט מיט די קליינע ווייסע הענטליך, ווי איין אֶמת'ע בעל־הביתטע. גיך איז געוואָרען אויפגעשניטען דאָס ברויט מיט'ן פישעל און אַלע דריי האָבען זיך געזעצט אַרום טיש, דער בעל־הבית אויפן בענקיל און זיינע צוויי שכנים אויף די בעטלעך און מען האָט זיך געזעצט טרינקען טיי, פריהער גענומען צו קאַפּליך „מאָנאָפּאָל" און פערביסען מיט טאַראַן גאַנץ געמיטהליך, גלייך ווי מען וואָלט געווען צווישען זיך אַלטע בעקאַנטע שוין פון כמה וכמה יאָהרען.

— אַצינד, טשיידעלי, דערצעהלט אונז, וואָס הערט זיך עפּעס נייס אויף דער וועלט?

אַזוי האָט זיך אָנגערופען בראָנזענטאָלער צום מחבר, נאָכדעם אַז ער האָט פערדרויכערט אַ פּאַפּיראָס, דאָס ערשטע מאָל אַ קוק געטהון אויף דעם נייעם שכן, וואָס האָט פערדרויכערט אַ גראָבע ציגאַר, וואָס דער רויך פון איהר וואָלט געווען אַ גוטע סגולה אויף אַרויסצוטרייבען פליגען:

— הערט איהר? מאַכט דער בעל־הבית צום נייעם שכן, איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז איך האָב אייך געזעהען ביי סעמאַדעני אין „ביליאַרד"?

אונזער שכנס רויטע בעקלעך זענען געוואָרען נאָך רויטער. ס'איז איהם אפנים ניט אָנגעשטאַנען דאָס אָרטיל, וואו מע האָט איהם דאָרטען געזעהן, האָט ער זיך ווי פערענטפערט:

— מעגליך, עס קאָן זעהר שען געמאָלט זיין. ביי טאָג מאַכט זיך

נישטאָ וואָס צו טהון, כאַפּט מען זיך אַרײַן אויף אַ האַלבע שעה זעהן ווי מען שפּילט אין ביליאַרד

— און מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב אַליין געזעהן עטליכע מאָל מיט אַלאַנגען שטעקען אין די הענט אַרומדרעהען זיך אַרום גרינעם טיש און דוקא אָהן אַ קאַפּאָטע. איך פערשטעה ניט וואָס איז דאָ פערהאַן צו שעמען זיך? אַ פרנסה גלייך מיט אַלע פרנסות.

דאָ האָט אונזער בעל־הבית געטראָפען, ווי מען זאָגט פונקט אין קאַרב אַרײַן. אין דער לעצטער צײַט האָט אַרקאַדי שוויייצער נעבעך געלעבט נאָר פון'ם ביליאַרד. דאָס הייסט, אייגענטליך איז זיין פרנסה געווען, ווי מיר האָבען שוין אויבען געזאָגט, קאָרטען, נאָר קאָרטען מיט ביליאַרד, בעדאַרפט איהר וויסען, קעהרען זיך אָן שטיקליך אייגענע, אָפּטמאָל גאַנץ נאָהנטע מחותנים, למשל ווי אַ מלמד שמעקט מיט שרבנות, אַ בעל טאַקסע מיט קצב, אַ קרעמער מיט באַנקראָט, אַ באַנקיר מיט גנבה, וכדומה, וכדומה, וכדומה...

ווי אַ מענש אַ בעל פרנסה, האָט אונזער אַרקאַדי שוויייצער פײַנט געהאַט אַליין צו שפּילען אין ביליאַרד. די שפּיעל אַליין איז איהם שוין לאַנג נמאס געוואָרען, דען זי קאָסט איהם גענוג געלד. זיין עובדא איז געווען זיצען און קוקען ווי יענער שפּילט און „האַלטען מאַזאָ פאַר יענעם".

„האַלטען מאַזאָ" אויפ'ן ביליאַרד — דאָס איז אַ מין געשעפט ווי אַלע געשעפטען אויף דער בערזע, און מיר רעכענען נישט פאַר איבעריג זיך אָבשטעלען דערויף אויף אַ צוויי מינוט.

שטעלט אייך פאָר אַ גרויס שטאַרק אָנגערויכערט און פערברודיגט חדר מיט עטליכע לאַנגע טישען מיט גרינס בעצויגען און מענשען, צו מייסטען יונגע לײַט, דרעהען זיך אַרום פון אין דער פריה ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט לאַנגע גלאַטע שטעקענס, ציִלען זיך אין די געטאָקטע, ווײַסע, בײַנערנע גאַלקעס, דער האָט „געענדיגט די פּאַרטיע" און נעמט צו דאָס געלד.

שפּילען — שפּילען צום מייסטענס נאָר צוויי און דער גאַנצער איבעריגער עולם, פערשידענע מינים פּאַרשוינען, זיצען אַרום און אַרום בײַ די ווענט און קוקען אויף דער שפּיעל און מען לעגט איין געלד פאַר די שפּילערס, ווער פון די צוויי וועט פריהער ענדיגען די פּאַרטיע, — אָט דאָס ווערד אָנגערופען ה אַ ל ט ע ן מ אַ ז אָ.

צווישען די שפּילערס זענען פערהאַן גרויסע ספּעציאַליסטען, וואָס געבען יענעם עטליכע אויגען „פאָר", געווינען די ערשטע פּאַרטיע און

נאָכדעם הויבען זיי אָן שטאַרק פערשפּילען, געבען פאַלשע גענג („קלאָפּשטאָס”), מאַכען כּלומרשט אומגעהערען אַ ציטער מיט דער האַנד („מענדראַזשע”) און דערמיט חאַפּט מען „פּיזשאָנעס” (אומשולדיגע טייבעליך) און מען נאַרט אויס בּיים עולם דאָס בּיסעל מינץ. די חברה, וואָס פיהרען צענויף די דאָזיגע שפּיעלערס, ווערען אָנגערופען מיט’ן נאָמען „בּעל-הבּתּים”, אָדער „נאַוואָדטשיקעס”

איינער פון די דאָזיגע „נאַוואָדטשיקעס” איז געוועזען, עס זאָל אייך צו קיין חרפּה ניט זיין, אונזער פיינער אורח אַרקאַדי שווייצער, וואָס איז די לעצטע צייט ניט אַרויסגעקראָכען פון’ם בּיליאַרד, געוויילט דאָרטען טאָג ווי נאַכט, זיך אָנגעגעסען מיט’ן רויך און זיך אָנגעהערט מיט די שענע ווערטליך, מיט’ן נבול פּה און מיט די מחלוקת’ן, און מיט די קללות און די סקאַנדאַלען, וואָס דאָרטען קומען פאָר. דאָס איז געוועזען פאַר אונזער אַרקאַדין אַ גרויסער אַראָבּפאַל, איין אֶמת’ע ירידה קאָן מען זאָגען, דען ער איז געוועזען אייגענטליך אַ קאָרטען-שפּיעלער, דאָס האָבּען איהם די צרות זיינע געבּראַכט דערצו, ער זאָל זיך אַראָבּלאָזען אַזוי נידעריג און ווערען אַ „נאַוואָדטשיק” צווישען בּיליאַרדטשטשיקעס, נאָר וואָס טהוט ניט אַ יוד צוליבּ פּרנסה? און דערמאַהנט זיך אונזער אַרקאַדי שווייצער אָן יענע גוטע יאָהרען, בּשעת ער האָט „געפיהרט אַ גרויסע שפּיעל”, געפאָהרען מיט חברה אויף די פאַראַחאָדען, געחאַפּט אַ האַז און איהם אויסגערייניגט די קעשענעס עד לפּק... און נאָכדעם אין די האָטעלען געלעגען וואָכען-לאַנג, ניט אָנגעקוקט די ליכטיגע שיין און נאָר געשפּיעלט און געשפּיעלט... און נאָכדעם אין די קלובּען, געוואָרפען אַ בּאַנק אין „דיאַבּעלעק”: פינפאונצוואַנציג פאַר צוואַנציג, פופציג פאַר פערציג, און הונדערט פאַר אַכציג, און צוויי הונדערט פאַר הונדערט זעכציג און פיער הונדערט פאַר דריי הונדערט צוואַנציג...
און אונזער אַרקאַדי לאָזט אַרויס אַ טיפען זיפץ פון’ם האַרצען.

— וואָס זיפצט איהר אַזוי? אויף גלות ישראל — צי אויף דעם, וואָס סע געהט אייך ניט אין דער שפּיעל?

— וואָסער שפּיעל? ווער שפּיעלט היינט? מאַכט אַרקאַדי מיט אַזאַ מינע, ווי אַ מענש, וואָס איז אַמאָל געוועזען קיסר און האָט פערלאָרען די מלוכה — מיט’ן מלאך המות שפּיעלט מען זיך היינט! אַמאָל איז געוועזען אַ שפּיעל, אוי אַ שפּיעל! וואו זענען אַהינגעקומען די יאָהרען, וואָס מען פלעגט „פּאָנטירען” הונדערט קאַרבּען אויף אַ קאָרט? צוויי הונדערטער אויף אַקאָרט? דריי הונדערטער אויף אַקאָרט?

— אזוי גרויס האט איהר געשפּיעלט? פרעגט איהם בראָנזענטאָלער און הויבט ערשט אָן איהם רעכט בעטראַכטען.

— אָט דאָס הייסט ביי אייך גרויס? מאַכט אַרקאַדי מיט גדלות, גלייך ווי מען וואָלט גערעדט פון זיינע שיפען, וואָס זענען געגאַנגען אויפ׳ן ים, אָדער פון זיין יובּילייִ, וואָס ער האָט זיך אויסגעפּיינט געגען דער וועלט — אָט דאָס ווערד אָנגערופען ביי אייך גרויס? און פינף מאות אויף איין קאָרט פאָנטירען האָט איהר אַמאָל געזעהן? אַזוי ווי היינט געדענק איך עס: מיר זענען געזעסען אַגוטע חברה קלאָפּערס איך טהו אַקוק — אין „בענקיל" ליגט אַ פּוטיקע פון כמעט טויזענד „איינציגע". מיין חברה־מאַן קוקט אויף מיר: „טשטאָ אוגאָרנאָ"? זאָג איך צו איהם: „קאַרטו"! מאַכט ער צו מיר נאָכדעם: „סקאָלקאָ פּריקאַזשעכ׳יע"? טהו איך אַ קלאַפּ אין טיש אַריין: „קאַרטו"!..

און אַרקאַדי שטעלט זיך פאָר אַז ער איז אין קלוב און „פאָנטירט" אויף אַקאָרט, און דאָס פּנים פלאַמט איהם און די אויגען פייערען און ער טהוט אַ זעץ מיט׳ן קולאַק אין טיש אַריין אַזוי שטאַרק אַז דער מחבר פאַלט שיער ניט אַראָב פונ׳ם בעט אויף דער ערד, ער האַפּט זיך אויף אַ טויטער און קוקט מיט שרעק אויפ׳ן נייעם שכן... דאָס געפעלט בראָנזענטאָלערן אַזוי שטאַרק, אַז ער צעלאַכט זיך און רופט זיך אָן צו אַרקאַדין:

— וואָס זאָגט איהר, איך בעט אייך, אויף אונזער מחבר? „טשיידעלי" האָב איך איהם אַנאָמען געגעבען, ווייסט איהר פאַר וואָס? ווייל ער געהט מיר תמיד אויסגעפּוצט ווי אַ דייטשעלי, איז פון דייטשעלי ביי מיר געוואָרען דייטשעל, און פון דייטשעל — טשיידעלי, איאָ, סע פּאַסט איהם?

— אָנגעמאָסטען, ווי איך בין אַ מענש! מאַכט אַרקאַדי און ווענדט זיך צו טשיידעלין: טראָגט געזונד און פערניצט געזונד און זאָלט איהם צערייסען געזונדערהייד, ווי מיין באָבע טאָ״צע פלעגט זאָגען בעת מען האָט מיר איבערגעני[illegible]ט פ״י איהר ווינטערדיג וואַטען־קליידעל — איין ארבע כנפות אויף שבועו[illegible]

אַלע דריי לאַכען און ט[illegible]עלי בעווייזט זיינע קליינע, שוואַרצע צייהנדליך.

— אזוי גרויס האט איהר געשפּיעלט? הם... זאָגט ווייטער בראָנזענטאָלע[illegible] און לאָזט שוין נישט אַראָב קיין אויג פון זיין נייעם שכן און לאָזט אַרויס אַגאַנצען קנויל מיט רויך פונ׳ם מויל וואָס בעגעגענט זיך

מיט'ן רויך פון ארקאדיע'ס ציגאר; דער רויך קויקעלט זיך און פילט אן דאס קליינע פינסטער חדר'ל און די לופט ווערט אזוי געדיכט, אז פון דער שיין פונ'ם שענעם לעמפעלע איז קוים קוים וואס מען זעהט איינס דאס אנדערע.

קאפיטעל ד.

— נו, און געלד? אויף צו פיהרען אזא שפיעל בעדארף מען דאך עפעס האבען פאדעם! מאכט צו איהם בראנזענטאלער און בעטראכט איהם ווי א גרויסער פראפעסאר דעם חולה, דאס הייסט קוים קוים וואס ער טהוט אויף איהם א קוק מיט איין אויג.

— געלד פרעגט איהר? ענטפערט איהם ארקאדי און נעמט ארויס די גראבע ציגאר פון די צייהן: געלד פרעגט איהר? אזוי ווי שטערען אין הימעל! קארג „פיזשאנען”, קארג „פרייערס”, קארג אידיאטען פערהאן אויף דער וועלט? ווי די געבראטענע טייבעליך פליהען ּ לייך אין מויל אריין, ווי די שרעטעליך טראגען זיי אייך דאס געלד גלייך ענטגעגע בעטען זיך, חלשען: נאט, נעמט צו ביי אונז די נשמה, אבי שפיעלט מיט אונז!... אט אזעלכע אידיאטען זענען דאס! איך ווייס עס גאנץ גוט, דען איך בין אליין געוועזען א רעכטער אידיאט, ביז איך האב אנגעשמעקט און געחאפט דעם סטרי, און האב אנגעהויבען מאכען א קערביל גאר באופן אחר! אי יאהרען — יאהרען! ס'איז געוועזען הערט איהר, יאהרען! (בעת מעשה פערטראכט זיך ארקאדי שוויצער און לאזט ארויס א טיעפען זיפץ פונ'ם הארצען). יענע יאהרען וועלען זיך אזוי גיך, האב איך מורא, נישט אומקערען. אין אדעס איז דאס געוועזען! אי אדעס, אדעס! א שטעדטיל! לעבען זאל דאס טאקי ביז משיח וועט קומען! אין דעם אדעס, פערשטעהט איהר מיך, בין איך אויפגעוואכסען, אנגעקומען אהין פון בעסאראבי[illegible]ט אויסגערעדט זאל זיין, א יאקעטער, א בארוו[illegible] סער און געשמייכעלט צו א בולקע, דען וואכסען וואכס איך, דארפט איהר וויסען, פון סאמע יחוס — דעם גרויסען „שומר בגדים'ס” איין אייניקעל, אויף אונזער לשון הייסט עס, אז מיין זיידע רב אהרן איז געוועזען א שומר אין באד, געהיט דאס אנטהון פון די בעלי־בתים, און האט בעקומען דערפאר צוויי גאנצע גילען א וואך א חוץ פעטש, דען וויפיל טליתים־קטנים זענען ביי איהם פערפאלען געווארען מיט להבדיל

תחתונים! געווען א ריהרעוודיגע זאך, זאל ער מיר מוחל זיין, אונטער דער נאז געקאנט ביי איהם אוועקטראגען! יענעם זאגען וואס טהוסט דו, מביש שטעלען, אנטהון א בזיון — חס ושלום! ביי איהם, הייסט דאס, ביים זיידען רב אהרן, זכר לברכה, האב איך זיך אויפגעהאלטען, דען דער טאטע מיינער איז געווען ווייט אונטער זיבען שלעסער, ער איז געזעסען מיט גרויס כבוד בעזונדער אין א חדר, איבער א בלבול מן הסתם, און א כאלדאט ביי דער טיר האט איהם געהיט פון א גוט אויג, ער זאל ניט אריבער חס ושלום איבערן פלויט און מאכען א ויברח, און די מאמע מיינע זאל לעבען האט זיך געלערנט קאכען און באקען ביי אפרעמדען אויבען, דאס הייסט נישט חס ושלום צוליב מצוה — נאר פשוט פאר אנדערהאלבען קארבוינים א וואך, האט זי אפילו געוואלט איך זאל אויך זיין מיט איהר אין קעך, מיט איהר אינאיינעם עסען קעסט, האט אבער די בעל־הביתטע (אפילו א גאנץ שענע נגידית מיט פעריל) נישט געקאנט איבערטראגען מיין אפעטיט; איך עס, זאגט זי, קיין עין הרע, פאר דריי, און מען האט מיר געגעבען דעם וועג. האב איך געמוזט אנקומען צום זיידען רב אהרן, זכר לברכה, מיט איהם אינאיינעם זיצען אין באד און אכטונג געבען אויף די בגדים. איז דערחסרון אבער וואס האט לאנג נישט געקאנט געדויערען, מחמת איך בין געווען, לא עליכם, א גרויסער נצרך אויף מזומנ'ע קאפיקעס, און האב נישט געהאט, איהר זאלט זאגען, א פרוטה של נחושת, האב איך מיך מישב געווען און האב אנגעהויבען מאכען א רעוויזיע איבער די בעל־הבתישע קעשענים, איך בעט איבער אייער כבוד, פון פרעמדע הויזען און אנטלייהען, אבי ס'איז נאר געווען פון וואנען, א מטבע, אז גאט וועט מיר העלפען וועל איך מסתמא אבגעבען...

בקצור, וואס זאל איך אייך לאנג בריי'ען, איך האב אזוי לאנג געטרויבערט קעשענעס ביז מען האט מיך געפאקט מיט א גרויסען סקאנדאל און מען האט צוליעב מיר דעם זיידען אבגעזאגט פון דער שטעלע און איך האב געמוזט זאגען מיין שטעדטיל אדיע, און אוועק קיין אדעס, און בכדי ס'זאל מיר ניט זיין שווער די נסיעה, האב איך די שטיוועליך פערקויפט און טאקי געהאט דערוויל וואס צו עסען, ווי זאגט איהר: צידה לדרך.

— געקומען קיין אדעס אזא „בן בקר" ווי איך, א בר־מצוה בחור'ל פון א יאהר זעכצעהן־זיבעצעהן, א שענער יונג בין איך געווען, האב איך באלד פערטרעטען אשטעלע, נישט חס ושלום ביי אפרתי'ן אין קאנטאר,

נאר אין א געשעפט פון בערשטלעך מיט שוהוואכס, דאס הייסט, איך האב מיך געשטעלט ביי א שטיוועלפוצער פאר אשטיוועלפוצער, און האב מיט גאטס הילף נושא חן געווען ביי דער וועלט, דען אבפוצען א פאר שטיוועל בעדארף מען קאנען, די ארבייט בעדארף געהן גיך און געשווינד, א שפיי אויף איין בערשטיל און א רייב מיט'ן אנדערען בערשטיל — און הלך משה מרדכי!

וואס טויג אייך, איך האב צונויפגעשלאגען די עטליכע גראשענס און האב א שפיי געטהון אויף מיין בעל־הבית דעם עקספלאטאטאר און אליין געעפענט א געשעפט, דאס הייסט איינגעהאנדעלט א פאר בערשטלעך מיט שוהוואכס מיט א שען פיס-קעסטיל א לייטיש, א פאשאל אויף דער „רישעליע" ארבייטען. און געארבייט האב איך, קאן מען זאגען, אויף אלע כלים געקליבען די גראשענס, זיך צונויפגעשלאגען ביז א זייגער איין אייגענעם פון זהב טהור — ריין זילבער און דער מאמע קיין בעסאראביע אוועקגעשיקט א דרייערל, לאז זי וויסען, אז זי האט א זוהן אין ארעס און ארויסגעשטעלט א פייג דער גאנצער וועלט.

איז דאך אבער פערהאן א גרויסער גאט, בעדארף איך עסען קעסט אין א יודישען טראקטיר, און דארטען אין דעם טראקטיר בעדארף* זיין א בעלהבית'טע א יפהפיה מיט איהר הייליגען נאמען רייזעל, נאר גערופען האט מען מען זי ראזע, בעדארף איך איהר מסתמא געפעלען ווערען אין שלייער, געהט זי און רעדט מיך אב פון מיין געשעפט און נעמט מיך צו צו זיך און קרוינט מיך פאר א וויקידייל.א...

— פאר א וואס? רופט זיך אן בראנזשענטאלער און טשיידערלי נאך איהם:

— פאר וואס האט מען אייך געמאכט?

— פאר א וויקידיילא. א וויקידיילא ווייסט איהר ניט וואס הייסט? מאכט ארקאדיע שטארק פערוואונדערט מיט אזא מינע ווי א מענש, וואס דערהערט, אז יענער ווייסט ניט וואס הייסט א מוציא מיט האניג—סטייטש, א וויקידיילא ווערד אנגערופען אזא פארשוין, וואס אז מען דארף איינעם געבען דעם וועג נעמט מען איהם אןביים קארק און מען גיט איהם מיט דער קניע פון אונטען און מען זאגט איהם: „זה התרנגול ילך"... היינט פערשטעהט איהר שוין וואס דאס הייסט? און א וויקידיילא בין איך געווען דוקא ניט קיין שלעכטער און האב נושא חן געווען ביי איהר אין די אויגען. קורץ, די דאזיגע ראזע איז געווען אין מיר פערליבט ווי א קאץ אין די נייען טעג און האט זעהר געגארט צו מיר איך זאל פאר

איהר חתונה האבען. האב איך איהר געזאגט: חתונה האבען מהיכי תיתי, זעהר פיין, נאר וואס רעדען? איך וויל א „תוספת כתובה", דאס הייסט טאקי משלשל זיין במזומנים האטש א טויזענד „איינציגע". האט זי מיך אנגעקוקט ווי א משוגענעם, נאר ווער האט אויסגעפיהרט? געוועהנטליך איך, ניט זי. און חוץ לזה האב איך אויסגענומען מיט איהר א תנאי, אזוי ווי איך מיש מיך ניט אין איהרע געשעפטען, אזוי טאר זי זיך ניט מישען אין מיינע געשעפטען. און מיינע געשעפטען זענען געוועזען ביליארד און קארטען. ביי טאג האט מען געארבייט אויפ'ן ביליארד ביי־נאכט אין קארטען. נאר ווי אזוי מיינט איהר געארבייט? די פיינסטע מענשען מיט די שענסטע קינדער פלעגען אריינקומען צו אונז אין געשעפט אריין, זיך געלערענט שפיע־לען אויפ'ן ביליארד, אז מען שפיעלט זיך אן א גאנצען טאג אויפ'ן ביליארד, מוז מען נאכדעם ביינאכט פערבייסען מיט א קערטיל, זאגט אפשר אז ניין?

נישט בראנזענטאלער דער בעל־הבית, נישט טשיידעלי דער מחבר האבען געקאנט זאגען אז ניין, און זיי האבען געבעטען דעם נייעם שכן, ער זאל זיי ערצעהלען ווייטער און ארקאדיע שרייצער טהוט זיי צוליעב, פערדרויכערט א פרישע ציגאר און ערצעהלט ווייטער.

קאפיטעל ה.

—איך וואלט אייך אייגענטליך בעדארפט ערצעהלען ווי אזוי איך האב מיך געשיידט מיט מיין יפהפיה און פאר וואס איך האב מיך געשיידט און וואס פאר א מין שפיצעל זי האט מיר אפגעטהון, האב איך אבער מורא, אז די מעשה וועט זיין אביסעל צו לאנג, לכן לעג איך דאס אפ אם ירצה השם אויף הושענא רבה, און הלך משה מרדכי, איך געה מיר ווייטער.

הקצור, איך האב מיך אבגעזעגענט מיט מיין פלונית בת פלונית און בין אוועקגעפאהרען ווייטער און האב מיך אראבגעחאפט אהיי־

מיך בעזעצט אט א דא אין יעהופעץ און די־

שעפט.

וואס פאר

א

די שעה זאָל ניט זיין, איך פערהאַנדעל מיך אַזוי, אַז איך מוז מיך נאָכדעם שטעלען — טהוט מיר באַנג, איך זאָל מיר ניט פערשמירען מיין נאָמען, וואָס כ'האָב אויף דער וועלט. „חאַפט דער רוח דאָס געלד אַבי דער נאָמען זאָל איבערבלייבען“, ווי כ'האָב געזאָגט אַמאָל אַ בעקאַנטען באַנקיר נאָכדעם, אַז ער איז געבליבען אָהן אַ פיערער און האָט נאָך געלייזט פעטש אויך...

ארומגעדרעהט, אַרומגעדרעהט אַזוי לאַנג ביז איך האָב מיך פאָרט צוגעשלאָגען צו מיינעם, ווי זאָגט איהר: כל עורב למינהו — איטליכער טרינקער געפינט זיך זיין וויין; איך האָב מיך בעקאַנט מיט אַ פאָר היינליך, דוקא אין בעל־הבתישען גראַד, און האָב אָנגעהויבען אַהינצוצו אַריינקומען. איך געה — מען קלויבט זיך צענויף אַלע נאַכט, היינט איך צו דיר, מאָרגען דו צו מיר. כלומרשט „אימענינעס“, מען רופט צענויף געסט אַ דרייסיג־פערציג פאַרשוין, צווישען זיי מעהרסטען־טהייל פיזשאָנ־טשיקעס, יונגע־לייט־עך הייסט עס אַזעלכע, וואָס פליהען גלייך אין מויל אַריין ווי די געבראָטענע טויבעליך: „נאַט, שלינגט אונז איין געזונדטערהייד און לאָז אייך וואוהל בעקומען“... דער בעל־הבית, געוועהנטליך, ווייסט שוין וואָס ער האָט צו טהון. זעצט ער אויס די ליבע געסט ביי די גרינע טישלעך און פאָרט זיי צענויף ממזריש, און אַליין איז ער אויפגעלעגט שרעקליך, און אויך די בעל־הבית'טע איז שטאַרק האָפערדיג, טראָגט אונטער ציטליבען בעזונדער טיי מיט איינגעמאַכטס, און די שפיעל געהט ביז'ן ווייטען טאָג אַריין, ווי אין קלוב...

און שטעלט אייך פאָר אַז טויג האָט מען דאָס דערטאַפּט פאַרן פיזשאָן אין מען זעצט מיך אַוועק מיט עפּעס מאָדנע מיני פאַרשוינען ביי איין טישעל, צווישען זיי איינער אַ קאַפּיטאַן מיט גילדענע קנעפּ און כיען נעמט מיך צו דער אַרבייט אָבער אַזוי ווי סע געהער צו זיין! פויל איך מיך ניט, הויב מיך אויף פון טיש און ריף אַוועק דעם בעל־הבית אויף אַ זייט און זאָג צו איהם אַזוי: „הערט זשע אויס, מיין ליבער פעטער בלעם, איהר זאָלט וויסען זיין אַז איך בין אַ געשלאָגענער הונט, אייער קאַפּיטאַן הויבט מיר ניט אָן צו געפעלען“... — „וואָס הייסט, מאַכט ער, מיט וואָס געפעלט ער אייך ניט?“ — „דען, זאָג איך, ער איז אַזוי אַ קאַפּיטאַן פונקט ווי איך בין אַ גובערנאַטאָר“. — „פון וואַנען זאָגט ער, נעמט איהר דאָס?“ „פון די ידים, זאָג איך, ער מאַכט מיר, זאָג איך, צו געשווינד מיט די ידים; איך האָב מורא, זאָג איך, אַז ס'איז ביי איהם צו איין אויסגעשריבענע האַנד“. — „וואָס זשע, זאָגט

ער, ווילט איהר?" — „וואָס, זאָג איך, זאָל איך וועלען? איך וויל כאַפּען אַ סקאַנדאַל, ווייטער גאָר ניט". — „איהר זענט, זאָגט ער, משוגע, צי חסר דעה? וויפיעל האָט איהר פערשפּיעלט?" — „וועט איהר מיר, זאָג איך, אומקעהרען? בלאָטע!" — „וואָס דען, זאָגט ער, ווילט איהר"? — „איך וויל, זאָג איך, ס'זאָל טאַקי זיין יחדו, חצי שלי וחצי שלך, ווי מיינער אַ גוטער ברודער זאָגט, בעת ער וויל יענעם בעגראָבען הויבט ער אָן רעדען אויף דייטש: „לעבען אונד לעבען לאַססען"...

ביי די ווערטער האָט זיך אַרקאַדי צעלאַכט גאַנץ געשמאַק מיט אַ קוויטש, ווי זיין שטייגער איז און דערזעהן אַז קיינער לאַכט ניט, האָט ער גענומען פערענטפערען זיך:

— מיינט ניט, אַז איך בין, חס ושלום, אַ געבאָרענער שוליער, אַ קאָרטענשפּילער, אַ בייטעלשניידער, דאָס הייסט, קיין צדיק אין פּעלץ בין איך אויך ניט, איך דאַרף מיך פאַר אייך ניט אויספּיינען, קיין שדוך מיט אייך טהו איך ניט און קיין געלד וועט איהר מיר נישט לייהען, דען איך האָב מורא, אַז איהר זענט אַליין, מחילה, בקבצנו... נישט מעהר, איין אַנדערער אויף מיין אָרט האָט ליעב די זאַך בעפּיצען, איך רעד אָפּענטליך, ביי מיר איז דער אֱמת אין דרויסען אויבען אויף ווי אויף אַ טעלער. די נויט, פערשטעהט איהר, האָט מיך געבראַכט דערצו, איך זאָל זיך אַריינלאָזען אין דעם וויסטען ברויט, ווי מיינער אַ גוטער בעקאַנטער זאָגט: „סע ליגט — נעם, אַ ניט וועט איין אַנדערער צונעמען"...

הקצור, איך האָב מיך אַזוי לאַנג געדרעהט צווישען בעקאַנטע אויף אימענינעס, ביז ס'איז איין מאָל אַרויסגעשפּרונגען אַ סקאַנדאַל. מע האָט אָנגעטראָפען אויף איינעם, למשל אַזא „בחורעץ" ווי איך, האָט ער געבראַכט צו פיהרען אַ קאָקאַרדע, האָב איך מיך מיישב געווען און זאָגאַד געמאַכט איין אָבטריט און בין נעלם געוואָרען אויף אַ קליינער צייט, דען איך, פערשטעהט איהר מיך, האָב פיינט, אַז מען טשעפּעט זיך צו מיר: ווער איך בין? און וואָס איך טהו? און פון וואַנען איך לעב? דען, אַז מען זאָל וועלען, הערט איהר, אַזוי איטליכען בעזונדער נעמען צום עקזאַמען — מעגט איהר מיר גלויבען, אַז העכער אַ האַלבע שטאָדט געהט אַוועק אַרעסטאַנסקע ראָטע, זאָגט אָפשר אַז ניין?

נישט בראָנזענטאָלער, דער בעל־הבית, נישט טשיירעלי דער שבן זאָגען ניט, נישט יאָ נישט ניין: זיי ווילען אויסהערען די ביאָגראַפיע פונ'ם

נײַעם שכן בײַ׳ן סוף. און דער נײַער שכן טהוט זיך צוליעב און ערצעהלט ווײַטער:

— לאַנג ארומגעהן אַזוי אָהן ארבײַט איז אָבער אויך קײַן תכלית ניט און אַגב איז דער יצר הרע פון קאָרטען אַזוי גרויס, אַז דער, וואָס האָט איין מאָל פערזוכט דעם טעם פון קאָרטען — קאָן זיך אָהן אַ קער־טיל נישט בעגעהן. סע ציהט, ווי דעם שכור ציהט עס צו אַביסעל בראָנפען; איך האָב אַזוי לאַנג זיך אײַנגעהאַלטען און געפּאַסט ביז איך האָב מיך בעקאַנט מיט איינעם אַ פּראָקענשיסער און דוקא אין ביליאַרד וואָס האָט מיר אויפגעעפענט די אויגען, בעוויזען אַ נײַע וועלט, וואָס זי הײַסט „קלוב", און דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבען פאַר מיר דאָס אמת'ע לעבען, דער אמת'ער גן עדן! אַ ווערטעלע אויסצורעדען — קלוב, איך קען מיר קומען ווען איך וויל, שפּיעלען מיט וועמען איך וויל, וואָס איך וויל, און אויף וויפיעל איך וויל! ווילט איהר — שטעהט איהר בײַ דער זײַט און קוקט און „שמירט זיך צו" וויפיעל אײַער הארץ גלוסט ווילט איהר — זעצט איהר זיך אין קאָן און וויפיעל איהר ווילט אַזוי פיעל „ענטפערט" איהר. טרעפט איהר איז גוט; אָלא ניט — ווערט איהר בעגראָבען, איז לא פּרלתּם — האָט איהר נישט געטאַנצט מיט'ן בער. קײנער פרעגט אײַך ניט, ווער איהר זענט, און פון וואַנען סע קומט צו אײַך געלד, און צי האָט איהר געוואונען, צי פערלאָרען — נישט קײנעמס עסק! כל זמן עס באָמבעלט זיך בײַ אײַך די מטבע און איהר האָט וואָס צו שטעלען — שטעלט איהר. אַז ניט — קאָנט איהר אײַך געהן בשם אלקי ישראל וואוהין איהר ווילט, די וועלט איז פאַר אײַך אָפען — אָט וואָס סע הײַסט „קלוב"! איהר קאָנט אין איין טאָג אַוועקגעבען וואָס איהר האָט, פערליערען די לעצטע פאָר מכנסים, דערפאַר אָבער, אַז עס געהט אײַך אַוועק דאָס בלאַט און עס קומען אָן די „פּאַסען", זאָלט איהר דע־מאָלט טהון אַזוי ווי איך האָב געטהון בעת ס'האָט מיר געפיעלט. איהר זאָלט, הערט איהר, שנײַדען, בראָקען, האַקען, שינדען פון זיי די פעל, טרענען די קישקעס פון די ממזרים, אַ רוח אין זײַער טאַטענס טאַטען ארײַן!

אַרקאַדי דאַט זיך אַזוי צעהיצט, אַז ער דערלאַנגט אַ זעץ מיט'ן קולאַק איבער'ן טיש און דער מחבר פאַלט שיער ניט אום פאַר דערשרעק.

— אַביסעלע שטילער — זאָגט צו איהם בראָנזענטאָלער — איהר שרעקט מיר איבער אַלע מאָל טשײַדעלען אויף טוידט.

און אַרקאַדי פערענטפערט זיך:

— סע פערדריסט מיך, פערשטעהט איהר מיך, למאי איך האב זיי אבגעגעבען צוריק דאס ביסעל געלד. איך האב געהאט ביד ארויס פון דארט מיט א שענעם קאפיטאל און נישט איין מאל, נאר עטליכע מאל, זיך קויפען א פערד און וועגעלע מיט גומעלאסטיקענע רעדליך מיט א שען פעלציל, אריינלעגען די העגט אין די קעשענעס ווי אנדערע טהוען און ווערען א שענער בעל־הבית אין יעהופעץ... נאר דער רוח זאל מיך וויסען, וואס מיט מיר איז, פערשפיעל איך — ארט מיך ניט, נאר טאמער הויב איך אן צו געווינען מיין איך שוין, אז דאס זענען געקומען די „פאסען" און איך וויל נאר דערגרונטעווען זיך ביז'ן דרייצעהנטען „פאס", און איך רייס מיך דראפע מיך אויף די גלייכע ווענט און הויב אן שיסען מיט הארמאטען פינף און צוואנציג! פופציג פאר פערציג, און הונדערט פאר אכציג! און צוויי הונדערט פאר הונדערט זעכציג! און פיער הונדערט פאר דריי הונדערט צוואנציג! און אכט הונדערט פאר זעכס הונדערט פערציג! און...

— ש ש ש... —מאכט צו איהם בראנזוענטאלער און האלט איהם צו דאס מויל — איהר קאנט אזוי פערפאהרען אין אלף הששי אריין!

ארקאדי געפינט זיך ווי בעליידיגט:

— איהר מיינט א פנים איך בין אייך מגזם, דערצעהל אייך בבא־מעשיות פון טויזענד איין נאכט? וואס איהר ווילט קאנט איהר אויף מיר זאגען — קיין ליגנער בין איך קיין מאל נישט געוועזען. איך זאל ניט דערלעבען זעהן די אלטע מאמע מיינע, ס'איז ביי מיר די בעסטע שבועה, דען זי איז ביי מיר טהייער, איך שיק איהר נאך היינט אויך א קערביל א וואך עס מעג דונערן און בליצען... און איך זאל טאקי אזוי מצליח זיין, און עס זאלען מיר אזוי גיך אנקומען די דרייצעהן פאסען, ווי איך זאג אייך אמת! דער גאנצער אומגליק איז, וואס ס'איז נישטא דער מזומנער כף־הייער און איך געה שוין מעהר נישט אין קלוב! ס'איז, פערשטעהט איהר מיך, אויסגעגאנגען פארעם און בין נאך דערצו א בעל־חוב גמילות־חסדים גוטע ברידער, די האר זענען ניט מיינע, אוועקגעטראגען אין לאמבארד דעם גוטען זייגער פון זהב טהור מיט'ן גילדענעם רינג מיט וואו איך האב געהאט ערגעץ א זאך, וואס מען קאן פערזעצען... און נאך אלע היום'ס, זאג איך אייך, לאם איך נאר בעקומען דעם ערשטען פינף־און־צוואנציגער — און איך וועל איהם, אם ירצה השם מיט גאטט'ס הילף בעקומען — מאך איך א פערמעגען פון אריבער מאה אלפים! איהר קוקט מיך אן ווי א משוגענעם? א יא? אט וועל איך

אייך וויזען גאר א קורצען חשבון וועט איהר אליין זעהן, אז אזא נפש ווי איך, קאן מאכען פון אייך כף-היער די ריינע הונדערט טויזענד איינ-ציגע און נאך מיט א סמיטשיק! איהר ווייסט, וואס סע באטרעפט דרייצעהן פאסען פון א פינף-און-צוואנציגער? א נו נעמט נאר אקארשט, זייט מוחל, א טינט און פען!

— א טינט און פען? דערויף איז טשיידעלי, ביי מיר דער מאכער — זאגט בראזענטאלער און דער מחבר נעמט די פען, טונקט איין אין טינטעריל, קוקט אויף ארקאדיען און ארקאדי הייסט איהם שרייבען:

שרייבט, זייט מוחל, 25 און 50 און 100 און 200, און 400 און 800, דען יעדער „פאס" איז צוויי מאל אזוי פיעל, און 1,600 און 3,200 און 6,400 און 12,800. האט איהר ערשט צעהן פאסען, היינט 25,600 און 51,200 און 102,400, פערשטעהט איהר שוין וואו איך האלט?

ארקאדי צעלאכט זיך ווי זיין שטייגער מיט אקוויטש, לעגט אריין די ציגאר אין די צייהן און די הענד אין די קעשענעס, געהט אב אפאר טריט צוריק און בלייבט שטעהן מיט איין פוס ארויסגעשטעלט אויף צופריהער אין מיט'ן חדר און שאקעלט זיך צו בעת מעשה מיט'ן גאנצען קערפער, און ער זעהט אויס ווי א באראן, וואס האט נאר וואס טאקי געהאט די דרייצעהן פאסען און געמאכט די שענע עטליכע קערבליך.

ווער עס האט אין יענער מינוט נישט געזעהן דעם נייעם שכן ארקאדי שווייצער, דער האט אויף זיין לעבען נישט אנגעקוקט קיין גליקליכען מענשען אויף דער וועלט!

קאפיטעל ו.

— אזוי? — זינגט אויס בראזענטאלער, דער בעל-הבית, און ציהט זיך אויס ווי לאנג ער איז — אציגד פערשטעה איך שוין אייער קוק! איהר זוכט, הייסט דאס, דעם נעכטיגען טאג, מיין איך, דעם דרייצעהנטען פאס? איהר ווילט, הייסט דאס, דערגרונטעווען די שפיעל ביז'ן דנא! אודאי אודאי, מען קאן ניט זאגען, א געשעפט איז דאס, נאר ניט אזוי ראיעל ווי איהר מיינט

ארקאדי שווייצער געפינט זיך ווי בעליידיגט.

— ניט ראיעל, זאגט איהר? גוט איז אייך אז אייערע פאבריקען

ארבייטען דארטען, אייערע שיפען אויפ'ן ים געהען זיך, די מיהלען מאהלען און אליין זיצט איהר אויפ'ן גרייטען און שניידט קופאנעס פון די ביכלעך פאפיראס־פאפיר. האט קיין פעראיבעל ניט, פאני, וואס איך וויל אייך פרעגען, אשטייגער נאפשיקלאד, כדומה למשל, וואס איז אייגענטליך אייער געשעפט?

— מיין געשעפט? עהע־הע! — ציהט אוים דער בעל־הבית אויף איין ארשין — מיין געשעפט? א סך האבען זיך שוין געבראכען די מוחות, געוואלט וויסען מיט וואס איך פערנעם זיך; דער אקאלאדאטשניק האט וויפיעל מאל געוואלט דערגרונטעווען זיך, נאר מכות וועט עמעצער גאר פאלען דערויף!

— וואס זשע? איהר שרייבט מזוזות? צי איהר טרייבט אדוים שדים? צי איהר מאכט פאלשע פערציגער? מיר מעגט איהר זאגען, נישקשה, ווי אין איין אייזערנעם קאסטען מיט א גלאק!

— עט, איך האב פאר אייך וויניציג וואס מורא! לאז זיך אייך דאכטען, נאר דער חסרון, וואס ס' איז ניטא ביי וואס אנצונעמען

— אבער א נאמען בעדארף דאך עם האבען!

— הערסט דו, אט דאס איז דאך די מעשה וואס סע האט קיין נאמען ניט! וואס פאר א נאמען א שטייגער קען מען דאס געבען, משיידעלי, וואס שווייגט איהר?

דאס קליינע מחבר'ל, וואס בראזענטאלער האט איהם א נאמען געגעבען משיידעלי. חאפט זיך אויף ווי פונם שלאף, שפרינגט אראב פונ'ם בעטיל מיט א טענציל ווי זיין שטייגער איז, דרעהט זיך אוים אויף איין פוס, מאכט צערעכט די ברילען און רופט זיך אן צום בעל־הבית:

— אייער געשעפט וואס פאר א נאמען מען קאן דאס געבען? סע האט קיין שום נאמען ניט.

— א! זעהט איהר? — מאכט דער בעל־הבית און ווייזט אן מיט די אויגען אויפ'ן מחבר'ל — איהר האט געזעהן ווי משיידעלי האט זיך נאר וואס אויסגעדרעהט אויף איין פוס און איז געבליבען שטעהן אויף איין ארט? פונקט אזוי דרעה איך מיך ארום א געשעפט, א גרוים געשעפט, שוין פון כמה וכמה יאהרען; איך דרעה מיך און דרעה מיך און שטעה אויף איין ארט.

— א? אויב אזוי, פערשטעה איך שוין! — פערחאפט ארקאדי שווייצער מיט א געלעכטער — איהר זענט א מעקלער פון די מעקלערס,

וואָס פערקויפען דעם שפּיץ פון די יעהופּעצער בערג, דעם שאָטען פון די בוימער פונ׳ם בויבעריקער וואלד, און בײַטען דעם נעכטיגען טאָג אויפ׳ן אָדעסער ליִמאַן און פיהרען דורך א באַהן גלײַך פון מאזעפּעווקע צו דער לבנה? אָט אַזוי זשע רעדט! וואָס זשע מאַכט איהר אָנשטעלען? אָחינו אַתה, נאַט אײַך אָב שלום, דען אַז איך וויל זאָג איך, אַז איך בין אויך אַ מעקלער. איך האָב אויך אַצווײ דרײַ אָפּיסען בײַ זיך אין קעסטיל פון די רײַכע אימעניעס, מיט די שענע וועלדער, מיט די גרויסע פּאַלאַצען מיט די קלוגע פערד, מיט די ריינע סאַזשאַלקעס, מיט די אמת׳דיגע דגים און מיט די ווילדע קאַטשקעס, וואָס שווימען אַרום פון אויבען אויפ׳ן וואַסער...

— טיע־טיע־טיע! — שלאָגט איהם איבער בראָנזענטאָלער אין מיטען — אַ יוד איז דיר קײַן קאַטאָוועס ניט. זעה נאָר, ווי ער האָט זיך דאָס אַביסעל צעלאָזט ווי אַ בעל דרשן; עס הויבט זיך גאָר ניט אָן, איך בין קײַן מאָל נישט געווען קײַן מעקלער און וועל ניט זײַן קײַן מעקלער און בין אַפילו נישט געלעגען נעבען מעקלערס. מײַן געשעפט איז ירושה, מיר לאָדען אַ ירושה, אַ גרויסע ירושה לאָדען מיר.

— אַ ירושה? — האַפּט איהם אונטער אַרקאַדי — פון וועמען איז? טאַקי פון אײַערען אַ זיידען? מסתמא אַ מאַיאָנטעק אַ גרויסער, פון עטליכע דערפער מיט שאָף און רינדער, מיט וואַסער־מיהלען אײַנגענע, מיט בריקלעך, מיט קרעטשמעס, מיט הײַזער אַ גוזמא און מיט קלײַטען געמויערטע, וואָס דען קאָן זײַן, איך בעט אײַך, אַ יודישע ירושה?

— שוין? איהר האָט שוין ווידער צעלאָזט דאָס צינגעל אײַערס? אַז איהר ווילט מיך אויסהערען אַקוראַט, זאָלט איהר מיך ניט איבער־שלאָגען. פאַר וואָס האָב איך אײַך ניט איבערגעשלאָגען בעת איהר האָט גערעדט?

אַזוי זאָגט בראָנזענטאָלער. פערציהט זיך געשמאַק מיט׳ן פּאַפּיראָס, שפּאַרט זיך אָן אָן טיש ציהט אויס די לאַנגע פיס און הויבט אָן צו ער־צעהלען און בײדע שכנים הערען זיך צו מיט קאָפּ:

— בעשטעהן בעשטעהט די ירושה אונזערע דוקא אין מזומן געלד און בעטרעפען בעטרעפט זי אַרום און אַרום בסך הכל שוין מיט פּראָצענט און מיט פּראָצענט דפּראָצענט אַזוי גרויס ווי נײַן־און־נײַנציג מיליאָן,

— האַ? נײַן־און־נײַנציג מיליאָן? — שרײַט אויס אַרקאַדי שווײַצער, און שפּרינגט אַוש אונטער פון התפעלות — דאָס איז דאָך עפּעס, ווערה איז מיר, אַ מין פויטיקע, וואָס וואָלט אונז גענוג געווען אין דרײַען

אויפ'ן גאַנצען לעבען און עס וואָלט נאָך געבליבען אַביסעל די קרובים און אַביסעל אויף עולמות; וואָס, ניט אַזוי?

בראָנזענטאַלער לאָזט איהם רעדען, ענטפערט איהם ניט דאָס אַנדערע וואָרט, פערציהט זיך מיט'ן פאַפּיראָס און דערצעהלט ווייטער:

— זענען מיר אויף די נײַן־און־נײַנציג מיליאָן, הייסט דאָס, דרײַ יורשים: איין ברודער מיט צוויי שוועסטער, צו דרײַ־און־דרײַסיג מיליאָן אויף אַ חלק.

— וואָס רעדט איהר? חאַפּט איהם אונטער אַרקאַדי — מיר דאַכט, אַז אַ ברודער נעהמט צוויי מאָל אַזוי פיעל ווי אַ שוועסטער, הײַנט ווי אַזוי קומט בײַ אייך אויס דער חשבון צו דרײַ־און־דרײַסיג מיליאָן אויף אַ חלק?

— מיר האָבען דאָך עפּעס געשמועסט, פאַני שוויצער, אַז מען זאָל מיך ניט איבערשלאָגען? פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אונז די דאָזיגע ירושה — איז דערינען אַ גאַנצע מעשה: איך בין גאָר אַליין בטבע ווי איהר קוקט מיך אָן, אַ יוד אַ חלפן...

אוי! — חאַפּט זיך אויף שווייצער — גאָט זאָל מיר טאַקי אַזוי העלפען, ווי איך האָב געקלערט, אַז איהר בעדאַרפט זײַן אַ חלפן! דאָס פנים איז בײַ אייך ווי בײַ אַ חלפן. אַלע חלפנים האָבען עפּעס מאָדנע טרוקענע פנימ'ער און זעהען אויס ווי עפּעס הילצערנע מענשען מיט שטרוי־ענע קעפּ.

— איך בעט אייך — זאָגט צו איהם דער בעל הבית — איהר וועט אַ מאָל אַנשטומט ווערען צי נײַן? דאָס מויל מאַכט זיך אייך גאָר ניט צו אויף קיין מינוט! אַ פנים ס'איז בײַ אייך אַזאַ מין חולאת?

אַרקאַדי שווייצער ענטפערט איהם דערויף גאָר ניט; ער פערשטופּט דאָס מויל מיט'ן ציגאַר, זעצט זיך צו און מאַכט אַ מינע פון אַ סטאַטיק, ווי אַ מענש וואָס האָט זיך געגעבען דאָס וואָרט שווייגען, און דער בעל־הבית קאָן דערצעהלען זײַן געשיכטע שוין אָהן אַ שום איבערשלאָג.

קאַפּיטעל ז.

— שאַ, וואו זשע האַלטען מיר? יאָ. בין איך, הייסט דאָס, געווען אַ יוד אַ חלפן, געשטאַנען מיט אַ טישעל אין מאַרק און צעביטען קליין געלד, און דערפון געצויגען דאָס שטיקעל ברויט. איז אָבער ד..ר

חסרון, וואָס פון חלפנות אַליין קאָן מען ניט לעבען; געה, וואַרט, קוק אַרוים אויף אַ יודען, ביז ער וועט קומען אַ מאָל אויסבייטען אַ קערבעל אויף מינץ, וועט מען פאַרדינען אַ האַרטען צווייער. וואָס זשע טהוט מען? בעדאַרף מען זיין דערצו אַשטיקעל...

— גנב — העלפט איהם אונטער אַרקאַדי שווייצער — וואָס דען? עהרליך איז שווערליך, ווי מיין באָבע טאָלצע, עליה שלום, פלעגט זאָגען בשעת אַראָבנעמען וואַכס פון די ערב יום כפור'דיגע ליכט..

— ווער בעט איך, איהר זאָלט מאַכען אַ פירוש אויף מיינע ווערטער? — זאָגט צו איהם בראָנזענטאָלער — איך זאָג, אַ זפון חלפנות אַליין איז שווער צו לעבען, מוז מען זיין דערצו אַ שטיקעל סוחר: קויפען אַ מאָל איין אַלטע מטבע אין גלייכען געלד, אַ מאָל אַ חפץ, איין אַלטען הדם, אַ זילבערנע גאַלקע פון אַ שטעקעל, אַביסעל ברוך, און אַט אַזוי ווערט מען פון אַ חלפן אַ שטיקעל קרעמער, דאָס הייסט, מען דינגט אָב אַ לאָך און מען שלאָגט צו אַ בלעטיל: „קויפט און פערקויפט”, ווערד שוין גוט. עס קומט אַריין אַ מאָל אַ פריץ, אַ פריצה, אַ יוד, אַ שוואַרץ יאָהר, ער קויפט, פאַרקויפט, בייט אויס שילע נאַ שווייקע, צי מען פערדינט, צי מע דערלעגט, גאָר ניט, מען האַנדעלט. ויהי היום, איין מאָל, פאַרנאַכט איז דאָס געווען, זיץ איך מיר אַזוי פאַרטראַכט, קיין פדיון איז ניטאָ, עפענט זיך די טיר און עס קומט אַריין צו מיר אין געשעפט אַריין עפּעס אַ פריץ אַ מאַגנאַט, הויך ווי עוג מלך הבשן, כמעט אונטערגעשפאַרט מיט'ן קאָפּ דעם בוידעם, מיט צוויי מורא'דיגע וואָנסעס, מיט אַ מין נאָז...

— אשר לא נאָזו אבותינו — חאַפּט איהם אונטער אַרקאַדי און בראָנזענטאָלער שטעלט אַנידער אויף איהם די אויגען און דאָס בראָנזענע פּנים ווערט ביי איהם ווי פאַרשטאַרבען, ווי איינער רעדט: „וואָס איז דאָס פאַר אַ מין שפּראַך?”

— ס'איז לשון קודש — גיט איהם אַרקאַדי צו פאַרשטעהן גאַנץ ערנסט.

— גוט וואָס איהר האָט אויסגעזאָגט, אַז ס'איז לשון־קודש, אַ ניט וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז ס'איז פראַנצויז — רופט זיך אָן דער מחבר טשיידעלי און אַרקאַדי צאָהלט איהם אָב אויפ'ן אָרט:

— גוט מאָרגען, געלי, רעטיך טראָג איך! ווער פרעגט אייך, גריניע אַגרעס, זויערע קיסליצע, בהמה בצורת קעלביל?

— אַ דאַנק פאַר אַ קאָמפּלימענט! — זאָגט איהם טשײַדעלי און טהוט זיך אַ בייג צו איהם.

— ניטאָ פאַר וואָס — ענטפערט איהם אַרקאַדי מיט אַ בייג צוריק.

— יודען! טאָמער וואָלט איהר אויפגעהערט זיך איבערשיסען מיט ווערטער? — זאָגט צו זיי דער בעל־הבית און דערצעהלט ווײַטער:

— שאַ, וואו זשע האַלטען מיר? יאָ. קומט אַרײַן צו מיר אין קלײַטיל אַ הויכער פריץ, זעצט זיך אַוועק און באַטראַכט מײַן קראָם, פרעגט זיך נאָך אויף איטליכער זאַך, וואָס קאָסט דאָס, וואָס קאָסט יענץ, רעדט מיט מיר אויף פויליש, פאַרשטעה איך, אַז ס'איז אַ פּאָליאַק, נאָר קויפען קויפט ער גאָר ניט. „פון וואַנען איז אַ פריץ?" פרעג איך איהם, זאָגט ער: „איז וואַרשאַוויאַ". „וואָס טהוסט דו היע?" זאָגט ער: „ניץ נע ראָביאַ" — גאָר נישט, הייסט דאָס. אויף מאָרגען — נאָך אַמאָל דאָס אייגענע: אַרײַנגעקומען. געזעסען, געקוקט, געבעבעט, — גאָר נישט. אוף איבערמאָרגען ווידער דאָס אייגענע, און אַזוי אַלע טאָג. „ווי געפעלט דיר די שטאָדט פּאַני גראַביע?" פרעג איך איהם. זאָגט ער: „זעהר אַ פײַנע שטאָדט, און ניט אַזוי די שטאָדט, זאָגט ער, ווי די מענשען, און ניט אַזוי די היגע מענשען ווי די היגע יודען, פון יודען האַלט ער איין עולם ומלואה, מחמת יודען זענען, זאָגט ער, זעהר אַ פײַן פאָלק: „איזראַעליטע יעסטאָ באַרדזאָ שליאַכעטנע נאַציאַ", זאָגט ער, טאַקי מיט דעם דאָזיגען לשון, ווי איהר זעהט מיך אַ יודען! דאָס ערשטע מאָל אויף מײַן לעבען הער איך, אַז אַ פריץ און נאָך אַ פּאָליאַק דערצו זאָל האַלטען פון יודען, ליעב האָבען זיי, רופען אונז גאָר „איזראַעליטע" ניט „זשידזי", זיך אינטערעסירען מיט אונז, לויבען אין טאָג אַרײַן אונזער אַמאָליגע יודישע מלוכה מיט אונזערע מלכים מיט אונזערע נביאים, און ווער שמועסט שלמה המלך, דער איז, זאָגט ער, געוועזען „באַרדזאָ ניע גלופּי טשלאָוויק", דאָס הייסט, גאָר קיין נאַר נישט, טאַקי מיט דעם דאָזיגען לשון ווי איהר זעהט מיך אַ יודען! בקצור דער פריץ איז געוואָרען בײַ מיר אַ היימישער פריץ און זעהר, זעהר איין אָפטער גאַסט. איך ווייס אַליין ניט, פאַר וואָס, נאָר מיר זענען געוואָרען מיט איהם נפש אחת, זיך ליעב געקראָגען פשוט איינס דאָס אַנדערע. אָנגעהויבען אַרײַנקומען איינס צום אַנדערען, ער צו מיר אַלע פרײַטאָג צו נאַכטס אויף שבתדיגע פיש. איך צו איהם שבת בײַטאָג אויף אַ גלעזיל טהיי. ווער ער איז און וואָס ער איז האָב איך נישט אָנגעהויבען צו וויסען. איך האָב נאָר געהערט אַז ער איז אַ גראַף און רופען רופט מען איהם דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי.

— אָהאָ! — מאַכט אַרקאַדי שווייצער — עס חאַפּט שוין אַ ביסעל

דעם אָנבליק פון אונזער משה מענדי־מרדכי־אהרן־פייסי־דבורה־משה מענדיס, וואָס מען דאַרף פריהער גוט איבערבייסען, מען זאָל דאָס קאָנען אויסרעדען אין איין אָטהעם. מילא בקצור, ווי אַזוי, זאָגט איהר, רופט מען איהם אייער אָדון?

— דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי רופט מען איהם און וואהנען וואהנט ער אונטערן שטאָדט ביי זיינע צוויי שוועסטער, וואָס מען רופט זיי ביי אונז „די באַרישנים" און וואָס ביידע אינאיינעם זענען אַלט אַריבער אַ מאה. די דאָזיגע מיידלעך זיצען שטענדיג פאַרשפאַרט, האָבען מורא פאַר אַ מענשען, קיין בן־אדם האָט נאָך נישט געהאַט ביי אונז די זכיה זיי צו זעהן און איך אויך נישט, און איטליכס מאָל, ווען איך האָב מיט איהם געוואָלט מאַכען אַ שמועס פון זיינע שוועסטער — פלעגט ער נאָר אַ מאַך טהון מיט דער האַנד, זיך נעמען צום לאַנגען ציבעק און פערשלאָגען די רעד. איין מאָל זיץ איך מיט איהם אַזוי שבת ביי טאָג און מיר טרינקען מהיי, רופט ער זיך אָן צו מיר פלוצים פון דער העלער הויט: „זאָג מיר נאָר, פאַני מאָשקע, וויפיל שאַצטט דו מיך"? זאָג איך „איך פאַרשטעה ניט וואָס דו מיינסט, פאַני גראַביע". מאַכט ער צו מיר: „וויפיעל מיינסט דו אַ שטייגער פאַרמאָג איך"? זאָג איך צו איהם: „וויפיל. דו פאַרמאָגסט, ווינש איך דיר דו זאָלסט פאַרמאָגען צעהן מאָל אַזוי פיעל". מאַכט ער צו מיר ווייטער: „אַלע נאַפּשיקלאַד?" דאָס הייסט, ער וויל איך זאָל איהם נאָר שאַצען וויפיעל ער פאַרמאָגט? בין איך מיך מישב: עס קאָסט מיך געלד? און חאַפּ מיך אַרויס מיט די רי"ש אלפים! אַז מיין פריץ הויבט זיך ניט אָן צו קאַטשען ווי גרויס ער איז און טרייסלען זיך און לאַכען אויף אַ זעלבע קולות, אַז איך האָב געמיינט ער וועט, חלילה, פּלאַצען פאַר געלעכטער. „טי יעסטעס וויעלקים דורניס, מאָשקע!" מאַכט ער צו מיר נאָכדעם, אַז ער האָט זיך שוין גוט אָנגעלאַכט, דאָס הייסט, אַז איך בין אַ גרויסער נאַר, איך פאַרמאָג, זאָגט ער, אויף מיין חלק אַליין נישט מעהר און נישט ווינציגער, פון דריי און דרייסיג מיליאָן. און מיר אַלע דריי, איך מיט מיינע צוויי שוועסטער, הייסט דאָס, פאַרמאָגען מיר נײַן־און נײַנציג מיליאָן!" און נישט לאַנג געטראַכט — געהט ער צו צום שיפלאַד און נעמט מיר אַרויס אַ פּאַק מיט פּאַפּירען און טראָגט מיר אונטער די פּאַפּירען גלייך אין פנים אַריין און זאָגט צו מיר: „נאַ פּאַטש"! זעה, הייסט דאָס! וואָס זאָל איך זעהן? איך זעה פּאַפּירען מיט שטעמפּלען אַ סך, נאָר וואָס דאָס איז ווייס איך ניט! „דו זעהסט, זאָגט ער צו מיר, אָט די דאָזיגע חתימה? דאָס איז די חתימה פון'ם פּרעזידענט אַליין, פון אַמעריקאַ, צוגעשיקט גלייך אויף מיין נאָמען פון סאַנפראַנציסקאָ פון קאַליפאָרניע". מילא, קאַליפאָרני הײַנט, קאַליפאָרני מאָרגען, אַז איך ווייס ניט מיט

וואָס מען עסט דאָס! „ווייסט דו וואָס, פּאַני מאָשקע, מאַכט ער צו מיר, לאָמיר איך דיר חאָטשע דערצעהלען, ווער איך בין—וועסט דו פאַרשטעהן וואָס דאָס איז פאַר פאַפירען און ווער איז דער גראַף דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי". אַזוי זאָגט ער צו מיר, דער פריץ הייסט דאָס, און פאַרוויכערט דעם לאַנגען לולקע־ציבעק און הויבט מיר אָן צו דערצעהלען אַ גאַנצע מעשה.

— אַ פּנים, אַז דאָ הויבט זיך ערשט אָן די רעכטע מעשה—זאָגט אַרקאַדי שווייצער און שפּאַרט זיך אָן מיט'ן קאָפּ אויף דער לינקער האַנד און טהוט אַ ווינק צום מחבר: פּאַני פּיפּערנאָטער! מען האָט אייך געלאָזט בעטען, איהר זאָלט ניט שלאָפען און האָרכען מיט קאָפּ.

— הלואי וואָלט איהר אַזוי געהאָרכט מיט קאָפּ און ווינציגער גערעדט! — ענפערט איהם טשיידעדי און בראָנזענטאָלער דערצעהלט די געשיכטע פונ'ם גראַף דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי.

קאַפּיטעל ח.

— שאַ, וואו זשע האַלטען מיר? יאָ, ביים גראַף דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי קומען קומט ער אַרויס, זאָגט ער פון די אמת'ע דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקיס פון די ערשטע אַלטע פּוילישע מאַגנאַטען, געבונדען מיט די פּאָטאָצקיס, מיט די ליובאָמירסקיס און מיט די זאַמאָיסקעס, געשפּיעלט אַמאָל די גרעסטע ראָלע אין דער וועלט, געהאַט אייגענע אימעניעס גרויסע אויף טויזענדער קאָמפּעדראַטנע ווערסטען, מיט וועלדער אַזעלכע, וואָס קיין פוס פון קיין מענשען איז דאָרט נאָך קיין מאָל ניט געוועזן, מיט די שענסטע פּאַלאַצען, גערטנער, אָראַנזשערייען, מיט די ברענענדיגע פערד, מיט די שענע קאַרעטעס, מיט די גרויסע טייערסטע הינט, און אַז מען איז ביי זיי אַרויסגעפאָהרען, זאָגט ער נאַפּאָלאָוואַניע, אָדער נאַ־שפּאַצער, אַ יעגער פון פאָרינט, אַ יעגער פון הינטען, זעכס פערד נאַ־שפּיץ — ערדציטערניש! היינט די קעלערס זייערע מיט די בעסטע ווייַנען, מיט די אַלטע בראָנפענס, מיט די גוטע סטאַרקעס, מיט די אמת'ע קאָניאַקען מיט די רעכטע פּוילישע מעדען און געשמאַקע נאַליוועקעס, וואָס אַז מען עפענט אויף אַ פלעשיל שפּרינגט אַרויס דער קאָרעק און סע געהט אַזש—אַ רויך...

בשעת מעשה בעווייזט בראָנזעגטאָלער מיט דער האַנד, ווי אַזוי

עס שפּרינגט אַרויס דער קאָרעק: פּאַץ! און אַרקאַדי שווייצער רופט זיך אָן:

— ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען? איך בין אייך מוחל די קאַרעטעס מיט די פערד מיט די גרויסע טייערסטע הינט מיט די יעגערס פון פאָרינט און פון הינטען פאַר איין פלעשיל פּוילישען מעד אָדער נאַליווקע פון יענע אַלטע פּוילישע מעדען מיט די נאַליווקעס. צי איהר ווילט דוקא אַ גלעזיל וויין און אפשר יומאָראָזיג דערצו?

— עס מעג זיין אַ פראָסט גלעזיל שטאַרקע — מאַכט בראָנזעטאלער און דערצעהלט ווייטער:

— היינט געלד, מזומן געלד און באַנקאָווע בילעטען, זאָגט ער, איז געווען אַזוי פיעל, אַז אויף שניידען קופּאָנעס האָט מען געהאַלטען בעזונדערע מענשען, וואָס זענען געזעסען מיט שערליך פון גאַנץ פריה ביז שפּעט אין דער נאַכט און מען האָט געשניטען און געשניטען און געשניטען.

בשעת מעשה בעווייזט בראָנזעטאָלער מיט צוויי פינגער, ווי אַזוי מען האָט געשניטען די קופּאָנעס און אַלע דריי שטעלען זיך פאָר אַ גאַנצען באַרג מיט קופּאָנעס, און אַרקאַדי שווייצער רופט זיך אָן:

— פונקט ווי ביי מיין עלטער־זיידען פון דער מאַמעס צד; ער איז געווען, זאָגט מען, אַזאַ גביר און האָט געהאַט אַזוי פיעל בהמות מיט שאָף מיט ציגען, אַז ס'איז געווען אונמעגליך, מען זאָל זיי מעלקען, האָט מען אויסגעגראָבען פון זייערטוועגען אַ גרוב און מען האָט זיי אַריינגעלאָזט אין גרוב אַריין, זיי זאָלען זיך אַליין מעלקען און טאַקי דאָרטען מיט די פיס אויסשלאָגען פוטער...

— איך זעה אין אייך — זאָגט צו איהם דער בעל הבית מיט פערדראָס — אַז איהר מיינט, מען דערצעהלט אייך פזמונות, מעשיות פון טויזענד איין נאַכט?

— חס וחלילה! — מאַכט אַרקאַדי — וואָס הייסט, איך וועל אַזעלכעס מיינען? וואָס בין איך עפּעס, אַ יונגעל? דערצעהלט, דערצעהלט מיר האָרבען אייך מיט קאָפּ!

— שאַ וואו זשע האַלטען מיר? יאָ, זענען זיי געווען, הייסט דאָס אונגעהייער רייך און געשפּיעלט די גרויסע ראָלע ביז... ביז'ן פּוילישען מיאַטעזש, און אַז ס'איז געקומען דער פּוילישער מיאַטעזש, האָט מען ביי זיי צוגענומען אַלע זייערע מאַיאָנטקעס מיט'ן טיטול גראַף, געוואָרען

אוים גראַף דאָמבע־דעמבאָ־דעמבּיצקי, נאָר פּשוט—פּאַני דאָמבע־דעמבאָ־דעמבּיצקי.

—פּאַן יוזש נע אַסעסאָר? שרה, נעם צו די פיש!—מישט אַריין אַרקאַדי א וואָרט, און בּראָנזענטאַלער בּעט איהם, ער זאָל ניט האָבען קיין טבע פון איבּערשלאָגען בשעת יענער רעדט.

— שאַ, וואו זשע האַלטען מיר? יאָ, האָט מען בּיי זיי צוגענומען אַלסדינג און זיי האָבען נעבּעך געמוזט אָבּטרעטען. גענומען אויף זיך דעם גלות, צעקראָכען געוואָרען איבּער דער גאַנצער וועלט, דער אַהער, דער אַהין, און געבּליבּען זענען זיי נאָר אין דרייען: ער, הייסט דאָס, און זיינע צוויי שוועסטער, מיידלעך, וואָס האָבען זיך אויפגעהאַלטען בּיי זייערען איין אַלטען פעטער, אויך אַ דאָמבע־דעמבאָ־דעמבּיצקי. און פון יענעם פעטער האָבען זיי געהערט, אַז ער האָט אַ יונגערן בּרודער סטאַניסלאַוו דאָמבע־דעמבאָ־דעמבּיצקי אין אַמעריקאַ ערגעץ, אין קאַליפאָרניע, געהט איהם דאָרטען זעהר גוט און ער רופט זיי אַלע אַהין קיין קאַליפאָרניע, נאָר זינט דער דאָזיגער פעטער זייערער איז אַוועקגעשטאָרבען, האָבען זיי שוין מעהר פון דעם סטאַניסלאַוו דאָמבע־דעמבאָ־דעמבּיצקי, נישט געהערט און נישט געזעהן און האָבען שוין גאָר פאַרגעסען, אַז זיי האָבען אַמאָל געהאַט ערגעץ אַ פעטער סטאַניסלאַוו. פּלוצים, מיט עטליכע יאָהר צוריק, קומט זיי אָן אַ ידיעה, אַז אין אַמעריקאַ אין פילאַדעלפיע אין דער שטאָדט סאַנפראַנציסקאָ איז מיט דרייסיג יאָהר צוריק געשטאָרבען איינער אַ סטאַניסלאַוו דאָמבע־דעמבאָ־דעמבּיצקי, און האָט איבּערגעלאָזט זעהר אַ גרויס פערמעגען אין די בּענק מיט אַ צוָאה, אַז דאָס געלד זאָל ליגען פינף און צוואַנציג יאָהר און עס זאָל וואַקסען אויף דעם פּראָצענט און אַז עס וועט איבּערגעהן די 25 יאָהר, זאָל מען דאָס צעטיילען צווישען זיינע קרובים איטליכען בּעזונדער אַ גלייכען חלק, און אַזוי ווי פון אַלע, דאָמבע־דעמבאָ־דעמבּיצקים זענען פערבּליבּען נאָר ער, מיין פריינד, הייסט דאָס, מיט זיינע צוויי שוועסטער, לכן זענען זיי די איינציגע יורשים אויפ'ן גאַנצען פערמעגען, וואָס טרעפט אָן אַצונד, ווי איך האָב אייך געזאָגט ניין־און־נײַנציג מיליאָן, דאָס הייסט, פונקט צו דריי און דרייסיג מיליאָן אויף אַ חלק.

— איך זאָל פערמאָגען דאָס פּראָצענט פונ'ם געלד, וואָלט איך זיי בּאַוויזען אין קלוב, ווער עלטער איז — חאַפּט זיך אויף אַרקאַדי.

— לאָס איך פערמאָגען חאָטש די הוצאות, וואָס דאַרף קאָסטען

פאָהרען ברענגען דאָס געלד פון דאָרטען אַהער, וואָלט איך שוין געוואוסט וואָס צו טהון — זאָגט דער מחבר.

— האָט קיין פּעראיפּעל ניט, איהר זענט ביידע נאַראָנים — זאָגט בּראָנזענטאַלער — איהר ווינשט מיר בעסער, איך זאָל דורכפיהרען אָט דאָס וואָס איך וויים, וועט איהר בעסער מאַכען.

— אָמן, לאָז אייך גאָט העלפען! — זאָגען ביידע שכנים מיט אַמאָל און דער בעל־הבית דערצעהלט וויטער:

— שאַ, וואו זשע האַלטען מיר? יאָ, ביי די נײַן־און־ניינציג מיליאָן. דערהערט פון איהם אַזאַ מעשה, פאַרשטעהט איהר דאָך, ווי אַזוי איך בין אונטערגעשפּרונגען און זאָג צו איהם, צו מיין פּריץ, הייסט דאָס: „סטייטש, אַדוני פּריץ, נײַן־און־ניינציג מיליאָן, וואָס שווייגסט דו"? מאַכט ער צו מיר: „ביזט אַ נאַר, דאָ העלפט ניט קיין שרייען! מען דאַרף, זאָגט ער, פאָהרען און נעמען „געלד". „נו. זאָג איך. פאָהרט מען און מען נעמט געלד!" „אָט אַזוי גיך. זאָגט ער, פאָהרט מען און מען נעמט געלד? מען דאַרף, זאָגט ער, נעמען מיט זיך איין אַדוואָקאַט און פּאַפּירען אַסך דאַרף מען אַרויסנעמען, דאָס קאָן מען ניט מאַכען חאַפּענדיג, מען דאַרף דערצו האָבען, זאָגט ער, געדולד, און געלד, זאָגט ער, געלד, פּיעניאָנדזע!"... אַזוי זאָגט ער צו מיר און פּיפּקעט דעם לולקע־ציבעק גאַנץ רוהיג. און איך? איך ברען, איך גליה, איך עק מיך! „וואָס איז מיט דיר, פּאַני מאָשקע, זאָגט ער, וואָס ביזט דו אַזוי צוקאָכט"? „סטייטש זאָג איך, אַזאַ מטמון מיט געלד! אַזאַ איין אוצר! אַ קלייניגקייט נײַן־און־ניינציג מיליאָן!? פון אונטער דער ערד, זאָג איך, וואָלט איך אויסגעגראָבען געלד אויף הוצאות און וואָלט אַוועקגעפאָהרען נאָך די מיליאָנען!" אַזוי זאָג איך צו איהם, און ער יצט זיך גאַנץ קאַלטבלוטיג, פּיפּקעט דעם לולקע ציבעק, טהוט זיך אַפילו ניט אַ קנייטש, ווי איינער רעדט: „וואָס זאָל איך טהון? זאָל איך מיך מפקיר זיין צוליעב די מיליאָנען? דאָס לעבען איז טייערער"! בקצור וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען, איך האָב מיך גענומען צו מיין פּריץ איהם פּיקען אין קאָפּ אַריין אַלע טאָג, אַלע טאָג: „פּריצ'אָני, וואָס שווייגסט דו? איך וועל מיך פּרובען, זאָג איך, ביי מיינע יודען, טאָמער וועל איך קריגען פון דיינעטוועגען די עטליכע קערבליך וואָס מען דאַרף". „מהיכי תיתי, מאַכט ער, אַז דו ווילסט, פּרוב זיך, אפשר וועסט דו קריגען? איך וויים, זאָגט ער, אַז מיט יודען קאָן מען אַלסדינג מאַכען, וואָרום יודען זענען, זאָגט ער, אַ רייך פאָלק און אַ קלוג פאָלק און אַ פערשטאַנדיג פאָלק, אַזוי־

גאַנצער וועלט. זאָגט ער, איז נישטאָ נאָך אַזאַ פאָלק ווי יודען! צווייטענס, זאָגט ער, פעלקער זענען פערהאַן אויף דער וועלט: פוילען און יודען! די דאָזיגע צוויי פעלקער, זאָגט ער, מוזען אַמאָל גובר זיין די גאַנצע וועלט, און געוועלטיגען איבער דער גאַנצער וועלט! אַלע פעלקער, זאָגט ער, וועלען אונטערגעהן, אויפפרעסען איינס דאָס אַנדערע נאָר יודען און פוילען די וועלען בלייבען אייביג! „פאָליאַקי אי איזראַעליטי“ טאַקי מיט דעם דאָזיגען לשון, ווי איהר זעהט מיך אַ יודען?

— וואָס טויג מיר זיינע קאָמפּלימענטען? — מאַכט אַרקאַדי — איהר דערצעהלט בעסער, וואָס האָט איהר געמאַכט מיט די יודען?

— הערסט דו? — זאָגט בראָנזענטאָלער — אָט דאָ הויבט זיך ערשט אָן די רעכטע מעשה!

— טאַקי באמת? מאַכט אַרקאַדי שוויצער — וואָס זשע איז געוועזן ביז אַהער?

— אַ הקדמה — רופט זיך אָן דער מחבר

— אמת, טשיידעלי איז גערעכט, דאָס איז געוועזן נישט מעהר ווי אַ הקדמה; נאָר שרעקט זיך ניט, די הקדמה איז גרעסער פונ'ם ספר.

אַזוי זאָגט בראָנזענטאָלער דער בעל הבית און דערצעהלט ווייטער די געשיכטע מיט די מיליאָנען.

קאַפּיטעל ט.

— שאַ, וואו זשע האַלטען מיר? יאָ, ביי אונזערע יודעליך. אונזערע יודעליך זענען, ברוך השם, אַזאַ פאָלק, וואָס קאָטאָרע זיי וועלען אייך קויפען און פאַרקויפען, האַנדלען וואַנדלען, דרעה שמיי וואָס איהר ווילט, כל השפעקולאַציעס שבעולם! דערצעהלט זיי אופ'ן הימעל אַ יריד — וועלען זיי אַוועקוואַרפען האַק און פּאַק און פליהען גלייך אין הימעל אַריין און שפּרינגען אין פייער אַריין, און קומט לעגט זיי פאָר אַ ריין געשעפט. אַ כשר'ע ירושה, אַ מזומנע זאַך, וואָס אָט ליגט דאָס, געה הויב עס אויף און נעם דאָס צו — ניין, איז ניטאָ קיינער אין דער היים! וואָס איז די מעשה? ס'איז צו גוט, זאָגען זיי, צו פיעל געלד, צו אַ גרויס גליק — און געה מאַך מיט זיי! סטייטש, בהמות בצורת אדם, ניין־און־נייצניג מיליאָן! ניין, זאָגען זיי. מיר זענען אייך מוחל די מיליאָנען, גיט

אונז בעסער א געשעפט פון טויזענדער. אנדערע מאכען נאך חוזק, דאס גרעסטע געלעכטער, לצ'עווען אויף וואס די וועלט שטעהט: „וואס הערט זיך מיט אייערע מיליאנען?" ס'איז מיר געוועזען, הערט איהר, א בזיון פאר מיין פריץ, וואס האלט אזוי פון יודען, לויבט זיי אין טאג אריין, רעכענט זיי פאר די ערשטע חכמים אין דער וועלט, — צום סוף, נאט איך, רייגע בהמות. כשר'ע קעלבליך, פערד, ווי איך בין א יוד, פערד! תחילת, האבען זיך אפילו יא געפונען א פאר מענשליך, וואס האבען איינגעשטעלט עטליכע קערבליך אויף הוצאות, נאר אז ס'איז געקומען, מען האט בעדארפט האבען נאך הוצאות, פאפירען, דעפעשען, האבען זיי זיך מישב געווען: סטאפ! וואס איז די מעשה? גענוג, זאגען זיי, ס'איז ביי זיי ניט קיין קוואל, זאגען זיי, א ברונען נעמט זיך אויך אויסעט... געפעלט אייך אביסעל חכמים? זיי וואלטען א בעלן געווען אויף מיליאנען און ס'זאל זיי קיין געלד ניט קאסטען! געבראטענע טייבעלעך אין מויל אריין! אנדערע האבען אבגעשוויגען, און פון אנדערע האבען מיר נאך געהאט בזיונות אויך; זיי האבען געסטראשעט מיט'ן פראקוראר... וואס דארפט איהר מעהר, אז זיי האבען ארויסגעפיהרט מיין אייגען ווייב, זי זאל ביי מיר נעמען גט.

— וואס? איהר זענט א באוויבטער? מזל טוב אייך! — חאפט זיך אויף ארקאדי.

— געווען א באוויבטער — זאגט בראנזענטאלער — היינט שוין ניט. זארגט זיך ניט, מיר האבען זיך גע'גט. קרובים האבען זיך אריינגעמישט און גלאט גוטע פריינד: „וואס טויג אייך, זאגען זיי, מיליאנען? היט בעסער אב אייער געשעפט, א מזומנער גראשען איז טייערער פון אלע חלומות, און וואס טויג אייך, זאגען זיי, ארומפיהרען זיך מיט'ן דאזיגען ארון? גאט ווייסט, וואס פאר א נפש דאס איז? אפשר איז דאס אין ארון בפקדך?" און נאך כדומה אזעלכע שטעכווערטער זאגען זיי מיר, און מיין ווייב האט צוגעזעצט צו מיר איין מאל פאר אלע מאל: גט און גט. „שטיא! — טענה איך צו איהר — וואס הערסט דו זיי? דיינע גוטע-פריינד זאג איך, זענען דיר מקנא, פארגינען דיר נישט אזא גליק!" געה טענה מיט א יודינע. „פאר דיר, זאגט זי, דאס גליק, בינד מיך אויף און גיב מיר גט!" וואס טויג אייך, מיר האבען זיך געמוזט גט'ען און פאר גריזאטע מיט בזיון בין איך אבגעטראטען פון מיין שטאדט און בין אריבערגעפאהרען אהערצו: קיין יעהופעץ איננאיינעם מיט מיין פריץ, הייסט דאס, זוכען, טאמער וועלען מיר דא געפינען געלד אויף הוצאות,

פארט א גרויסע שטארט מיט אלערליי געשעפטען מיט מעקלערס א סך, מיט מענשען וואס ווילען, חלשען פארדינען א קערביל, און האב איהם באזעצט, מיין פריץ הייסט דאס, אין א שענעם נומער פון א האטעל, און אליין האב איך מיר אבגעדונגען אט א דעם דאזיגען בוידעם, ווי זאגט איהר, נעהנטער צו גאט, און אלע פריהמארגען נעם איך מיר דאס שטעקעלע און געה מיר ארויס אויף דער בערזע, אין דרויסען הייסט דאס, דארט, וואו אלע יודען דרעהען זיך ארום, און שלים קענטשאפט מיט דער וועלט, און ס'איז א סברה, אז מיר מאכען דא א קאמפאניע, דאס הייסט עטליכע מענשען לעגען זיך צענויף מיט א קאפיטאל פון היבשע עטליכע טויזענד קערבליך אויף חלקים, דאס הייסט וויפיעל איטליכער גיט אזוי פיעל חלקים האט ער אין געשעפט, אויף יעדען הונדערטער נעמט זיך אן צעהן טויזענד, אויף טויזענד—הונדערט טויזענד, אויף צעהן טויזענד — א מיליאן. און ווי פארשטעהט איהר, האט איצטער מיין ווייב חרטה? שיקט אונטער צו מיר אלע מאל א גוטען פריינד, און די גוטע פריינד ווערען צעפיקעט פאר קנאה, ווארום ווי קאנען זיי דאס גאר איבערטראגען, אז זייער קרוב, משה בראנזענטאלער, א יוד א חלפן, זאל מיט אמאל אזוי אויפגעריכט ווערען, באקומען דריי מיליאן קארבען?!

— וואס? דריי מיליאן קארבען? — חאפט זיך ארויס ארקאדי שווייצער און שפרינגט אראב פונ'ם בעטיל — וואס הייסט דריי מיליאן קארבען?

— וואס האט איהר זיך אזוי דערשראקען? — מאכט צו איהם בראנזענטאלער און פארדרעהט א פאפיראס און קוקט אראב צו זיך אויף די פים גאנץ קאלטבלוטיג, גלייך ווי מען רעדט דא פון א דרייער'ל — וואס זענט איהר דא אזוי נתפעל געווארען? איך האב קארג הארעוואניע דערביי?

— אבער דריי מיליאן? — זאגט ארקאדי און צענעמט די הענד.

— דריי מיליאן. אזוי האבען מיר אבגערעדט! און נישט נאר גערעדט, טאקע צעשריבען זיך אויף פאפיר און געחתמט ביים נאטאריוס, ווארום מען איז דאך נים מעהר ווי לעבעדיגע מענשען, דער פריץ איז שוין איין אלטער פריץ, אליין בין איך אויך נים קיין יונגערמאן, איך האב בריבער א סך מיט שוועסטער ארעמע, א מענש איז נים ביי זיך אין די הענד א קשיא אויף א מעשר נאט לייענט!

און בראזענטאלער עפענט אויף דאס טישקעסטיל, שלעפט ארויס שוין אביסעל א פארגעלטען בויגען פאפיר, געחתמט מיט א מאדנע פער-

דרעהטע, פערצוקטע, פארפלאנטעטע חתימה מיט שלייַנגלעך, טיט דרייַ־
דעלעך, מיט בייגעלעך, און מיט ווידעלעך, און רופט זיך אן צו ארקאדיען:
— איהר זעהט א חתימה? דאס מאכט: „יאן־קאזימירוש־זיגמונד־
גראף־דאמבע־דעמבא־דעמביצקי"...

און ארקאדי שוויצער שטעהט און קוקט זיך איין אין דער דאזיגער
קינצליכער פארדרעהטער חתימה, וואס זעהט אויס אויפ'ן פאפיר, ווי א
שלאנג מיט א פויגעל האבען זיך ארומגענומען, איינגעפלאנטעט איינס
אינ'ם אנדערען, און אין מיטען א קלעק, און מען ווייסט ניט וואו הויבט
זיך אן שלאנג און וואו לאזט זיך אויס פויגעל, און ער בלייבט שטעהן ווי
אבהענדיג. אין מיטען חדר מיט'ן ציגאר אין מויל, די הענד צענומען, די
פיס צעשפרייט, די פלייצעס אויפגעהויבען און דאס פנים שטארק אויס־
געצויגען און קאן לאנג־לאנג נישט אויסרעדען א ווארט. נאכדעם טהוט
ער זיך א פאטש מיט די הענד איבער די ליטקעס און צעלאכט זיך מיט א
קוויטש, ווי זיין שטייגער איז, און ציהט אויס:

— דרייַ מיליאן קארבוינים! חא־חא־חא! אט דאס הייסט א מטבע!
דרייַ מיליאן! ווען איך האב אשטייגער אט די דרייַ מיליאן! איינציגע?
אך טי, רבונו של עולם!!!...

קאפיטעל י.

די דרייַ מיליאן וואס בראנזענטאלער וועט א מאל בעקומען —
האבען אונזער ארקאדיען, ווי מען זאגט, אונטערגעטראגען. ער האט ניט
אויפגעהערט ארומצושפאנען, היצען זיך, שיטען מיט ווערטער ווי פון
א זאק, און דער האלב־נאקעטער בעל־הבית איז מיט אמאל אויס־
געוואכסען, בעקומען חן ביי איהם אין די אויגען, און ער האט זיך
אנגעהויבען צולאסטשען זיך, צושארען זיך צו איהם ווי א קעצעלע, אדער
ווי א געטרייַער הונד, אז ער וויל זיך צוחנפהנען צו זיין בעל־הבית.

ארקאדי שוויצער האט דאס געטהון ניט מחמת ער האט ארויס־
געקוקט דערפון עפעס א טובה־פאר זיך. ער האט דאס געטהון נאר צוליעב
דעם כח המושך פון געלד, וואס האט איהם תמיד געצויגען צו זיך ווי
א מאגנעט, ער האט ליעב געהאט געלד ניט מחמת דעם וואס ער דארף
דאס אזוי נויטיג האבען, נאר מחמת דעם וואס ס'איז ג ע ל ד, מחמת
דעם, וואס „געלד איז א גוטע, ליעבע זאך". אונזער ארקאדי האט

2*

געקאנט אויסשטעהן אויף די פיס צעהן שעה כסדר אין קלוב ארום דעם גרויסען קיילעכיגען טיש און בעטראכטען די שפיעל, קוקען ווי דאס רויטע קלינגענדיגע גאלד שיט זיך אהן איין עק, אהן איין אויפהער געהט איבער פון איינעם צום אנדערן, גיסט זיך ווי וואסער. אט ליגט ביי איינעם א גאנץ בערגעלע גאלד, דאס גאלד וואכסט און וואכסט, אט געהט דאס אריבער צו יענעם און אט איז דאס ווידער געקומען צוריק. ארקאדי שטעהט און קוקט, ווי יענער „ווארפט די קארט" און חאטש ער האט אין דער שפיעל קיין שום חלק ניט. ווארום ער איז „נקי" (אויף זיין שפראך), „ריין ווי א טעלער", נאר גלאט דער גלאנץ פון גאלד און דאס קלינגען פון גאלד און דאס גאלד אליין פאראינטערעסירט איהם אזוי וויט, אז עס קלאפט איהם דאס הארץ פאר יענעם, קוועלט אן אינאיינעם מיט דעם וואס „נעמט אוים" און העלפט מיט א זיפץ יענעם, וואס האט איינגעשטעלט און איז „אריין ווי קורח".

ס'איז שווער צו זאגען, וועלכעס שטעהט ביי איהם העכער, צי די שפיעל צי דאס געלד? ביידע זאכען אינאיינעם זענען ביי איהם ווי צענויפגעפלאכטען, איינגעפלאנטעט איינס אינ'ם אנדערען, ליעב, איינגעבאקען אין הארצען, טייערער פון אלסדינג אויף דער וועלט, און נאר אין די צוויי זאכען ליגט זיין נשמה, און נאר ארום די צוויי זאכען דרעהען זיך אלע זיינע מחשבות, וואס עס זאל זיך איהם ניט חלומען — חלומען זיך איהם „פאסען" (געווינס) אדער „פראוואלען" (פערלוסט), און נאר קארטען און נאר גאלד זעהט ער פאר די אויגען. אז ער דערזעהט פאר זיך געלד, איז די ערשטע מחשבה זיינע: „וויפיעל קאן מען מיט דעם מאכען, ווען גאט העלפט, עס קומען אן די רעכטע „פאסען", דער דרייצעהנטער, דרייצעהנטער פאס!" און ער הויבט אן רעדען מיט גאט, ווערען א מאמין.

ארקאדי שוויצער איז, ווי דאס רוב קארטענשפילער א גרויסער גרויסער מאמין, און נישט נאר א מאמין אליין, נאר איין אבערגלויבער, גלויבט אין גוטע און שלעכטע חלומות, געהט נישט אין קלוב אריין שפיעלען נישט מאנטאג, נישט דעם דרייצעהנטען, קעהרט זיך אום צוריק טאמער באגעגענט ער א גלח, און אז עס לויפט איהם איבער די וועג א קאץ ווייסט ער געווים, אז יענע נאכט מוז ער „באנראבען ווערען"; האט מורא פאר א גוט אויג ערגער ווי א יודינע, טאמער געווינט ער — זאגט ער אז ער האט פארשפיעלט, און בייט נישט קיין געלד יענעם בשעת שפיעלען, און וועט אייך ניט לייהען פונ'ם קאן איהר זאלט זיך פאר

איהם אויסציהען! און חאָטש ער איז איצט „נישט ביי געלד" שוין פון אַ צייט און ווייסט נישט פון וואַנען קאָן ער האָבען געלד, דאָך גלויבט ער, ווי איין עהרליכער יוד גלויבט אין משיח'ן, אַז דער „גאָט פון קאָרטען" קאָן נאָך מאַכען אַזוי, אַז אַרקאַדי שווייצער זאָל נאָך האָבען געלד און גרויסע געלד! דער עיקר איז — דער ערשטער כף־הייער מיט די ערשטע עהרליכע שענע פּאַסען, וועט שוין נאָכדעם געהן, אם ירצה השם, ווי אַ מזמור!

דער ערשטער געדאַנק זיינער איז געוועזען נאָכדעם, אַז ער האָט זיך אַביסעל בארוהיגט פון די דריי מיליאָן: אפשר איז דאָס אַ בעשערטע זאַך פון גאָט וואָס ער האָט זיך דאָ באַזעצט מיט דעם דאָזיגען בראָנזענטאָלער? ווארום וואָס האָט ער עפּעס גראָד אָנגעטראָפען אַהערצו און ניט ערגעץ אַנדערש? אפשר הויבען זיך אָן פון דער מינוט „זיינע זיבען יאָהר"? ביי אַט אַזאַ מין סומע פון דריי מיליאָן — ווי וועט איהם ניט אַראָבפאַלען חאָטש עטליכע טויזענדער איך זאָג שוין נישט קיין צעהנער הונדערטער טויזענדער! און אַרקאַדי הויבט אָן זיך אונטערשמירען צום בעל הבית שוין גאָר מיט איין אַנדער נגון:

— זאָגט זשע מיר, מיין ליבער ר' משה, — אַזוי דאַכט זיך רופט מען אייך, האַ? — אַ שטייגער כדומה למשל, ווען איהר טרעפט צו מיר פריהער מיט אַ קליין שטיקעל צייט בשעת מיר איז ניט היינט געדאַכט געוועזען גראָם אין קאָפּ, ענג אין קעשענע און דאָס קערבעל איז געוועזען אַ ממזר, סטייטש נעם איך דאָך אַרויס די האַרטע הונדערטערס בשמחה רבה ואמרו כלם און זאָג: זה כפּרתי, זה חליפתי, זה הטויזענדער ילך לחיים אַרוכים טובים ולשלום, ווארום אַרקאַדי שווייצער פערשטעהט מיט גאָטס הילף איין עסק, דער מוח איז איהם ניט אויסגעטריקענט, עלעהיי ס'איז אַ קאָרט און איך שטעל אויף איהר, וואָס, אפשר ניט אַזוי רב משה?

— געוויס אַזוי! — חאַפּט זיך אַרויס דער מחבר טשיידעלי פּאַר'ן בעל הבית און חאַפּט אָבער באַלד אַ מאוסען פּסק פון אַרקאַדיען, ער זאָל זיך ניט מישען וואו מען דאַרף ניט. מערקווירדיג! אויף וויפיעל בראָנזענטאָלער האָט ביי אַרקאַדיען אין די אויגען געוואוגען, אויף אַזוי פיעל אָדער נאָך מעהר האָט ביי איהם דער מחבר פערלאָרען, און אַרקאַדי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען און האָט איהם אָבגעגאָסען מיט אַ גאַנצער פּאָמעניצע:

— סקאָצעל קומט, מיין ליבער דייטש, בעל־מחבר פון דער חלירע,

שוטה בן פּיקהאָלץ, איהר זענט אויך דאָ? און איך האָב געמיינט, אַז איהר האַלט שוין העט ווייט אין זיסען שלאָף און עס חלומט זיך אייך מכשפות מיט ווילדע ציגען, פּיפּערנאָטערס, וכדומה אַזעלכע ענינים, וואָס איהר באַשרייבט זיי דאָרטען אין אייערע ביכלעך.

דאָס קליינע מחבר'ל האָט נעבעך געמוזט ווי אַ טשערעפּאַשקעלי אַריינציהען אין זיך דאָס קעפּיל און ווערען נאָך קלענער ווי ער איז און אָבשווייגען דעם דאָזיגען גראָבען נפש, וואָס קאָן מאַכען יעדען מיט דער בלאָטע. „איין עם הארץ בלייבט איין עם הארץ לאָז מיינס איבערגעהן"... קלערט ער זיך, און אַרקאַדי לאַשטשעט זיך ווידער צום בעל־הבית ווי אַקעצעלי,

— אַ פּנים רב משה, איהר זענט אַזאַ יוד, וואָס קאָטאָרי איהר האָט פיינט יענעם אָנמוטהען, זיך צוזעצען, ווי אַנדערע זעצען זיך צו, דאָקוטשען יענעם אַזוי לאַנג, ביז יענער מוז זאָגען „באָס"! איך אויף זייער אָרט וואָלט שוין לאַנג אָנגעשפּאַרט מיט אַזאַ גליקליך געשעפט, ווייסט איהר וואָס? אַ קלייניגקייט אַ פּראָצעס פון ניין און ניינציג מיליאָן! אַ ווערטעל אויסצוריידען — ניין־און־ניינציג מיליאָן!

— ניין־און־ניינציג־מיליאָן — העלפט איהם אונטער דער מחבר און אַרקאַדי פאַלט אָן אויף איהם ווידער אַמאָל און מאַכט איהם מיט דער בלאָטע:

— דייטש, איהר רעדט אויך פון מיליאָנען, אַנו שווערט מיר אויף אייערע הייליגע נאמנות, מיין טייער שפּיעל־פויגעלע פון דער חלירע, אַז איהר האָט אַמאָל אויף אייער לעבען געזעהן מיט אייערע אייגענע אויגען אַ הונדערטער אַ גאַנצען, וועל איך אייך צאָהלען קנס וויפּיעל „זיי" וועלען הייסען!

און אַרקאַדי ווייזט אָן מיט דער האַנד אויפ'ן בעל הבית, אָנגעבויגען דאָס קעפּיל אויף אַ זייט און צוגעמאַכט איין אויגעל.

— מיינט איהר דאָך, אַז איהר האָט געטראָפען? — האַקט איהם אָב דער בעל־הבית — זאָג איך אייך, אַז איהר האָט, איך בעט איבער אייער כבוד, אַ גרויסען טעות! טשיידעלי האָט ווי איהר קוקט איהם אָן אַ סך הונדערטערס! אַ גאַנץ פערמעגען! טשיידעלי, זאָלט איהר וויסען, איז אַ יוד איין עושר, אַ גביר!

דאָס וואָרט „גביר" האָט בראָנזענטאָלער אָבגעהאַקט ווי מיט אַ האַקמעסער, און דער עפעקט דערפון איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַרקאַדי שווייצער האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעגלייכט, אַרויסגעכאַפּט דעם ציגאַר

פון די צייהן און געקוקט פונ'ס מחבר אויפ'ן בעל־הבית און פונם בעל־הבית אויפן מחבר און געפינטעלט מיט די אויגען, ווי איינער רעדט: „וואס טהוט זיך עס מיט מיר?"

קאפיטעל יא.

מחמת אונזער מחבר טשיידעלי איז, ווי דער לעזער האט שוין באמערקט, א שטיל מענשיל, וואס האט פיינט, ווי אנדערע באריהמען זיך, דערצעהלען גוזמות, מאכען פון זיך א גאנצען וועזען, דערפאר האט געמוזט רעדען פאר איהם בראנזוענטאלער דער בעל־הבית, דערצעהלען פארן דריטען שכן רוב גדלו ורוב עשרו, און טשיידעלי האט נאר אלע מאל אריינגעווארפען א ווארט מן הצד, נישט געקוקט בשעת מעשה אויף קיינעם, נאר אדער אראב צו זיך אויף די שפיץ פיסלעך, אדער ארויף אהין ערגעץ אין דער הויך, צווישען דער וואנט און צווישען דער כטעלי וואו עס האט זיך באזעצט א שפין, אויסגעבויט א קונציגע קיילעכדיגע דירה, בריה'ש געבליבען העגנגען מיט'ן קאפ אראב און מיט די פיס ארויף און ארויסגעקוקט, גאט זאל צושיקען עפעס פרנסה...

— אונזער טשיידעלי — אזוי זאגט בראנזוענטאלער און קאטשעט א פאפיראס — איז א מענש וואס קאטארי גאט האט איהם געבענטשט מיט אזא פארמעגען, וואס האט קיין מורא ניט פאר קיין פייער און ניט פאר קיין וואסער, פאר פארלירען אדער פאר אוועקגנבה'נען; איהם קאן קיינער נישט קאנקורירען, איבערשלאגען, צונעהמען; זיין סחורה איז תמיד געלד און זיין געלד איז שטענדיג מיט איהם!

ארקאדי שווייצער קאן זיך ניט איינהאלטען און טהוט א פרעג:

— וואס זשע איז ביי איהם פאר א מין סחורה: דימענטען? בריליאנטען?

— נאך טהייערער פון בריליאנטען! — זאגט בראנזוענטאלער און טשיידעלי לאזט אראפ די אויגען — ווארום וואס איז דען אייגענטליך בריליאנטען? בריליאנטען איז דאך נישט מעהר ווי שטיינער, א ציערונג, א מאדע אזעלכע; לאז דאס ווערען אוים מאדע — מעגט איהר דאך נעהמען אייערע בריליאנטען און ארויסווארפען זיי אויף א ריין ארט. דאס אבער וואס אונזער טשיידעלי פארמאגט איז אזא סחורה, וואס וועט

קיין מאל ניט ארויס פון דער מאדע, און כל זמן די וועלט איז וועלט, וועלען זיך מענשען אהן דעם נישט באגעהן.

— אהא! — מאכט ארקאדי — א יודישע נשמה קאן מען ניט שאצען, ווי מיין באבע עליה השלום, האט אמאל געזאגט, אז זי האט געזוכט א פארפאלענעם זעכסער און אויסגעטרייסעלט איהם ביי מיר אין קעשענע...

און אין הארצען טראכט זיך ארקאדי: „דאכט זיך אזא פימפעריל! ניכער געדעכט זיך אויף איהם א „מפלה!“... נאר דער בעל הבית שטויסט זיך, וואס ער מיינט, און רעדט ווייטער:

— פארשטעהט איהר מיך, אונזער טשיידעלען האט גאט געשענקט א מתנה, וואס ניט איטליכער פארמאגט דאס, דהיינו: אלץ וואס ער זעהט מיט די אויגען...

— נעהמט ער מיט די הענד? — חאפט אונטער שווייצער — פונקט ווי מיין פעטער לייביש; איך האב געהאט א פעטער לייביש האט ער אויך געהאט אזא טבע...

— ווילט איהר הארכען איז גוט; אניט — געהט אייך מיט אייער פעטער לייביש וואהין איך ווייס! — מאכט צו איהם דער בעל הבית שווייצער בלייבט זיצען ווי א סטאטיק און בראנזענטאלער רעדט ווייטער:

— איז אלץ וואס ער זעהט מיט די אויגען בעשרייבט ער מיט די הענד, און הענד האט איהם גאט געגעבען גאלדענע; ער אז ער זעצט זיך אוועק שרייבען קאן ער אייך שרייבען און שרייבען אהן איין אויסלאז און אהן איין אויפהער; סע שרייבט זיך ביי איהם אזוי לאנג ביז עס געהט אויס מאטעריאל, איך מיין טינט און פאפיער.

— ער דארף זיין א ווילדער בעל הוצאה אויף די צוויי מינים? — ווארפט אריין ארקאדי.

— וואס פאר א ווערדע האט דאס אבער קעגען דעם וואס ער ברענגט ארויס דערפון! מיט איין פלעשיל טינט קאן אייך טשיידעלי אנשרייבען א בוך פון טויזענד בלעטלעך

— און פאר גויט — זעצט צו ארקאדי — גיסט מען אונטער וואסער, ווי די ווייגשענקערס טהוען, אז עס קומט צו די אנדערע טעג יום טוב און דער ווייין הויבט אן צו טאגען און עס ווילט זיך ניט ארויסלאזען קיין פדיון...

— טאמער וואלט איהר פארשטעקט דעם צאפען? — מאכט צו איהם בראנזענטאלער און דערצעהלט ווייטער: — בקצור, אונזער טשיידעלי איז א גאלדשפינער, ס'איז ביי איהם א קוואל, וואס לאזט זיך

קיין מאל ניט אוים. זעהט איהר אן דארטען אונטערן בעט א קעסטעל? איז דאס פול ווי איין אויג, אנגעפאקט מיט ספרים שון אנגעשריבענע, און נאך וואסערע ספרים! אנטיקען שבאנטיקען! ער האט זיי מיר כמעט אלע איבערגעלייענט. די ספרים ווען מען דרוקט זיי אב און מען לאזט זיי ארוים אויף דער וועלט, פערצוקערט מען זיי! דער גאנצער חסרון איז, וואס ס'איז ניטא מיט וואס צו דרוקען זיי!

— ניטא קיין פאדעם הייסט עס? — שטעלט אריין ארקאדי שוויי-צער — ס'איז ביי אייך הייסט דאס א „געלד-מאנגעל" ווי דער דייטש זאגט, פונקט דאס זעלבע חולאת וואס ביי מיר: „ביטעל-פיבער" רופט מען דאס בלשון הדאקטאריע — וויפיעל בעדארף מען דערויף למשל געלד?

— וואס איז די נפקא מינה, — זאגט בראנזענטאלער — אז ס'איז ניטא? און דערצו איז טשיידעלי ווי איהר קוקט איהם אן, א מאדנע מענ-שיל, גאר נישט דאס וואס אנדערע מחברים; אנדערע מחברים געהען ארום מאכען געלד...

— בעטלען? — חאפט זיך אויף דער מחבר — גיכער שטאר-בען! — און די אויגען צינדען זיך אן ביי איהם און די בעקליך ווערען איהם רויט ווי דער רויטער שניפס וואס ער טראגט אויפ'ן ווייסען פאפי-רענעם קאלנער. און דער בעל הבית ווייזט אן אויף איהם מיט דער האנד ווי א געטרייער פאטער אויף זיין איינגעשפארט קינד.

— א גרלן! — מאכט בראנזענטאלער — א גרלן און איין עקשן! וויפיעל איך טענה ניט מיט איהם איז דאס ווי איין ארבעס אין וואנט. איך טענה מיט איהם: לאמיר דערווייל ארויסלאזען איין ביכעל, און נאכדעם וועלען מיר שוין זעהן וואס מיר האבען צו טהון. דערויף איז גענוג דערווייל די ערשטע עטליכע הונדערט קערבלעך.

— סך הכל? — מאכט ארקאדי — וואס פאר א ראלע שפיעלט אזא קליינע סומע ביי אזעלכע קאפיטאליסטען ווי איהר כ'לעבען, ובפרט נאך אויף אזא גאלדען געשעפט ווי ביכער?

— לאכט איהר דאך? — זאגט צו איהם בראנזענטאלער מיט פערדראס — וועל איך אייך ווייזען אז איהר זענט מחילה א גרויסע בהמה און איהר הויבט ניט אן צו פערשטעהן פון דאנען אהין. איהר האט נאר א מויל און סע רעדט, און ווייטער איהר זאלט פארשטעהן איין עסק, ארומנעהמען א זאך, דאס ניט! אט וועל איך אייך מאכען א פראסטען חשבון. זאגט מיר, וואס איך וועל אייך פרעגען, פאני שוויי-

צער, אַז איהר זענט יאָ אַזאַ חכם: וויפיעל רעכענט איהר געפינען זיך אַ שטײגער יודען?

— וואו? דאָ אין יעהופּעץ? — פרעגט אַרקאַדי. — עס ווענדט זיך וואָסערע יודען; אויב סוואָלעטשעס מיט פאַרחעס איז קײן ענין הרע אַ סך...

— נײן, ענטפערט איהם בראָנזענטאָלער, ניט דאָס מײן איך! איך מײן אַלע יודען אַרום און אַרום?

— אומעטום — העלפט איהם אונטער טשײדעלי! — אויף דער גאַנצער וועלט.

אויף דער גאַנצער וועלט? — מאַכט שווײצער און פאַרקאַטשעט דעם שטערען — מען זאָגט קײן ענין הרע היבשלעך, אַזוי פיעל מכּות אַלע אַנטיסעמיטען אינאײנעם.

— וויפיעל זאָלען מיר רעכענען צווישען זײ אַזעלכע וואָס לײענען ביכער? — פרעגט בראָנזענטאָלער.

— וואָס לײענען ביכער, ווײס איך ניט — מאַכט אַרקאַדי — נאָר אַזעלכע וואָס שפּיעלען אין קאָרטען זענען געוויס מעהר; דאָס בין איך אײן ערב.

— לאָז זײן אַזוי — לאָזט איהם צו דער בעל הבית — וועלען מיר רעכענען אַז פון עטליכע מיליאָן איז פערהאַן נאָר צוויי מיליאָן יודען וואָס לײענען ביכער. פון זײ וועלען מיר אַראָברעכענען אַ מיליאָן, וואָס קאָנען נישט אויסגעבען קײן קערבעל אויף אַ ביכעל, אָדער זײ ווילען נישט קויפען קײן ביכער. בלײבט אונז איבער אײן מיליאָן יודען וואָס ווילען יאָ אַמאָל לײענען אַ בוך. הײנט לאָמיר רעכענען שוין אויף דעם פאַל אַז צוויי יודען וועלען קויפען פאַר אײן קערבעל אײן ביכעל אויף צו לײענען.

— רעכענט אײן ביכעל אויף דרײען — פאַרריכט איהם דער מחבר אַלײן.

— אײן עק, — זאָגט דער בעל-הבית — לאָז זײן אַ ביכעל אויף פיערען, אויף פינף איהרע; וויפיעל זשע האָט איהר דעמאָלט? ניט קײן צוויי הונדערט טויזענד קאַרבען?

— פונקט דאָס גרויסע געווינס — מאַכט אַרקאַדי, וואָס הויבט ערשט איצט אָן רעכט צעקײען — אוי ווער, ס'איז דאָך עפּעס טאַקי גאָר נישטקשה'דיג פון אַ געשעפטיל, ווי איך בין אַ מענש!

— וואָס זשע דען האָט איהר געמײנט? — מאַכט צו איהם דער

בעל־הבית און רער מחבר ווערט גרעבער ווי לענגער — היינט שטעלט
איך פאר אז איך וויל גאר ניט רייך ווערען מיט א מאל און איך שטעל
אוועק דעם מקח נאר א האלב קערביל פאר א ביכעל?

— א חצי פויגעל איז בזיל הזול, א מציאה פאר א גנב — מאכט
ארקאדי ווי א מענש, וואס איז א מבין אויף די זאכען.

— דאס האט איהר פארן ערשטען ביכעל — ציהט דער בעל־
הבית דעם חשבון נאך ווייטער — היינט וואס וועט איהר זאגען, מיין
ליעבער הער שווייצער, אז אזעלכע ביכער זענען פערהאן ביי אונזער
טשיידעלי א שטיקלעך דרייסיג?

אהא! קיין עין הרע ניט! — מאכט ארקאדי און שפרינגט אראפ
פונ'ם בעטעל — דאס שמעקט דאך שוין גאר מיט מיליאנען, ווי איך
בין א מענש!

— וואס זשע רענן האט איהר געמיינט? — זאגט בראנזענטאלער
און טשיידעלי ווערט צעשמאלצען פאר תענוג — לאמיר נאר דערטאפען
די ערשטע עטליכע הונדערטער, אזוי לאזען מיר ארויס תיכף ומיד דאס
ערשטע ביכעל, לייזען מיר אפ א מאה אלף, לעגען מיר דאס ארייין
טיעף אין קעשענע און נעמען זיך צו די איבעריגע ביכער, איינציגווייז,
אזוי לאנג, אזוי ברייט ביז מיר לאזען ארויס אלע דרייסיג שטיק, פער־
שטעהט איהר דאך שון וואס פאר א פנים מיר באקומען דעמאלט אין
דער וועלט?! איך בין אייך שוין מוחל דאס געלד, איך רעד פונ'ם
כבוד, וואס טשיידעלי וועט דעמאלט האבען, אז זיינע ביכער וועלען
פארפלייצען די גאנצע וועלט! איהר מעגט פון מיר לאכען, הערט איהר,
זאגען, אז איך בין איין אלטער נאר, — איך בין איהם באמת מקנא, דאס
הייסט, פארגינען פארגין איך איהם מיט'ן גאנצען הארצען, נאר מקנא בין
איך איהם אודאי זעהר גוט, א קלייניגקייט אזא כבוד! אזא נאמען!

ביי ארקאדי שווייצער האט זיך פארדרעהט דער קאפ ניט אזוי
נאך פונ'ם כבוד מיט'ן נאמען ווי פון די מיליאנען וואס שטעהט פאר
טשיידעלי זאל דא פארדינען. און דער מחבר איז מיט אמאל אויס־
געוואכסען ביי איהם אין די אויגען, געווארען שענער גאר אויפן אויסזיכט
און גרעסער אויף דער וואוכס. עס האט זיך איהם גערואכט, אז טשיידעלי
האט טאקי א פנים פון א... א... עפעס ניט קיין געווערנליכען פארשוין,
עפעס די האר מיט די קליינע הענטליך עפעס... כ'לעבין ער האט שוין
לאנג ארויסגעזעהן, כמעט פון דער ערשטער מינוט, אז דאס איז א
מענשיל ניט ווי אלע מענשען... און אונזער ארקאדי שווייצער האט זיך

ניט געקאנט איינהאלטען און איז צוגעגאנגען צום מחבר און האט איהם אנגענומען ביי איינע פון זיינע קליינע העטליך מיט די דינע פינגערלעך און האט איהם אבגעגעבען א שענעם א ברייטען מזל־טוב, איהם געוויג־שעוועט, ער זאל דערלעבען וואס גיכער ארויסלאזען אלע זיינע בארימטע ביכער, וואס וועדליג ער, ארקאדי שווייצער, זעהט ארויס, בעדארף דארטען שטעקען עפעס א זעלכס, אזעלכס... וואס ער קאן עס מיט קיין ווערטער נישט ארויסגעבען, — און פלוצים האט ער זיך געגעבען א פאטש אין שטערן, א ביסעל פארטראכט זיך און א זאג געטהון:

— שאט, ווייסט איהר גאר וואס? ס'איז דא א פלאן ביי מיר! א טהייערער פלאן! א גאלדענער פלאן! אזא יאהר אויף מיר!

ביידע צוויי, דער בעל־הבית און דער מחבר, האבען אויפגעשטעלט מויל און אויערען, הארכען וואס פאר אפלאן האט פאר זיי דער נייער שכן? און ארקאדי שווייצער האט זיך געווענדט צו זיי בזה הלשון:

— הערט זשע אוים, מיינע ליעבע יודען, וואס איך וועל אייך זאגען, נאר בעטען וועל איך אייך, אז קיין פאראיבעל זאל ניט זיין און זאלט ניט האבען קיין טבע פון בלאזען זיך, מען איז דאך היימישע מענשען. מיר אלע דריי זענען ברוך השם, גלייכע נגידים, אחוץ אונזער שאדען אויף אלע אנטיסעמיטען געזאגט געווארען! טאמער וואלט געווען א סברה למשל מיר זאלען שליסען צווישען זיך א מין, א מין געזעלשאפט, א שותפות?

— א שותפות? אויף וואס א שותפות? אופ'ן דלות? נאל־שמאר־עט־קאמפאניע? פרעגען ביידע מיט א מאל דער בעל־הבית מיט'ן מחבר און ארקאדי פאלט ביי זיך ניט אראב און צעקייט זיי די ווערטער בכדי זיי זאלען פארשטעהן וואס ער מיינט:

— איך מיין דאס גאנץ ערנסט. איך וויל, פארשטעהט איהר מיך, מיר זאלען זיך געבען דא איינס דאס אנדערע דאס הייליגע ווארט, א תקיעת־כף, אזוי ווי קיינער ווייסט ניט וועמענס מארגען עס איז, צי איך מיט מיינע דרייצעהן פאסען אין קלוב, צי איהר מיט אייער כפול־שמונה'דיגען פריז דעמבא־דאמבע־דעמביצקי אין אמעריקא, צי זיי, דער מחבר הייסט דאס, מיט זייערע ביכלעך? איז איין מאל פאר אלע מאל: ווער פון אונז עס זאל פריהער ניט אויפגערעכט ווערען בעדארף עס זיין יחדיו, איהר פארשטעהט? מען זאל זיך טהיילען גלייך אויף גלייך, און די הוצאות זאלען געהן גלייך אויף גלייך, און אלסדינג זאל זיין איגאיינעם, יחדיו, איין מאל פאר אלע מאל יחדיו!

בשעת מעשה האט ארקאדי שווייצער אויפגעהויבען די רעכטע האנד אין דער הויך, דעם קאפ אנגעבויגען אויף א זייט און דער בעל־הבית מיט'ן מחבר זענען געזעסען אפאר מינוט פערטומעלט, געקוקט איינס אויף דאס אנדערע און געשוויגען; דער פלאן איז געוועזען אזוי אומגעריכט און דער טאן אזוי ערנסט, אז בראנזענטאלער איז אויפגעשטאנען דער ערשטער פונ'ם טיש, צוגעגאנגען צום נייעם שכן, אויסגעצויגען איהם די לאנגע דארע האריגע האנד און ארויסגעלאזט הויך אויף א קול: „יחדיו!" און אויף איהם קוקענדיג האט זיך אויך דאס מחבר'ל אראבגעחאפט פונ'ם בעטיל, אויסגעצויגען ביידע שכנים זיין קליין הענטיל און אויסגעקוויטשעט אויף זיין דינער שטימע: „יחדיו!" און אלע דריי שכנים האבען זיך פריינד־ליך געקוקט איינס דאס אנדערע אין די אויגען אריין, עטליכע מאל גוט־גוט געקוועטשט ביי די הענד און איבערגעחזרט נאך עטליכע מאל דאס ליבע זיסעווארט „יחדיו"! און פלוצים האט זיך דער מחבר אווארף געטהון צום קעסטיל וואס אונטערן בעט, ארויסגעחאפט פון דארטען א בויגען פאפיר, געבראכט צו טראגען א טינט און פען, אנגעשריבען אין דער ברייט פונ'ם בויגען פאפיר מיט גרויסע כתיבתא אותיות

א' ב' ג' ד'

און א זאג געטהון צו די שכנים מיט א פארפלאמט פנימעל:

— חתמט זיך זייט מוחל, אויפ'ן דאזיגען פאפיר דאס איז אונזער קאנטראקט.

— וואס בעדייטען די דאזיגע אותיות? פרעגען ביי איהם די איבעריגע צוויי שכנים שטארק פערוואונדערט.

— די דאזיגע אותיות—זאגט טשיידעלי—באדייטען: א מ ת, ב ר כ ה, ג נ ב ה, ד ל ו ת, דאס הייסט, דער פשט איז אזוי: אז מיר וועלען געהן מיט'ן א מ ת וועט זיין ב ר כ ה, און אז מיר וועלען געהן מיט ג נ ב ה, וועלען מיר האבען ד ל ו ת... פארשטעהט איהר שוין? היינט לעגט זיך זייט מוחל, מיט די חתימות!

דעם מחבר'ס איינפאל איז אזוי געפעלען געווארען, אז דער בעל־הבית האט איהם אונטערגעטראגען א פאפיראס מיט אזא מינע גלייך ווי מען טראגט אונטער א ליעב קינד א צוקער־לעקעכיל אדער א קאנפעקטעל, און ארקאדי האט זיך ניט געקאנט איינהאלטען און האט איהם דערלאנגט א רעכטען זעץ אין פלייצע.

— בראווא! וואו תורה דארט איז חכמה! אזו פלעגט זאגען דער זיידע מיינער, דער „שומר־בגדים" אליין, בשעת מנשה'קע דער ריפא פלעגט פרייטאג

אין באד א גאל טהון א יודען דעם קאפ, אוועקווארפען אין מיטען און געהן צום אנדערען יודען;

און ס'איז געבליבען אז דער שותפות זאל הייסען א' ב' ג' ד' עט קאמפאני...

נאכדעם האט זיך אנגעהויבען ביי די נייע שותפים די צערעמאניע פון אונטערשרייבען זיך. פריהער פון אלע געוועהנליך האט זיך געחתמט דער בעל־הבית, משה בראנזענטאלער, אנידערגעלעגט א פיינע בעל־הבתישע חתימה מיט א פאר קוועטשלעך און מיט א בעל־הבתיש דריידיל! נאך איהם האט זיך בעדארפט אונטערשרייבען ארקאדי שווייצער, האט ער געזאגט, אז כל ימיו האט ער ליעב זיך חתמנען צום לעצט, לכן זאל זיך טשיידעלי מוחל זיין חתמנ'ען פריהער, און אז דער מחבר אליין האט זיך שוין צעשריבען פיינטשיק מיט א היבש דריידיל און מיט א שענעם ציק, ווי עס פאסט פאר א שרייבער, און ס' איז געקומען צו ארקאדין, האט ער גענומען די פען צווישען די פינגער ווי מען נעהמט א פראפענציהער אויף ארויסצושלעפען אקארעק פון א פלעשעל און האט אנגעדראפעט פאוואלינקע אויפ'ן פאפיער עטליכע פאסיקלעך מיט א צוויי־דריי רעדעלעך, און אויסגעלאזט מיט א קלעק; — די דאזיגע חתימה האט געקאנט מאכען וואס איהר ווילט אין דער וועלט, גאר ניט „ארקאדי שווייצער", און בשעת מעשה האט ארקאדי רעכט געשוויצט און געזאגט, אז מחמת ער האט יונגעלווייז זעהר א סך געשריבען, האט דאס איהם שטארק געשאדט צו דער ראיה, האבען איהם די דאקטוירים אנגעזאגט ער זאל זיך היטען פון א פען ווי אין אויג א שטאך, נאר הלוואי, זאגט ער, וואלט ער געהאט דאס געלד — וואס ער וואלט נאך געקאנט פון דעסטוועגען אויפ'ן ניכטערן הארצען אנשרייבען מיט הוילע ציפערן אליין! —

און די דריי שכנים וואס האבען געשראסען שותפות האבען זיך שפעט, מיטן טאגליך שיין, אבגעזעגענט, געווינשעוועט א גוטע נאכט מיט זיסע חלומות, זיך אויסגעטהון און געלעגט שלאפען, און גאט ווייסט אויב אויף דער גאנצער וועלט איז געווען נאך אזעלכע דריי צופרידענע מענשען, וואס זאלען שלאפען אזוי זיס, אזוי געשמאק, און זאלען זעהן אזעלכע זיסע גילדענע חלומות, ווי עס האבען געזעהן אין דער דאזיגער נאכט, אינ'ם דאזיגען שטארק אנגערויכערטען פינסטער חדר'ל, במעט אונטערן דאך, אונזערע דריי פארשוינען.

ע נ ד ע

פאמיליען = ביבליאטעק

שלום עליכם

אלמנה נומר צוויי

ווארשא, תרע״ד

N. 5

פרייז 5 קאפ.

Типографія Г. Пимента и Я. Швабе, Сѣраковская 4.

שלום עליכם:

1) פעסעלע דעם רבינ'ס 5

ל. שפירא:

3) דער קוש 5

שלום עליכם:

4) אלמנה נומער 1 5
5) אלמנה נומער 2 5
6) אלמנה נומער 3 5

אברהם רייזין:

7) פערשפעטיגט 5
9) גוטע ברידער, קאמעדיע 5

שלום אש:

10) מאמענטען 15

שלום עליכם:

11) א חיגרישנער בילעט 15
12) שמוא'ליק 5
13) יוסף דער דזשענטעלמען 10

ד. פינסקי:

14) די יונגע ליעבע 5

שלום עליכם:

15) שפרינצע 5

מ. טייטש:

16) דער שפיאן 5

שלום עליכם:

17) די יורשים 5
18) מיט'ן עטאפ 15
19) דער יונגסטער פון די מלכים 5
20) די ערשטע קאמיגע 10
21) חוה 5
22) ערשטע יודישע רעפובליק 10

עקב גארדין:

23) דער קרבן 5

שלום עליכם:

24) 13 פעראייניגטע שטאאטען 10
25) 13 געפאנגענע 10
26) עולם הבא 10

27) הונדערט אייגס 5

אברהם רייזין:

28) די ציגיינערין 5

שלום עליכם:

29) ערב-פסח'דיגע עמיגראציע 5

גיואי דע מאפאסאן:

30) שמעון 5

ה. ספענסער:

31) שלאף און חלומות 6

וו. דאראשעוויטש:

32) די בארא'געסע 5

מענדעלע מוכר ספרים.

33) אין יענער צייט 10

לעוו טאלסטאי:

34) ווערעס גלויבען
איז בעסער? 5

יעקב דינעזאהן:

35) המן און זיינע טעכטער 5

שלום עליכם:

36) אויף יענער זייט סמבטיון 10
37) א פסח אין דארף 5
38) ל"ג בעומר 5
39) משולח 5
40) דער זיינער 5
41) א בלעטיל שיר השירים 7
42) א מעשה אהן אנ'עק 25
43) ווען איך בין ראטשילד 5

אברהם רייזין:

44) א פוילישער גלח 5

שלום עליכם:

45) גולנים 6
46) א גרויסע געווינס 8

ג. גא"ין:

47) סאפיע 5

שלום עליכם:

48) צוויי טויטע 8
49) דאס פאר פאלק 8

יונה ראזענפעלד:

50) קאנקורענטען 6

שלום עליכם:

51) מענשען 15

יעקב דינעזאהן:

52) שמשון שלמה 6

שלום עליכם:

53) בלינצעס 7
54) טביה דער מילכיגער
פאהרט קיין ארץ ישראל 7
55) אסתר 7
56) גאלד-שפינערס 6
57) די שטאדט כתרילעווקע 5
58) פיער זענען מיר געזעסען 15

מ. מעטערלינק:

59) די דערטרונקענע 5

ג. וועגדראף:

60) פריהער און שפעטער 6

שלום עליכם:

61) די גרויסע בהלה 15
62) רויכערט און שיכור'ט 6
63) ביים קעניג אחשורוש 5
64) מיין ערשטער ראמאן 10

א. פראנס:

65) דער גאסען-הענדלער 10

שלום עליכם:

66) ראבטשיק 5
67) בערדיטשעווער טראמוואי 5
68) בערדיטשעווער האטעלען 8
69) בערדיטשעווער טעאטער 5
70) בערדיטשעווער שריפות 5
71) די פרעהליכע קאמפאניע 15

א. גארשין:

72) די געפאלענע פרוי 10

אברהם רייזין:

73) רעפעטיציע 6

אלמנה נומער צוויי.

פאר וואס איך האב איך געלאזט אזוי לאנג ווארטען? — דערפאר וואס איך האב געוואלט. איך, אז איך דערצעהל עפּיס א זאך, דערצעהל איך דעמאלט ווען מיר ווילט זיך, נישט ווען איהר ווילט.... און אז איהר ווילט — דאס זעהט מען; אויף א געשיכטע און א שעהנע דערצו איז יעדער א בעלן; ווארום, וואס ארט דאס מיך למשל אז איך זיץ מיר נאכ'ן עסען אויף מיין שטוהל אין מיין צימער מיט א ציגאר אין מיין מויל און איהר רייסט זיך איין דאס געזונד דערצעהלענדיג? אי דעם דערצעהלער קאסט עס אפשר בלוט, — וואס געהט עס אייך אן? אבי מע דערצעהלט אייך א שעהנע מעשה! איך מיין נישט דוקא אייך, שרעקט אייך ניט! איהר הערט נאר מיט קאפ וואס מען דערצעהלט אייך, און חאטש דאס, וואס איך דערצעהל אייך איצט איז א גאנץ בעזונדערע זאך, וואס קעהר זיך מיט מיין פריהעריגער מעשה נישט אן גארנישט, פון דעסטוועגען וואלט וועלען איך איהר זאלט געדענקען וואס איך האב אייך דעמאלט דערצעהלט, ווייל א שטיקעל שייכות האט דאס דאך, און ניט קיין שטיקעל, נאר א שטיק! און טאמער האט איהר עפּעס פערגעסען, וועל איך אייך דערמאנען. איך וועל אייך אין דריי ווערטער איבער'חזר'ן די פריהערדיגע געשיכטע און וועל אייך געבען א קצור המעשה, אויף איין פוס:

איך האָב געהאַט אַ חבר פּיני, האָט ער געהאַט אַ פֿרוי פּאַיע, האָבען זיי געהאַט אַ קינד ראָזע. מיין חבר איז געשטאָרבען און פּאַיע איז געבליבען אַ יונגע אַלמנה. איך בין געוועזען ביי איהר אַ בן־בית, אַ פֿריינד, אַ סעקרעטאַר און אַ ברודער און בין געוועזען נאָך איהר די כפּרה, נאָר זאָגען איהר האָב איך נישט געהאַט קיין מוטה, און אַזוי זענען אַוועק אַלע בעסטע יאָהרען, די טאָכטער איז אויסגעוואַקסען, די רויז האָט אויפֿגעבליהט און איך האָב מיך פֿערלאָרען, אין גאַנצען פֿערלאָרען! האָט דער גוטער יאָהר אָנגעטראָגען אַ בחור'ל, אַ בוכ־האַלטער שאַפּירא, וואָס שפּילט נישט שלעכט אין שאַך, און די ראָזע האָט זיך אין איהם פֿערקאָכט, האָב איך אויסגעלאָזט מיין גאַנץ ביטער האַרץ צו דער מוטער, זיך צוקריגט, געגעבען אַ זעץ מיט דער טהיר און געשוואָרען, אַז מיין פֿוס זאָל דאָרט נישט זיין ווייל איך וועל לעבען! — נו, זענט איהר צו־פֿריעדען?..

אַצינד פֿערשטעה איך, אַז איהר זענט נייגעריג צו וויסען נאָר איין זאַך: אויב איך האָב געהאַלטען וואָרט אָדער נישט? נו, איהר זענט דאָך עפּעס ווי אַזוי רופֿט איהר דאָס, אַ פּסיכאָלאָג? אדרבה, זאָגט איהר צו האָב איך בע־דאַרפֿט האַלטען וואָרט צו ניין? איאָ, איהר שווייגט? ווייסט איהר פֿאַר וואָס? ווייל איהר ווייסט נישט!... אָט וואָס ס'איז געוועזען:

די גאַנצע נאַכט האָב איך אַרומגעשפּאַנט איבער דער שטאָדט ווי אַ גע־טער משוגענער, אויסגעמאָסטען אַמאָל דריי אַלע גאַסען אין דער לענג און אין דער ברייט, געקומען אַהיים שוין מיטן טאָג גלייך, איבערגעקוקט אַלע מיינע פּאַפּירען, אַ סך צוריסען, איך האָב פֿיינט אַלטע פּאַפּירען, איינגעפּאַקט די זאַכען, אַוועקגעשריבען בריעף צו אַ פּאָר בעקאַנטע, קיין פֿריינד, קיין קרובים ברוך השם האָב איך נישט, עלענד ווי אַ בוים, איבערגעלאָזט איין פֿעראָרדנונג איבער מיינע הייזער און קלייטען, און אַז איך האָב אָט דאָס אַלעס אָפּגעטהאָן, האָב איך מיך אַוועקגעזעצט אויף מיין בעטעל דעם קאָפּ אין די הענט און געטראַכט און געטראַכט, און געטראַכט, — ביז ס'איז געוואָרען טאָג, האָב איך מיך גאַנץ שעהן איינגעוואַשען, אָנגע־טהאָן זיך, און בין אַוועק צו מיין אַלמנה, אָנגעקלונגען אין דער טהיר, אַריינגעקומען, געהייסען געבען קאַפֿע ביז מיין אַלמנה וועט אויפֿשטעהן. מיין אַלמנה איז אויפֿגעשטאַנען, מיך דערזעהען איז זי אַ ווייַלע געבליבען שטעהן, די אויגען זענען ביי איהר געוועזען ווי אונטער געשוואָלען, דאָס פּנים בלאַס. אַ פּנים זי איז אויך נישט געשלאָפֿען די נאַכט?.. דאָס ערשטע, וואָס איך האָב איהר געזאָגט איז געוועזען די דאָזיגע דריי געצעהלטע ווערטער:

— וואָס טרעט ראָזאַ?

אין די ווערטער קומט אָן מסתמא ראָזאַ אַליין. שעהן ווי דער טאָג, ליכטיג ווי די זון און גוט ווי גאָט אַליין. דערזעהען מיך, איז זי געוואָרען אַ ביסעל רויטליך, נאָכדעם איז זי צוגעגאַנגען צו מיר, מיך אַ גלעט געטהון מיט'ן הענטעל איבער'ן קאָפּ פּונ'ם שטערען אַרויף, ווי מען גלעט אַ קליין קינד, אַריינגעקוקט מיר אין די אויגען אַריין און האָט זיך צולאַכט. ווי אַזוי מיינט איהר צולאַכט? חלילה נישט אויף צו בעליידיגען איך, נאָר צו פֿערגיפֿטען אייך אַזוי, אַז איהר זאָלט אויך אָנהויבען לאַכען, און אַלע זאָלען לאַכען, און די ווענט זאָלען לאַכען! יאָ, מיין ליעבער פריינד לעבען, אָט אַזאַ מין כח האָט זי אין זיך, אָט די ראָזע נאָך עד היום! איך וועל פֿאַר איהר געלעכטער נאָך איצט אָוועקגעבען אַלעס וואָס איך האָב. דער חסרון איז, וואָס איצט לאַכט זי שוין מעהר נישט; זי איז נעבעך אויף צרות, אַז אָך און וועה איז מיר, עס לאַכט זיך ניט! נאָר איך האָב פֿיינט אַז מען חאַפּט איינס פֿאַר דאָס אַנדערע. איך האָב ליעב, אַז מען הויבט אָן אַ זאַך זאָל מען געהן כסדר. אַלזאָ איך געה כסדר.

דעם טעם פֿון חתונה מאַכען אַ טאָכטער ווייסט איהר? ניין? איהר ווייסט ניט? זאָלט איהר טאַקי ניט וויסען! איך האָב דעם טעם פֿערזוכט און גוט פֿערזוכט, חאָטש אפילו אַ פֿרעמדע טאָכטער, נאָר פֿערזוכט האָב איך דאָס. איך וועל דאָס געדענקען לאַנג-לאַנג. וואָס האָב איך געזאָלט טהון, איך בעט אייך, אַז מיין אַלמנה פּאַיע הייסט עס, איז אַזאַ מענש, וואָס איז געוואָהנט געוואָרען מען זאָל איהר אַריינטראָגען אין שטוב אַריין פֿונ'ם גרייטען. און ווער איז שולדיג אין דעם ווען ניט איך אַליין? איך אַליין האָב זיי אויסגעלערענט. סאַי די מאַמע סאַי די טאָכטער, אַז טאָמער דאַרף מען עפּעס אין שטוב, זאָל געזאָגט ווערען מיר, — און עס זאָל זיך איבערקעהרען די וועלט, מוז דאָס צוגעשטעלט ווערען, און ניט שפּעטער ווי אין 2 שעה! מען דאַרף געלד — איז צו מיר. דעם דאָקטאָר — צו מיר. אַ קעכין בעשטעלען — צו מיר. אַ לעהרער אויף טאַנצען — צו מיר. אַ מלבוש, אַ שוך, אַ שניידער, אַ קצב, אַ פּעדער, אַ הושענה, אַ קליאַמקע — צו מיר, צו מיר און צו מיר! איהר מיינט איך האָב זיי ניט געזאָגט: „וואָס וועט פֿון אייך ווערען? אַ האַנשירקע, אַ שמאַטע וועט פֿון אייך ווערען!" אַזוי טענה איך צו זיי און זיי לאַכען. אַלסדינג איז ביי זיי אַ געלעכטער! דאָס גאַנצע לעבען איז אַ געלעכטער. פֿאַראַן אַזעלכע מענשען אויף דער וועלט. נישט קיין סך, נאָר ס'איז פֿאַראַן. און וועמען דאַרף עס טרעפֿען? — מיך! ווער דאַרף זיך גיאַנטשען מיט פֿרעמדע קינדער?

— איך! ווער דארף אויסגעריסען ווערען פאר פרעמדע צרות? — איך! ווער דארף טאנצען אויף פרעמדע חתונות? — איך! ווער דארף וויינען אויף פרעמדע קברים? — איך! איהר וועט פרעגען: ווער הייסט מיר? וועל איך אייך דערויף ענטפערען אט וואס: ווער הייסט אייך לויפען אין פייער אריין ראטעווען א פרעמד קינד? ווער הייסט אייך שפרינגען אין וואסער אריין, אז יענער טרינקט זיך? ווער הייסט אייך קרימען זיך, אז יענעם טהוט וועה? איהר וועט מיר זאגען, אז איהר לויפט ניט און שפרינגט ניט און קרימט זיך ניט? זענט איהר א חיה! איך בין נישט קיין חיה; איך בין א מענש. איך שטעל מיך ניט ארויס פאר א אידעאליסט, איך בין א פשוט'ער, א געוועהנליכער מענש און נאך אנ'אלטער בחור דערצו, האטש אייער פסיכאלאגיע זאגט, אז אנ'אלטער בחור איז אנ'עגאאיסט. און אפשר איז דאס גופא אויך א מין עגאאיזמוס? וואס? איהר האט פיינט, זאגט איהר, חקירה? פילאזאפיע? איך האב עס אויך פיינט!

אלזא דארף מען חתונה מאכען מיין אלמנה'ס טעכטעריל, ראזאין, און מען דארף זיך פערשטעלען פאר א מחותן. איהר האט אנ'אנדער ברירה? און איהר דארפט פערשטעהן, לויט איהר קענט מיך שוין א ביסעל מיט מיין קאפריז, ווי איך האב דאס ליעב! דאסווארט מחותן שלאגט מיר צו דער גאל! רופט מיך „מענש“, רופט מיך לאקיי, רופט מיך משרת, רופט מיך קנאקניסעל — אבי ניט מחותן! זי אבער, מיין אלמנה הייסט עס, איז דוקא צופריעדען פונ'ם נייעם נאמען וואס מע האט זי געקרוינט: „מחותנת'טע“. אז מען זאגט איהר מחותנת'טע ווערט זי ברייטער ווי לייגער. „אט באלד ווערט איהר א שווי־גער!“ — אזוי זאג איך צו איהר. קוועלט זי ווי א באקסער: „הלואי, זאגט זי, ווי דערלעב איך דאס שוין““!.. א שעהנע שוויגער! איהר זאלט זי געזעהן צו דער חתונה, אונטער דער טאכטער'ס חופה: א בילד! א פארשוין! א יוגענד! איהר וואלט אין לעבען נישט זאגען, אז ס'איז א טאכטער מיט א מוטער, נאר א שוועסטער מיט א שוועסטער! איך האב מיך, הערט איהר, פער־קוקט אויף איהר שטעהענדיג מיט די קינדער אונטער דער חופה, און האב צו מיר אליין געזאגט:

— שוטה וואס דו ביזט! עלענדער שטיין וואס דו ביזט! אצינד איז פאר דיר א מאמענט... איין ווארט ווען דו זאגסט, איין קוק ווען דו טהוסט, ווערסט דו אויס עלענדער שטיין... בויעסט דיר דיין הויז... פלאנצסט דיר דיין וויינגארטען... טרעטסט אריין אין דיין גן־עדן... לעבסט דיר דיין רוהיגען לעבען, צווישען אייגענע, ליעבע און געטריינע... שלאג דיר ארויס פון קאפ

ראָזאַ׳ן... ראָזאַ איז ניט פאַר דיר... ראָזע פּאַסט צו דיר ווי אַ קינד... זיי ניט געגאַרט... קוק אויף דער מוטער! זאָג איהר דאָס וואָרט, דו ווילדע חיה, וואָס דו ביזט!.. איהר זאָלסטו דו זאָגען ניט קיינעם! וואָס ציהסטו די נשמה? זעהסטו דען ניט, ווי זי קוקט אויף דיר, מיט וועלכע אויגען??..

אָט אַזוי זאָג איך צו מיר אַליין און בעגעגען זיך מיט פּאַיע׳ס אויגען, און עס רייסט מיר אויס אַ שטיק האַרץ — פאַר רחמנות צו איהר... איהר הערט? — רחמנות! שוין נישט מעהר ווי רחמנות... פריהער, געדענק איך, איז געוועזען אַנ׳אַנדער געפיהל ביי מיר... איצט איז פערבליעבען בלויז רחמנות... און ווי באַלד רחמנות, איז אויף מיר אפשר אויך אַ רחמנות? און אפשר נאָך אַ גרעסערער? און ווער איז איהר שולדיג? למאַי האָט זי געשוויגען ביז אַהער? וואָס שווייגט זי איצט? וואו שטעהט דאָס געשריבען, אַז איך איהר מעג זאָגען, און זי מיר ניט?.. בושה וועט איהר זאָגען? מנהג העולם? די וועלט פיהרט זיך אַזוי? איך לאַך פון אייער וועלט! ביי מיר איז ניטאָ קיין אונטערשיעד: „ער״ זאָל זאָגען פריהער, „זי״ זאָל זאָגען פריהער, מענשען זענען מענשען! אַז זי שווייגט, שווייג איך אויך! איהר ווילט דאָס אָנרופען עקשנות? אַמביציע? משוגעת? רופט דאָס וואָס איהר ווילט! איך האָב דאָך אייך געזאָגט שוין, אַז מיר איז דאָס אַלץ איינס... נישט מעהר, איך רעד מיר אויס פאַר אייך דאָס האַרץ און מיט אייך צוזאַמען וויל איך אַנאַליזירען, אויסגעפינען, וואו איז דאָ דער וואָרם? אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס מיר זענען מיט פּאַיען קיינמאָל נישט געזעסען פאַר זיך אַליין קיין צוויי מינוט. שטענדיג איז געוועזען אין מיטען אַ נפש, וואָס האָט פערנומען אין גאַנצען אונזער צייט, אונזערע געדאַנקען, אונזערע געפיהלען, אונזערע צרות און פערגניגען — אַלעם האָט געהערט צו יענעם, ניט צו אונז. פאַר זיך אַליין אַ מינוט אַ פרייע — דאָס פע! דער רוח זאָל דאָס וויסען! מיר ביידע זענען ווי בעשאַפען געוואָרען ספּעציעל נור פון יענעמ׳ס וועגען! פריהער איז געוועזען פיני. נאָכדעם האָט גאָט גע־האָלפען אַ ראָזעטשקע. איצט האָט אונז דער אויבערשטער צוגעשיקט אַ נייעם נחת: אַנ׳איידימ׳ל אויף קעסט! מאָלט אייך עס איז שוין געוועזען דאָס רעכטע איידימ׳ל! אַזעלכע איידימ׳ס מעגען זיך ווינשען אַלע יודען. איהר ווייסט גאַנץ גוט אַז איך בין ניט פון די מענשען, וואָס ווערען אַזוי גיך נתפּעל און וואָס האָבען אַ טבע יענעם אָפּלויבען אין טאָג אַריין. איך וועל אייך נישט דער־צעהלען קיין פּוסטע דבורים, פּזמונות, איבערטריעבענע קאָמפּלימענטען וכדומה, איך וועל אייך נאָר זאָגען, אַז דאָס וואָרט „ענגעל״ איז אַ בעליידי־גונג פאַר דעם דאָזיגען מענשעל. געווג פאַר אייך? אויב ס׳איז דאָ אַ הימעל, אויב

מלאכים שוועבען דארט ארום, און אויב די מלאכים זענען ניט ערגער פון אט דעם שאפירא, זאג איך אייך, אז ס'איז כדאי צו שטארבען און בעסער דאן מיט זיי, אלס מיט אלע איבעריגע צוויי־פיסיגע חיות וואס דרעהען זיך דא ארום אונטער גאט'ס הימעל און פארפאסקודינגען די ערד. איהר וועט זאגען, איך בין א מיזאנטראפ, א מענשענפיינד? איהר זאלט האבען פון א מענשען דאס וואס מיר האבען געהאט; אייך זאלען מענשען טהאן דאס וואס מען האט אונז געטהאן, וואלט איהר געווען ניט א מיזאנטראפ, נאר א גזלן. איהר וואלט זיך אוועקגעשטעלט מיט א מעסער אין מיטען גאס און איהר וואלט געקוילעט מענשען אזוי ווי שאף!.. וואס איז ביי אייך פאר א מאדע לאזען א מענשען ריידען שטונדען לאנג און נישט פרעגען, צו וויל יענער א גלאז וואסער? הייסט געבען טהעע!

אלזא וואס האלטען מיר? ביי אונזער נחת, ביי אונזער איידעל שאפירא.

עס דאכט זיך מיר אז איך האב אייך שוין געזאגט, אז ער איז געווען דער גאנצער פיהרער פון א גוראלנע, א בראנפען פאבריק, און ניט נור דער גאנצער פיהרער, נאר דער גאנצער בעל־הבית איבער'ן גאנצען געשעפט. אלעס איז געווען ביי איהם אין די הענד. אויף זיין נאמען. דאס צוטרויען וואס זיי האבען געהאט צו איהם איז אין לישער און ליעב געהאט האבען זיי איהם ווי א קינד. איהר קענט פערשטעהן, אז אויף דער חתונה זענען זיינע בעלי־בתים, צוויי שותפים, גנבים (זיי זאלען מיר מוחל זיין, זיי זענען שוין לאנג אויף דער אמת'ער וועלט אין אמעריקא). געווען די מחותנים, געשענקט דעם חתן א קאסטען מיט זילבער און האבען זיך אויסגעשטעלט ברייט און מילד, ווי די אמת'ע פילאנטראפען. און איך האב טאקי ליעב א פילאנטראפ און נאך א בעל־הבית א פילאנטראפ, אז ער קומט מיר אויף א שמחה און שטעלט זיך ארויס מיט זיין פילאנטראפיע, אז אלע זאלען זעהען און זאלען וויסען, אז ער איז א בעל־הבית א פילאנטראפ וואס ווייסט ווי צו שעצען א „מענשען!“.. אי דער „מענש“ האט איהם אפשר געמאכט א פערמעגען? און ווען נישט דער „מענש“, וואלט ער אפשר איצטער ניט געווען קיין בעל־הבית און קיין פילאנטראפ?.. אייער שמייכלען וואס איהר שמייכעלט איז אומזיסט! מיין ליעבער פריץ, איך שטעל מיך ניט ארויס פאר קיין סאציאליסט. נאר א בעל־הבית א פילאנטראפ האב איך פיינט! וואס קומט מיר דערפאר? הדראיה? אט וועט איהר הערען, וואס א בעל הבית א פילאנטראפ קען!

דאכט זיך מיר, אז נאט העלפט מען האט א געשעפט, וואס טראגט אריין שעהנע עטליכע טויזענדער א יאהר און א מענשען האט מען אזעלכען, וואס מען קען זיך אויף איהם פערלאזען, קען מען שלאפען רוהיג אין דערהיים, און אפילו אוועקפאהרען קיין אויסלאנד און לעבען א גוטען טאג; איז דאך אבער „אונזערע יודעלעך“. איך וויים, אז איהר האט פיינט, נאר איך זאג נאך אמאל „אונזערע יודעלעך“. ס'איז זיי קארג די וועלט! א יוד האט ליעב געשעפטען, פליהען, הרעהען, קנאקען, טראסקען — מען זאל זעהען! מען זאל הערען! וואס טוט איך, מיין שאפיראס בעלי-בתים האבען זיך נישט בענוגענט מיט דעם, וואס האבען אזא גאלדען געשעפט אין אזעלכע זיכערע הענד. זיי זענען אריין אין וועלדער און אין פעלדער, אין „טארגעס“ און אין טאקסעס, אין ווייץ און אין קלייען, און אין הייזער האט זיך זיי פערגלוסט אריינקריכען, ס'איז געווארען א היץ אויף הייזער, הייזער האבען געברענט און זיי האבען געברענט ביז זיי זענען פערברענט געווארען, אריינגעשלעפט אונזער שאפיראן מיט וועקסלעך, פערהאפט וויפיעל ס'איז געווען מזומנים און אוועק קיין אמעריקא און ס'איז א סברה, אז זיי זענען דארטען, ווי מען זאגט אויף דעם אמעריקאנער לשון „אלל-רייט“, און איהם, שאפיראן הייסט עס, האבען זיי געלאזט זיצען בזין האלו אין חובות, פערבאדען און פער'תתמעט מיט וועקסלען פון אויבען ביז אראפ, ס'איז געווען א גרויסער סקאנדאל און ס'איז דערגאנגען דערצו, אז מען האט גארנישט געוואלט קוקען צו איז ער א „מענש“, צו איז ער א בעל-הבית, ער מוז צאהלען די וועכסלען, און אזוי ווי ער האט ניט מיט וואס איז ער באנקראט, און אזוי ווי ער קען ניט בעווייזען, אז דער באנקראט האט זיך צו זיי גענומען פון אנ'אונגליק, ווערט דאס אנגערופען ביי אונז, ווי איהר ווייסט, און אשר ווייסט איהר ניט, „זאלאסטנע באנקראט“, דאס הייסט אנ'אנזעצער א פארך, און א פארך אנ'אנזעצער זעצט מען איין אין טורמע, ווארום א פארך האט די וועלט פיינט! איהר קענט אייך זיין צעהען מאל אנ'אנזעצער, צעהן מאל איבער'חזר'ן דעם פסוק, און אבי איהר מאכט דאס אפ קיילעכדיג מיט'ן „כבקרת“ ווי עס געהר צו זיין, שטעלט איהר ארוים דער וועלט מחילה א פייג, און קויפט א הויז מיט א „מפטיר“, און איהר ווערט א שעהנער מענש, און איהר טהוט די גרעסטע שדוכים, און איהר זאגט דעות אין שטאדט, און איהר טרעט אויף קעפ, און איהר שטופט אייך צו די גרויסע, צו די למד ואו גדולים, וואס פיהרען די גאנצע שטאדט ביי דער נאז, און עס דאכט זיך אייך אז איהר זייט א גרויסער, און איהר שפריצט, און איהר בלאזט זיך ווי אנ'אינדיק, און איהר דערקענט ניט

קיין מענשען, און איהר רעדט זיך איין אַז דער רוח חאַפּט אייך אָקאָרשט נִיט אַוועק!.. האָט קיין פּאַראַבעל ניט, איהר פערשטעהט דאָך אַז ניט אייך מיין איך, די וואַנט מיין איך... וואָס נוצט אייך, מיין בתור, מיין שאַפּירא האָט ניט געקענט אַריבערטראָגען דעם בזיון, און אַגב האָט איהם וועה געטהאָן דאָס האַרץ אויף אָרימע אַלמנות און יתומים (זיינע בעלי־בתים האָבען ניט געשאָנעוועט קיינעם, זיי האָבען גענומען וואו זיי האָבען געקענט) — ער האָט זיך גע׳סמ׳ט!..

איך דענק, אַז עס איז אייך ניט וויכטיג ווי אַזוי און מיט וואָס ער האָט זיך גע׳סמ׳ט, און וואו האָט ער גענומען סם? און וואָס עפּיס סם? און וואָס האָט ער געשריבען פאַר אַ בריעף צו מיר? און וואָס האָט ער מיר געזאָגט? און ווי אַזוי האָט ער זיך געזעגענט מיט ראָזאַ׳ן? און מיט דער מוטער, און מיט מיר? — דאָס אַלעס איז ניט מעהר ווי סענטימענטען, וואָס די ראָמאַניסטען בענוצען זיך מיט זיי, אום אויסצוקוועטשען ביים נאַרי׳שען לעזער אַ טרעהר. איך וויל אייך נאָר זאָגען אין דריי ווערטער: נישט זיך האָט דער מענש גע׳סמ׳ט, ער האָט גענומען און האָט אַוועקגע׳סמ׳ט אונז אַלעמען! דער בראָך איז געווען אַזוי גרויס; דער שמערץ איז געווען אַזוי טיעף; דער וועהטאָג איז געווען אַזוי גרויליך, אַז ביי אונז אַלע דריי האָט זיך ניט געפונען קיין איינציגע טרעהר! מיר זענען פערגליווערט, פערשטיינערט, פערשטאַרבען געוואָרען, געפאַלען מיט׳ן פנים צו דער ערד און וואָלטען געוועזען די גליקליכסטע פון די גליקליכסטע, ווען איינער קומט און האַקט אונז אַראָפּ אַלעמען די קעפּ מיט איין מעסער!.. הערט איהר, איהר מעגט אייך זאָגען וואָס איהר ווילט, אָנקוקען קען איך ניט אָט די אַלע וואָס קומען אייך טרייסטען חלילה ביי אַן׳אומגליק. זייערע צוגעגרייטע כלומרש׳ט טרויעריגע פנים׳ער, וואָס אויף יעדען שטעהט אויפגעשריבען: אַ דאַנק גאָט וואָס ניט איך“... זייערע הילצערנע רייד, וואָס קלעפּען זיך ניט, זייערע פאַלשע שבחים, זייער אַוועקגעהן אומגעזעגענט מיט אַ מורקע אונטער דער נאָז, — וואָס דאַרפט איהר מעהר? אַפּילו אָט דער איוב, וואָס ס׳איז אַ מנהג אַז יעדער גראָבער יונג זאָל אין איהם אַריינקוקען ווי אַ האָהן אין בני אָדם, איז מיר נמאס! וואָס? אפּקורסות זאָגט איהר? דאָס הייסט ביי אייך אפּיקורסות? נו, און נעהמען אונטערשטעלען אַ פּיסעל אַנ׳אומשולדיגען מענשען, הייסען איהם חתמ׳ענען וועכסלען און אַליין אַוועק מיט געלד קיין אַמעריקאַ און דעם „מענשען“ לאָזען ער זאָל נעהמען און אַוועק׳סמ׳ען אי זיך אַליין אי נאָך דריי אומשולדיגע נפשות — דאָס רעט ביי אייך הייסען ווי אַזוי? וואָס פאַר אַ נאָמען וועט איהר דעם געבען?

נישט אפיקורסות? א יא ניין? און פון גאט אליין וועט איהר זאגען אז ס'איז נישט קיין אונרעכט? ווארום ווי טאר מען ריידען אויף גאט? טהוט אלע זשע א קוק וואס זאגט דערויף איוב? אט דער זעלבער הייליגער איוב, וואס ס'איז א מנהג איהר זאלט אין איהם אריינקוקען ווי א האהן אין בני אדם? א יא איהר שווייגט? איך שווייג אויך, ווארום איהר קענט רעדען צוזעצערהייד, וועט איך קיינער ניט ענטפערען! איהר וועט איבערקייען נאך אמאל די שוין לאנג איבערגעקייטע ווערטער: „ה' נתן וה' לקח" — און דערביי וועט איהר בלייבען... וואס זאגט איהר? פילאזאפירען הייסט קייען שטרוי? איך זאג אויך דאס אייגענע.

אלזא איך קעהר מיך אום צוריק צו מיין אלמנה... וואס זאג איך אלמנה? צו מיינע צוויי אלמנות! ראזע אויך אנ'אלמנה! חא-חא-חא! עס איז אזוי טרויעריג, עס איז אזא בעליידיגונג פון דער נאטור, אז נור לאכען דארף מען! ראזע אנ'אלמנה! איהר זאלט זי געוועהן זעהען א קינד פון פינפצעהן יאהר קען ניט אויסזעהען יונגער, ראזע אנ'אלמנה! אנ'אלמנה אליין איז נאך גארניט! ראזע — א מאמע! א מוטער פון א קינד! אין א חדשים דריי נאך שאפירא'ס טויט האט זיך געלאזט הערען א קול פון א בעשעפעניש און די שטוב איז געווארען פול מיט דעם בעשעפענישעל — פייגעלע האבען זיי דעם א נאמען געגעבען — און אין שטוב האט געוועלטיגט נאר איין פייגעלע, און אלעס איז געווען נאר צוליעב דער איינער „פייגעלע", און וואו איהר זענט געשטאנען, און וואו איהר זענט געזעסען, און וואס איהר האט ניט געטהאן, האט איהר געקענט הערען נאר פייגעלע און פייגעלע און ווידער פייגעלע! אויב מען זאל וועלען זיין א מאמין און גלייבען אין „השגחה פרטית" ווי איהר רופט דאס אן, וואלט איך געזאגט אויף דער פייגעלע, אז דאס האט גאט בעלוינט אונז פאר אונזערע גרויסע ליידען און האט אונז געשיקט א טרייסט. איהר ווייסט אבער, אז איך בין א קנאפער מאמין און איך בין שטארק מסופק אין אייך אויך... וואס? איהר ווילט מיר איינריידען אז איהר גלויבט יא, — געזונטערהייד! איך האב צו אייך גארנישט ניט; אבי איהר אליין זאלט זיין איבערצייגט, אז איהר זיינט ניט קיין צבועק, קיין היפאקריט. הערט איהר, יודען, האב איך פיינט היפאקריטען, טאקי נאר ווי א יוד האט פיינט חזיר! זייט אייך פרום ווי צעהן טויזענד רוחות, אבי מיט אנ'אמת! טאמער זשע זייט איהר גלאט א גנב, א פארמאסקירטער „וצדקתך", זיינט איהר ניט פון מיינע לייט און איך האר אייך אויף תשעה ניינצי כפרות. אט אזא מענשיל בין איך מיר!

הכלל וואָסער אַ סדרה, געדט היינט? — פֿייגעלע! פֿון דער ערשטער מינוט וואָס די פֿייגעלע האָט זיך באַוויזען אויף דער וועלט, האָט אַלעם ווי אויפֿגעלעבט, אַלע און אַלעם האָבען געשמייכעלט און געפֿרייט זיך. אַלע פּנים'ער האָבען געשיינט. אַלעמענס אויגען האָבען אָנגעהויבען צו לייכטען און גלאַנצען. אינאיינעם מיט דעם קינד זענען מיר אַלע אויפֿ'ס ניי געבוירען געוואָרען. איך וועל אייך זאָגען אַ שעהנס: ראָזע, וואָס האָט זיך נישט באַוויזען אויף איהר פּנים קיין שמייכעל שוין אַזאַ צייט, האָט פּלוצים אָנגעהויבען ווידער צו לאַכען מיט איהר פֿריהעריגען מאָדנעם געלעכטער, וואָס פֿערגיפֿטעט אייך און צווינגט אייך, אַז איהר זאָלט אויך לאַכען, חאָטש עס ווילט זיך אייך גאָר וויינען. אָט אַזאַ מין כח ליגט אין איהר געלעכטער און אָט אַזאַ מין כח האָט באַוויזען די קליינע פֿייגעלע, אַז זי האָט אויפֿגעוועקט איהרע קליינע אייגעלעך און האָט גענומען דאָס ערשטע מאָל מיט אַ פֿונק פֿון פֿערשטאַנד באַטראַכטען אונז אַלע דריי. און ווער שמועסט, אַז אויף פֿייגעלעס ליפּעלעך האָט זיך באַוויעזען דאָס ערשטע שמייכעלע, זענען בײדע אַלמנות שעור ניט מישוגע געוואָרען פֿאַר ענטהוזיאַזם און התפּעלות. זיי האָבען מיך באַגעגענט מיט אַזאַ אימפּעט אַז איך האָב מיך פֿאַר זיי דערשראָקען:

— גוואַלד וואו זענט איהר געוועזען פֿריהער מיט איין מינוט? אַזוי זענען אָנגעפֿאַלען אויף מיר בײדע אַלמנות.

— וואָס איז דען? וואָס האָט זיך געטראָפֿען? — פֿרעג איך אַ דערשראָקענער און באַקוק פֿון זיי אַנ'ענטפֿער:

— סטייטש, פֿייגעלע האָט אָט ערשט מיט אַנדערהאַלבען מינוט פֿריהער אַ לאַך געטהון! דעם ערשטען לאַך!

— אָט דאָס איז גאָר? — זאָג איך גאַנץ קאַלט און אינווענדיג דאָרט האַרץ פֿרעהט זיך, געוועהנליך ניט אַזוי אויף דעם, וואָס פֿייגעלע האָט אַ לאַך געטהון, ווי אויף דעם, וואָס מיינע צוויי אַלמנות זענען אַזוי ששון ושמחה־דיג. נו, היינט קענט איהר שוין פֿערשטעהן וואָס עס האָט זיך אָבגעטהון בײם ערשטען ציינדעל! די ערשטע האָט דערפֿיהלט נאַטירליך די יונגערע אַלמנה, די מוטער. האָט זי צונערופֿען די עלטערע אַלמנה, פּאַיען, הייסט עס, און בײדע אַלמנות האָבען גענומען פּרובירען מיט אַ גלאָז און אַז זיי האָבען דערהערט אַז עס קלינגט אַ ציינדעל, האָבען זיי געמאַכט אַזאַ גוואַלד, אַז איך בין אַריין פֿון צווייטען צימער ניט טויט ניט לעבעדיג.

— וואָס איז דאָ?

— אַ ציינדעל!

— עס ווײַזט זיך אײַך אױס! — זאָג איך צו זײ בכיון, עס זאָל זײ אָבי-סעל רײצען — און בײדע אַלמנות נעהמען מײַן פֿינגער און טאַפּען אָן בײַ פֿינגעלען אין הײסען מײלכעל עפּיס אַ שאַרף שפּיציקעל, וואָס קען זײַן ס'איז אַ צײנדעל.

— נו? — פֿרעגען זײ מיך בײדע און וואַרטען איך זאָל זײ שוין אָבגעבען אַ נעׂרוס פֿונ'ם צײנדעל. איך מאַך זיך תמעוואַטע. איך האָב ליעב זײ צו רײצען, פֿרעג איך זײ איבער:

— וואָס נו?

— אָבער אַיאָ אַ צײנדעל?

— אַ צײנדעל, וואָס דען זאָל דאָס זײַן?

און דאָס פֿערשטעהט איהר דאָך, אַז ווי באַלד אַ צײנדעל, איז דאָך פֿינגעלע אַ חכמה, וואָס מען קריגט ניט די צווייטע אין דער גאַנצער וועלט! און ווי באַלד, אַז פֿינגעלע איז אַזאַ חכמה, קומט דאָך איהר מען זאָל זי אַזוי לאַנג קושען ביז דאָס קינד הױבט אָן צו װײנען, און איך רײס עס אַרױס בײַ זײ פֿון די הענד און שטיל דאָס אײַן, וואָרום בײַ קײנעם שווײגט ניט אַזוי דאָס קינד ווי בײַ מיר, און מען קען זאָגען אַז קײנעמ'ס האָר האָט פֿינגעלע ניט אַזוי ליעב ווי מײנע האָר, און קײנעמ'ס נאָז ווערט ניט אַזוי געריסען פֿון איהרע ברעקעלעך פֿינגערלעך, ווי מײַן נאָז, און פֿיהלען אויף זיך די דאָזיגע ברעקלעך פֿינגערלעך איז אַ גן-עדן! עס גלוסט זיך אױסקושען 1000 מאָל איטליכעס גליעד פֿון די דאָזיגע קלײנטשינקע, גלאַטינקע, ווײסינקע און ווײכינקע פֿינגערלעך! איהר קוקט אויף מיר און איהר טראַכט זיך: „אָט דער מענש האָט אַ ווײַבערשע נשמה, אַ ניט וואָלט ער אַזוי ניט ליעב געהאַט קײן קינדער“... אָבער אַיאָ איך האָב געטראָפען, וואָס איהר טראַכט? ס'איז אַזוי די מעשה: וואָס פֿאַר אַ נשמה איך האָב ווײס איך ניט, נאָר אַז איך האָב ליעב קינדער — דאָס איז אַ פֿאַקט! ווער'מען דען זאָל מען ליעב האָבען אַז ניט קײן קלײנע קינדער! אײערע גרויסע ווילט איהר זאָל איך ליעב האָבען? אָט די גלאַטע מאָרדעס מיט די געפּאַקטע בײַכלעך, וואָס זײער גאַנץ לעבען איז אַ געשמאַקער מיטאָג מיט אַ גוטען ציגאַר מיט אַ פּרעפֿעראַנסעל? צי אָט יענע שעהנע מענשען ווילט איהר זאָל איך ליעב האָבען, די וואָס קהל'ען זיך און לעבען פֿון דער קהל'שע שיסעל און שרײַען און ליאַרמען אין פּויקען איבער דער גאַנצער וועלט אַז זײער גאַנצער מײַן איז טובת הכלל?.. אָדער איהר זענט אַ בעלן איך זאָל ליעב האָבען אָט די יונגע צוצעקעס, וואָס ווי-לען מתקן זײַן די וועלט, רופֿען מיר בורזשוק און ווילען מיך צווינגען איך

זאָל פֿערקויפֿען מיינע הייזער און צוטהיילען זיך מיט זיי לשם עקספּראָפּרי־אַציע? אָדער איהר ווערט מיר אפשר הייסען איך זאָל ליעב האָבען די גראָבע ווייבער, די פּרות הבשן, וואָס זייער איינציגער אידעאַל איז פֿרעסען, קליידער, בריליאַנטען, טהעאַטער און געפֿעלען פֿרעמדע מאַנסבילען? צו נאָר די אונטער־געשאָרענע אַלטע מוידען, וואָס אַמאָל אין מיינע יונגע יאָהרען האָבען זיי גע־הייסען „ניהיליסטקעס“, היינט הייסען זיי „עס־עסאָווקעס“, „עס־עראָווצים“, „קאָרעטניצעס“ וכדומה אַזעלכע שעהנע נעמען?.. איהר זאָגט, ווייל איך בין אַן אַלטער בחור בין איך אַ בעל כעסן און אַ מיזאַנטראָפּ און מיר געפֿעלט ניט קיינער? זאָגט אייך, וואָס אַרט מיך וואָס איהר זאָגט? איך טהו מיר מיינס: איך דערצעהל, וואו זשע האַלט איך? ביים קינד, ביי פֿייגעלען, ווי מיר האָבען דאָס ליעב געהאַט? דאָס גאַנצע לעבען האָבען מיר אַוועקגעשענקט דעם קינד, מיר אַלע דריי, דערפֿאַר ווייל דאָס קינד האָט אונז פֿערזיסט דאָס ביטער־קייט פֿון דאָס לעבען, צוגעגעבען אונז אַלעמען פֿרישע ענערגיע צו טראָגען דעם שווערען יאָך פֿון דער נאַרישער פֿערדאָרבענער וועלט, און פֿאַר מיר עקסטראַ איז אין דעם קינד געווען אַ גאַנצער סוד. איהר ווערט דעם סוד לייכט פֿערשטעהן, אויב איהר ווערט זיך דערמאָהנען, — וואָס איז געווען פֿאַר מיר ראָזע?.. וואָס מעהר דאָס קינד האָט געוואַכסען, דעסטאָ מעהר האָט געבליהט די האָפֿנונג ביי מיר אין האַרצען, אַז מיין עלענד זאָל ענדליך פֿערשווינדען און איך זאָל אַמאָל אויך וויסען פֿון אַ לעבען אויף דער וועלט... און ניט נאָר איך אַליין האָב זיך אַרומגעטראָגען מיט דער מחשבה; די זעלבע האָפֿנונג האָט גע־לעבט אויך ביי פֿאַיען אין האַרצען, און האָטש מיר האָבען דערפֿון ניט גערעדט קיינמאָל, נאָר פֿאַר אונז אַלע דריי, איז דאָס געווען קלאָהר ווי דער טאָג, אַז עס ווערט מוזען אַמאָל אַזוי זיין... איהר ווערט אפשר פֿרעגען: ווי אַזוי קענען זיך דאָס מענשען פֿערשטעהן אומגערעדט? איז אַ סימן אַז איהר קענט פּסיכאָ־לאָגיע, נאָר ניט קיין מענשען... למשל, אַט וועל איך אייך מאָלען אַ בילד, ווערט איהר זעהען, ווי אַזוי מענשען שמועסען זיך אוים כמעט אָהן ווערטער. פֿערשטעהען ווי אויפֿן האַנק. אַט האָט איהר אייך אַ בילד:

אַ זומער נאַכט. דער הימעל איז פֿערשמיסען מיט ווייסע מילך־פּאַסען.

איך האָב געוואָלט זאָגען: די שטערען בלישצען, פֿינקלען, שטמערירען, האָב איך מיך דערמאָהנט, אַז אַזוי שטעהט ערגעץ געשריעבען אין אַ ביכעל, וויל איך ניט איבערקייען יענעמס ווערטער. איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז איך האָב פֿיינט זייערע בעשרייבענישען פֿון דער נאַטור, וואָס זאָגען אַזוי עהנליך מיט דער נאַטור, ווי איך בין עהנליך מיט אַ טירקישען פּאַשאַ.

הכלל ס'איז געוועזן א זומער נאכט, איינע פון די זעלטענע ווארימע, לויטערע, פרעכטיגע נעכט, וואס דער טרוקענסטער מענש אין דער וועלט ווערט פול מיט פאעזיע און ער בייגקט זיך אידם ערגיץ אהין, ווייט, ער ווייסט אליין ניט וואוהין. עס חאפט אידם ארום פון אלע זייטען א מאדנער שטראם פון רוח הקודש און ער זינקט אין א הייליגע שטילע רוהיגקייט, און ער פערקוקט זיך אין דער טיעפער בלויער יארמולקע, וואס מיר רופען דאס הימעל, און ער פיהלט, אז דער הימעל סוד'עט זיך עפעס מיט דער ערד, פיהרען א שטילען שמועס צווישען זיך, א שמועס פון אייביגקייט, פון אונענדליכקייט און פון דעם, וואס מענשען רופען גאטהייט...

נו? וואס וועט איהר זאגען אויף מיין בעשרייבען די נאטור? ניט גע-פעלען? בין איך אויסגעשטעלט! האט צייט, איהר זענט נאך ניט פערטיג. איך האב אייך פערגעסען דערצעהלען פון די זשוקעס, מאדנע, שווארצע, ברוין פארביגע זשוקעס, וואס טראגען זיך אין דער פינסטער, צולאזט די פליגעל, זשומען און הודען און טהוען זיך אלע מאל א זעץ אן וואנט אדער אן פענסטער, און טהוען א פאל אנידער אויף דער ערד מיט האלב צולאזטע פאלעס און ווערען אנשוויגען. איהר זאלט נאר נישט האבען קיין יסורים — זיי וועלען אביסעל ארומפויזען אויף דער ערד, זיך אויפהויבען, צולאזען די פא-לעס און וועלען זיך ווידער דרעהען ארום דער שיין פון דער ליכט מיט א זשומען און מיט א הודען, און ווידער געבען זיך א זעץ אין פענסטער אריין און א פאל אנידער אויף דער ערד... מיר זיצען אויפ'ן גאניק, וואס געדט אין גארטען אריין, אלע פיער: איך, און פאיע, און ראזע, און פיינעלע, פיי-נעלע איז שוין א גרויסע; פיער יאהר ווערט איהר ראש חודש אלול און ריידען רעדט זי ווי אנ'אלטער. זי רעדט און פרעגט קשיות. מויזענדער קשיות: פאר וואס איז הימעל — הימעל און ערד — ערד? ווען איז טאג און ווען איז נאכט? פאר וואס איז בייםנאכט נאכט און בייםטאג טאג? פאר וואס רופט די מאמע די באבעניו מאמע און די באבעניו רופט די מאמע ניט מאמא נאר ראזע? פאר וואס בין איך איהר דיאדיא, א דיאדיא און ניט קיין פאפא?.. פאר וואס קוקט דער דיאדיא אויף דער באבעניו, און די באבעניו קוקט אויף דער מאמא, און פאר וואס איז די מאמע אזוי רויט געווארען?.. איהר פער-שטעהט דאך שוין, אז דאס רופט ארויס ביי אונז אלע דריי א געלעכטער. פרעגט פיינעלע וואס לאכט מען, ווערט דער געלעכטער נאך גרעסער און ענדיי-גען ענדיגט ער זיך מיט דעם, וואס מיר קוקען זיך איבער אלע דריי, און אלע דריי פערשטעהען מיר זיך גאנץ גוט וואס דער קוק בעדייט. מען דאר-

שוין ניט קיין ווערטער. ווערטער זענען איבעריג. ווערטער זענען בעשאפען געווארען נאר פאר פלאפלערס, ווייבער און אדוואקאטען. אדער ווי ביס-מארק האט זיך אמאל אויסגעדריקט: ווערטער זענען אונז געגעבען געווארען אום צו פערמאסקירען אונזערע געדאנקען. אט בעגעהען זיך דאך חיות און עופות און אלע איבעריגע בעשעפענישען אהן ווערטער! אט וואקסט דער בוים, אט בליהט די בלום, אט שפראצט א גרעזעל, האלט זיך צו צו דער ערד, קושט זיך מיט'ן שטראהל פון דער זון — וואו איז זייער שפראך? אויגען. מיין ליעבער פריינד, אויגען ביי מענשען זענען א גרויסע זאך! וואס א מענשענס אויגען קענען אייך אמאל זאגען אין איין מינוט וועט אייך דאס מויל ניט אויסרעדען אין קיין טאג! אונזער איבערקוקען זיך אין יענער נאכט מיט מיינע צוויי אלמנות איז געווען א בלעטעל, א קאפיטעל פון אונזער אלמענס לעבענס געשיכטע, א גאנצע פאעמע אויב איהר ווילט, א ליעד, א טרויעריגעס ליעד פון דריי פערלארענע לעבענס, פון דריי פערקריפעלטע נשמות, וואס פערשידענע פער-פלאנטענישען האבען ניט דערלאזט זיי זאלען טרינקען פון דעם קוואל וואס הייסט גליק, זיי זאלען געניסען פון דעם פאנטאן וואס הייסט ליעבע... איך האב מיך ארויסגעכאפט פאר אייך מיט דעם ווארט „ליעבע" אומגעדרען. גלויבט מיר אז עס עקעלט מיך! ווייסט איהר פאר וואס? דערפאר וויל אייערע שרייבער בענוצען שוין צו אפט דאס דאזיגע היילינע ווארט און מאכען פון דעם שוין צו א וואכעדיגער מאכל. דאס ווארט „ליעבע" אז מען רעדט דאס ארוים אויף דער שפראך פון אייערע שרייבערס, איז א חלול השם. דאס ווארט „ליעבע" דארף ארויסגעגאסען ווערען, ווי עס גיסט זיך אויס א תפלה צו גאט, אדער עס דארף זיך אויסגיסען אין א ליעד אהן ווערטער, אין א געזאנג פון עכטער פאעזיע, עס מעג זיך זיין אהן ריימען: לויפען-קויפען, חאפען-טאפען, יאגען-שלאגען, גראזען-בלאזען וכדומה אזעלכע גראמען פון אייערע פאעטען, וואס אז איך לייען זיי אמאל מאלט זיך מיר אויס אז איך שלינג ארבעס און פערבייס מיט פאפיר... דער משל מעג אייך ניט געפעלען, נאר דרעהען מיט דער נאז בעדארפט איהר ניט, איך ענדיג אייך שוין די געשיכטע מיט מיין אלמנה, נומער צוויי און איך מאך דאס בקצור, ווארום איך האב פיינט אז מען גענעצט... זאגט נור, איהר האט אמאל פערזוכט דעם טעם עס זאל אייך רייסען א צאהן, וואס איהר מוזט איהם ארויסציהען, נור איהר לייגט דאס אב אויף מארגען, פון מארגען אויף איבערמארגען, ביז איהר נעמט אייך אן מיט הארץ און נעדט צום דאקטאר, איהר קומט צו צו דער טהיר, איהר לייענט איבער אויף זיין בלעטעל: דענטיסט אזעלכער און אזעלכער, נעמט צו פון 8 ביז 1

און פֿון 1 ביז 8..." כאַפּט איהר אַ קוק אויף מיר און נאָך אַ זאַג צו זיך אַליין:

— פֿון 8 ביז 1 און פֿון 1 ביז 8; היינט וואָס האָב איך קיין צייט ניט?..

און איהר קעהרט זיך אום צוריק אַהיים און איהר רייסט זיך אויף די ציינער... אָט דאָס איינענע איז געווען מיט מיר און מיט ראָזען. אַרויסגעגאַנגען בין איך פֿון הערדיים אַלע אין דער פֿריה מיט אַ בעשטימטען געדאַנק, אַז היינט מוז דאָס געשעהן נאָר אָהן אַ שום תירוץ! פֿריהער וועל איך איבעררעדען מיט מיין אלמנה נומער איינס, מיט דער מוטער הייסט עס, אַזוי און אַזוי... וועט זי ווערען רויטליך, אַראָבלאָזען די אויגען און אַ זאָג טהון: „ביי מיר האָט איהר געפּועל'ט, רעדט איבער מיט ראָזען..." וועל איך אַוועקגעהן פֿון דער אלמנה נומער איינס צו דער אלמנה נומער צוויי און וועל איהר זאָגען: „הער נאָר אויס, ראָזע, ס'איז אַזוי און אַזוי..." און איך כאַפּ דאָס היטעל און קום צו געהן צו מיינע צוויי אלמנות, לויפֿט מיר אַקעגען פֿייגעלע, וואַרפֿט זיך מיר אויף די הענד, כאַפּט מיך אַרום ביים האַלז, קושט מיך אין די ברילען און בעט זיך ביי מיר, אַז „היינטיגען טאָג, נאָר היינטיגען טאָג זאָל איך זאָגען דער מאַמעניו און דער באַבעניו, מיך וועט מען פֿאָלגען, זי זאָל זיין פֿריי, ניט לערנען, ניט שפּיעלען, ניט טאַנצען, נאָר געהן מיט'ן דיאַדיאַ אין זאָאָלאָגישען גאָרטען, מען האָט געבראַכט, זאָגט מען, צו פֿיהרען אַזעלכע מאַלפּעס, אַזעלכע מאַלפּעס, וואָס מען קען פּלאַצען פֿאַר געלעכטער!..." נו, אדרבה, זייט אַ בריה און נעמט ניט דאָס קינד, און געהט ניט מיט דעם אין זאָאָלאָגישען גאָרטען אָנקוקען די נייע מאַלפּעס, וואָס מען קען פּלאַצען פֿאַר געלעכטער?...

— וואָס וועט זיין פֿונ'ם קינד? — וואָרטשעט די אלמנה נומער איינס.

— ער מאַכט אַ תל פֿונ'ם קינד? — האַלט זי אונטער די אלמנה נומער צוויי, און דער דיאַדיאַ הערט זיי ווי דעם פֿאַר-אַ-יאָהריגען שניי, ביידע אלמנות, נעמט דאָס קינד און געהט מיט דעם אין גאָרטען זיך בעקענען מיט די נייע מאַלפּעס, וואָס מען קען פּלאַצען פֿאַר געלעכטער — און אָט אַזוי ווי איך דערצעהל אייך, אַלע מאָל אַ נייער תירוץ, עס געהט אַוועק אַ טאָג און אַ טאָג, אַ וואָך און אַ וואָך, אַ יאָהר און אַ יאָהר, דאָס קינד וואַקסט, הויבט אָן פֿערשטעהן אַזעלכע זאַכען, וואָס מען קען פֿון זיי ניט רעדען, און עס בלייבט ביי אונז אַלע דריי דער הסכם, אַלץ אָהן ווערטער, אַז לאָז דאָס קינד אונטער וואַקסען שוין, אַז פֿייגעלע זאָל אויסוואַקסען, ווערען אַ מענש און אויסקלייבען זיך איהר באַשערטען, דאַן ווערען אונז אויפֿגעבונדען די הענד, דאַן רעפֿאָרמירען מיר אונזער לעבען, פֿיהרען אויף אַ נייע שטוב, און מען בויט פּלאַנען, יעדער

בײַ זיך אין הארצען, ווי אזוי מען וועט לעבען אלע צוזאמען, דאס יונגע פאר — פײַגעלע מיט איהר באשערטען, דאס אלטע פאר — איך מיט ראזען, און די אלמנה באבע (פאיע) וועט געוועלטיגען איבער אונז אלעמען, — דאס וועט זײַן א לעבען! די גאנצע זאך איז נאר: ווי דערלעבט מען שוין? ווי דערלעבט מען שוין, אז פײַגעלע זאל אויסוואכסען, ווערען א מענש און אויסקלײַבען זיך איהר בעשערטען? נאר אז מען לעבט דערלעבט מען זיך. אזוי דאכט זיך זאגט דאס שפריכווארט? איך האב פײַנט שאבלאנע שפריכווערטער; איהר האט זיי ליעב? זעהר שעהן, איך פערגין אייך. אלזא אז מען לעבט דערלעבט מען זיך: פײַגעלע איז אויסגעוואקסען געווארען א מענש און האט אויסגעקליבען זיך איהר באשערטען — און אט דא ליעגט דער הונד בעגראבען! אט דא ערשט הויבט זיך אן די רעכטע פסיכאלאגיע, ווי איהר רופט דאס אן! איהר ווייסט? דאס וואס איהר קוקט אויפ'ן זייגער איז איבעריג. איך וועל אייך סיי ווי סיי היינט מעהר ניט דערצעהלען, איך דארף גיין; מײַנע אלמנות וועלען נישט וויסען וואס איבערצוטראכטען. איך קען בעשטעהן, אז אויב איהר האט חשק אויסצוהערען די געשיכטע פון מײַן „אלמנה נומער דריי“, זאלט איהר זיך מטריח זײַן צו מיר אהיים. א ניט ווי איהר ווילט אייך! פאר די פאלעס וועל איך אייך אויך שלעפען. איהר וועט אליין קומען... אייער

אייער אלמנה נומער דריי.

אויסגאבע „פאמיליען-ביבליאטעק“ ווארשא.

שלום עליכם:

- 74) די ווייסע כפרה 10
- 75) דער טוידטער אתרוג 10
- 76) א בוידעם 7
- 77) היינטיגע קינדער 8
- 78) חנוכה-געלד 7
- 79) אלעמען גלייך 10
- 80) א פערשטערטער פסח 7
- 81) דער נס פון הושענה רבה 5
- 82) צו אונזערע שוועסטערן 8
- 83) צוויי שלח-מנות'ן 5
- 84) אויף וואס דארפען יודען א לאנד? 8
- 85) סטעמפעניו 40
- 86) מילכיגס 5
- 87) פינף און זיעבעציג טויזענד 15
- 88) רייטש 5
- 89) חרוסת 5
- 90) א פריהער פסח 5
- 91) וועליג מעלאניק 10
- 92) לאנדאן 10
- 93) פאפירלער 10
- 94) אויפ'ן פידעלע 8
- 95) א גבבור'ע פרנסה 8
- 96) פענדער בלאנק 35
- 97) מיליאנען 20
- 98) איין מאל א סוכה 5
- 99) די פאהן 5
- 100) עס פידעלט נישט 7
- 101) בלומען 7
- 102) שלים-שלים-מזל 7
- 103) פערבענקט אהיים 5
- 104) גענז 5
- 105) דאס דריידיל 8

ז. ווענדראף:

- 106) איבער די קשיות 5
- 107) א ענדיק אויף פסח 5
- 108) א סוכה אויפ'ן בוידעם 5

שלום עליכם:

- 109) די ראזיגע נאכט 8
- 110) העכער און נידעריגער 8
- 111) די רויטע יודעלער 10
- 112) וואנים-בעדער 10
- 113) גלות דאטשע 20

מענדעלי מו"ס:

- 114) וואס איז חנוכה? 5

שלום עליכם:

- 115) קבר אבות 5
- 116) מען טאר נישט ווען קמן גוטער 5
- 117) ניטא קיין מזל 5
- 118) דריטע קלאס 5
- 119) דער גליקליכער אינקארנס 5
- 120) סטאנציע בארנאוויץ 5
- 121) א מענש פון בוענאס-אירעס 5
- 122) א חתונה אהן כלי-זמר 5
- 123) רוף מיך קאקיסעל 5
- 124) קעניג פיק 5
- 125) א זעקס-און-זעכציג 5

ז. ווענדראף:

- 126) געגעכטיגט אין סוכה 5
- 127) מרדכי און סקאבעלעף 5
- 128) צאלע דער בעל חשבון 5
- 129) ביים גרינעם טישעל 5
- 130) צמח דרעהקאפ 5
- 131) דער ארעסער קראסאוויצע 5
- 132) ורח און בגלאגי 5
- 133) דערלעבט 5

הויפטפערקויף אין דער בוכהאנדלונג „צענטראל“.

Книжный магазинъ „ЦЕНТРАЛЪ“ Варшава, Новолипки **7.**

Buchhandlung „CENTRAL“ Warschau Nowolipki 7.

בוכהאנדלונג „צענטראל"

ווילנא — ווארשא — ניו־יאָרק

שלום־עליכם'ס ווערק.

			פערלאַג	בראָשירט ר'	בראָשירט ק'	געבונדען ר'	געבונדען ק'
.296	פיטר טייל אין צוויי בענדער		פראָגרעס	2	50	3	10
.297	יובילעאום־אויסגאַבע	I באַנד	"	1	—	1	30
.298	" "	II	"	1	—	1	30
.299	" "	III	"	1	—	1	30
.300	מנחם מענדיל'ס בריעף	IV	"	1	—	1	30
.301	מאָטעל דעם חזן'ס	V	"	—	80	1	05
.302	יודישע קינדער	VI	"	—	85	1	10
.303	טוביה דער מילכיגער	VII	"	—	80	1	05
.304	קאַמי־וואַיאָזשאָרין	VIII	"	—	80	1	05
.305	דער מזל.		"	—	80	1	05
.306	סמעטענקעניו		"	—	40		
.307	סענדער בלאַנק און זיין געזינדיל		"	—	35		
.308	אַ מעשה אָהן אַ ן'עק		"	—	25		

צוזאַמען מיט די געזאַמעלטע ווערק פון דעם בעליעבטען הומאָריסט, וואָס נעהמען אַרום סיסטעמאַטיש און גרויסען פאָר־מאַט, האָבען מיר אַרויסגעלאָזען אויך אַ רייכע סעריע קליינע בראָשורען פון שלום עליכם'ס בריליאַנטענע הומאָרעסקען. די דאָזיגע בראָשורען, וועלכע פערקויפען זיך צו זייער בילינע פרייזען, זענען גלייך צוגענגליך פאַר אַלע שיכטען פון פאָלק, און געבען יעדען יודישען לעזער די מעגליכקייט, צו געניסען דעם גרויסען נאַציאָנאַלען פערגעניגען, וואָס גאָר איין שלום עליכם איז אימשטאַנד איהם צו פערשאַפען.

Księgarnia „CENTRAL" Warszawa—Wilno — New-Jork. —

דער גליקליכסטער אין קאדני.

די בעסטע צייט פאָהרען אין באַהן איז ווייסט איהר ווען? אָסיענצייט, אַרום נאָך סוכות.

ס'איז ניט הייס און ניט קאַלט, און איהר קוקט ניט אָן דעם פערוויינטען הימעל מיט דער קלאָגעדיגער פער'חושכ'טער ערד. טראָפענס רעגען שמייסען אין די פענסטער, קויקלען זיך אַראָב אויפ'ן פערשוויצטען גלאָז, אַזוי ווי טרעהרען, און איהר זיצט זיך, ווי אַ פריץ, אין וואַגאָן דריטע קלאַס מיט נאָך אַ סך אַזעלכע מיוחסים, ווי איהר, און כאַפּט אַ קוק אין דרויסען אַרויס, און איהר דערזעהט פון דערווייטענס אַ וועגעלע שלעפּט זיך, טיאַפּקעט אין דער בלאָטע. אויפ'ן וועגעלע זיצט איינגעבויגען אין דרייען אַ גאָטס בעשעפעניש מיט אַ זאַק איבערגעדעקט און לאָזט אויס זיין ביטער האַרץ צום פערדעל נעבאַך, אויך אַ גאָטס בעשעפעניש, — און איהר דאַנקט גאָט, וואָס איהר זענט אונטער אַ דאַך, צווישען מענשען. איך ווייס ניט, ווי אַזוי איהר, — איך האָב ליעב פאָהרען אין באַהן אָסיענצייט, אַרום נאָך סוכות.

דאָס ערשטע איז ביי מיר — איין אָרט. האָב איך פערכאַפּט איין אָרט, און ווער שמועסט יאָך, אין דער רעכטער האַנד, נעבען פענסטער, — בין איך מיר אַ קיסר. אַרויסגענומען דעם פּאַרטאַבאַק, הויבט מען אָן צו פערוויכערן אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס און אַרומקוקען זיך, ווער פאָהרט אין וואַגאָן און מיט וועמען קאָן מען רעדען

א פאר ווערטער ווענען געשעפט? פאסאזשירען, דאכט זיך, ניט צו פערווינדינען, אנגעפאקט, ווי הערינג אין א פאס. בערד, נעזער, היטלען, בייכער, געשטאלטען פון מענשען. און מענשען? — ניט איינער. נאר שא, אט זיצט עפיס אין א ווינקעלע איינער אליין א מאר־נער פארשוין, א פארשוין ניט ווי אלע. ביי מיר איז א שארף אויג. נישט קיין געוועהנליכען מענשען וועל איך אייך בעמערקען צווישען הונדערט.

דאס הייסט, אויפ'ן קוק איז דאס אפילו א גאנץ געוועהנליך מענשעל, א יודעל פון די יודלעך, וואס מע מעסט זיי אויפ'ן מעס־טעל, אדער דאס, וואס ווערט אנגערופען ביי אונז „א יוד פון א גאנ'ץ יאהר“. נאר אנגעטהאן איז ער עפיס מאדנע: א קאפאטע ניט קיין קאפאטע, א חאלאט ניט קיין חאלאט. אויפ'ן קאפ א היטעל ניט קיין היטעל, א יארמעלקע ניט קיין יארמעלקע. אין די הענד א שי־רעם ניט קיין שירעם, א בעזעם ניט קיין בעזעם. א מאדנע אנטהון.

נאר ניט דאס אנטהון איז דער עיקר, ווי דאס יודעל אליין מיט זיין ריהרעוודיגקייט, מיט זיין ארומקוקען זיך אויף אלע זייטען און מיט זיין ניט קאנען איינזיצען אויף איין ארט, און דערהויפט — מיט זיין שיינענדיג, פרעהליך, לעבעדיג פנים און גליקליך אויסזעהען.

נישט אנדערש, ווי דער מענש האט אדער אויסגענומען א הויפט־טרעפער, אדער חתונה געמאכט א טאכטער אין א מזל'דיגער שעה, אדער אריינגעגעבען א זוהן אין גימנאזיע. אלע מינוט חאפט ער זיך אויף, טהוט א קיק אין פענסטער און א זאג צו זיך אליין: „א סטאנ־ציע? נאך ניט?“ — און זעצט זיך אוועק צוריק, אלעמאל נעהענטער צו מיר, א שיינענדיגער, א פרעהליכער, א גליקליכער.

בטבע, דארפט איהר וויסען, בין איך א מענש, וואס האב פיינט, ווי אנדערע, קריכען צו יענעם אין הארצען אריין, אויסטא־פען, אויספרעגען ווער און וואס און ווען. איך געה מיר מיט דעם גאנג, *אז א מענש, וואס האט עפיס, וועט ער עס אליין ארויסגעבען.*

כך הוה. נאך דער צווייטער סטאנציע האט זיך מיין ריהרעוודיג יודעל צוגערוקט צו מיר נאך א ביסעל נעהענטער, דאס הייסט, טאקי גאנץ נאהענט, אזוי אז זיין מויל איז אויסגעקומען אקוראט אקעגען מיין נאז.

— **וואוהין פאהרט א יוד!**

איך האָב אָבער פערשטאַנען פון זיין פרעגען מיך און פון זיין אַרומקוקען זיך און פון זיין קראַצען זיך אונטערן היטעל, אַז איהם געהט ניט אָן אַזוי, וואוהין איך פאָהר, ווי עס ווילט זיך איהם אַרויסדערצעהלען, וואוהין ער פאָהרט. און איך האָב איהם געטהון צוליעב, דאָס הייסט, איך האָב איהם דערויף ניט געענטפערט גאָרניט, נאָר אַ פרעג געטהון: „און איהר וואוהין?“ — און ס'איז אַוועק אַ גאַנג:

— איך וואוהין? קיין קאָדני. געהערט אַמאָל קאָדני? בין איך אַ דאָרטיגער בין איך. ניט ווייט פון דאַנען. די דריטע סטאַנציע. דאָס הייסט, פון דאַנען האָבען מיר נאָך אַזוי גרוים ווי דריי סטאַנציעס. און פון דאָרטען קיין קאָדני בעדאַרף מען נאָך צופאָהרען מיט דער אַקס אַ שעה אָנדערטהאַלבען. דאָס הייסט, סע רעדט זיך נור אַזוי: אָנדערטהאַלבען. און אמת'ן איז דאָס טאַקי גאַנצע צוויי שעה, אַמאָל צוויי שעה, נאָך מיט אַ סמיטשיק. אי דאָס, מיט אַ תנאי — אויב ס'איז אַ גוטער וועג און מע פאָהרט מיט אַ פאַעטאָן. איך האָב בעשטעלט, דורך אַ דעפעש. איך האָב געקלאַפט, הייסט דאָס, אַ דעפעש, מע זאָל מיר אַרויסשיקען אַ פאַעטאָן אויף דער סטאַנציע. צוליעב מיר, מיינט איהר? שרעקט אייך ניט. איך קאָן בעשטעהן זיך איבערהאַפען זאַלבע זעקסט מיט אַ פראָסטען בעל-עגלה, אָדער אַז ניט, נעמט מען דעם שירם אין איין האַנד און דאָס פעקעל אין דער אַנדערער האַנד און מע איז עולה רגל גלייך אין שטאָדט אַריין גאַנץ פיין צו פוס. סע טראָגט ניט, פערשטעהט איהר מיך, אויף קיין פאַעטאָנעס. וועדליג די גאָלדענע נעשעפטען, מעג מען גאָר איינגאַנצען זיצען אין דער היים. האַ? וואָס זאָגט איהר?

דאָ איז מיין פאַרשוין מפסיק, טהוט אַ זיפץ און הויבט אָן רעדען שטיל, גלייך צו מיר אין אויער אַריין, קוקט זיך פריהער אַרום אין אַלע זייטען, אויב קיינער הערט איהם ניט אונטער.

— איך פאָהר ניט אַליין. איך פאָהר מיט אַ פראָפעסאָר. פאָהר איך... ווי קום איך צו אַ פראָפעסאָר? איז אַזוי די מעשה: פון קאַשעוואַרעווקע האָט איהר געהערט? אַ שטעדטעל אַזעלכעס פאַרהאַן, הייסט דאָס מיט'ן נאָמען קאַשעוואַרעווקע. וואוינט דאָרטען אַ יוד אַ גביר, אַנ'אויפגעקומענער גביר, אפשר האָט איהר געהערט פון איהם, באָראָדענקאָ הייסט ער, איציקעל באָראָדענקאָ. געפעלט אייך דער נאָמען? אַ'אַ, אַ גויאישער נאָמען? נאָר וואָס קומט אַרויס? אַ גויאישער נאָמען, אַ יודישער נאָמען — דערוויַיל האָט ער דאָס געלד. און

א סך געלד. גאר א סך, ס'איז א סברה, אז ביי אונז אין קאדני שאצט מען איהם כמעט אין א האלבען מיליאן. און אפשר, אז איהר וועט מיך שטארק בעטען, האט איהר ביי מיר גע'פועל'ט, אז ער זאל פערמאגען דעם גאנצען מיליאן. דאס הייסט, ווערליג ער איז, איך בעט איבער אייער כבוד, א דבר-אחר, וואלט ער געמעגט פערמאגען צוויי. אט האט איהר א ראיה: חאטש איך זעה אייך דעם ערשטען מאל, נאר פערשטעהן פערשטעה איך, אז איהר פאהרט אוים א וועלט, אודאי מעהר פון מיר. זאגט מיר דעם אמת: איהר האט עפים א סך מאל געהערט דעם נאמען בארארענקא, ער זאל זיך אויסשטעלען מיט עפים א יודישער זאך, א גרויסע נדבה, צי וואס? ביי אונז אין קאדני האבען מיר נאך לעת-עתה דערפון עפים ניט געהארכט. נאר אויך די אייגענע מעשה, גאטס סטראפטשע בין איך ניט און אויף יענעמס קעשענע איז יעדער א ותרן. איך רעד ניט פון נדבות און צדקה; איך רעד פון מענשליכקייט רעד איך. גאט האט דיר געהאלפען, דו בימט אזוי רייך, אז דו קאנסט זיך פערגינען אויסשרייבען א פראפעסאר, וואס וועט דיך ארען, אז יענער וועט אויך געניסען דורך דיר דעם זכות? מע בעט ניט ביי דיר קיין געלד, מע בעט ביי דיר א גוט ווארט. — וואס חאפט דיך אוועק דער רוח? וועט איהר הארכען א שענס.

דארף זיך טרעפען א מעשה, אז מע ווערט געוואהר ביי אונז אין קאדני (ביי אונז אין קאדני ווייסט מען אלץ), אז ביי דעם קאשעווארעווקער גביר, ביי אט דעם איציקעל בארארענקא, וואס איך דערצעהל אייך, ווערט קראנק, ניט דא געדאכט, א טאכטער. וואס איז איהר קראנקשאפט, מיינט איהר? א נעכטיגער טאג, א פערליעבעניש. זי האט זיך פערליעבט אין א גוי, האט זיך דער גוי אבגעזאגט, האט זי איינגענומען סם (ביי אונז אין קאדני ווייסט מען אלץ). ערשט נעכטען איז דאס געוועזן. איז מען אוועקגעלאפען און מע האט אראבגעבראכט א פראפעסאר, דעם גרעסטען פראפעסאר. ביי אזא גביר שפיעלט עפים א ראליע? פאלט מיר איין א געדאנק: אזוי ווי דער פראפעסאר וועט דאך דארט ניט בלייבען זיצען; היינט-מארגען פאהרט ער דאך צוריק; און פאהרען פאהרט ער דאך סיי ווי סיי דורך אונזער סטאנציע, דאס הייסט, פארביי קאדני, — וואלט אפשר געוועזן א פלאן, ער זאל זיך צוריקוועגס אראבחאפען מפאיעזד לפאיעזד צו אונז, צו מיר הייסט דאס? עס ליעגט ביי מיר א קינד, ניט פאר אייך געדאכט. דהיינו, וואס מיינט איהר, איז איהם? איך ווייס אליין ניט

וואָס, עפּיס איז איהם אינוויינינ. דאָס חייסט הוסטען, דאַנקען גאָט, הוסט ער ניט. און ווייטער, ער זאָל פּיהלען עפּיס אַ וועהטאָג אין הארצען, — איז אויך ניט. נאָר וואָס־זשע דען? קיין טראָפּען בלוט, און שוואַך, שוואַך, ווי אַ פליעג. דערפון, וואָס ער עסט ניט. גאָרנישט ניט, ווי אַזוי, מיינט איהר, גאָרנישט ניט? אָבער לחלוטין גאָרנישט. מילך אַמאָל טרינקט ער אויס אַ גלאָז. איז דאָס — מיט געוואַלד. מע דאַרף איהם איינבעטען דאַרף מען איהם. אויסוויינען. און ווייטער איז ניט קיין לעפעל יויך און ניט קיין ביסען ברויט, פון פליישׁ שמועסט מען ניט. פליישׁ קאָן ער גאָר נישט זעהען. פערוואַרפט מיט'ן קאָפּ. דאָס איז פון זינט ער האָט געבלוט. זומער האָט ער, ניט היינט געדאַכט, געבלוט. איינמאָל, נאָר שטאַרק. איצט, דאַנקען גאָט, שוין מעהר ניט. הלואי ווייטער. נאָר אָבגעשוואַכט איז ער — איהר קאָנט אייך גאָר נישט משער זיין. קוים־קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס. אַ קלייניגקייט — אַ מענש פיבערט, גליהט ווי אויף פּאָקען גליהט ער! פון נאָך שבועות. ניין און דרייסיג מיט אַ האַלבען. אָדער ניין און דרייסיג אַ הן אַ האַלבען. נאָר נישטאָ קיין שום מיטעל דערצו. געוועזען שוין מיט איהם ביי דאָקטאָר ניט איינמאָל. נאָר וואָס ווייסען אונזערע דאָקטוירים? אַ סך עסען, זאָגען זיי, אַ סך לופט. וואו זשע? אַז פון עסען וויל ער גאָר ניט הערען. און לופט? פון וואַנען זאָל זיך נעמען ביי אונז לופט? אין קאָדני — לופט! האַ־האַ! אַ וואויל שטעדטעל קאָדני. אַ יודישׁ שטעדטעל. פאַרהאַן ביי אונז קיין עין־הרע, אַ ביסעל יודען, פאַרהאַן ביי אונז אַ בית מדרש, פאַרהאַן אַ שוהל, פאַרהאַן אַ רב, פאַרהאַן אַלסדינג. נאָר פון צוויי זאַכען האָט אונז גאָט אויסגעהיט: פון לופט און פון פרנסה. מילא, פרנסה איז אָבגערעדט. פרנסה האָבען מיר, ברוך־השם, איינס פון דאָס אַנדערע... און לופט? אַז מיר ווילען לופט, געהען מיר אין „הויף“ אַריין. אין „הויף“, זעהט איהר, איז שוין דוקא דאָ לופט. אַמאָל, אַז קאָדני האָט געהערט צו די פּוילישע פּריצים, האָט מען ניט געטאָרט אַריינשמעקען אין „הויף“ אַריין. די פּריצים האָבען ניט צוגעלאָזט, ניט אַזוי די פּריצים, ווי די פּריצישע הינד. נאָר זינט קאָדניר „הויף“ איז אַריינגעפאַלען אין יודישע הענד, איז געוואָרען אויס הינד און דער „הויף“ איז געוואָרען גאָר אַן אַנדער „הויף“. אַ מחיה אַריינצוגעהן אין „הויף“ אַריין. טאַקע פּריצים, פּאָמעשטשיקעס, נאָר יודישע פּאָמעשטשיקעס. רעדען יודיש ווי איך מיט אייך, און האַלטען פון יודישקייט און האָבען ליעב אַ יודען. אַז מע שמועסט יודען, איז דאָך ניט שייך! דאָס

הײסט, איך װעל אײַך ניט זאָגען, אז זײ זאָלען זײַן אזעלכע גרױסע צדיקים. ברוך-השם, אין שוהל אַרײַן צו אונז דאַװנען האָבען זײ זיך ניט צוױי שטאַרק, און, להבדיל, צו אונז אין באָד אַרײַן אודאי ניט. און זײ זאָלען מורא האָבען מחלל שבת זײַן — זעהט מען עפּיס אױך ניט. און פאַר אַ היהנדעל, זאָגט מען, אין פוטער שרעקען זײ זיך אױך ניט שטאַרק איבער. נו, און שערען דאָס בערדעל, און געהן אָהן אַ היטעל, און נאָך אזעלכע זאַכען,— פון דעם שמועסט מען ניט. דאָס איז שױן הײַנט אומעטום אַ װאָכעדיגער גאַנג. פאַרהאַן שױן בײַ אונז, דאַנקען גאָט, אין קאָדני אױך אזעלכע בחורים'לעך, װאָס ס'איז זײ שװער דאָס היטעל אױפ'ן קאָפּ... פראַװדע, קאָדני האָט אױף אונזערע פּאַמעשטשיקעס ניט װאָס צו קלאָגען זיך. אונזערע יודישע פּריצים זענען פאַר'ן שטעדטעל גענוג יוצא. פערקעהרט, פײַנען זיך אױס װי װײַט מעגליך. קומט אָסיען, שיקען זײ אַרײַן אַ הונדערט זעקלעך קאַרטאָפּלעס פאַר אָרימע לײַט. װינטער — שטרױ אױף צו הײצען. ערב פּסח — מעות-חטים. ניט לאַנג האָבען זײ געשענקט ציגעל אױף אַ שוהל. װאָס איז שײך? אַלסדינג פײַן און שען און לײַטיש, װי עס געהער צו זײַן. נאָר אָט דאָס היהנדעל אין פוטער זאָל נאָך ניט זײַן. אױ, אָט דאָס היהנדעלע!... מײַנט ניט! איך װיל זײ חלילה דערמיט נישט בערעדען. װאָס האָב איך צו זײ? אדרבה! זײ װעלען אײַך פאַר מיר ניט אװעקגעבען קײן זאַק באָרשט. רב אַלטער (מע רופט מיך אַלטער רופא מען מיך) איז בײַ זײ דאָס איבערשטע פון שטױסעל. אז מע דאַרף האָבען עפּיס אין שטאָדט אַרײַן מכח אַ נױטיגע זאַך, אַ נײַעם לוח, צום בײַשפּיעל, אױף ראש-השנה, מצות אױף פּסח, אױף סוכות הושענות, וכדומה אזעלכע זאַכען, װאָס זענען שײך צו יודישקײט, — שיקט מען רופען רב אַלטערן. און מײַן װײַב אין קלײטעל (מײַן װײַב האָלט אַ קלײטעל האָלט זי) געבען זײ צו לײזען שען געלד. פאַר זאַלץ און פאַר פעפער און פאַר שװעבעלעך און פאַר אַלסדינג. דאָס האָט איהר אײַך די פּאַמעשטשיקעס. און זײערע קינדער די סטודענטלעך — די זענען פאַר מײַן זוהן גאָר די כפּרה. קומט דער זומער און זײ פאָהרען זיך צונױף פון פּיטערבאָרג, לערנען זײ מיט איהם װאָס איהר װילט. זיצען אַװעק מיט איהם טעגװײַז איבער די ביכלעך. און בײַ מײַנעם אַ ביכעל, דאַרפט איהר װיסען, איז דאָס חיות מיט דער נשמה! טײַערער פונ'ם טאַטען מיט דער מאַמען. איך האָב מורא צו זאָגען, נאָר מײַנען מײַן א.ג.,

אז דאס ביכעל — דאס איז טאקי זיין מלאך־המות. פון דעם ביכעל האט זיך גענומען דאס גאנצע אומגליק... „זי" דרינגט מיר אפילו, אז ס'איז ביי איהם פונ'ם פריזיוו. וואס פריזיוו? ווען פריזיוו? דעם פריזיוו האט ער שוין לאנג פערגעסען. נאר מילא, ווי אזוי די מעשה איז שוין דארטען, צי ביכעל, צי פריזיוו,—דערווייל ליעגט ביי מיר א קינד, נישט פאר קיין יורען געדאכט, און צאנקט, צאנקט נעבאך, געהט אויס, ווי א ליכט. איין גאט זאל זיך אויף איהם דערבארימען...

א מינוט האט זיך אויף מיין יורעלס שיינענדיג פנים אנגערוקט ווי א חמארעלע. אבער נישט מעהר, ווי איין מינוט. גיך האט געגעבען א קוק ארויס די זון, פערטריבען די חמארע, און דאס פנים האט ביי איהם ווידער אנגעהויבען שיינען, די אויגען לייכטען און דאס מויל שמייכלען, און אט דערצעהלט ער ווייטער:

— הכלל, וואו זשע האלטען מיר? יא. האב איך מיך מישב געווען, איך וועל געבען א לויף קיין קאשעווארעווקע צו איציקעל באראדענקא, צום גביר הייסט דאס. געוויינטליך, האב איך מיך נישט געלאזט אין וועג אריין גלאט אזוי, ווי זאגט איהר, מיט ליידיגע הענד. איך האב מיטגענומען א בריעף האב איך מיטגענומען. פון אונזער רב (דער קאדנער רב האט א נאמען). א שענעם בריעף: היות אזוי ווי גאט האט אייך געהאלפען, איהר זענט איטשטאנד ארויסבערענגען צו זיך אין שטוב ארייז א פראפעסאר, אז איהר דארפט, און אזוי ווי ביי אונזער אלטערען ליעגט, נית פאר אייך געדאכט, אזוהן אויפ'ן טויטען־בעט, אפשר וועט זיך דערוועקען אין אייער הארץ א פונק פון רחמנות און איהר וועט ארויסבענידערן פון אייער געצעלט און אריינגעהן אין דער „פאלאזשעניע" און וועט פועל'ן ביים פראפעסאר, אז צוריקוועגס, ער פאהרט דאך סאי וסאי פארביי קאדני, זאל ער זיך ארויסכאפען צו אונז מפאיעזד לפאיעזד אויף איין פערטעל שעה נור, אקוק טהון אויפ'ן קראנקען, ובשכר זה"...
נו, און אזוי ווייטער. א שענער בריעף.

פלוצים דערהערט זיך א פייף און מיר בלייבען שטעהן. מיין יורעל טהוט זיך א חאפ אויף:

— עהא! א סטאנציע? אט טהו איך א שפרונג אין „פערווע" קלאס

נור אויף איין מינוט. איך וועל נור געבען א קוק צו מיין פּראָפעסאָר קום איך באלד אריין, וועל איך אייך „קינטשען" די מעשה.

אריינגעקומען איז מיין יודעל צוריק מיט נאך א מעהר שיינענדיג פּנים, ווי פריהער. איך זאל וויסען, אז מע קאן זיך אזוי אויסדריקען, וואָלט איך געזאָגט: עס האָט גערוהט אויף איהם די שכינה. אָנגעבויגען זיך צו מיר אויפ'ן אויער, מאכט ער צו מיר שטיל, ווי ער וואָלט מורא האָבען עמיצען אויפוועקען:

— ער שלאָפט, דער פּראָפעסאָר מיינער. גאָט זאל העלפען, ער זאל זיך חאָטש גוט אויסשלאָפען, אזוי אז ער וועט קומען, זאל ער קומען מיט א לויטערן קאָפּ... הקיצור, וואו זשע האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט? אין קאשעוואַרעווקע.

קום איך, הייסט עס, צו פאָהרען קיין קאשעוואַרעווקע און לאָז מיך גלייך אין שטוב אריין, קלינג אָן ביי דער טיר איינס און צוויי און דריי, שפּרינגט אַרויס א נפש מיט א פּאָר פּיסקעס און מיט א געגאָלטע מאָרדע און בעלעקט זיך, ווי א קאַץ, און מאכט צו מיר בלשון פּאָניע: „שטאָ נאַדאַ"? זאָג איך צו איהם דוקא אויף יודיש: מסתמא איז „נאַדאַ", ס'זאל נישט זיין „נאַדאַ", וואָלט איך מיך נישט געהעצקעט אהער אַזש פון קאָרני...

הערט ער מיך אויס, קייט און בעלעקט זיך און דרעהט מיט'ן קאָפּ: „מע קאָן נישט איצטער צוטרעטען צו איננזערע, ווארום דער פּראָפעסאָר זיצט". זאָג איך: אדרבה, „ווייל דער פּראָפעסאָר זיצט, איך בין, זאָג איך, טאַקי צוליעב'ן פּראָפעסאָר אהער געקומען". זאָגט ער צו מיר": וואָס פאַר געשעפטען האָט איהר מיט א פּראָפעסאָר?" זאל איך איהם געהן דערצעהלען מעשיות: נעם איך און דערלאַנג איהם דעם רב'ס בריעף: „גוט איז דיר, זאָג איך, צו שמועסען, אז דו שטעהסט פון יענער זייט, און אויף מיר, זאָג איך, געהט א רעגען. נאַ דיר, זאָג איך, אָט דעם דאָקומענט און געב דאָס איבער, זיי מוחל, דעם בעל-הבית, זאָג איך, גלייך איהם אין די הענד אריין", און אליין בלייב איך שטעהן אין דרויסען, פון יענער זייט טיר, און וואַרט ביז מע וועט מיך שיקען רופען. איך וואַרט א האלבע שעה. איך וואַרט א שעה. איך וואַרט צוויי. דער רעגען גיסט, א מבול, און מע רופט מיך עפּיס ניט. הויבט דאָס מיר שוין אָן צו פערדריסען. ניט אזוי פאַר זיך ווי פאַר אונזער רב. דאָס שרייבט דאָך ניט קיין יונגעלע, דאָס שרייבט דאָך עפּיס א רב (דער קאָרניר רב האָט א נאָמען). געה איך און טהו

א ציה דאס גלעקעל נאך אמאל און נאך אמאל. אז סע שפרינגט ניט ארוים דער אייגענער נפש מיט די רויטע פיסקעס, מיט א גוואלד און מיט א רציחה: „אנ׳עזות, זאגט ער, פון א יורען—קלינגען!“ „א׳נעזות, לאזען א יורען, זאג איך, שטעהן צוויי שעה אין דרויסען אויפ׳ן רעגען?“ און טהו מיך א לאז צו דער טיר און וויל אריין אינוויינינ — ווער? וואס? פערהאקט די טיר און רוף מיך קנאקניסעל! ו ... ם זשע טהוט מען ווייטער? עפים טאקי זעהר ניט פרעליך. פאהרען צוריק מיט גארנישט איז עפים זעהר ניט שען. ערשטענס, א בזיון פאר זיך אליין. איך בין דאך עפים א שטיקעל בעל-הבית ביי אונז אין קאדני, חלילה, ניט קיין שלעפער... און אגב רייסט מיר דאס הארץ: מיין קינד נעבאך... איז דאך אבער פארהאן, ווי זאגט איהר, א גרויסער גאט אויף דער וועלט.

איך טהו א קוק — עס פאהרט צו א קארעטע מיט פיער פערד. און גלייך צו דער טיר. איך טהו מיך א נעם צום קוטשער: וואס איז פאר א קארעטע און וועמענס איז פערד? ווער איך געוואהר, אז דאס איז טאקי דעם גבירס קארעטע מיט׳ן גבירס פערד. פונ׳ם פראפעסארס וועגען. דאס וועט מען איהם נעמען, דעם פראפעסאר הייסט עס, און מע וועט איהם אפפיהרען צו דער באהן. אויב אזוי, טראכט איך מיר, איז דאך שוין טאקי ווידער גוט. אויסגעצייכענט גוט! און איידער איך קוק מיך ארום, עפענט זיך די טיר און עס בעוויזט זיך טאקי ער אליין, דער פראפעסאר הייסט עס. א קליינינקער, אנ׳אלטיטשקער, מיט א פנים, וואס זאל איך אייך זאגען? א מלאך, א מלאך פונ׳ם הימעל! נאך איהם געהט נאך דער גביר, איציקעל בארארעגקא הייסט עס, דוקא אהן א היטעל. און גאר אונטען געהט דער נפש מיט די רויטע פיסקעס, טראגט נאך דעם פראפעסארס טשעמאדאנטשיקעל. איהר זאלט אנקוקען א גביר פון אפשר העכער א מיליאן. גאט זאל מיר ניט שטראפען פאר די רייד, טראגט ער א פידזשאק פון געוויינטליכען געוואנד „דיאגאנאל“, ווי מע טראגט ביי אונז אין קאדני. האלט די הענד אין די קעשענעס און קוקען קוקט ער אן א זייט, א ביסעל קאסאקע. איך שטעה און בעטראכט: רבונו של עולם! אט דאס האט מיליאנען? נאר געה טענה זיך אוים מיט גאט... דערזעהען מיך שטעהן, נעמט ער מיך דורך מיט די קאסאקע אויגען און רופט זיך אן צו מיר: „וואס דארפט איהר?“ געה איך צו און מאך צו איהם: אזוי און אזוי, זאג איך, דאס האב איך אייך געבראכט, זאג איך, דעם בריעף פון אונזער רב האב איך אייך געבראכט... מאכט

ער צו מיר: „פון וואָסער רב?‟ איהר הערט? ער ווייס שוין גאָר ניט, פון וואָסער רב?! „פון קאָדניר רב, זאָג איך. איך בין אַ דאָרטיגער בין איך, איך בין אומיסטע געקומען, זאָג איך, פון קאָדני צום פּראָפעסאָר, זיי זאָלען זיך מטריח זיין, זאָג איך, קיין קאָדני מפאַיעזד לפאַיעזד אויף אַ פערטעל שעה צו מיין קינד, זאָג איך, ביי מיר איז אַ קינד, זאָג איך, ניט פאַר אייך געדאַכט, טויט קראַנק‟... אַט אַזוי, מיט די ווערטער, זאָג איך צו איהם. איך בין אייך נישט מגזם אויף אַ האָהר אפילו. וואָס האָב איך גערעכענט? איך האָב גערעכענט: אַ מענטשען האָט געטראָפען אַן׳אומגליק, ס׳האָט זיך ביי איהם גע׳סמ׳ט, ניט דאָ געדאַכט, אַ טאָכטער, אפשר וועט זיך ביי איהם צוברעכען דאָס האַרץ, ער וועט רחמנות האָבען אויף אַן׳אָרימען טאַטען? צום סוף: ווער—וואָס? נישט געענטפערט מיר קיין חצי דבור, נאָר אַ קוק געטהאָן מיט די קאַסאָקע אויגען אויף דעם נפש מיט די רויטע פּיסקעס ווי איינער רעדט: „טאָמער וואָלסטו אָבגערוימט פונ׳ם וועג אַט דאָס יודעל?‟ און מיין פּראָפעסאָר איז דערווייל אַריין מיט׳ן טשעמאָדאַנטשיקעל אין קאַרעטע אַריין. נאָך איין מינוט איז אויס פּראָפעסאָר! וואָס טהוט מען דעמאָלט? דערזעהען, אַז דאָס שפּיעל איז פאַר׳ן טייוועל, האָב איך מיך מיישב געווען: יעבור עלי מה, וואָס ס׳וועט זיין וועט זיין, מע דאַרף ראַטעווען אַ קינד! און נעם מיך און מיט האַרץ און — פוץ גלייך אונטער די פערד!... מילא, וואָס זאָל איך אייך זאָגען,—אַז ס׳איז מיר געווען גוט צו ליגען אונטער די פערד?—ווייס איך נישט. איך געדענק ניט אפילו, וויפיעל צייט איך בין געלעגען און צי בין איך גאָר אינגאַנצען געלעגען? עס קאָן זיין, איך בין גאָר ניט געלעגען. איך ווייס נור, אַז עס האָט ניט געדויערט אפילו אַזוי פיעל, וויפיעל איך דערצעהל אייך, איז דער אַלטיטשקער, דער פּראָפעסאָר הייסט עס, שוין געשטאַנען נעבען מיר: „שטאָ טאַקאָיע?‟ און „גאָלובטשיק!‟—איך זאָל איהם אַרויסדערצעהלען אַלסדינג, אַרויסזאָגען וואָס איז מיין בעגעהר, איך זאָל גאָר ניט קיין מורא האָבען. און דער גביר שטעהט ביי דער זייט און קוקט מיך אָן מיט די קאַסאָקע אויגען, און איך רעד! איהר דאַרפט וויסען, אַז קיין גרויסער בעל-דבּרן אויף רוסיש בין איך ניט, נאָר דאָסמאָל האָט מיר גאָט עפּיס אַריינגעגעבען אַזאַ כח און עס האָט זיך גערעדט! איך האָב איהם אויסדערצעהלט אַלסדינג, וואָס ס׳איז ביי מיר אויף דער נשמה. איך האָב איהם געזאָגט: אַזוי און אַזוי, הערר פּראָפעסאָר, אפשר איז דאָס אַ בעשערטע זאַך, אַז איהר זאָלט זיין דער שליח מיר אומקעהרען מיין קינד

מײַן אײַנגאָונגאײַנציגען זוהן, וואָס איז געבליבען בײַ מיר פון זעקס, דעם צו לענגערע יאָהר. און אויב, זאָג איך, עס מוז קאָסטען געלד, פערמאָג איך מײַן אײַגענעם אַ גאַנצען כף=הא'ער, אַ פינפאונצוואַנציגער הײַסט עס, חלילה נישט מײַנער, זאָג איך, ווי קומט צו מיר אַזוי פיעל געלד? דאָס איז מײַן ווײַבס פינפאונצוואַנציגער, זאָג איך, ליעגט אָנגעגרײַט צו פאָהרען אין שטאָדט אַרײַן נאָך סחורה. בין איך מפקיר, זאָג איך, דעם פינפאונצוואַנציגער, חאַפּט דער גוטער יאָהר, מײַן ווײַבס קלײַטעל, אַבי ראַטעווען אַ קינד!... אַזוי זאָג איך און געה און צושפיליע די קאַפּאָטע און וויל אַרויסבעקומען מײַן פינפאונצוואַנציגער. נעמט דער אַלטיטשקער, דער פּראָפעסאָר הײַסט עס, לעגט אַרויף אויף מיר די האַנד: „ניטשעוואָ!“ און הײַסט מיר קריכען אין קאַרעטע, איך זאָל אַזוי דערלעבען טרעפען מײַן זוהן אַ געזונדען, ווי איך זאָג אײַך נישט קײַן ליגען! נו, פרעג איך אײַך, זאָל ער נישט זײַן די כפרה, איציקעל באַראָדענקאָ, מײַן איך, פאַר'ן פּראָפעסאָרס מינדסטען נאָגעל? ער האָט דאָך מיך שיער געקוילעט אָהן אַ מעסער האָט ער דאָך מיך! גוט, דער אויבערשטער האָט אַזוי געפיהרט, ס'איז מיר אָבגעראָטען. און וואָס וואָלט געווען, למשל, ווען חלילה פערקעהרט?... הא? וואָס זאָגט איהר?...

אין וואַגאָן ווערט אַ שטיקעל סומאַטאָכע און מײַן יודעל טהוט זיך אַ וואָרף צום קאָנדוקטאָר:

— קאָרני?

— קאָרני.

— זײַט געזונד און פאָהרט געזונד און זאָגט נישט קײנעם, מיט וועמען איך פאָהר. איך וויל ניט, מע זאָל וויסען בײַ אונז אין קאָרני, אַז איך בין געקומען מיט אַ פּראָפעסאָר. מע וועט זיך צוגויפלויפען!...

אַזוי מאַכט צו מיר דאָס יודעל בסוד=סודות און קוועטשט מיר די האַנד — און מעהר זעה איך איהם נישט.

ערשט אין אַ פּאָר מינוט אַרום, ווען מיר האַלטען שוין בײַ פאָהרען ווײַטער, דערזעה איך דורכ'ן פענסטער טרײַסעלט זיך אַ הינקעדיגער טאַראַנטאַס מיט אַ פּאָר אָבגעבאַרעטע פערזאָרגטע גרויע פערדלעך. אין טאַראַנטאַס זיצט אַ קלײַניטשקער, אײַן אַלטיטשקער, מיט ברילען, מיט יונגע רויטע בעקלעך און מיט אַ גרוי בערדעל, אַקעגען איהם, אין פאַעטאָן, זיצט מײַן יודעל אין אַ זײַט, הענגט ווי אויף אַ פאָדעם, קוקט דעם אַלטיטשקען גלײַך אין די אויגען אַרײַן און העצקעט זיך, און דאָס פּנים בײַ איהם שײַנט, און די אויגען — אָט=אָט שפּרינגען זײ אַרויס.

שאדע, וואָס איך בין ניט קיין פאָטאָגראַף און פיהר ניט מיט זיך קיין אַפּאַראַט. עס וואָלט געוועזן אַ יושר אַראָבצוכאַפּען פונ׳ם יודעל אַ פּאָרטרעט. לאָז די וועלט זעהען, וואָס הייסט אַ גליקליכער מענש — דער גליקליכסטער מענש אין קאָרני.

פאמיליען - ביבליאטעק

שלום-עליכם.

דריטע קלאס.

ווארשא, תרע"ב.

№ 118 פרייז 5 ק.

אריסגאבע „פאָלקס-ביבליאָטעק״, וואַרשאַ.

שלום עליכם:

1) פּעסעלע דעם רבינ'ס 5

ל. שפּירא:

3) דער קוש 5

שלום עליכם:

4) אלמנה נומער 1 5
5) אלמנה נומער 2 5
6) אלמנה נומער 3 5

אברהם רייזין:

7) פערשפּעטיגט 5
9) גוטע ברידער, קאָמעדיע 5

שלום אש:

10) מאָמענטען 15

שלום עליכם:

11) א וויגרישנער בילעט 15
12) שמואל'יק 5
13) יוסף דער רושענטעלמען 10

ד. פּינסקי:

14) די יונגע ליעבע 5

שלום עליכם:

15) שפּרינצע 5

מ. טייטש:

16) דער שפּיאָן 5

שלום עליכם:

17) די יורשים 5
18) מיט'ן צוטאָ 15
19) דער יונגסטער פון די מלכים 5
20) די ערשטע קאָמונע 10
21) חוה 5
22) ערשטע יודישע רעפּובליק 10

יעקב גאָרדין:

23) דער קרבן 5

שלום עליכם:

24) 13 פעראייניגטע שטאַטען 10
25) 13 געפאַנגענע 10
26) עולם הבא 10
27) הונדערט אײנס 5

אברהם רייזין:

28) די ציגײנערין 5

שלום עליכם:

29) ערב-פּסח'דיגע עמיגראַציע 5

גיואי דע מאָפּאַסאַן:

30) שמעון 5

ה. ספּענסער:

31) שלאָף און חלומות 6

ח. דראָשעוויטש:

32) די בעראָנעסע 5

מענדעלע מוכר ספרים.

33) אין יענער צייט 10

לעװ טאָלסטאָי:

34) ועמעס גלויבען איז בעסער? 5

יעקב דינעזאָהן:

35) המן און זיינע טעכטער 5

שלום עלכים:

36) אויף יענער זייט סמבטיון 10
37) א פּסח אין דאָרף 5
38) ל״ג בעומר 5
39) משותלח 5
40) דער זייגער 5
41) א בלעטיל שיר השירים 7
42) א מעשה אָהן אַ'עק 25
43) ווען איך בין ראָטשילד 5

אברהם רייזין:

44) א פּוילישער גלח 5

שלום עליכם:

45) גולנים 6
46) א גרויסע געווינס 8

ג. נאָרין:

47) טאָפּיע 5

שלום עליכם:

48) צוויי טויטע 8
49) דאָס פּאַר פּעלץ 8

יונה ראָזענפעלד:

50) קאָנקורענטען 5

שלום עליכם:

51) מענשען 15

יעקב דינעזאָהן:

52) שמשון שלמה 5

שלום עליכם:

53) בלינצעס 7
54) טביה דער מילכיגער פאָהרט קיין ארץ ישראל 7
55) אסתר 7
56) גאָלד-שפּינערס 5
57) די שטאָדט כתרילעווקע 5
58) פיער ווענען מיר געזעסען 15

ם. מעטערלינק:

59) די דערטרונקענע 5

נ. חענדראָף:

60) פריהער און שפּעטער 5

שלום עליכם:

61) די גרויסע בהלה 15
62) רויבערס און שיכור'ס 6
63) ביים קעניג אחשורוש 5
64) מיין ערשטער ראָמאַן 10

א. פראַנס:

65) דער גאַסען-האַנדלער 10

שלום עליכם:

66) ראַבטשיק 5
67) בערדיטשעווער טראַמוויי 5
68) בערדיטשעווער האָטעלען 8
69) בערדיטשעווער טעאַטער 5
70) בערדיטשעווער שריפות 5
71) די פרעהליכע קאָמפּאַניע 15

א. גערשין:

72) די נעפּעלענע פּרוי 10

אברהם רייזין:

73) רעפּעטיציע 6

דריטע קלאס.

דאס איז, אייגענטליך, שוין נישט קיין געשיכטע, נאר גלאט א שמועס, א פאר ווערטער פאר'ן געזעגענען זיך און אנ'עצה פון א גוּ־טען פריינד.

האלטענדיג ביים צושיידען זיך מיט אייך, פריינדלעווער, ווילט זיך מיר צום סוף, אוים דאנקבארקייט, וואס איהר האט אויסגעהערט פון מיר אזוי פיעל געשיכטעס, מיט עפּיס וואס נוצליך זיין, זאגען אייך עטליכע ווארימע ווערטער פון א פּראקטישען מענשען, פון א קאמיוואיאזשער. הערט מיך אוים און פערשרייבט מיינע ווערטער.

אז איהר פאהרט אין באהן, געוויינטליך א לענגערע שטרעקע, און איהר ווילט וויסען, אז איהר פאהרט, דאס הייסט איהר ווילט הנאה האבען פון אייער נסיעה, זאלט איהר אייך נישט דערוועגען פאהרען נישט I־טע, נישט II־טע קלאס.

מילא פון I־טע קלאס איז אבגערעדט. זאל אייך גאט ־טען! דאס הייסט איך מיין נישט דאס פאהרען. דאס פאהרען אליין איז אין I־טע קלאס אפילו גאנץ נישקשה'דיג. ווייך און גראם און רייך — מיט אלע בעקוועמליכקייטען. איך רעד נישט פונ'ם פאהרען, איך רעד פון די מענשען, פון די פּאסאזשירען. וואס פאר א טעם, פרעג איך אייך, האט דאס פאר א יזדען פאהרען איינער אליין און נישט רע־

רען א ווארט? איהר קאנט דאך אזוי חלילה פערגעסען רעדען! און אפילו אז זיהר טרעפט שוין דארט אמאל א פאסאזשיר איינמאל אין א יובל, איז דאס אדער א גראבער פריץ מיט געשוואלענע באקען ווי ביי א טרובאטש, וואס שפילט אויף א טראמבאן, אדער אנ׳אנגע-בלאזענע דאמע בייז ווי א שוויגער, אדער א שטומער אויסלענדער מיט קעסטעלדיגע הויזען, וואס איז צוגעזאטען געווארען צום פענסטער, נישט אבצורייסען איהם, עס מעג ברענען דער גאנצער וואגאן. מיט אזעלכע פארשוינען אז איהר פאהרט, קומען אייך אלערליי טרויעריגע געדאנקען און נישט ווילענדיג דערמאנט איהר אייך אינ׳ם טויט... צו וואס טויג עס אייך!

אין II-טע קלאס מיינט איהר איז בעסער? איהר זיצט אין איין וואגאן מיט אלערליי פארשוינען, דיזעלבע מענשען דאכט זיך וואס איהר, מיט׳ן זעלבען יצר-הרע, זיי ווילען נעבעך רעדען א ווארט, געהען אום וויסען, וואוהין איהר פאהרט, און פון וואנען איהר זענט, און וואס איהר זענט; נאר מע זיצט ווי די טאגען און מע קוקט איינס אויפ׳ן אנדערן, מע האט אנגענומען א פול מויל מיט וואסער און שא!

פונקט אקעגען אייך זיצט איינער א פראנט מיט א לאנגען נאגעל און מיט שענע וואנסים, וואס איהר וואלט געמענט שווערען, אז ער איז אייך קענטליך, איהר האט איהם ערגעץ געזעהען, נאר איהר ווייסט נישט וואו; עס דאכט זיך אייך, אז ער בעדארף זיין מזרע היהודים, דאס הייסט פון אונזעריגע... נאר גאָה מאך, אז יעגער דבר׳ט נישט! ער האט פערדרעהט די וואנסים ארויף, קוקט אין פענסטער און פייפט!

אויב איהר ווילט אזא פארשוין דערגעהן די יאהרען, בעגראבען, ער זאל קיין תחית המתים נישט אויפשטעהן, זאלט איהר זיך ווענדען צו איהם אויף וואס פאר א שפראך איהר ווילט, בשעת אקעגען זיצען קריסטען, און ווער שמועסט נאך — דאמען. נאר בעסער איהר זאלט איהם א פרעג טון אויף רוסיש:

— יעסלי יא ניע אשיבאיוס, יא אימיעל אודאוואלסטיע וסטריע-טיטסא ס׳וואמי וו׳בערדיטשעוויע?... אויף אונזער לשון וועט עס הייסען אזוי גוט ווי: „אויב איך בין מיך נישט טועה, האב איך גע-

האט דאס פערגניגען זיך צו טרעפען מיט אייך אין בערדיטשעוו?.."....
דאס איז ערגער טויזענד מאל ווי אין טאטען אריין געשאלטען!

אדער אויב איהר טרעפט זיך אויף מיט אזא פארשוין ערגיץ אין פאדאליען אדער אין וואהלין, קאנט איהר אנהויבען צו רעדען מיט איהם אויף פויליש:

— פשעפראשאם פאנא! יעזשעלי סיען ניע מיליען זגאלעם איטצא פאנא ז׳יארמעלינצאו קטורי ביל וו׳לאסקאך או יאסנאוועלמאזש-נעגא פאטאצקעגא?... אויף יודיש גערעדט, וועט דאס הייסען: „איך בעט אייער אייער כבוד, אויב איך האב קיין טעות, בין איך געוועזען בעקענט מיט אייער פאטער פון יארמעלינעץ, ער איז געוועזען א חשוב ביים גראף פאטאצקי..." קיין גרויס בעליידיגונג איז דא טאקי נישט פארהאן, נאר יארמעלינעץ איז א חשוב ביים גראף פאטאצקי שמעקט מיט „יוד"... נאר שא! אט וועל איך אייך בעסער דערצעהלען א געשיכטע, וואס איך אליין בין געוועזען דערביי.

דאס איז געוועזען אין קוריערצוג. נישטא קיין III-טע קלאס, בין איך באין ברירה געפאהרען II-טע קלאס. אקעגען מיר האב איך גע-האט א פארשוין, ספק יוד ספק קריסט. נאר דאכט זיך מעהר יוד איידער קריסט... און אפשר? ווער קאן עס וויסען? א שענער יונג, א געגאלטער, אנגעטאן ווי א ספארטסמען, מיט א שווארצען פאס אויף די ווייסע הויזען, און א קאוואליער. פארוואס זאג איך א קא-וואליער? — ווייל ער האט די גאנצע צייט זיך געדרעהט ארום א שענע „באַרישניע", א פריילין מיט א הויכען שיניאן און מיט א פענס-נע אויף א קליין אויסגעטאקט נעזעל. בעקענט האט מען זיך טאקי דא אין וואגאן און גיך געווארען בעפריינדעט. זי האט איהם מכבד געוועזען מיט שאקאלאד און ער האט זי אמוזירט פריהער מיט ארמעני-שע און דערנאך מיט יודישע אנעקדאטען, און ביידע האבען געקייכט פאר געלעכטער. און דערהויפט האט מען געלאכט פון די יודישע אנעקדאטען, וואס דער פארשוין האט דערצעהלט מיט אזא געשמאק, ווי עס ווערט דערצעהלט צווישען קריסטען, גאר נישט געקוקט דערויף, וואס טאמער בין איך א יוד און געפין מיך בעליידיגט... קורץ דער ראמאן איז ביי זיי געגאנגען ווי אויף פוטער. ער איז שוין אויסגע-וואקסען נעבען איהר (פריהער איז ער געזעסען אקעגען איהר) און פערקוקט איהר אין די אויגען אריין, און זי האט זיך געשפיעלט מיט׳ן קייטעל פון זיין זייגערל, וואס איז געווען אריינגעשטעקט אינ׳ם

שווארצען פּאַס אויף די ווײַסע הויזען. פּלוצים פון וואַנען האָט זיך גענומען, אויף אַ סטאַנציע — איך האָב שוין פערגעסען דעם נאָמען — קומט אַרײַן אַ הינקענדיגער יוד, אַ געלער, אַ פערשוויצטער, מיט אַ ווײַסען פּאַראַסאָל, שטרעקט אויס די האַנד צו מײַן ספּאָרטסמען מיט'ן שווארצען פּאַס אויף די ווײַסע הויזען, און רופט זיך אָן צו איהם פּשוט אויף אונזער יודיש לשון:

— נאַט אײַך אָב שלום. איך האָב אײַך דערקענט דורכ'ן פענס־טער. איך קאָן אײַך אָבגעבען אַ גערוס פון אײַער פעטער זלמן פון מאַנעסטרישטש...

פערשטעהט זיך, אַז אויף דערזעלבער סטאַנציע איז מײַן ספּאָרטס־מען נעלם געוואָרען און די „באַרישניע" איז געבליבען אַליין. דערמיט ענדיגט זיך אָבער נאָך נישט די געשיכטע. מײַן „באַרישניע" — שוין געווים אַ קריסטין, ווארום אַז ניט וואָס האָט דער ספּאָרטסמען בע־דאַרפט אַנטלויפען? — האָט אין עטליכע סטאַנציעס אַרום גענומען פּאַקען זיך, נישט אויסגערעדט צו מיר אַ וואָרט, אפילו נישט אַ קוק נעגעבען אין מײַן ווינקעל אַרײַן, גלײַך ווי איך בין גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. אויף דער סטאַנציע, וואו זי איז אַראָב, האָבען זי אָבגעוואַרט אַ שענער יוד אַ פּאַטריאַרך מיט אַ באָרד, וואָס זעהט אויס ווי אַ מין אברהם אבינו, און אַ יודענע אַ פּאַרשוין מיט אַ פּאַ־ריק און מיט גרויסע דימאַנטען אין די אויערן. „ריווענין! טעכטע־רעל!" האָבען אויסגערופען דאָס אַלטע פּאָר־פאָלק און געפּאַלען דער טאָכטער אויפ'ן האַלז מיט טרעהרען אין די אויגען.

קיין פירוש צו דער געשיכטע בעדאַרף איך אײַך נישט מאַכען. איך האָב אײַך נאָר געוואָלט בעקענען מיט די פּאַרשוינען, וואָס מע בעגעגענט אין II־טע קלאַס און בעווײַזען, אַז איהר דאַרפט נישט פאָהרען II־טע קלאַס, ווארום אין II־טע קלאַס זענט איהר אַ־פרעמ־דער, צווישען אײַגענע אַ פרעמדער...

אָבער אַז איהר פאָהרט III־טע קלאַס, זענט איהר בײַ זיך אין דערהיים. און ווער שמועסט אַז אין וואַגאָן זענען נישטאָ קיין אַנדע־רע, נאָר אחינו בני ישראל — זענט איהר שוין צופיעל אין דער־היים. אמת, III־טע קלאַס איז נישט אזוי בעקוועם, אַ פּלאַץ דאַרפט איהר פערכאַפּען מיט געוואַלד; עס איז אַ געווימעל, אַ געטומעל, אַ האַרמידער מיט אַ הו—האַ; איהר ווייסט ניט, וואו זענט איהר און וואו זענען אײַערע שכנים?... דערפאַר אָבער ווערט איהר גיך בע־

קענט איינס מיט'ן אנדערן; אלע וויסען, ווער איהר זענט, וואוהין איהר פאהרט און וואס איז אייער טועלין; און איהר וויסט אלע־מען — ווער זיי זענען, וואוהין זיי פאהרען און וואס איז זייער טועלין. ביינאכט פערשפארט איהר שלאפען, ווארום איהר האט מיט וועמען צו רעדען; און אז איהר רעדט נישט, רעדען זיי און לא־זען אייך נישט שלאפען. און וואס איז דאס טאקי פאר א שלאפען פלוצים גאר אין וואגאן? דאכט זיך גלייכער אז מע קען רעדען מיט א מענשען, ווארום אז מען רעדט דערערדט מען זיך. איך זאל הא־בען די גליקליכע יאהר, וויפיעל מאל עס מאכט זיך, אז פון אזא רעדען אין וואגאן מיט ווילדפרעמדע מענשען ווערט געשלאסען א גע־שעפט, פיקט זיך אויס א שדוך, אדער מע ווערט גלאט געוואהר א זאך וואס קומט צונוץ.

למשל רעדען פון דאקטוירים, מאגען־קאטאר, „לימאן”, ציינהנ־וועהטאג, נערוועןֿ, קארלסבאד, וכדומה איז שוין דאכט זיך גאר פוסטע רעד, איא? פונדעסטוועגען האט זיך מיט מיר אליין געטראפען א געשיכטע. איך בין אמאל געפאהרען מיט א קאמפאניע יודען, מע האט גערעדט פון דאקטוירים און פון רעצעפטען. איך האב דעמאלט שטארק געליטען, ניט פאר אייך גערעדט, אויפ'ן מאגען, האט מיר איינער, א קאמעניצער יוד, געגעבען זיינע א רפואה, א פראשעק אזעלכען. דעם ראזיגען פראשעק, זאגט דער קאמעניצער, האט ער דוקא נישט פון א דאקטאר־מעדעצין, נאר פון א ציינהן־דאקטאר א דאנטיסט, אבער אנ'אויסגעצייכענטער פראשעק, זאגט ער, א געלער פראשעק. דאס הייסט דער פראשעק אליין, זאגט ער, איז א ווייסער, ווי אלע פראשקעס, נאר אין א געל פאפירעל. און געשווארען האט מיר דער קאמעניצער יוד ביי זיין געזונד און ביי זיין ווייב און קינ־דער, אז נאר דעם געלען פראשעק האט ער צו פערדאנקען, ווען ניט דער געלער פראשעק, זאגט ער, וואלט ער איצט געווען שוין ע־הע־הע! קיין סך פראשקעס, זאגט ער, דארף איך ניט. צוויי דריי פראשקעס, זאגט ער, — און איהר ווערט גענעזען. אויס מא־גען, זאגט ער, אויס דאקטוירים, אויס געלדפרעסער, אויס בלוטצא־פערס, א רוח, זאגט ער, אין זייער טאטענס טאטען אריין! אויב איהר ווילט, זאגט ער, קאן איך אייך געבען א צוויי־דריי פראשקעס פון'ם געלען פראשעק. איהר וועט מיר, זאגט ער, זאגען א דאנק...

בקיצור, איך בין געקומען אהיים, און האב איינגענומען איין

פראשעק, דעם אנדערן, דעם דריטען, איז מיר געווארען, נישט באלד, נאר שפעטער, ארום האלבע נאכט, ניט פאר אייך גערעכט, אזוי, אז איך האב געפאכט מיט דער נשמה, איך האב געמיינט ס'איז אנ'עק פון מיין לעבען! מע האט מיר געבראכט א דאקטאר, צוויי דאקטוירים, קוים אבגעראטעוועט מיך פון טויט... פון דעמאלט אן ווייס איך שוין א פראקטיקע, אז א קאמעניצער יוד ניט אייך זיינע א רפואה געלען פראשעק — זאל א רוח אין זיין טאטען ארין!.. אלסדינג אויף דער וועלט קאסט רבי-געלד!

אז איהר פאהרט III-טע קלאס און עס קומט אין דערפריה און איהר האט נישט מיט זיך קיין טלית ותפילין, זאלט איהר קיין יסורים נישט האבען — אבי איהר ווילט נאר, וועט מען אייך שוין בעזארגען מיט א טלית און מיט תפילין און מיט אלסדינג. דערפאר אבער אז איהר האט זיך אבגעפארטיגט, עפענט אויף זייט מוחל אייער טשעמאדאנטשיקעל און הויבט אן אויסלעגען וואס איהר האט: בראנפען איז בראנפען, קיכלעך איז קיכלעך, אייער איז אייער, פולקע איז פולקע, פישעל איז פישעל. טאמער געפינט זיך ביי אייך אנ'עפעל, א מאראנץ, א שטיקעל שטרודעל — נעמט ארויס, לעגט אנידער, שעמט זיך ניט! אלע וועלען מיט אייך פערבייסען, קיינער וועט זיך ניט אבזאגען! אונטערוועגענס און בקאמפאניע, פערשטעהט איהר מיך, עסט זיך גאר מיט אנ'אנדערן אפעטיט... ווער שמועסט אז איהר פיהרט מיט זיך א גלעזעל משקה, האט איהר בעלנים א סך און מבינים אויף א גלעזעל ווין אהן א שיער. איטליכער וועט אייך אנרופען דעם ווין מיט אנ'אנדער נאמען און שאצען אנ'אנדער מקח: ביי איינעם וועט ער הייסען א „בעסאראביער מושקאט", דער אנדערער וועט איהם א נאמען געבען „אויסלענדישער אקערמאן". וועט אויפשטעהן א דריטער און וועט זאגען מיט כעס: „וואסער מושקאט! וואסער אקערמאן? ס'איז גאר א „קאוועשאנער באררא"! וועט אויפשטעהן נאך איינער, פון א ווינקעל גאר, מיט א שמייכעל פון אנ'אמת'ן מבין, אוועקנעמען ביי אייך דאס גלאז, ווי איינער רעדט: „בהמות שפארען זיך — אויף א גלעזעל ווין לאזט מיך!.." און נאכדעם ווי ער וועט האבען אבגעזופט א פאר מאל, וועט ער א זאג טון און די בעקלעך וועלען איהם בעת מעשה זיין פערפלאמט ווי ביי א בעל שמחה:

— ווייסט איהר, יודען, וואס דאס איז? ניין, איהר ווייסט

גיט וואס דאס איז. דאס איז געבאך, א פראכטער, אנ'ערליכער, א בעל־הבתישער, א כשר'ער, א ריינער ווימאראזינג פון באררדיטשעווער...

און אלע געפינען, אז ער האט רעכט, אז ס'איז אנ'אמת'ער א באררדיטשעווער ווימאראזינג. און אז מע נעמט צו ביסליך „ווימאראזינג" ווערט ביי אלעמען די צונג אויפגעבונדען. דעמאלט הויבט איטליכער אן דערצעהלען אלסדינג וואס עס טהוט זיך ביי איהם, און אויסמאפען אלסדינג וואס ביי יענעם טהוט זיך. אלע רעדען, אלע אינאיינעם, כל ישראל חברים. און מע ווערט געוואהר איינס ביי דעם אנדערן כל הצרות מיט רדיפות מיט אלע גזירות וואס עס טוט זיך אב אויף דער וועלט — ס'א מחיה!

אז איהר פאהרט III־טע קלאס ערגיץ אין א שטאדט אריין און ווייסט נישט, וואוהין איהר זאלט פערפאהרען, בעדארפט איהר נאר א פרעג צו טון ביים עולם, צי ווייסט נישט עמיצער עפיס אנ'אנשטענדיגע סטאנציע? איז וויפיעל יודען עס פאהרען מיט אייך אין וואגאן, אזוי פיעל סטאנציעס און האטעלען האט איהר. איינער גיט אייך אנ'אדרעס: „האטעל פראנקפורט" און לויפט דאס אייך אב אין טאג אריין: „האטעל פראנקפורט, זאגט ער, איז ליכטיג און צילטיג און ווארים און ביליג בזול הזול". געפינט זיך באלד א צווייטער און זאגט אייך: „האטעל פראנקפורט? זאל אייך גאט היטען! ס'איז דארט פינסטער און שמוציג און קאלט און טייער מיט גאלד גלייך! אויב איהר ווילט, זאגט ער, האבען הנאה, זאלט איהר זיך אבשטעלען אין האטעל נעוויארק!" חאפט זיך ארויס א דריטער און זאגט: „וואס ווילען זיי טון אין האטעל נעוויארק? זיי האבען זיך פערבייגקט נאך וואנצען? הערט נישט, וואס מ'וועט אייך זאגען פראנקפורט, נעוויארק! פאלגט מיך, גיט אהער דאס פעקעל אייערס, ווילען מיר אינאיינעם פערפאהרען צו מיר אויף מיין אכסניה, אין האטעל ראסיא — דארט שטעהען יודען!..."

אודאי בעדארפט איהר אייער טשעמאדאנטשיק גוט האבען אין זינען, מע זאל עס חלילה, צווישען יא און ניין, ביי אייך נישט אבגרעדען... נאר איך בעט אייך — וואו גנב'עט מע ניט היינטיגע צייטען אין אונזער געבענשטער מדינה? בעגנב'עט ווערען איז, אויב איהר ווילט וויסען, מעהר ניט אז א בעשערטע זאך. אז עס וועט אייך זיין בעשערט, וועט מען אייך בעגנב'ענען אין מיטען העליג

טאג וואו איהר שטעהט און געהט, עס וועט אייך ניט העלפען קיין פאליציע, קיין זשאנדארען, קיין שמע ישראל. איהר חעט בענשען גומל, או איהר וועט ארויס מיט'ן לעבען...

קורץ פאהרען זאלט איהר דריטע קלאס. דאס האט איהר א צואה פון א גוטען פריינד און פון א פראקטישען מענשען, — א קאמיוואיאזשער.

טריעזו

ענדע.

דער טלית קטן.

— איהר רעדט פון די אומגליקען, פון די היינטיגע שרפות רעדט איהר. איהר ווילט הערען א מעשה, ווי אזוי מען נעהמט א הונ־דערטער אויף די נשרפים ביי א נגיד א קמצן, א חזיר, א נהרג על פחות משוה פרוטה, וואס האט אויף זיין לעבען קיין נדבה ניט גע־געבען?

אזוי האט זיך אנגערופען צו מיר מיין וויז־א־ווי אין וואגאן איינ־מאל אין דער־פריה, נאכ׳ן איבערבייסען, און האט פעררויכערט א פאפיראס און מיר אויך געגעבען פעררויכערען.

עס האט אויסגעוויזען, אז די מעשה, וואס מיין וויז־א־ווי האט זיך געקלייבען מיר דערצעהלען, האט איהם אליין הנאה געטהון, שטארק הנאה געטהון. ווארום איידער ער האט נאך אנגעהויבען צו דערצעהלען, האט ער זיך שוין צולאכט, ווי א מענש, וואס האט זיך דערמאנט אן זעהר א לאכענדיגע זאך. ער האט אזוי געשמאק געלאכט, אז ער איז זיך אוש פערגאנגען. אזא מענשען איז גלייכער, אז מע לאזט איהם פריהער זיך אויסלאכען, ווי עס געהער צו זיין, אניט וועט די מעשה האבען א פנים פון חוזק. דערנאך האט זיך מיין וויז־א־ווי אויסגעהוסט און אנגעהויבען בזה הלשון:

— איך האב אייך שוין איבערגעגעבען פון אונזער שטאדט א שען ביסעל טיפען. איצט האב איך פאר אייך נאך א טיפ. יואל טאש־קער רופט מען איהם. איהר זאלט אנקוקען א יודעל, קיין דריי צע־

בראַכלענע פירער וועט איהר פאַר איהם ניט געבען. א קליינס, א דאַרס, א טרוקענס, א בערדעל א שיטערס, און אַז סע געהט, לויפט עס, און א הילוך — וואו איהר האָט ערגיץ א שונא! חאָטש אפילו א נגיד. וואָס זאָג איך — א נגיד? א גביר, אַנ'אדיר, אַ מיליאָנטשיק. דאָס הייסט, איך האָב זיינע מיליאָנען, לאָז זיך אייך דאַכטען, נישט געצעהלט. מעגליך, אַז ער פערמאָגט טאַקי אַ מיליאָן, און מעגליך, אַז עס פעהלט איהם אַ סך צו אַ האַלבען מיליאָן. נאָר וויפיעל ער האָט, איז ער דאָס, גלויבט מיר, ניט ווערטה. ווארום דער מענש איז אַ חזיר. ביי איהם אַרויסרייסען אַ נדבה — איז בקריעת ים-סוף. ס'איז גאָר נישטאָ דער בעטלער, וואָס זאָל געדענקען, אַז יואל טאַשקער זאָל האָבען ווען געגעבען אַנ'אָרימאַן אַ שטיקעל ברויט אפילו. און שטאָרט קען מען איהם שוין, דעם פאַרשוין, אַזוי, אַז עס מאַכט זיך, מע גיט אַנ'אָרימאַן אַ נדבה און ער קריוועט זיך, זאָגט מען איהם: „געהט, זייט מוחל, צו יואל טאַשקער, וועט מען אייך געבען מעהר". אָט אַזאַ מין נגיד איז דאָס. אפשר מיינט איהר, חלילה, אַ גזלן, אָדער אַ גראָבער יונג, אָדער אַזוי אַ נחות-דרגא? — ניין. דוקא אַ טאַטענס אַ קינד, און דוקא אַ יוד, וואָס קאָן לערנען, און דוקא אַזוי זיך, אַ גאַנץ ערליכער. יענעמס ניט זאַטשעפּען. אַבי מע זאָל זיינס ניט אָנריהרען. שלי שלי שלך שלך — איהר פערשטעהט, צי ניין? זיין געשעפט — ער איז אַ בעל הלואה — און האָט הייזער און האַנדעלט מיט פריצים. טאָג-ווי-נאַכט פאַרטאַרעמט. פאָהרט אַרום, לויפט אַרום, עסט ניט, שלאָפט ניט, פערגינט זיך ניט האַלטען אַ מענשען, אומעדום אַליין, ניט קיין קינד, ניט קיין רינד, דאָס הייסט, ער האָט געהאַט קינדער אויך, נאָר דער רוח ווייסט וואָס. האָט ער זיי צוטריבען. זיי זענען אין אַמעריקא, זאָגט מען. דאָס ווייב איז איהם געשטאָרבען, האָט ער גענומען און צוטריבען די קינדער. און געשטאָרבען איז זי, זאָגט מען, ביי איהם פון הונגער. נאָר מסתמא איז דאָס אַ ליגען. און אפשר איז דאָס אַנ'אמת. אַ סימן — ער האָט זיך מיט'ן אַנדערען ווייב אויף דער צווייטער וואָך געג'גט. טרעפט איבער וואָס? איבער אַ גלאָז מילך. חאַ-חאַ, ווי איהר זעהט מיך אַ יודען! ער האָט זי געחאַפּט איינמאָל מיט אַ קריגעל מילך, מאַכט ער צו איהר: „ממה-נפשך — טרינקסט דו מילך, ווייל דו האָסט די טשאַכאָטקע, וואָס-זשע דאַרף איך דיך? אלא טרינקסט דו גלאַט אַזוי מילך, הפקר-ציבעלעס — ביזט דו דאָך אַנ'אויסברענגערין!...

דערפאר האט ער איין מעלה (א מענטש מיט סאמע חסרונות איז גישטא): ער איז פרום. פרום מיט סכנת נפשות! מילא, ווילסט דו דיר זיין פרום, זיי דיר פרום, וועמען אהרט עס? ניין. ווילט זיך איהם, אז די גאנצע וועלט זאל זיין פרום. גאט'ס סטראפטשע. ער קאן נישט ליידען, אז א יוד געהט אהן א היטעל; איז אין כעס, למאי יונגע ווייבלעך טראגען אייגענע האר, און קוילעט זיך מיט די עלטערן, וואס געבען זייערע קינדער אין די גימנאזיעס, און נאך אזעלכע זאכען.

בעדארף גאט פיהרען מסתמא אזוי, אז ביי איהם אין הויף וואונט א שכן, אנ'אדוואקאט פון די אמאליגע אדוואקאטען. א טשאסט־נין פאווערענע, הייסט עס. און גראד נישט אזא גרויסער ירא־שמים. געהט אהן א היטעל, גאלט זיך דאס בערדעל, פערראיכערט שבת א פאפיראס. אלסדינג ווי עס געהער צו זיין. לאז זיך אייך דאכטען, טאקי וואס אין דער קארט. קאמפאניעוויטש רופט מען איהם. א נפש א הויכער, א ברייטער, א ביסעל אנ'איינגעבויגענער, מיט איינגעפא־לענע באקען, מיט ממזר'ישע אויגען, גאר א שמילער, א שוויגענדי־גער, א פערבארגענער הולטיי. לעבען לעבט ער מעהר פון קארטען ווי פון אדוואקאטור, און צו איהם קומען זיך צונויף אלע וואוילע יונ־גע לייט, וואס האבען ליעב א קערטעל, א קאלבאס און נאך אזעלכע זאכען... מילא, איז אויך די אייגענע מעשה; עס זיצט ביי דיר א שכן ניט אזא צדיק — וואס געהט עס דיך אן? איך מיין דעם יואל טאשקער מיין איך. וועסט דו מיט איהם קיין שידוך ניט טהון. וואס קאן דא זיין? ניין. קאן ער נישט איבערטראגען, טאשקער הייסט עס, למאי מע שטעלט ביי קאמפאניעוויטש'ען דעם סאמאוואר אום שבת? למאי מע קאכט ביי קאמפאניעוויטש'ען א פליישיגען ווארימעס אום תשעה באב? לאי מע טובל'ט ניט ביי קאמפאניעוויטש'ען דאס נייע געפעס אויף פסח? און נאך אזעלכע זאכען. פייערט ער אויפ'ן שכן, רעדט אויף איהם המן'ס מסירות, דערצעהלט פאר איטליכען הויך, בקול רם: „האט איהר געהערט א ביסעל אנ'עזות פון א משומד? זיצט ביי מיר אין שכנות און שטעלט א סאמאוואר אום שבת!" — דערהערט דאס קאמפאניעוויטש, הייסט ער שטעלען איבעראלטאג שבת צוויי סא־מאווארען. ווערט אונזער יואל שיער ניט צעפיקעט, בעקומט, לאז זיך אייך דאכטען, כמעט די אפאפלעקסיע. מענש איינער! נעהם און זאג איהם אפעט פון דער דירה, וועסט דו פטור ווערען פון א צרה —

מהוט איהם באנג דער שכן. ער צאהלט, זאגט ער, דירה-געלד בע-סער פון אלע שכנים, הא-חא.

האב איך אייך שוין בעקאנט געמאכט מיט צוויי טיפען, איצט בעדארף איך אייך פארשטעלען א דריטען פארשוין, פרויקע שייגעץ הייסט ער. אויך א טיפ און שפיעלט אויך א ראל אין דער געשיכטע, וואס איך דערצעהל אייך, דאס הייסט, פון איהם טאקי נעהמט זיך די גאנצע מעשה.

דער דאזיגער פארשוין איז, לאז זיך אייך דאכטען, אזא מין טיפ. אליין איז ער א יונגער מאן, וואס ווערט אנגערופען א „מעורב עם הבריות״. לאז זיך אייך דאכטען, האלב חסיד, האלב פראנצויז. א קאפאטע א לאנגע, נאר א קאפעליושעל אויפ'ן קאפ. א העמד א ווייס, א שניפסעל א רויטס, נאר א ציצה פונ'ם טלית-קטן דארף מען ארויסזעהען. אין שטאדט רעדט מען אונטער אויף איהם: עפעס א ווייבעל אנ'אשת-איש, זאגט מען... נאר אין שול אריין לויפט ער פייל אויסען בויגען, מיט איינעם ווארט, ער איז אט דאס, וואס מע רופט ביי אונז „א גאט'ס גנב״. מיט וואס בעשעפטיגט ער זיך — ער איז א פראמילניק, א מעקלער פון געלד, פון הלואות, פון וועקסלען. דורך זיינע הענד געהט דורך געלד — טויזענדער און טויזענדער. קיינעם האט טאשקער ניט געגלויבט אזוי ווי אט דעם פרויקען. קומט צו א הלואה, האט ער מורא ארויסצולאזען א הונדערטער פון די הענד. נאר קוים האט פרויקע געזאגט, אז מע מעג לייהען, איז ניטא וואס צו רעדען. אפשר מיינט איהר, אז דער פרויקע איז אין געלד-זאכען טאקי אזא צדיק? בין איך אייך נישט ערב. ער איז נאר א קלוגער, א דורכגעטריבענער, א ממזר בן הנדה, און לאז זיך אייך דאכטען, א גרויסער עזות-פנים. צו איהם אין מויל אריינפאלען איז ווי אין גיהנם. איהר קאנט פערשטעהן, אז הייסען הייסט ער אפרים קאץ און רופען רופט מען איהם, חא-חא, פרויקע שייגעץ.

האט איהר אייך שוין אלע דריי טיפען. דארף זיך טרעפען א מעשה, עס הויבט זיך אן דער זומער מיט די שרפות און עס ברענט אב דראזשנע — א גאנצע שטאדט, ניט דא געדאכט, און עס הויבען אן צו געהן פון דארטען בריעף, יללות, דעפעשען — מען זאל ארויס-שיקען וויפיעל מען קאן און וואס גיכער, ווארום א גאנצע שטאדט מיט יודען, ניט פאר אייך געדאכט, ליעגען אין דרויסען, און געהען אויס פון הונגער. מילא, ווערט דאך ביי אונז א ויצעקו אין שטעדטעל;

„יודען, רחמנים בני רחמנים! וואס שווייגט מען? פארוואס טהוט מען
עפּעס ניט?" — אהין־אהער, עס בלייבט, אז מע שיקט ארוים א דע-
פוטאציע איבער דער שטאדט קלויבען נדבות. מי ומי — ווער איז די
דעפּוטאציע? מסתמא איך, און נאך צוויי־דריי ארענטליכע בעלי־בתים
פון די פיינסטע, און לאז זיך אייך דאכטען, פרויקע שיינעץ בתוכם,
ווארום צו די זאכען דארף מען האבען אנ׳עזות־פנים. און מע נעהמט
א פּאטשיילע און מע געהט קלויבען געלד. וואוהין געהט מען פריהער?
געוועהנטליך, צו די נגידים. געקומען צום נגיד, צו יואל טאשקער,
„גוט מארגען, ר׳ יואל!" „גוט מארגען, גוט יאהר. וואס וועט איהר זאגען?
זיצט". גאר פיין, וואס פיינער קאן שוין גאר ניט זיין, ווארום אזוי איז
דער טאשקער, דארפט איהר ווימען, דוקא א גאסטפריינדליכער פארשוין.
איהר וועט אריינקומען, וועט ער אייך אויפנעהמען פאר א גאסט, הייסען
דערלאנגען א בענקעל, בעטען זיצען, מיט אייך רעדען, פיין, שען, ביז
איהר רעדט ניט מיט איהם פון קיין געלד. און הויבט איהר אן רע-
דען פון געלד, אזוי בייט זיך איהם איבער דאס פנים, איין אויגעל
מאכט זיך ביי איהם צו פון זיך אליין, און די לינקע באק, ניט אין
מיין מאס, ווערט ביי איהם איינגעצויגען, ווי ביי א מענש, וואס האט
געהאפּט דעם פאראליטש. ס׳איז א רחמנות, זאג איך אייך, דערמאלט
אויף איהם צו קוקען, אט אזא טיפּ איז דאס.

אלזא, וואו האלטען מיר אין די יוצרות? יא, זענען מיר גע-
קומען צו טאשקער׳ן, די דעפּוטאציע, הייסט עס. „גוט מארגען, רב
יואל". „גוט מארגען, גוט יאהר. זיצט. וואס וועט איהר זאגען?"
„מיר זענען געקומען צו אייך נאך א נדבה". האט זיך ביי איהם צו-
געמאכט אנ׳אויגעל אין א ציוה געטהון, ניט אין מיין מאס, די באק:
„א נדבה? פלוצים, אין מיטען דערינען, א נדבה?"... רופט זיך אן
צו איהם פרויקע, ער איז דאך דער עזות פנים: „א נויטיגע נדבה, רב
יואל, זעהר א נויטיגע. איהר האט שוין געהערט מן הסתם. א גאנ-
צע שטאדט, ניט דא געדאכט, אבגעברענט געווארען. דראזשנע..."
„וואס רעדט איהר? דראזשנע אבגעברענט געווארען? פערפינסטערט
בין איך געווארען! ס׳טייטש, איך האב דאך צו שטעקען אין דראזש-
נע מיט אזוי פיעל געלד! בדיל־הדל!"... הויבט איהם אן פרויקע
אויסרעדען דאס הארץ, אז זיינע קאמיטענטען האט דאס ניט געשאדט,
אז אנגעריהרט האט דאס נאר די ארימע לייט. נאר גאה רעד, אז
יענער וויל ניט הערען. ברעכט די הענד, לויפט ארום איבער׳ן

שטוב, ווי אַ משוגענער, און שרייט אין איין קול: „אומגליקליך! כדיל-הדל! איהר זאָלט מיט מיר גאָר ניט רעדען אַצינד! איהר האָט מיר דער'הרג'עט מיין קאָפּ! איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען!“...

געזעסען, געזעסען, האָבען מיר זיך אויפגעהויבען: „אַ גוטען טאָג, רב יואל“, אַ קוש די מזוזה — און מיר געהען ווייטער. אַרויסגעגאַנגען פון דאָרטען, רופט זיך אָן צו אונז פּרויקע שײַגעץ: „הערט איהר, יודען? זאָל מיין נאָמען ניט הייסען אפרים קאַץ, אויב איך שלעפּ ניט אַרויס בײַ אָט דעם כלב קיין הונדערטער אויף די דראָזשנער נשרפים!“ „וואָס רעדסט דו, פּרויקע, ביזט משוגע?“ „וואָס אַהרט אײַך? אַז איך זאָג אײַך, איך נעהם געלד, מעגט איהר זיך שוין פערלאָזען — איך הייס אפרים קאַץ“.

כך הוה. וועט איהר הערען ווייטער. אין אַ פּאָר טעג אַרום פאָהרט מיט דער באַהן אונזער נגיד רב יואל טאַשקער קיין טאָלטשין אויפ'ן יאַריד, און דער שכן זיינער, קאָמפּאַניעוויטש, פאָהרט אויך, און אַ פולער וואַגאָן, און מע רעדט, מע שמועסט, אַלע אינאיינעם, ווי געווערהנטליך. גאַנץ בעזונדער, אין אַ ווינקעלע, זיצט זיך יואל טאַשקער פערשטעקט, קוקט אַריין מיט איין אויגעל אין אַ „חק-לישראל“, ווי געווערהנטליך. וואָס געהער ער זיך אָן מיט די אַלע יודען? ובפרט, מיט אָט דעם הולטיי קאָמפּאַניעוויטש, וואָס ער קאָן זיין געגאָלט פּנים ניט אָנקוקען. נאָר, ווי אויף צו-להכעיס, האָט זיך אָט דער קאָמפּאַניעוויטש אַוועקגעזעצט אַקוראַט אַקעגען איהם און שווייגט. רבונו של עולם, — טראַכט זיך יואל, — ווי אַזוי ווערט מען פּטור פון אָט דעם טרפניאַק? אַריבערגעהן אין צווייטע קלאַס — איז אַן עבירה געלד. בלייבען דאָ — קאָן ער ניט צוזעהען אָט די געגאָלטע מאָרדע מיט די ממזר'ישע אויגען. בקיצור, גאָט האָט געטהון אַ נס, אויף דער ערשטער סטאַנציע טראָגט אָן גאָט אַ בעקאַנטען, לאָז זיך אײַך דאַכטען, טאַקי פּרויקע שײַגעץ. אונזער טאַשקער האָט דערזעהן פּרויקע'ן, האָט ער זיך ממש מחיה געווען. אַ נייע הויט אויף איהם געקומען. עס וועט זיין מיט וועמען צו רעדען אַ וואָרט. „וואוהין פאָהרט איהר?“ „וואוהין פאָהרט דאָס אַ יוד?“ — מע האָט זיך צורעדט. פון וואָס? נעכטיגע טעג, לאָקש-בוידעם-ציבעלע, אויפ'ן הימעל אַ יאַריד. אַהין-אַהער, מע איז אַרויף אויף אַ שמועס, וואָס יואל טאַשקער האָט דאָס ניט פיינד: „היינטיגע קינדער, פּוסטע בחורים, אויסגעלאַסענע טעכטער, הפקר אַ וועלט“. פּרויקע שײַגעץ האָט אויפגעמישט אַן אַלטע מעשה מיט דער אומאַניער שנור,

וואָס איז אַנטלאָפֿען מיט אַנ׳אָפּיצער . און אַ מעשה מיט אַ בחור ,
וואָס האָט חתונה געהאַט אין צוויי שטעדט . און נאָך אַ מעשה מיט אַ
יונגעל , וואָס האָט ניט געוואָלט לעגען קיין תפלין , האָט איהם דער
טאַטע געשלאָגען , האָט ער איהם געשלאָגען צוריק . „געשלאָגען צו-
ריק ? אַנ׳אייגענעם טאַטען ? !״ — און עס ווערט אין וואַגאָן אַ טומעל .
אַלע ווערען אויפגערעגט , און מעהר פון אַלעמען אונזער יואל טאַש-
קער : „מיינע ווערטער , חע־חע ! געוואָרען אַ הפקרות ! יודישע קינדער
ווילען ניט דאַוונען ! ווילען ניט לעגען קיין תפלין !״ . . . „תפלין לע-
גען בין איך אייך מוחל ! — רופט זיך אָן פּלוצים קאָמפּאַניעוויטש ,
וואָס האָט די גאַנצע צייט ביז אַהער געשוויגען . — תפלין קאָנט איהר
אייך יאָ לעגען און ניט לעגען . דאָס אַהרט מיך ניט . מיך אַהרט אַ
סך מעהר דער טלית־קטן . מיך ברענט אויף אונזערע יונגע־לייט , פאַר-
וואָס זיי טראָגען ניט קיין ארבע־כנפות . מילא , תפלין — איז אַנ׳אַר-
בייט : מע דאַרף זיי אָנטהון , מע דאַרף זיי אויסטהון . אָבער טראָ-
גען אַ טלית־קטן ערגיץ אונטער אַ העמד — ווער זעהט מיך ?״

אָט אַזוי האָט זיך אָט דער אפיקורס קאָמפּאַניעוויטש צו׳דרש׳עט
שטיל און נישט געהאַפּט און אַזוי ערנסט , אַז ווען עס פאַלט אַראָב ,
לאָז זיך אייך דאַכטען , אַ דונער , אָדער ווען דער וואַגאָן קעהרט זיך
איבער , וואָלט אונזער טאַשקער זיכער ניט בעדאַרפט זיין מעהר אי-
בערראַשט . „וואָס הייסט דאָס ? משיח׳ס צייטען ! אָט דער קאָלבאַס-
ניק רעדט פון טלית־קטנ׳ס ? פון ארבע־כנפות ? !״ און ער רופט זיך
אָן — ניט צו קאָמפּאַניעוויטש׳ן , ניין — נאָר צו פּרויקע׳ן : „וואָס
זאָגסט דו אויף דעם צדיק אין פּעלץ , חע־חע ? ער רעדט אויך פון
טלית־קטנ׳ס , ארבע־כנפות ? פאַרוואָס ניט ? — זאָגט צו איהם פּרויקע ,
בלומר׳שט תמ׳עוואַטע . — זיי זענען דען קיין יודען ניט ?״

דאָס האָט שוין יואל טאַשקער נישט געקאָנט אַריבערטראָגען :
ערשטענס , וואָס איז דאָס פאַר אַ „זיי״ ? און צווייטענס , וואָס איז
קאָמפּאַניעוויטש פאַר אַ יוד ? „חע־חע , אַ שענער יוד ! אַ יוד , וואָס
שמועלט אַ סאַמאָוואַר אום שבת , אַ יוד , וואָס פרעסט אַ פלייש־ינגען
וואַרימעס אום תשעה־באב . אַ יוד , וואָס טובל׳ט אפילו ניט דאָס גע-
פעס אויף פּסח ! אָט אַזאַ יוד רעדט פון טלית־קטנ׳ס , ארבע־כנפות ? !״ . . .
„וואָס־זשע איז ? — מאַכט צו איהם פּרויקע ווידער תמ׳עוואַטע . —
וואָס געהער זיך אָן , רב יואל , דאָס צו דעם ? אַ יוד ווי קאָמפּאַניע-
וויטש קאָן טאַקי טהון אַלסדינג , וואָס איהר רעכענט אויס , און אַ טלית-

קטן אונטער'ן העמד איז ביי מיר רעכט, אז זיי זאלען דוקא יא טרא־גען". „ווער? אט דער גלוח? — צושרייט זיך נעבאך טאשקער אויף א קול. — אט דער הולטיי? אט דער פושע באלקי ישראל?!"...

אלע יודען בלייבען שטיל, קוקען אויף דעם קאמפאניעוויטש'ען, און קאמפאניעוויטש שווייגט. פרויקע שווייגט אויך. נאכדעם טהוט ער זיך א חאפ אויף, פרויקע הייסט עס, ווי א מענש וואס האט זיך איינגעשטעלט אויף צוגעהן אין א רויזיקע: „ווייסט איהר וואס, רב יואל? איך געה מיט דעם גאנג, אז א יודישע נשמה קאן מען ניט שאצען. קוים רעדט א יוד פון א טלית־קטן, מסתמא טראגט ער אליין א טלית־קטן. איך שטעל איין א הונדערטער אויף דראזשנער נשרפים. שטעלט איהר אויך איין א הונדערטער, און לאמיר זיי בעטען טויזענד מאל מחילה, אייער שכן הייסט עס, זיי זאלען פאר אונז צושפילען די קאפאטע מיט'ן העמד און ווייזען, צי זיי טראגען א טלית־קטן, צי ניין?" — „גערעכט, גערעכט!" — רופט זיך אן דער גאנצער עולם און מען הויבט זיך אן היצען און פילדערען און עס ווערט פרעהליך אין וואגאן. נאר איין קאמפאניעוויטש זיצט זיך, ווי א זייטיגער — און שא. גלייך, אז ניט איהם מיינט מען. און אונזער יואל טאשקער? דער איז נעבאך אויסגעשטאנען אין דער מינוט א שוויץ־באד. טאקי א שטיק חבוט־הקבר אויף זיין לעבען האט ער זיך ניט געוועט מיט קיי־נעם אויף קיין צוויי גראשען. פלוצים זאל ער אוועקשטעלען א גאנצען הונדערטער? און וואס וועט זיין, לא יעלה ולא יבוא, טאמער טאקי חלילה טראגט דער כל־בו'ניק א טלית־קטן?... צוריק אבער טהוט ער זיך א טראכט: „עט־נו! קאמפאניעוויטש? אט דער משומד? מיין קאפ זאל מיר דעמאלט קרענקען!" און ער נעהמט זיך אן מיט הארץ, צוגארטעלט זיך, נעהמט ארויס א הונדערטער, און מע קלויבט אויס צוויי פרעמדע, נאר ליטוישע יודען אין וואגאן און מע לעגט איין ביי זיי דאס געלד, און מע טהוט זיך א נעהם צו קאמפאניעוויטש'ען, ער זאל זיך אויסטהון — ווער? וואס? א נעכטיגער טאג! קאמפאניעוויטש האט זיך צורעדט: וואס זיין איך, זאגט ער, עפיס א יונגעלע? צי א קאמעריאנשטשיק? וואס הייסט — איך וועל נעהמען און וועל מיך אויסטהון נאקעט פלוצים אין מיטען העלען טאג אט דא אין וואגאן פאר אנ'עדה יודען?"...

דערחערט אזעלכע דבורים, איז אונזער יואל טאשקער געווארען גרעבער ווי לענגער. הא! — מאכט ער צו פרויקע'ן מיט א ליכטיג

פנים — ווער איז גערעכט ? איך , צי דו ? איך קען מיינע לייט ! פון טלית־קטנ׳ס גאר רעדט אזא יוד , חע־חע !"

איז דאך שלעכט . טהוען זיך א נעהם אלע יודען צו קאמפאניע־וויטש׳ן : „ס׳טייטש , אזא זאך ! ממה־נפשך , אדער אהין אדער אהער. בערעכענט אייך : סיי־ווי־סיי א הונדערטער אויף די אומגליקליכע נשרפים !" — „אויף די אומגליקליכע נשרפים !" — העלפט זיי אונטער יואל טאשקער , און קוקט גאר ניט אויף קאמפאניעוויטש׳ן , „יודען נעבאך ליעגען מיט ווייב און קינדער אין דרויסען אונטער׳ן הימעל," — רעדט מען ווייטער איבער קאמפאניעוויטש׳ן . „נעבאך אין דרויסען אונטער׳ן הימעל", העלפט אונטער יואל טאשקער . „ווי האט דאס ניט א יוד קיין גאט אין הארצען ?" „קיין גאט אין הארצען ?" — זאגט יואל טאשקער איטליכס ווארט .

אהין־אהער , מע האט קוים גע׳פועל׳ט ביי אט דעם קאמפאניע־וויטש׳ן , ער זאל אויפשפילען מחילה די קאפאטע מיט׳ן זשילעט, מיט׳ן אויבערשטען העמד , און שטעלט אייך פאר א טיפ . אט דער קאמ־פאניעוויטש טראגט אונטער׳ן העמד א טלית־קטן . אבער א טלית־קטן ! א גרויסען, א כשר׳ן, א בערשעדער טלית־קטן מיט בלויע תכלת און מיט גראבע כפול־שמונה׳דיגע רבנ׳ישע ציצית — חא־חא־חא ! צווישען טלית־קטנ׳ס א טלית־קטן ! דאס קאן נאר אזא גנב , ווי פרויקע שייגעץ ! אמת , ער האט טאקע אנגעוואוירען נאכדעם יואל טאשקער׳ן פאר א קונד . פרויקע טאר זיך איהם עד היום פאר די אויגען ניט ווייזען . דערפאר האט ער אבער ארויסגעצויגען פאר די דראזשנער נשרפים א הונדערטער , א גאנצען הונדערטער , און ביי וועמען ? ביי א נגיד א קמצן , א חזיר , וואס האט אויף זיין לעבען קיין נדבה ניט געגעבען , קיין שטיקעל ברויט אנ׳ארימאן ! מעג נישט קומען אויף איהם קיין מיתה־משונה ? — איך מיין טאקי אט דעם פרויקע׳ן מיין איך ...

אויסגאבע „פאמיליען-ביבליאטעק“, ווארשא.

שלום עליכם:

74) די ווייסע כפרה 10
75) דער טוידטער אתרוג 10
76) א בוידעם 7
77) הײַנטיגע קינדער 8
78) חנוכה-געלד 7
79) אלעמען גלײַך 10
80) א פערשטערטער פסח 7
81) דער נס פון הושענה רבה 5
82) צו אונזערע שוועסטערן 8
83) צווײַ שלח-מנות'ן 5
84) אויף וואס דארפען
יודען א לאנד? 8
85) סמעטענע 40
86) טילבינגם 5
87) פינף און זיעבעציג
טויזענד 15
88) רײַטיש 5
89) חרוסת 5
90) א פרײַהער פסח 5
91) אַליג מעלאנים 10
92) לאנדאן 10
93) פאפירלעך 10
94) אויפ'ן פידעלע 8

95) א בכבוד'ע פרנסה 8
96) פענדער בלאנק 35
97) מיליאנען 20
98) איין מאל א סוכה 5
99) די פאהן 5
100) עס פיעדעלט גישט 7
101) בלומען 7
102) שלים-שלים-מזל 7
103) פערבענקט אהיים 5
104) געגנו 5
105) דאס דריידיל 8

ז. ווענדראף:

106) איבער די קשיות 5
107) א ענדיק אויף פסח 5
108) א סוכה אויפ'ן בוידעם 5

שלום עליכם:

109) די ראזיגע נאכט 8
110) העלער און נידריגער 8
111) די רויטע יודעלער 10
112) תשרים-בערער 10
113) גלות דאטשע 20

מענדעלי מו"ס:

114) וואס איז חנוכה? 5

שלום עליכם:

115) קבר אבות 5
116) מען טאר נישט זיין
קיין גוטער 5
117) נישא קיין מזל 5
118) דריטע קלאס 5
119) דער גליקליכער איינקאמער 5
120) סמאנציע בשראבטעריץ 5
121) א מענש פון בוענאס-
איירעס 5
122) א חתונה אהן כלי-זמר 5
123) רוף מיך קאמפאניפעל 5
124) קעניג פיק 5
125) א וועקס-און-זעכציג 5

ז. ווענדראף:

126) גענעכטיגט אין סוכה 5
127) מרדכי אין סקאבעלער 5
128) צאלע דער בעל חשבון 5
129) ביים גרינעם טישעל 5
130) צמח דרעחקעס 5
131) דער ערעסטער
קראסאווצן 5
132) זרח און בולעטן 5
133) דערלעבט 5

הויפּטפערקויף אין דער בוכהאנדלונג „צענטראל“

Книжный магазинъ „ЦЕНТРАЛЪ“ Варшава, Новолипки 7

Buchhandlung „CENTRAL“ Warschau Nowolipki 7.

בוכהאנדלונג „צענטראל"

ווילנא — ווארשא — ניו-יארק

שלום-עליכם'ס ווערק.

		פערלאג	ברעשירט ר'	ברעשירט ק'	געבונדען ר'	געבונדען ק'
296.	פיער טייל אין צוויי בענדער .	פראָגרעס	2	80	3	10
297.	יובילעאום-אויסגאבע I באנד	„	1	—	1	30
298.	„ „ II „ .	„	1	—	1	30
299.	„ „ III „ .	„	1	—	1	30
300.	מנחם מענדיל'ס בריעף IV „ .	„	1	—	1	30
301.	מאטעל דעם חזנ'ס V „ .	„	—	80	1	05
302.	יודישע קינדער VI „ .	„	—	85	1	10
303.	טוביה דער מילכיגער VII „ .	„	—	80	1	05
304.	קאסרילעווקער VIII „ .	„	—	80	1	05
305.	דער מבול. . . .	„	—	80	1	05
306.	סטעמפעניו . . .	„	—	40		
307.	סענדער בלאנק און זיין געזינדיל	„	—	35		
308.	א מעשה אהן אנ'עק . .	„	—	25		

צווישען אלע די געזאמעלטע ווערק פון דעם בעליעבטען הומאריסט, וואס נעהמען ארום סיסטעמאטיש און גרויסען פאר-מאט, האבען מיר ארויסגעגעבען אויך א ריהע בעסטע קליינע ברעשורען פון שלום עליכם'ס פאפולערסטע הומארעסקען. די דאזיגע ברעשורען, וועלכע פערקויפען זיך צו זעהר מעסיגע פרייזען, זיינען גלייך צוגענגליך פאר אלע שיכטען פון פאלק, און געבען יעדען יודישען לעזער די מעגליכקייט, צו קאסטען דעם גרויסען געזונטען געלעכטער, וואס נאר איין שלום עליכם איז אימשטאנד אזוי צו פערשאפען.

Księgarnia „CENTRAL" Warszawa—Wilno — New-Jork. —

Тип. Я. Швабе и Г. Пимента, Сѣраковская 4

א ווינגרישע בילעט.

„וויגרישנע בילעט".

(א לאטעריי־צעטעל)

(ערצעהלונג).

א.

בנימטשיק — דאס וואקסט ביי מיר א וויגרישנע בילעט.

אזוי האט געזאגט ישראל דער שמש פון דער אלטער שול אויף זיין זוהנדיל בנימין, וואס האט געהאט א שם פאר א גוט יונגעל נאך בשעת ער האט געלערנט ביי ירחמיאל משה דעם מלמד אין חדר, ירחמיאל משה האט זיך גאר נישט געקענט אפלויבען פון איהם.

— אייער קליינער — האט ער איין מאל געזאגט צו ישראל דעם שמש — איז ביי מיר קיין עין הרע פון די בעסטע. ערשטענס, איז ער א גרויסער מתמיד, א וואוילער וואס א וואוילער הייסט; היינט דאס קעפיל זיינס, די תפיסה, מיין איך, דער זכרון, איז אזעלכעס וואס מע בעדארף עס זוכען; ווען ביי איהם זאל זיין דער זכרון אזוי ווי די תפיסה, מיין איך פערקעהרט די תפיסה אזוי ווי דער זכרון — עהע־הע!

דעם עהע — הע! ציהט אויס ירחמיאל משה דער מלמד מיט א נגון, און ישראל דער שמש ווערט בריימער ווי לענגער.

— גאט זאל אייך געבען געזונד און פרנסה! — בענשט ער דעם מלמד און העלפט איהם צונויפלייגען דעם טלית־ותפילין. דאס איז גלאט אזוי, א מתנה הייסט דאס; שכר־למוד פאר זיין קינד צאהלט ישראל דער שמש גלייך מיט אלע בעלי־בתים, צוויי קארבען א זמן, א חוץ חנוכה־געלד און פורים־געלד, האטש ישראל דער שמש לעבט אליין כמעט נור פון חנוכה־געלד און פורים־געלד. נאר וואס מאכט דאס אויס? דער מנהג העולם איז שוין אזוי פון קדמונים או מיר מוזען לעבען אומעטום איינער פונם אנדערען: איך

נעם ביי יענעם און גיב איך; איהר נעהמט ביי מיר און גיט יענעם, ואמת, עס מאכט זיך גאנץ אפט אז נעמען ביי מיר נעמט איהר צוויי מאל אזוי פיעל ווי מע בעדארף, און געבען גיט איהר יענעם א מכה; דערפאר, אז כ'וועל נור קענען, וועל איך ביי יענעם נעמען דריי מאל אזוי פיעל און וועל איך געבען א מכה. מיר וועלען זיך מיט'ן חשבון, האט קיין יסורים ניט, אויסגלייכען, חכמים רופען דאס אן מיט פערשיעדענע נעמען: „געזעץ פון דער נאטור", „לעבענס מלחמה", „פאליטישע עקאנאמיע" וכדומה, נאר אזוי ווי מיט אונזער מעשה קעהר זיך עס שוין נישט אן, לכן געהען מיר ווייטער.

שפעטער, אז בנימטשיק איז דורכגעגאנגען דעם גאנצען קורס ביי ירחמיאל משה'ן, האט איהם ישראל דער שמש וועהר געוואלט אבגעבען צו רב אלי-מאיר דעם גמרא מלמד, האט איהם אלי-מאיר נישט געקאנט צונעמען: ראשית איז שוין ביי איהם געווען דער חדר פול ווי אן אויג; והשנית האט ישראל נישט געקאנט צאהלען אזא שכר למוד ווי די נגידישע בעלי-בתים, האט בנימטשיק געטהון דאס וואס אנדערע טהוען: אז מע האט ניט מיט וואס צו צאהלען לערענט מען אליין, הערויף איז פאראן א גרויס בית המדרש מיט א סך סטענדערס, מיט א סך שטיקלעך ליכט פון די יאהרצייטען, מיט א סך ספרים: חומשים, פסוקים, משניות'ן, גמרא'ס מיט מדרשים — און וואס ניט? אבי מע וויל נור קען מען לערנען אויף א בוידעם אויך. קארג גרויסע מענשען, גאונים, זענען אויסגעוואקסען ביי אונז אט אזוי ערגיץ ביי א סטאטשיק אין בית-המדרש? אזעלכע גרויסע מענשען, גאונים, מפורסמים וואלטען מיר, קען זיין, געהאט איצטער אהן א שעור; דער חסרון איז אבער, וואס אין די לעצטע פערציג-פופציג יאהר האט זיך פערגנבה'ט אין אונזער ווינקעל אריין א שטראהל פון ליכטיגקייט און האט אנגעשפארט דווקא אין בית-המדרש אריין, דווקא דארטען צווישען די ארימע בחורים, און אנשטאט דעם מע זאל לערנען „יורה דעה" האט מען בגנבה געגאשט א שטיקעל „באור", שטילערהייט געשלונגען מליצה ספרים, זיך געווארגען מיט א רוסישער גראמאטיקע און פערביסען מיט מאפו'ס א ראמאן, פון אזא מין לערנען האבען קיין גאונים, רבנים מפורסמים געוויינטליך ניט געקענט ארויס. יודישע קינדער האבען זיך צוקראכען איבער דער וועלט, געווארען א תל: דאקטוירים, אדוואקאטען, משוררים, מחברים, שרייבערס, לעהרערס און גלאט אפיקורסים. קיין רב נישט איינער א רעכטער, דאס הייסט רבנים זענען ארויס פון זיי א סך; נאר וואסערע רבנים? קאזיאנע! „קאזיאנע" איז דער טייטש אנגעדאנגענע, א שטייגער ווי מע הענגט אן עמיצען א לונג-און-לעבער אויף דער

נאָז; צי איהר ווילט צי איהר ווילט ניט — גאָט אייך אַ באַמבע און האַלט דיך מיט איהר... נאָר אַזוי ווי מיט אונזער מעשה געהער זיך עס נישט אָן, לכן שרעען מיר ווייטער.

אונזער בנימטשיק האָט געלערנט אין בית המדרש נישט אַליין, — מיט נאָך צוויי חברים, אויך אַזעלכע אָרימע בחורימליך ווי ער, — און דאָס איז מאַקי געווען דער חסרון, וואָרום איין מענש אַליין קען אַזוי גראָב נישט זינדיגען ווי מיט יענעם בשותפות. אַ סימן האָט איהר פון אדם הראשון כל זמן ער האָט זיך געשפּאַצירט אין גן־עדן איינער אַליין איז געווען שטיל אַ מחיה, און אַז עס האָט זיך נאָר אַריינגעמישט די מוטער חוה, אַזוי האָט זי איהם באַלד אָנגערעדט ער זאָל פערזוכען פונ'ם עץ הדעת, און מי יודע אויף וואָס זי וואָלט איהם נאָך אַרויסגעפיהרט, מע זאָל זיי ניט בעציַיטענס אַרויסטרייבען... דער משל איז געזאָגט געוואָרען אַקעגען בנימינען. בנימין זאָל געווען זיצען און לערנען אין בית המדרש איינער אַליין וואָלט געווען אַז וואויל איז איהם... ער האָט דאָך אָבער געלערנט מיט נאָך חברים, אויך אַזעלכע נאַקעטע און באָרוועסע, הונגעריגע און דאָרשטיגע ווי ער, האָט מען תמיד זיך נור געריסען אַהין, אויף דער גרויסער ליכטיגער וועלט, אויף דער וועלט פון חכמה און פון וויסענשאַפט. אַליין זענען זיי געווען דאָ, און זייער קאָפּ איז געלעגען דאָרטען, צווישען די גרויסע, צווישען די געלערנטע, צווישען די גליקליכע. עס האָט זיי געצויגען אַהין ווי אַ מאַגנעט, ווי אַ קליין קינד ציהט אויס די הענטליך צו דער מאַמע... איז שוין עפּיס אַ חדוש אַ שטייגער אַז איין מאָל אין אַ שבת־צונאַכטס האָבען דריי בית המדרש בחורים, איציק, יוסיל און בנימטשיק, ניט געסטייעט? וואָס הייסט ניט געסטייעט — נישטאָ און אַ סוף! מע האָט זיי אויסגעזוכט אין שטאָרט וואו די וועלט האָט אַנעק! מילא יענע צוויי חברה־לייט, איציק און יוסיל, זענען קבצנישע קינדער, יתומים, אָהן אַ טאַטען אָהן אַ מאַמען, וועמען זענען זיי אָבגעגאַנגען? אָבער בנימטשיק! ישראל דער שמש האָט אַיינגעלייגט די וועלט, איבערגעקלערט גאָט ווייסט וואָס, און האָט זיך בערוהיגט ערשט אויף מאָרגען, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ בריוועל פון אַלע דריי ווייסע חברה'ניקעס, אַז מע זאָל נאָר נישט איבערטראַכטען, זיי זענען ברוך השם געזונד און שטאַרק, זיי האָבען אַרויסגעצויגען (אַזוי שרייבען זיי), אַז דאָ אין בית המדרש איז פאַר זיי קיין תכלית ניט, לכן האָבען זיי זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ישיבה אַריין, קיין ווילנאַ, קיין וואָלאָזשען אָדער אין דער „מיר"... זיי האָבען מיט זיך אויסגערעכענט אַלע דריי ישיבות, בכדי מע זאָל ניט וויסען אין וואָסער

א שטאדט זיי צו זוכען. אט דאס הייסט אבגעארבעט קלוג, מיט שכל!..

ס'איז אבער געווען אומזיסט דאס פערשטעלען זיך מיט'ן בעהאלטען זיך מיט'ן אנטלויפען. ס'איז זיי קיינער מיט קיין פאטשטש נישט נאכגעלאפען. די שטאדט איז געווען אדרבה צופריעדען. ערשטענס וועט זיין ווייניגער מיט א צוויי דריי ארימע בחורים, וואס מע מוז זיי אויסהאלטען ווי ס'ניט איז; מע קען דאך זיי נישט לאזען אזוי זיי זאלען אויסגעהן פון הונגער. והשנית איז טאקי גלאט שען, אז ארימע קינדער ווילען לערנען, הלואי וואלטען אלע יודישע קינדער אזוי, הלואי וואלטען אלטע יודען געקאנט, וואלטען זיי זיך אויך אוועקלאזען ערגיץ אין עק וועלט, אבי מע זאל ניט דארפען מוטשען זיך, טראגען דעם עול פון פרנסה...

ב

וואס איז געווען דער סוף פון יענע צוויי בחורימליך איציק און יאסיל-הייסען מיר נישט. נאר פון בנימ'ש'יקען האט ישראל דער שמש אין א האלב יאהר ארום מקבל געווען א בריעף ניט פון וואלאושין, ניט פון ווילנא און ניט פון „דער מיר", נאר פון אנאנדער שטאדט, פון א גרויסער שטאדט, אז ער זאל זיך גאר ניט זארגען, ווארום ער, בנימ'שיק הייסט דאס, געפינט זיך אויפ'ן „רעכטען וועג", עס וועט פון איהם מיט גאט'ס הילף זיין א לייט, גאט זאל איהם נור העלפען ער זאל אבגעבען דעם עקזאמען און אריין אין גימנאזיע וועט ער אם ירצה השם גערען ווייטער און „שטודירען דאקטאר", און אז ער וועט „אויסשטודירען דאקטאר", וועט ער האבען א פיינע בכבודיגע פרנסה אין האנד, און וועט קענען אויסהאלטען טאטע-מאמע אויף דער עלטער; דער טאטע וועט פערשפארען הארעווען, זיין א שמש, און די מאמע א שמש'טע; און די שוועסטער וועט ער בעזרת השם חתונה מאכען אלע דריי, און מע וועט זיצען אלע אינאיינעם בשלום ושלוה, און מע וועט האבען פיעל נחת, „און דאס וואס איז שייך צו יודישקייט — אזוי האט בנימין געשריבען — זאלט איהר זיך, מיינע ליעבע און געטרייע נאר ניט זארגען, מע קען זיין געלערנט ווי די גאנצע וועלט און פון דעסטוועגען וואס צו גאט איז צו גאט, איך דאווען, זאלט איהר וויסען, אלע טאג, און לייג תפילין, און וואש זיך צום עסען, אבי ס'איז נור פאראן וואס. מחמת עסען — עסען מיר דא איין מאל אין צוויי טאג, וואס גאט גיט, אמאל א טרוקען שטיקעל ברויט און אמאל א יינגעטונקען אין

זאל־קוואסער, און אז עס מאכט זיך ס׳איז נישטא גאר ניט, סמאטשקעט מען א שטיקעל צוקער. צוקער איז א סגולה צום הונגער, פערשלאגט דעם אפעטיט, דערפאר לערנט מען אבער געשמאק! פערגעסט ניט: פיער גראמאטיקעס בעדארף מען אויסלערנען! היינט וואו איז געאגראפיע? וואו איז היסטאריע? און וואו איז „שאר ירקות“? מאטעמאטיקע איז בלאטע, אלגעברע, זאל איך צו קיין חרפה ניט זיין, האבען מיר נאך געלערנט אין דער היים אין בית המדרש, און די מליצה ספרים וואס מיר האבען זיך דאמאלס אנגעלייענט קומען אונז היינט צונוץ ביים שרייבען „סאטשינעניעס“ איין שטיקעל חסרון וואס דאס לשון איז ביי אונז א ביסעל ניט אזוי שארף ווי מע בעדארף; נאר צו גאט א האפנונג, מיר וועלען דאס אויך איבערקומען בשלום, איהר זאלט זיך גאר ניט זארגען, עס וועט אם ירצה השם אלסדינג זיין אזוי ווי מע בעדארף, דער עיקר נאר, ניט געזארגט און געהאפט אויף דעם וואס לעבט אייביג!“

ישראל דער שמש, אז ער האט בעקומען דאס דאזיגע בריװעל, איז ער באלד אוועק צו ירחמיאל משה דעם מלמד, — אן אלטער נטער ברודער, אן ערדרליכער יוד און א בעל־סוד.

— זייט זשע מוחל לייענט דורך דאס דאזיגע בריוועל, און אז איהר וועט דאס דורכלייענען, וועט איהר זיך מטריח זיין טאקי אין איין וועגס אנשרייבען אן ענטפער, דאס הייסט איך וואלט געקענט אפילו אליין אנשרייבען, נאר אלץ הייסט געשריעבען. אודאי וועט איהר בעסער אנשרייבען פון מיר, למאי זאל איך לייקענען?

ירחמיאל משה דער מלמד ווייסט גאנץ גוט, אז ישראל דער שמש זאגט נעבעך א גרויסען ליגען, אזוי לאנג שמייסט מען איהם ווי לאנג ער קאן אנשרייבען אן ענטפער; נאר ארויסבעווייזען איהם אז ער איז א ליגנער איז ער ניט מחויב, למאי זאל ער מבייש שטעלען א מענשען? האט ער אנגעזאטעלט די נאז מיט א פאר משונה מאדנע ברילען, וואס זענען בעשטאנען פון א שטיקעל דראט מיט צוויי בענדליך; אין איין אייגיל איז געשטאנען א בלעכיל, און דאס אנדערע איז געװען ליידיג, גלאט א לעכיל, דאס ישראל נישט געקענט זיך איינהאלטען און האט איהם א פרעג געטהון:

— וואס טויג אייך, רבי, אזא בריל? איהר זעהט דען עפיס אויף איהר?

— אלץ גלייכער ווי אהן א בריל, כיבין שוין איינגעוואהנט! — האט איהם ירחמיאל משה געענטפערט, גענומען דאס בריוועל א ביסעל פון דער־

ווייטען, איין אויג (יענץ וואס אונטערן בלעכיל) צוגעמאכט און מיט׳ן אנדערען אויג (יענץ וואס אונטערען לעכיל) האט ער געלייענט גיך ווי א וואסער, און הויך אויף א קול, זיך אבגעשטעלט אלע מאל און געקוקט אויף ישראל׳ן, ווי איינער רעדט: „היינט פערשטעהט איהר וואס „הייסט געקענט לייענען?“ און ישראל איז געשטאנען בשעת מעשה דעם קאפ א ביסעלע אויף א זייט און פעררוסען ארויף מיט גדלות, ווי איינער רעדט: „היינט פערשטעהט איהר וואס הייסט געקענט שרייבען?..“

— נו, רבי, וואס וועט איהר היינט זאגען? — האט זיך ישראל אנגערופען צו ירחמיאל משה׳ן, נאכדעם אז ירחמיאל משה האט אויסגעטהון די ברילען און אוועקגעגעבען איהם דאס בריוועל.

— וואס זאל איך אייך זאגען? — האט איהם ירחמיאל משה געענטפערט מיט א זיפץ — אודאי אודאי! מהכתיתי, זעהר פיין, אבי ער דאווענט אלע טאג און לייגט תפילין. הלואי ווייטער ניט ערגער חלילה...

— איך שמועס עס אקעגען דעם, וואס ער וואכסט, מיין בנימשיק הייסט דאס, א מענש, אט דאס מיין איך! — אזוי מאכט צו איהם ישראל דער שמש און מיינען מיינט ער גאר עפיס אנדערש, ביי איהם אויף דער צונג ליגען גאר די ווערטער: „גימנאזיע“, „דאקטאר“... נאר ארויסלאזען דאס פונים מויל האט ער מורא, רופט ער זיך אן צו ירחמיאל משה׳ן:

— איך שמועס אקעגען דעם וואס איהר זאגט ער לערנט זיך אויף... דאקטאר? הא? וואס זאגט איהר? איהר זעהט דאך עפיס א יוד א חכם.

ירחמיאל משה ווייסט, אז ער איז א יוד א חכם, נאר וואס קען ער איהם דערויף זאגען? אודאי ווען ס׳זאל זיין געווענדט אן איהם, אן ירחמיאל משה׳ן, וואלט ער איהם נישט געלאזט שטודירען אין די גימנאזיעס; צו וואס טויג ישראל דעם שמש א זוהן פון גימנאזיעס מיט דאקטוירים גאר? נאר א פנים עמיצער פרעגט ביי איהם אן עצה? און ירחמיאל משה דער מלמד קוקט מיט פערגלעזערטע אויגען אויף דער וואנט און לאזט ארויס א טיעפען זיפץ. ישראל דער שמש פערשטעהט וואס בעדייט דער דאזיגער זיפץ, ער איז מיט זיך אליין אויך נאך נישט אינגאנצען פארטיג; ער איז אליין אויך נישט אזוי צופרידען מיט דער גימנאזיע; נאר צוריק אבער שמועסענדיג: סטייטש, זיין זוהן, זיין בנימשיק וועט זיין „דאקטאר“!

— עלעהיי — זאגט ער צום מלמד און פערגנגהט זיך מיט ווערטער — עלעהיי א בעל מלאכה? „דאקטאריע“ איז דען ניט קיין מלאכה? ובפרט ער דאווענט אלע טאג און לייגט תפילין, הלואי ווייטער חלילה ניט ערגער...

ישראל דער שמש שטעהט אוויילע, נאכדעם רופט ער זיך אן צום מלמד און קווינקעלט זיך:

— איך האב דאך אייך געזאגט, רבי, אז כ'האב צו אייך א בקשה, מטריח זיין זיך אבענטפערען אויפ'ן בריוועל: נאר וואס דען? איהר קענט דאך אונזער שטעדטיל... מע האט ליעב האלטען יענעם אין מויל... און אליין בין איך א פערקויפטער מענש... די וויסטע פרנסה... איך האב אייך געוואלט בעטען ס'זאל דערווייל זיין בסוד, איהר פערשטעהט?..

— איך פערשטעה. פאר וואס זאל איך ניט פערשטעהן? — זאגט ירחמיאל משה און זעטעלט זיך אן נאך אמאל מיט זיינע מארנע ברילען, נעמט א שטיקעל פאפיר און א טינט און פעדער, טונקט איין די פען אוןווארט וואס דער שמש וועט איהם זאגען וואס צו שרייבען.

— שרייבט איהם זייט מוחל, דיקטירט איהם ישראל דער שמש — לבני היקר מוהר"ר בנימין, ראשית שרייב איך דיר אז מיר זענען אלע, ברוך השם אין בעסטען געזונד, גיב גאט דאס נעמליכע פון איהם צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער אמן.

והשנית שרייבט איהם, אז איך און סימע, מיין חייב הייסט דאס, לאזען איהם גריסען גאר פריינדליך, און בעטען איהם ער זאל אונז שרייבען אפטע בריוולעך פון זיין מאכען וואס ער מאכט אין געזונד, און שרייבט אז מיר ווינשען איהם אלדעס גוטס און הצלחה ער זאל מצליח זיין דארטען, און שרייבט איהם ער זאל זיך גאר ניט זארגען, גאט איז א פאטער, דער עיקר ער זאל זיך אבהיטען אין געזונד, זאל ער זיך אבהיטען און זיין א יוד, ווארום דאס איז דער עיקר, און שרייבט איהם אז איך שיק איהם א קערביל שיק איך איהם (ישראל קראצט זיך אין אלע קעשענים), און שרייבט איהם אז איך וואלט געשיקט מעהרער, האב איך ניט, מחמת די פרנסה איז איצטער זעהר געשלאגען, עס פערדיענט זיך ניט קיין געלד פערדינט זיך ניט, נישטא קיין יאהרצייטען, און פון חתונות מיט ברית'ן שמועסט מען ניט, איך געדענק שוין ניט די צייט ווען ס'זאל זיין ביי אונז א חתונה, פון זינט רב הערש האט חתונה געמאכט די לעצטע טאכטער איז ניט געווען ביז אהער איין חתונה. דאס הייסט ס'איז געוועו א פאר חתונות, נאר אלץ הייסט חתונות, אויך מיר חתונות!..

— ששש... חאפט ניט אזוי! — זאגט צו איהם דער מלמד — איהר פאהרט ווי מיט פאטשטאווע פערד, איך קען אייך ניט דעריאגען. נו, ווייטער?

— און ווייטער שרייבט איהם, אז מעהר איז ניטאָ וואָס צו שרייבען, און שרייבט איהם אז איך לאָז איהם גריסען גאָר פריינדליך, און סימע, די מאַמע הייסט דאָס, לאָזט איהם גריסען גאָר פריינדליך און אַלע שוועסטער לאָזען איהם גריסען, פעסיל און סאָסיל און ברכה'צי גאָר פריינדליך, און שרייבט איהם ער זאָל אָפּהיטען יודישקייט און זאָל זיין אַ יוד, דאָס איז דער עיקר און ווייטער... אַז איהר וועט אָבשרייבען וועל איך זיך אָבחתמ'נען...

אַז דער מלמד האָט דאָס אַלסדינג אָנגעשריבען, האָט ישראל דער שמש פערקאַטשעט די אַרבעל, גענומען די פען פּאַוואָלינקע מיט צוויי פינגער און האָט זיך אָנגעבייט צו טהון אַ־„אידעלע מלאכה", אַנידערגעלייגט אויפ'ן פּאַפּיר זיין אייגענעם נאָמען ישראל און דעם נאָמען פון זיין טאַטען נפתלי עליו השלום און די פאַמיליע ריטעלמאַן, געדרעהט בשעת מעשה מיט דער צונג אין אַלע זייטען, עס ווענדט זיך ביי וואָסער אַנ'אות; למשל: אַ „למד" געדהט רעכטס, — געדהט די צונג רעכטס, אַ „נון" געדהט לינקס, — געדהט די צונג לינקס. פאַראַן מענשען, וואָס האָבען אַזאַ טבע נישט נור בשעת זיי אליין, — אפילו בשעת יענער טהוט עפּיס אַנ'אַרבייט און זיי שטעהען ביי דער זייט און קוקען, דרעהען זיי מיט דער צונג...

סע פערשטעהט זיך, אַז אין שטעדטיל איז מען גיך געוואָהר געוואָרען פון דעם סוד, אַז ישראל דעם שמש'ס זוהנדיל שטודירט אין די גימנאַזיעס „אויף דאָקטאָר", און עס האָט איהם נישט געשאַדט חלילה צו דער פרנסה נאָר נישט, מע האָט איהם נור דערקוטשעט מיט ווערטער:

— וועט איהר האָבען הייסט דאָס אַ זוהן אַ „יאָקטאָר" אָהן אַ היטעל? און אפשר נאָך מיט אַ קנעפּעל? וואָס פאַר אַ פּנים וועט איהר דאַמאָלס האָבען, רב ישראל? ווי אַ דוהן זיצט אוים קאַטשקעליך; די קאַטשקעליך לאָזען זיך שווימען אויפ'ן וואַסער און די דוהן שטעהט און קוואָקעט...

ישראל דער שמש האָט דאָס אַלסדינג איבערגעטראָגען שטילערהייט און געטראַכט ביי זיך אין האַרצען: „לאַכט לאַכט פון מיין בנימטשיקען; דאָס איז ביי מיר אַ „ווינגרישנע ביליעט"..

ג.

איין מאָל — ס'איז געווען ערב פסח, סימע די שמשטע און אַלע דריי טעכטער, פעסיל און סאָסיל און ברכה'צי האָבען געראַמט אויף יום-טוב — עפענט זיך די טהיר און עס קומט אַריין עפּיס אַ יונגערמאַנטשיק מיט ווייסע

קנעפּ, מיט אַ מאָדנע היטעל אויפ'ן קאָפּ און פּאַלט סימען אויפ'ן האַלדז און נאָכדעם פּעסלין און סאָסלין און ברכה'צין און עס ווערט אַ קושעריי.

דאָס איז געווען בנימין.

סימע האָט זיך אוש צוויינט פאַר פרייד.

— זוהגעני! קדיש מיינער!

איז אָנגעקומען ישׂראל אַ פּערסאַפּעטער אַ דערשראָקענער און האָט זיך צושריגען אויפ'ן ווייב.

— שאַ, שאַ, זעה נור, זי האָט זיך אַ ביסעל צואַטמערט, טאָמער ווייסט דו וואָס איז דער געוויין וואָס?

און אַליין, אַז ער האָט בעטראַכט בנימינ'ען ווי ער איז אויסגעוואַקסען, האָט ער זיך אויך קוים איינגעהאַלטען פאַר געוויין, נאָר אַ מאַנסביל איז ניט קיין יודענע. אַ יודענע אַז זי וויינט מוז זי באַלד אָנהויבען שנייצען די נאָז; און אַ מאַנסביל אַז ער וויל אַפּילו וויינען, קען ער מאַכען אַזוי, אַז מע זאָל מיינען, אַז ער לאַכט.

— ווען ביזט דו געקומען ווען? אַנו, דרעה זיך נור אוים צו מיר מיט'ן אונטען — מאַכט ער צום זוהן — וואָס איז דאָס פאַר אַ מין הלבשה אויף דיר? טהו זיך אוים, פאַר וואָס טהוסטו דיך ניט אוים?

און אַז בנימין האָט זיך אויסגעטהון און איז געבליעבען אין אַ בלויען מונדיר מיט אַ סך זילבערנע קנעפּליך און די בעקליך זענען געווען רויט און די בלויע אויגען האָבען געגלאַנצט. האָט ער טאַקי געהאַט דעם זיבעטען חן ניט נור ביי זיי, ביי איטליכען אין די אויגען. ווער עס האָט איהם געזעהען האָט מען זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקען אָן איהם „קיין עין הרע אויסגעוואַקסען, ישׂראל דעם שמש זוהנדיל, געוואָרען אַ פּאַרשוין!..“ פיינה לאה דער שכנה'ס טעכטעריל מינצי, אַ מיידיל פון אַ יאָהר ניינצעהן מיט שוואַרצע אייגעליך און מיט אַ געדיכטען שוואַרצען צאָפּ, פערפלאָכטען אונטען מיט אַ רויט סטיינגעלע, וואָס פּאַסט איהר זעהר צום פּנים, איז אַריינגעקומען צו סימען כלומר'שט אַ פרעג טהון, אפשר געפינט זיך ביי איהר איין איבּ־ריג טעפּיל וואָס זי דאַרף עס נישט? חאָטש זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז סימע האָט אויף איהר לעבען נישט געפּרופט האָבען קיין איבעריגע טעפּליך, דאָס איז נור געווען אַן אויסרייד אויף אָנצוקוקען בנימינ'ען, אַ גלאַנץ טהון מיט די שוואַרצע אייגעליך און אַ וואָרף טהון הין און צוריק מיט'ן געדיכטען שוואַרצען צאָפּ און מיט'ן רויטען סטיינגעלי, זיך אויסדרעהען און אַנטלויפען;

און שפּעטער אביסעל נאָך אמאָל אריינגלויפען, מיט א נייעם אויסרייד און ווידער אמאָל דאָס אייגענע, אזוי אז בנימינ'ס דריי שוועסטער, פעסיל און סאָסיל און ברכה'צי, אלע דערוואקסענע שוין, האָבען א קוק געטהון איינס אויפ'ם אנדערע, ווי איינער רעדט: „טאָמער ווייסט דו וואָס איז דאָס דרע־הען וואָס זי דרעהט זיך?.. און בנימין האָט דערווייל אוועקגערופען די מאמע אויף א זייט און האָט איהר עפּיס געגעבען א מטבע, אריינגערוקט אין האַנד אריין, זי זאָל מאכען „א שענעם פּסח". סימע האָט אויף איהר לע־בען אזוי פיעל געלד נישט געהאלטען אין האַנד! און פאַר די שוועסטער האָט ער געבראַכט צופיהרען מתנות און מתנות: סטיינגעס, מיט קעמעליך, מיט שפּיגעליך, מיט שמאָכטעליאַקעס אָהן א שעור! און דער מאמען א זיידענע פּעטשיילע א געלע מיט רויטע און מיט בלויע קוויטען. סימע די שמש'טע האָט זיך אזש צוויינט פאַר פריידע.

— וואָס איז דאָס? ווי קומט צו דיר געלד? — פרעגט איהם ישׂראל מיט א געלעכטער.

— וואָס הייסט ווי קומט צו מיר געלד? — ענטפערט איהם בנימין מיט גדלות — איך פערדין שוין היינט ברוך השם אכט קאַרבען א חודש. איך גיב „שטונדען". איך לערען הייסט דאָס מיט קינדער, צאָהלט מען מיר. איך בין שוין אין גימנאזיע אין פינפטען קלאַס. אכט קלאַסען איז פאַרהאַן. נאָך דריי קלאַסען, דריי יאָהר הייסט דאָס, ענדיג איך די גימנאזיע און טריט אריין אין אוניווערזיטעט, שטודירען אויף דאָקטאָר...

בנימין דערצעהלט און דערצעהלט און אלע שטעהען און לאָזען נישט אראָב פון איהם קיין אויג און טראַכטען זיך: „אָט דאָס זאָל טאַקי זיין בנימין? יענער באָרוויסער בנימטשיק, וואָס האָט זיך געוואלגערט אין בית־המדרש?.. אכט קאַרבען א חודש... אכט קלאַסען... א זיידענע פּעטשיילע..: אוניווערזיטעט... דאָקטאָר..."

גאָט ווייסט אויב עס האָט נאָך עמיצער געהאַט אזא פרעהליכען פּסח, אזא געהויבענעם „סדר" ווי עס האָט געהאַט ישׂראל דער שמש. מ'לא פון ווייַן אויף ארבע־כוסות און פון פּסח'דיגען בראָנפען, פון פיש און קניידליך און מאַלירטשיקעס שמועסט מען ניט; איך רעד פון דער הגדה, וואָס ישׂראל און בנימין האָבען געזונגען ביידע איינס איבער דאָס אנדערע, ס'איז געווען א מחיה צו הערען! אז ס'איז געקומען צו „רבי אליעזר אומר מנין שכל מכה ומכה..." האָבען זיי זיך ביידע צעשאָקעלט און גענומען א הויכען טאָן, האָט סימע, וואָס איז געזעסען די גאַנצע צייט און געקוקט אויף

איהר טרייסט אויף בגמיגען, מיט אמאל אנגעהויבען מאכען פיסקעס אויף צו ווינען, האבען זיך אלע דריי שוועסטער, פעסיל און סאסיל און ברכצי נישט געקאנט איינהאלטען און האבען זיך צולאכט, און אויף זיי קוקענדיג האבען אלע אנגעהויבען לאכען און מיטע אויך — ס'איז שוין געווען א פסח ביי זיי, וואס זאלט איהר קלערען!

יום-טוב אין דער פריה, אז בנימין איז געקומען אין שול אריין, האט מען בעטראכט דאס „סטודענטעל" מיט די זילבערנע קנעפ ווי א ווילדע חיה. יונגליך, קונדייסים האבען איהם ארומגערינגעלט פון אלע זייטען, געטייט מיט די פינגער און געלאכט אין פנים אריין. נאר בנימין איז געשטאנען די גאנצע צייט מיט'ן סדור'ל און האט געדאווענט, און אז ס'איז געקומען, אז מע האט איהם אויפגערופען צו דער תורה (רב מאניש דער גבאי האט צו ליעב געטהון ישראל דעם שמש און האט געשענקט זיין זוהן אנ'עליה) און בנימין האט געמאכט די ברכה הויך, אויף א קול מיט'ן יום-טוב'דיגען ניגון, איז אין שול געווארען א הו-הא: „וואס זאגט איהר אויף אונזער ישראל'ס זוהנדיל!"

פאר'ן ארויסגעהן פון שוהל האט דער נגיד פון שטעדטיל, רב הערש, א זאג געטהון צום שמש ער זאל איהם צופיהרען זיין זוהנדיל.

— ישראל! — האט געזאגט רב הערש צום שמש ברייטליך, ווי א נגיד בעדארף צו זאגען בשעת ער רעדט מיט א קלענערען פון זיך, האלט זיך בשעת מעשה ביים זיידענעם גארטעל, קוקט נישט גלייך אין די אויגען אריין און רעדט מיט א צוויייענדיג הוסטעל פונ'ם האלז און פון דער נאז.

— ישראל! אנו, קום נאר אהער הם... הם... מיט דיין זוהנדיל; לאם איך איהם... הם... הם... אויך אנקוקען!

דערהערט, אז רב הערש וויל רעדען מיט ישראל דעם שמש „סטע-דענטיל", האט זיך דער עולם אלאז געטהון הארכען, וואס וועט מיט איהם עפים רעדען דער נגיד און וואס וועט ער איהם ענטפערען. בנימין איז צוגע-גאנגען צו רב הערשען ווי צו זיינעם אגלייכען, גאר נישט געשעמט זיך, איהם אבגעגעבען שלום ווי אנ'אלטער, און רב הערש האט א קוק געטהון אויף בנימינ'ען פון אויבען אראב, נישט געוואוסט ווי אזוי זאל ער מיט איהם רעדען: זאל ער איהם זאגען „איהר" — אזא וועווריג? צופיעל כבוד פאר'ן שמש זוהנדיל! זאגען איהם „דו" — איז עפים אויך נישט אזוי, פארט א „סטע-דענטיל" מיט קנעפ, א גאנץ פריציל... איז רב הערש געפאלען אויף א עצה און האט מיט איהם אנגעהויבען רעדען גאר בלשון נסתר: „וואס מאכט מען?

ווען קומט מען? ווען פֿאָרט מען צוריק?" בנימין האָט אַרויסגעשטעלט די רעכטע פֿוס אויף צו פֿריהער, איין האַנד האָט ער אַריינגעלעגט אין בוזעם און מיט דער אַנדערער האָט ער געשטשיפּעט די אויבערשטע ליפּ, אָבגעווענט-פֿערט אויף איטליכעס וואָרט גייציג, גאָר נישט אָנגעהויבען צו שעמען זיך אַפילו! רב הערשען איז דאָס יאָ געפֿעלען און נישט געפֿעלען: „נישט קיין נאַריש בחור'ל, נאָר האַט זיך אַן עזות-פּנים אַ גרויסער"... אַזוי טראַכט זיך רב הערש און לאָזט זיך אַריין מיט בנימינ'ען אין אַ ברייטען שמועס אַריין מכּח קלאַסען, וויפֿיעל איז פֿאַראַן קלאַסען? און צו וואָס בעדאַרף מען דאָס דוקא אַכט קלאַסען? פֿאַר וואָס נישט קיין נייען קלאַסען? און וואָס איז דער חילוק פֿון איין קלאַס ביז'ן אַנדערען קלאַס?.. „אויף דער טאַבליצע אַזאַ שענער יוד און אַזאַ בהמה!.." אַזוי טראַכט זיך בנימין און גיט איהם צו פֿערשטעהן דעם שכל וואָס איז דער חילוק פֿון איין קלאַס ביז'ן אַנדערען. רב הערשען שטעהט נישט אָן די מעשה, וואָס אַזאַ שנעק גיט איהם צו פֿערשטעהן דאָס וואָס ס'איז נישטאָ גאָר צו פֿערשטעהן, מאַכט ער צו איהם:

— מילא בקצור דאָס פֿערשטעהט אַ מינדסט קינד, אָבער פֿאַר וואָס איז דער שכל פֿון אַכט קלאַסען, נישט קיין נייען?

— וואָרום ווען סע זאָלט זיין נייען קלאַסען, וואָלט איהר געפֿרעגט, פֿאַר וואָס עפּיס דוקא נייען קלאַסען, נישט קיין צעהן?

אַזוי ענטפֿערט איהם אָב בנימין און דער עולם צולאַכט זיך; נאָר איין רב הערש לאַכט נישט. ער קלערט זיך בשעת מעשה: „אָ, אַ רעכטער שייגעץ!" און טהוט אַ הוסטיל פּונים האַלז אין פֿון דער נאָז: הם... הם... צייט געהן אַהיים... הם... הם... מאַכען קדוש...

ווער עס האָט נישט אָנגעקוקט דעמאָלט ישראל דעם שמש, וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט, געקוקט פֿון איינעם אויפֿ'ן אַנדערען און געשלינגען בנימינ'ס ווערטער, דער האָט נישט געזעהען קיין גליקליכען מענשען קיין מאָל אויף זיין לעבען. ער האָט געוואַרט ביז רב הערש וועט שוין אָבלאָזען זיין זוהן און ער וועט קאָנען געהן מיט איהם אַהיים; דאָרט קוקט מען שוין אַרויס אויף איהם, די מאַמע מיט אַלע דריי שוועסטער; אויפֿ'ן טיש ליגען שוין אָנגעגרייט מסתמא די שענע מצות און אין אויבען זידט אַ געשמאַקער באָרשט אַ פּסח'דיגער, און הייסע קניידליך מיט שמאַלץ, און אפשר נאָך אַ טייגעכץ אויך... און אַז רב הערש האָט זיך אויסגעהוסט און איז געגאַנגען מיט זיינע מקורבים צו זיך אויף קדוש, האָט ישראל דער שמש פֿערבעטען צו זיך אויף קדוש זיין איין-און-איינציגען גוטען פֿריינד, זיין

בעל־סוד, ירחמיאל־משה, דעם מלמד, האָט איהם מכבד געווען מיט אַ גלעזיל ווײַן פוּנ'ם אמת'ן ראָזענקעס־ווײַן, און סימע האָט זיך אויסגעפײַנט פאַר איהם מיט אַזעלכע מינים תרעמוליך, וואָס ס'איז שווער געווען צו זאָגען אַ מבינות, וואָס ליגט אין זײ: צי מעהר האָניג, צי מעהר שמאַלץ, מחמת זײ זענען געווען אי געגוג זיס אי געגוג פעט, זײ האָבען זיך אַזש געקלעפּט צום גומען און די שמאַלץ האָט געררונען איבער דער באָרד. ירחמיאל־משה, וואָס האָט געהאַט אַ טבע פון שווײַגען און זיפצען, אַז ער האָט גענומען דאָס ערשטע גלעזיל ווײַן פוּנ'ם אמת'ן ראָזענקעס־ווײַן, האָט זיך איהם שוין אָנגעהויבען דרעהען דער קאָפּ און די צונג האָט זיך בײַ איהם אויפגעבונדען, און ער איז מיט אַ מאָל געוואָרען בערעדעוודיג, האָט פערדערט בנימינען צי ער געדענקט נאָך דעם חומש מיט רש"י וואָס ער האָט אַמאָל געלערענט מיט איהם אין חדר.

בנימין האָט געדענקט אי דעם חומש אי די רש"י, און ישראל דעם שמש האָרץ איז שיער נישט אַרויסגעשפּרונגען פאַר תענוג.

— וואָס זאָגט איהר אויף איהם? האָט ער זיך אָנגערופען צום מלמד שוין אויף יענער זײַט טיהר.

— אַ כלי שלימה! — מאַכט צו איהם ירחמיאל משה, נעמט צונויף די ליפּען און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— אָבער אַ יוד האַ? — זאָגט צו איהם ווײַטער דער שמש און קוקט איהם אין די אויגען אַרײַן.

— מיט גאָטס הילף! — מאַכט ירחמיאל־משה.

— אַיאָ, אַ „וויגרישנע בילעט“, האַ?

דערויף טהוט ירחמיאל־משה אַ מאַך מיט'ן קאָפּ, מיט די אויגען און מיט די הענד, ער מאַכט אַזאַ מינע, וואָס ס'איז שוועהר צו פערשטעהן, וואָס ער מיינט; מע קאָן רעכענען אי אַזוי אי אַזוי, יאָ אַ וויגרישנע בילעט און נים קײַן וויגרישנע בילעט, וואָס ווייסט אַ מענש?...

— אַ גוטען יום־טוב! — זאָגט ער און קושט נאָך אַמאָל די מזוזה — גאָט זאָל העלפען, דערלעבען איבער אַ יאָהר און מע זאָל זײַן געזונד און מע זאָל געהן איינער צום אַנדערען אויף שמחות, אין גיכען אויף אַ חתונה בײַ אײַערע טעכטער, און נאָך דעם אם ירצה־השם בײַ אײַער זוהן, און יודען זאָלען אויסגעלייזט ווערען פון אַלע צרות, און מע זאָל הערען בשורות טובות ישועות ונחמות אויפ'ן כלל יודען, ווארום שוין צײַט גאָט זאָל עפּיס רחמנות האָבען, יודען זאָלען עפּיס אויפגערעכט ווערען, און ס'זאָל זיך פערבעסערען אין די

פרנסות, און ס׳זאל גלאט עפּיס ווערען גוט אויף דער וועלט און פריילין אויפ׳ן הארצען און ס׳זאל זיין... עס זאל ווערען... ס׳זאל... ס׳זאל...

ירחמיאל-משה דער מלמד ווייסט שוין אליין ניט וואס ס׳זאל זיין און וואס ס׳זאל ווערען. ער האט שוין דאכט זיך, אויסגעשאטען אלסדינג וואס ער האט געהאט, איז ער געבליבען שטעהן ניט אהין ניט אהער, ווי אזוי געדט מען אוועק גלאט אזוי, אין מיטען דרינען אהן א זיי-געזונד? א גליק וואס ער האט זיך דערמאנט.

— און ס׳זאל... קומען משיח!

— אמן! האט איהם געענטפערט ישראל דער שמש און אין הארצען ביי זיך האט ער געטראכט: לאז פריהער מיין בנימין ענדיגען דאקטאר און נאך דעם לאז קומען משיח...

ד.

ווי לעבעדיג און ווי פריילין עס איז געווען ביי ישראל דעם שמש אין שטוב בשעת בנימין איז אנגעקומען, אזוי איז דארטען געווען אומעטיג און טרויעריג ביי זיין אוועקפאהרען צוריק אין דער גרויסער שטאדט אריין. וויינען האט קיינער נישט געוויינט, נאר ס׳איז גלאט געווען איטליכען באזונדער אנגעזאלעט אויפ׳ן הארצען, ווי צו א לויה חלילה. סימע האט זיך אפילו א פאר מאל יא א נעם געטהון צום פארטוך, האט ישראל, וואס אלע אין שטוב האבען געציטערט פאר איהם און געהאט דרך-ארץ, נעגעבען אויף איהר אזא קוק, אז זי האט פערשטאנען אז מע דארף נישט וויינען. ישראל האט געוואלט ס׳זאל דוקא זיין פריילין, האט ער פריהער בעווארענט, אנגעזאגט דעם ווייב און אלע דריי טעכטער, אז קיינער זאל זיך ניט דערוועגען לאזען א טרעהר; נאר אז בנימין האט זיך אנגעהויבען קושען און ס׳איז געקומען צו דער מאמען, האט סימע ארויסגעלאזט עפּיס א מאדנעם קוויטש פונ׳ם האלז און איז פערשטארבען געווארען אויף בנימינ׳ס האלז, דעמאלט האבען זיך אלע דריי שוועסטער גענומען שנייצען די נעזער, מחמת זיי האבען דערפיהלט, אז ביי זיי אויף די ברעמען טאנצען טרעהרען און אין האלז איז ביי זיי געווארען מיט אמאל שרעקליך אייננ... נאר איין ישראל, האט זיך געהאלטען ווי א מענש; ער האט ניט אויפגעהערט צו לאכען פון דער „וויבערייי" מיט זייערע „וואלוועלע טרעהרען", האטש אליין האט ער געפיהלט ווי טויזענד קעץ גראבלען איהם מיט די נעגיל ביי דער נשמה און ס׳איז איהם אבגעגאנגען א מינוט ער זאל

זיך צוויינען. נאָר אַ מאַנסביל איז פאָרט אַ מאַנסביל; ער האָט זיך מיישב געווען און האָט גאָר אָנגעהויבען ווערטלען זיך, חאָטש עס האָט זיך ניט געקלעבט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, און אַרומטאַנצען הין און צוריק, ווי אַ משוגע'נער גע־האָלפען בנימין'ען זיך אָנטון, געמאַכט חוזק פון די זילבערנע קנעפ מיט דער פאַדקע וואָס פון הינטען, און סוף כל סוף, נאָך אַלע ווערטלעך זאָגען מיט'ן אַרומטאַנצען, האָט ער אויסגעזעהען ווי אַ מענש וואָס האַלט ביי אַרויס־רייסען זיך אַ צאָהן.

נאָך איין נשמה איז געווען פערצאָרעט און שטאַרק טרויעריג פון בנימין'ס אַוועקפאָהרען, חאָטש יענע נשמה האָט זיך אָנגעקוקט מיט איהם אַ ווילד פרעמדע. דאָס איז געווען פייגע־לאה דער שכנה'ס טעכטעריל מינצי מיט די שוואַרצע אייגעלעך, מיט'ן געדיכטען שוואַרצען צאָפ און מיט'ן רויטען סטיינגעלע... וואָס פאַר אַ מחותנת'טע איז דאָ געווען מינצי? וואָס האָט זיך אָנגעקוקט מיט איהר בנימין, וואָס זי איז אַרויסגעגאַנגען איהם בעגלייטען אַוש אין דרויסען אַרויס, געשטאַנען צונויפגעלייגט די הענד אויפ'ן האַרצען און גע־זיפצט? און וואָס האָט בעדייט דאָס קוקען, וואָס זיי האָבען זיך ביידע אַזוי געקוקט אין די אויגען אַריין? ווען האָבען זיי צייט געהאַט צו בעקענען זיך, אַז אַ גאַנץ פסח איז בנימין געווען אין געפענגעניש ביי זיינע דריי שוועסטער, וואָס האָבען איהם נישט אָבגעלאָזט אויף קיין מינוט? נאָר אויף די אייגענע מעשה, ווער קען דאָס ערוב זיין פאַר אַ בחור מיט אַ מיידיל, אַז זיי זיצען אָב אַ פאָר וואָכען אונטער איין דאַך און עס ציהט זיי איינס צו דאָס אַנדערע ווי אַ מאַגנעט? אפשר האָבען זיי זיך דורכגעוואָרפען מיט אַ פאָר ווערטער און זיך נאָך אַ קוועטש געטהון די האַנד אויך — ווער קען דאָס וויסען?... אפשר האָבען זיי זיך בעגעגענט פאַר־נאַכטליך אין הויז ערגיץ אין אַ ווינקעלע און האָבען זיך אין דער פינסטער שטילערהייד צוקושט — איך ווייס? למאי זאָל איך זאָגען אַזעלכעס וואָס איך האָב נישט געזעהען מיט די אויגען?... אַ קונץ נעמען און אויסטראַכטען פונ'ם קאָפ גלאַט אַ בבא־מעשה? מילא בנימין — גאָר נישט; ער וועט זיך אַוועקפאָהרען צוריק אין דער גימנאַזיע און וועט פערגעסען דעם ווייגעזונד; אָבער מינצי?! מינצי איז אַ מיידיל צו לייטען און אַ שען מיידיל דערצו! זי בעדאַרף חתונה האָבען, איהר קען דאָס חלילה שאַדען צום שדוך!... אודאי וואָלט געווען אַ גרויסער יושר דער ראָמאַן זאָל זיך נישט ענדיגען אַזוי גיך, אַז די ליעבע צווישען זיי זאָל ברענען ווי אַ העליש פייער, אַז עס זאָל געהן הין און צוריק פלאַמפייערינע בריוולעך, אַז בנימין זאָל ענדיגען דאָקטאָר און קומען אין פאַלען מינצי'ן צו די פיס; אָדער לאָז ער

נישט ווארטען ביז ער וועט אמאל ענדיגען דאקטאר און באלד ארויסגנב'נען מינצי'ן דורכ'ן פענסטער און אנטלויפען מיט איהר קיין פאריזש, אהין וואו עס לויפען אלע העלדען פון אונזערע יודישע נאטירליכע „העכסט אינטערעסאנטע" ראמאנען... אי וואס וועלען זיי טהון אין פאריזש? זיי וועלען דאך דארט פגר'ען פאר הונגער! א דאגה מיר, אודאי דארף איך געהן פערזארגען דעם תכלית פון ישראל דעם שמש זוהן מיט פייגה-לאה דער אלמנה'ס טאכטער! וואס איז? איך קאן ניט בעשטעהן אז בנימין אדער מינצי זאל פלוצים בעקומען עפים א צעהן מיליאנשטיקליך ירושה פון א רייכען פעטער, וואס איז געוועזען פריהער א באנדיט און נאכדעם א באראן, ווי אין אלע „העכסט-אינטערעסאנטע" ראמאנען? צי איך קאן ניט אויספיהרען, אז בנימין אליין זאל געפעלען ווערען אין פאריזש און זאל ווערען פרעזידענט? אדער אין מינצי'ן זאל זיך פערליעבען א פרינץ? (וואס מאכט אייך אויס וואסער פרינץ? קארג פרינצען פארהאנען אויף דער וועלט — טאטעניו!) און זי זאל פערלייקענען פאר איהם, אז זי איז א כלה פאר'ן פרעזידענט, דאס הייסט פאר בנימין'ען, און ער, דער פרינץ הייסט דאס, זאל זי אבגילטען פון קאפ ביז פיס און אז עס קומט צו דער חופה, וואקסט אויס בנימין, געוויינטליך פערמאסקירט, מיט נאך צוויי באנדיטען און גנב'ט אוועק די כלה פון אונטער דער חופה און אנטלויפען מיט איהר קיין לאנדאן — און געה לאד מיך! יענער, דער פרינץ, איז אבער אויך נישט קיין פראמאך, יאגט ער זיי נאך מיט א געזונדען פאלק זשאנדארמען און וויל זיי חאפען, ווארפט אראב בנימין די מאסקע, מע טהוט א קוק — שא, ס'איז גאר דער פרעזידענט פון פראנקרייך! פאלען זיי אין אונמאכט, און מע טהוט פאר איהם קניהען אין ביקען, און מע פיהרט איהם מיט גרוים פאראד קיין פאריזש אין איינעם מיט מינצי'ן, און פון דארטען פאהרען זיי גלייך אהיים אנגעשטופט מיט גאלד און מיט בריליאנטען, און קומען אן פונקט אין דער צייט, ווען ישראל ליגט פאר צרות און פאר הונגער טויטט קראנק, סימע איז שוין לאנג געשטארבען (סע שפיעלט א גרויסע ראלע טאמער שטארבט א יודענע אין א ראמאן!) אלע דריי שוועסטער פעסיל און סאסיל און ברכ'צי שטעהען אויף די קניהעס ביי'ם טאטענס בעט און גיסען מיט טרעהרען, און פייגה-לאה די אלמנה ברעכט די הענד און בעוויינט איהר מינצען מיט זודיגע טרעהרען.

— שוין באלד א יאהר — רופט זיך אן צו איהר ישראל מיט זעהר א שוואכער שטימע — שוין באלד א יאהר זינט אונזערע ליעבע קינדער זענען פערשווינדען געווארען אין מיר הערען נישט אויף צו וויינען. מיין סימע נעב'ך

איז געשטאָרבען. איך שטאַרב אַוועק און לאָז איבער מיינע דריי טעכטער ווי אויפ׳ן וואַכער.

— וואָס ווערט זיין פון זיי? געוואַלד, גאַטעניו, וואָס שווייגסטו דו?!

פלוצים עפענט זיך די טהיר און עס פאַלען אַריין אין שטוב אַריין בנימין דער פרעזידענט פון פראַנקרייך און מינע די פרינצעסין פון לאָנדאָן, אָנגעטהון בגדי־מלכות.

— ליעבער פאָטער!

— ליעבע מוטער!

— ליעבער ברודער!

— ליעבע שוועסטער!

— טהייערע טאָכטער!

— וואו זענט איהר געוועזען אַזוי לאַנג?

— אין פאַריזש און אין לאָנדאָן.

— וואָס איז בײַ אײַך דאָרטען אין די זעק און אין די טשעמאָדאַנקעס?

— גאָלד! סאַמע אימפּעריאַלען! דאָס האָבען מיר אײַך געבראַכט אַ מתנה — יאָ, איהר ווייסט, אַז אונז קומט מזל־טוב!

— וואָס איז דען?

— מיר זענען דאָך חתן־כלה!

— אויב אַזוי קומט דאָך אונז אַלעמען מזל־טוב!

— מזל־טוב! מזל־טוב! מזל־טוב!!! — — — — — —

אַזוי וואָלט איך געטהון ווען איך זאָל שרייבען אַ נאַטירליכען „דעכסט־אינטערעסאַנטען ראָמאַן". נאָר איך דערצעהל גלאַט אַ מעשה פון אַן אָרים בחור וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט נישט קיין פאַריזש און נישט קיין לאָנדאָן, נאָר גלאַט אַזוי אין אַ גרויסער שטאָדט אַריין זיך לערנען, האָבען מיר נישט נייטיג אויסצוטראַכטען פון׳ם קאָפּ נסים ונפלאות וואָס נישט געשטויגען נישט געפלויגען, און דערצעהלען בעסער די מעשה וואָס איז געוועזען.

ה.

דריי יאָהר זענען איבערגעגאַנגען פון יענעם גליקליכען פסח, וואָס מיר האָבען בעשריבען. אַ סך וואַסערען זענען אַבגעלאָפען, אַ סך צרות זענען אויסגעשטאַנען — ישראל דער שמש דאָ און זיין זוהן בנימין דאָרטען; אַ סך געכט איז נישט געשלאָפען ישראל דער שמש דאָ און בנימין זיין זוהן דאָרטען;

ישראל דער שמש איז ניט געשלאפען קיין נעכט, ווייל ער האט איבערגעטראכט און געהאט יסורים פון זיין בנימינען וואס ער הארעוועט נעביך אזוי שטארק, און בנימין איז ניט געשלאפען קיין נעכט, ווייל ער האט זיך געגרייט צום עקזאמען.

„גאט זאל מיר העלפען איך זאל שוין אריבערשפרינגען דעם עקזאמען — אזוי האט בנימין געשריבען אהיים — וועל איך דעמאלט קומען צופאהרען צו אייך, מיינע „ליעבע און געטרייע, אויף א גאנצען זומער זיך אויסרוהען די ביינער!...“

און ישראל דער שמש האט ארויסגעקוקט אויף דער גוטער בשורה פונם „אקזאמענט“ ווי מען קוקט ארויס אויף משיח'ן. איהם האט זיך פארגעשטעלט, אז בנימין קומט צו פאהרען א פארטיגער דאקטער, א גרויסער דאקטער; די גאנצע שטאדט לויפט זיך צונויף אנקוקען „ישראל דעם שמש דאקטאר“; מע שלאגט איהם אב די טהירען, דער מיט אזא בקשה און דער מיט אזא בקשה; איטליכער זוכט זיך א צד; אפילו העניזיל דער איינבינדער, א שלים מזל מיט א קרום-פיסיל, אז ער געהט שפרינגט ער אונטער, איז אויך געקומען צו שפרינגען.

— וואס ביזט דו דא פאר א רב שמעלקע, הא? פרעגט איהם ישראל.

העניזיל דער איינבינדער, געוועז ער הינקט אונטער אויף א פוס, רעדט ער נאך שעפּעליאווע אויך, קאן ניט אויסרעדען קיין רי"ש.

— סטייטש יב ישיאל „איך בין דאך אייעע איין איינעגעי קיוב.

— וואס פאר א קרוב ביזט דו? — פרעגט איהם ישראל, האטש ער ווייסט גאנץ גוט אז ער איז א קרוב אפילו א ווייטליכער, נאר פארט א קרוב.

— מיין עלטעיע פעטעי יאובן און אייעי פינעם מומע ייזיל זענען געווען איינענע שוועסטעי און בידעי.

— אודאי קעהרסט דו זיך אן מיט מיין זוהן א קנעפיל! — זאגט צו איהם ישראל; נאר העניזיל דער איינבינדער מאכט אזא קרום פנים, אז ער האט אויף איהם רחמנות און לאזט איהם צו.

— נו? — פרעגט איהם ישראל ביים ארויסגעהן פון בנימינ'ען — וואס הערט זיך, שלים מזל?

— הונדיעט און צוואנציג יאהי זאלט איהי לעבען! — ענטפערט איהם העניזיל, האלט א זשמענע מיט נאלד, שפרינגט אויפ'ן פיסיל און דאס פנים פלאמט איהם און שוויצט אזוי.

— די משפחה דיינע! — זאגט ישראל צו סימען מיט א שטאך, און בעוויזט איהר מיט די אויגען אויף'ן שלים־מזל העטויל דעם איינבינדער.

— נעבּיך א גרויסער אביון, פערענטפערט איהם סימע.

— דעריבּער איז וואס? קארג אריםע לייט פאראן אין שטאדט? —...

אזוי זאגט ישראל, נאר מיינען מיינט ער עפּיס אנדערש; ער האט מורא אז מע וועט אזוי שלעפּען ביי זיין זוהן כסדר, וועט מען איהם מאכען פאר א קבצן.

— גענוג! זאגט ישראל און שליסט צו די טהיר — גענוג אייך שוין צו געהן אויף־און־אב! לאזט איהם אבּרוהען זיך חאטש אביסיל פוּנ'ם וועג!...

ישראל דער שמש איז אין זיינע לופטיגע גילדענע מחשבות פער־נאנגען אזוי וויט, אז ער האט אנגעהויבּען מאנקירען מיט דער שטעלע; ס'איז איהם נמאס געווארען דאס שמשות, זיין איטליכען א משרת, אויסשטעהן יעדענס קאפּריז, טראגען אויף'ן קאפּ איטליכענס יאהרצייט, חנפהנען איטליכען בעזונדער, יוצא זיין פאר קיין עין־הרע אזא עולם מיט יודען, וואס אלע ווילען דוקא דעם אויבּען אן איין מורח, אלע ווילען דוקא שישי; אלע ווילען דוקא דעם ערשטען פּסוק פון אתה־הראית; און אז די גבאים צווי־שען זיך קריגען זיך, איז ווער האט כפרה־הידנדיל? דער שמש! אז צווי נגידית'טעס אין שול צואמפּערען זיך איבּער'ן אתרוג וואס מע האט צו איינער געשיקט פריהער ווי צו דער אנדערער, איז וועמען פליהט דעמאלט אין טאטען אריין? — דעם שמש! ווער הארעוועט מעהר פון אלע? ווער קומט אהיים שבת און יום טוב שפּעטער פון אלעמען? ווער זעצט זיך צום טיש דעמאלט ווען אלע שלאפען שוין? אלץ דער שמש — אז אך און וועה איז איהם! און טאמער ווייסט איהר וואס האט ער דערפון? צרות האט ער דער־פון, מיט עגמת נפש, מיינע שונאים, מיט בזיונות, מיט גריזאטע, אז קיין שכירות נעמט ער ניט, בלייבּט נור די הכנסה, דאס וואס עס מאכט; איז ווי באלד עס מאכט זיך מאכט דאס, און אז עס מאכט זיך נ.ט, מאכט דאס מכּות...

— ישראל! וועסט מוחל זיין א לויף טהון צו מיר אהיים — אזוי האט איהם אין יענע צייט א זאי געטהון איין מאל רב הערש דער נגיד און האט זיך בשעת מעשה געגלעט דאס בייכיל און געגעבּען אלע מאל א צווייטע־רינ הוסטיל — טהו א שפּרונג אויף איין פוס צו מיר אהיים זיי מוחל און הם... הכ... זאג מיין שרה'ן, אז זי מיה אונטערען קושען הם... הם.דז

האָב איך איבערגעלאָזט די שליסעליך; טאָמער וועט זי זיי זוכען, זאָל זי וויסען המ... המ... וואו זיי צו זוכען.

ישראל דער שמש איז געוואָהנט געוואָרען שטעהן פאַר רב הערש דעם נגיד ווי אַ סאָלדאַט פאַר אַ געגעראַל, און איידער ער לאָזט אַרוים דאָס וואָרט „געה" לויפט ער שוין; נאָר איצטיגס מאָל האָט זיך ישראל עפּיס נישט אַזוי געחאַפּט און האָט געמורקעט אונטער דער נאָז.

— שליעסליך... טאַטענס משרת... לאָז מען געהן אַז מע דאַרף... אַבי טרייבען יענעם ווי אַ הונד...

— וואָס מורקעסט דו? — פרעגט איהם רב הערש דער נגיד, וואָס איז נים געוואָהנט געוואָרען צו אַזעלכע זאַכען.

— ווער מורקעט ווער? איך מורקע דען? גלאַט איך זאָג, לאָז מען געהן אַז מע דאַרף דאַרף דאָס הייסט איך געה, אָטאָ געה איך... אָטאָ...

ישראל לאָזט זיך לויפען מכח די שליעסליך און שעלט בשעת מעשה רב הערש דעם נגיד מיט אַלע נגידים זיי זאָלען געהן כף-הקלע. לאָז נור גאָט העלפען זומער, אַז ס'וועט קומען צופאָהרען זיין זוהן, — שלאָגט ער מיט זיי אַלעמען כפרות !..

ו.

נאָט האָט געהאָלפען דער זומער איז געקומען, נאָר בנימין איז נישט געקומען. און בריעף האָט ער אויך אָנגעהויבען שיקען נישט אַזוי אָפט ווי פריהער, און די בריעף אַליין זענען עפּיס אויך געוואָרען וואָס ווייטער אַ קורצער אַן אומעטיגער. ער האָט נור מודיע געווען אַז דעמאָלט און דעמאָלט בעדאַרף זיין ביי איהם אַזאַ און אַזאַ עקזאַמען.

„דער דאָזיגער עקזאַמען — אַזוי האָט געשריעבען בנימין אין זיין לעצטען „בריעף, דאָס איז ביי מיר דער יום-הדין, וואָרום טאָמער פעהלט מיר חס ושלום „איין זעכצעהנטעל וועל איך נישט קענען אריין, און אַז איך וועל נים אריין „איצט, וועל איך מוזען בלייבען אויף איבער אַיאָהר, און ווער ווייסט וואָס וועט „זיין איבער אַיאָהר, טאָמער איז איבער אַיאָהר נאָך ערגער? וואָס זשע וועל „איך דעמאָלט טהון? וואָס וועט זיין ווייטער? אויף וואָס האָב איך בעדאַרפט „אַזוי פיעל האָרעווען, פערשוואַרצט ווערען? אַזוי פיעל לערנען, הורין אויף „אויסווייניג, הונגערען גאַנצע טעג, נים שלאָפען קיין נעכט און פריהערען ווי „אַ הונד? נישט איך אַליין פרעג די דאָזיגע קשיא, עס זענען דאָ נאָך אַ סך

„אַזעלכע וואָס זענען פערבליבען נאָך פון פאַר אַיאָהרען און קאָנען נישט „אַריין, ווייל סע פעהלט זיי צו דער נאָרמע, און אָט שפרינגט אונטער דער „פּריזיוו, און אויפ'ן עקזאַמען שניידט מען, — ס'איז שלעכט!.. ביטער און „פינסטער!..“

ישׂראל דער שמש איז אַרומגעגאַנגען אָהן אַ קאָפּ; ער האָט נישט געקאָנט פערשטעהן, פאַר וואָס זענען עפּיס בנימינ'ס בריוולעך געוואָרען מיט אַמאָל אַזוי אומעטיג? ער האָט געבעטען ירחמיאל משה, דעם מלמד ער זאָל שרייבען בנימינ'ען, וואָס איז דאָס פאַר נאָרמעס, און וואָס הייסט עס פעהלט אַ זעכצעהנטעל? מע מעסט דען ביים עקזאַמען אויך מיט אַ מאָס אַזוי ווי ביים פּריזיוו? און וואָס הייסט מע שניידט ביים עקזאַמען? ווער שניידט? פאַר וואָס שניידט מען? הכלל ער זאָל איהם אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות און זאָל נאָר ניט זאָרגען, ער זאָל זיך פערלאָזען אויף דעם וואָס לעבט אייביג, ער קאָן אַלץ, און דער עיקר ער זאָל זיין אַ ייד וועט אַלסדינג אם ירצה השם זיין גוט...“

אויף דעם דאָזיגען בריעף און אויף אַלע איבעריגע בריעף האָט שוין אָבער ישׂראל דער שמש מעהר קיין ענטפער נישט בעקומען. ישׂראל איז נישט געוואָהנט געוואָרען אַז פון בנימינ'ען זאָל אַזאַ צייט קיין בריעף ניט זיין; ער האָט אַזוי לאַנג איהם געשריבען און געשריבען, ביז ער האָט אויפגעהערט צו שרייבען; ס'איז איהם געווען אַ בזיון פאַר ירחמיאל משה, דעם מלמד...

— וואָס קאָן עס זיין וואָס ס'איז נישטאָ קיין בריעף אַזוי לאַנג? — פרעגט סימע ביי ישׂראל'ן און בעקומט פון איהם אַ פּסק ווי געוויינטליך.

— כשר'ה בהמה! ער האָט מעהר ניט וואָס צו טהון, נאָר שרייבען בריוו־ליך? וואַרט אויס אַביסעל, לאָז ער אָפּגעבען דעם „אַקזאַמענט“ וועט ער דיר דערכאָלט שרייבען!...

בעקומען איהרס, טריט סימע אָב, ווי אַ הונד בשעת ער חנפה'ט זיך צו צום בעל הבית, דרעדט מיט'ן ווייד'ל און בעקומט אַ „פּשאָל־וואָן!..“

ישׂראל איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ געשוואָלענע האַרץ און מיט אַ שווערע געמיטה, ער האָט זיך גאָר קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. וואָס זיין קאָפּ האָט איבערגעקלעהרט אין דער צייט — זאָל קיין פאָטער נישט וויסען, און די חלומות וואָס ער האָט געזעהען ביינאַכט זענען געווען מורא'דיגע, שרעקליכע חלומות. איין מאָל חלומט זיך איהם אַז ער פאָהרט צו גאַסט צו זיין זוהן אינ'איינעם מיט סימען. געפאָהרען־געפאָהרען, איבער בערג איבער טאָהלען, וואַלד איין וואַלד אויס, געקומען צופאָהרען צו אַ גרויסען פּאַלאַץ, פרעגט ער: „דאָ זיצט ריטעלמאַן דער דאָקטאָר?“ זאָגט מען: „זיצען זיצט

ער דא, נאר מע קאן איהם ניט זעהען", פרעגט ער „פאר וואס"? זאגט מען איהם: „דער פאר ווייל מע לאזט קיינעם ניט צו." רופט זיך אב ישראל: „געדט זאגט איהם, זייט מוחל, אז דער טאטע איז געקומען". „און די מאמע"— רופט זיך אן סימע, „את האסט דו דיר ס'קאצעל קומט, זי איז אויך דא אין מיטען!" — זאגט צו איהר ישראל, און אזוי ווי זיי רעדען דערזעהט ער פון דער וויטען א „ידנעראל מיט פאליעטען"; ער וואלט געמעגט שווערען, אז ס'איז בנימין. ישראל לאזט זיך געהן און סימע נאך איהם, נאר וויפיעל זיי געהען, קאנען זיי צו איהם ניט גרייכען. „גיכער אביסעל! זעה נאר ווי זי שלעפט זיך? נו, ריהר זיך! ריהר זיך! — שרייט ער צו סימען, אין בייזע לאזען זיי זיך לויפען, לויפען מיט אלע כחות, און ישראל הערט נישט אויף צו שרייען אויף סימען: „גיכער! גיכער! שלעפט זיך ווי א טשערעפאחע! סימע, פערברענט זאלסט דו ניט ווערען!.."

— גאט איז מיט דיר, וואס שרייסט דו? — זאגט צו איהם סימע און טא-רעט איהם פונ'ם שלאף. ישראל חאפט זיך אויף, שטעלט אויס א פאר אויגען, שפייט אויס דריי מאל, קעהרט זיך איבער אויף דער אנדערער זייט, ווערט אנשלאפען און זעהט א נייעם חלום, נאך אנגערערען ווי פריהער: א שווארצע חופה... שווארצע ליכט... א שווארצע מטה... עמיצער שטעהט מיט אנ-אבצווייגע און וויל איהם ארויסרייסען א צאהן, לאזט ער זיך ניט, בארעט זיך, דערהערט ער בנימינס קול:

— טאטע... טאטע... ס'איז פון דיין טובה וועגען...

. . . .

ז.

פון לעמעל דעם סטאראסטע האט איהר געהערט אמאל? צי איהר הערט דאס ערשטע מאל לעמעלס נאמען? ווי קומט דאס? ער איז דאך א יוד וואס האט א שם אומעדום. א חוץ וואס ער איז א סטארעסטע אין אופראווע און א קאכלעפעל און פיהרט דאס גאנצע שטעדטיל ביי דער נאז, איז ער א גאנצער מאכער דארט אין דער „גובערניע", אויסגעבונדען מיט אלע גרעסטע. אז ער קומט צופאהרען אין דער גובערניע, זאגט ער, ווייסט ער ניט וואוהין ער זאל געהן פריהער; איטליכער, זאגט ער, שלעפט איהם צו זיך: „פאני לע-מעל! גאספאדין לעמעל! רב לעמעל!" סע טהוט זיך! אלע מאל. ווען ער קומט צו פאהרען פון דער „גובערניע" מוז ער ברייגען עפיס א נייס, וואס

זאל זיין נאכדעם אויף דריי חדשים צו רעדען: א גרויסען אנזעץ פון דריי מאל הונדערט טויזענד, א מוראדיגע שרפה, וואס פינף און זיבעציג נפשות זענען פערברענט געווארען, אדער א שרעקליכע הריגה אין מיטען שטאדט, וואס די האר שטעלען זיך קאפויר. און חאטש ביי לעמלען זענען די אנזעצען א ביסעל צו אפט, די שרפות מיט די הריגות כמעט אלע וואך, פון דעסטוועגען איז קיינעם ביז אהער נישט איינגעפאלען ער זאל זיך אנידערשטעלען דערויף; אויף קיין מעשה פרעגט מען קיין קשיה ניט, למאי די גאזעטען? די גאזעטען מעגען? איהר דארפט נאך געדענקען מן הסתם די שרעקליכע מעשה וואס איז געווען בעשריבען אנימעלטען אויף אלע גאזעטען. פערלאפען האט זיך דאס אין ביאליסטאק, אין ריגא אדער אין זיטאמיר, איך געדענק שוין ניט אקוראט. אזוי איז געווען די מעשה: איין מאל איז געזעסען א פרוי מיט א זויגעדיג קינד אויף די הענד, פלוצים צעוויינט זיך דאס קינד, וויל די פרוי דעם קינד געבען זויגען און צושפיליעט זיך, שפרינגט ארויף א שלאנג צו איהר אויפ'ן שויס און חאפט די ברוסט אין מויל אריין און לאזט ניט ארויס שוין באלד דריי מעת-לעת. אלע דאקטוירים מיט די גרעסטע פראפעסארען קומען צופאהרען און פאהרען אוועק, זיי ווייסען ניט וואס צו טהון: אברייסען די שלאנג מיט גוואלד האבען זיי מורא, טאמער לאזט זי דעם גיפט, איז די פרוי א פערפאלענע; לאזען זי זאל זויגען, וועט זי פון איהר ארויסציהען דאס דם-התמצית! וואס דער סוף וועט זיין, וועלען מיר מסתמא מודיע זיין אונזערע לעזער... אזוי לאזען אויס די גאזעטען, און שוין מעהר אז דריי יאהר שרייבען מיר אויס און לייענען די גאזעטען און ווייסען נישט עד היום דעם סוף פון דער שרעקליכער מעשה און וואס מאכט די אומגליקליכע פרוי נעבעך? רעכענען אז די שלאנג זויגט נאך, — איז עפים נישט צו גלויבען, עס קומט אויס אביסעל חוץ לדרך הטבע; און ווידער אז די פרוי זאל האבען געשטארבען, וואלטען דאך די גאזעטען געשריבען. לכן מוזען מיר אנקומען דערצו, אז ס'איז גישט קיין פרוי, נישט קיין ברוסט און נישט קיין שלאנג וואס דען איז דאס? א פנים א ליגען!

אדער נישט לאנג האבען מיר געלייענט אויף די גאזעטען אזא מעשה: אין א קליין שטעדטיל (דאכט זיך אין באברויסק) איז געווען א יודישע חתונה. די כלי-זמר האבען געשפיעלט. די מחותנים האבען געטאנצט. די סארווערס מיט די סארווערקעס זענען ארומגעלאפען פערטארעראמעט, ווי געוויינליך א חתונה. פלוצים זאגט די כלה ס'איז איהר נישט גוט און לייגט זיך צו אויף א וויילעטשקע. און אזוי ווי זי האט זיך צוגעלייגט אזוי איז זי אנשלאפען גע-

...רען. די כלי-זמר שפּיעלען, די מחותּנים טאַנצען, די סאַרוועס מיט די סאַרוועריקעס לויפען אַרום פערטאַרעראַמט — די כלה שלאָפט. מע האָט שוין אָבגעשפּיעלט, אָבגעטאַנצט, אָבגעגעסען די גילדענע-יוך — די כלה שלאָפט. דער עולם איז זיך צוגאַנגען אַהיים, מע פערלעשט די ליכט — די כלה שלאָפט. מע שטעהט אויף אין דער פריה — די כלה שלאָפט. מע לייגט זיך שלאָפען — די כלה שלאָפט. מע שטעהט אויף — די כלה שלאָפט. הקצור, ס'איז שוין דריי וואָכען נאָך דער חתונה — און די כלה שלאָפט! „וואָס מיט איהר איז געשעהען וועלען מיר מסתמא באַלד געבען צו וויסען אונזערע לעזער"... ס'פערשטעהט זיך שוין דאָס אַנדערע יאָהר אַז מיר שרייבען אויס נור דאָס דאָזיגע בלאַט, מיר האָבען מורא טאָמער חאַפּט זיך אויף די כלה און מיר וועלען אַפילו ניט וויסען ווער ס'האָט אונז געשלייערט! — עס איז אָבער אַרויסגעוואָרפען די טרחה; אַלע טאָג, אַז עס קומט אָן דאָס בלאַט, איז דאָס ערשטע פרעגט מיך מיין ווייב:

— וואָס הערט זיך מיט דער באַברויסקער כלה?

— נישטאָ גאָרניט, די משמעות אַז זי שלאָפט נאָך — אַזוי ענטפער איך מיין ווייב, און ביי זיך אין האַרצען טראַכט איך מיר: „אוי ווערה איך האָב מורא אויב די גאַנצע מעשה איז ניט קיין אויסגעטראַכטע מעשה, שקר וכזב?.."

אַזוי איז מיט אונזער לעמלען אויך. דער חלוק איז נאָר, וואָס די גאַזעטען אַז עס מאַכט זיך, זיי האַקען אַריין אַמאָל אַ ליגען טהוען זיי דאָס מיט אַ מיין, זיי מיינען געלד; און אונזער לעמעל דער סטאַראָסטע איז גלאַט אַ שקרן און אַ פלאַפּלער. היינט שטעלט זיך פאָר, וואָס פאַר אַ יום טוב ס'איז געוועזען פאַר אונזער סטאַראָסטע, אַז ס'איז אָנגעקומען פלוצים אין דער אופּראַווע פון דער גובערניע אַ פּאַפּיער מע זאָל אויסשליסען פונ'ם יודישען קהל בנימינ'עצן דעם זוהן פון ישראל ריטעלמאַן, מחמת ער האָט אָנגענומען אַנ'אַנדער גלויבען...

לעמעל דער סטאַראָסטע, אַז ער האָט נור איבערגעלייענט דאָס פּאַפּיער, האָט ער פערגעסען אַלע געשעפטען מיט דער אופּראַווע, געחאַפּט דאָס פּאַפּיר און איז אַוועקגעלאָפען אין גאַס אַריין, זיך אַלע מאָל אָבגעשטעלט, אַייננערוימט איטליכען בעזונדער אַ סוד אויפ'ן אויער און צופויקט איבער דער גאַנצער שטאָדט.

פאַראַן צייטען, וואָס מע קאָן זיי אָנרופען די „שטילשווייגענדיגע טעג". דער הימעל איז לויטער, קיין שפּרינקעלע, קיין ווינטעלע, שאַ, שטיל אַרום און אַרום; אַלע שלאָפען, ווי אויסגעשטאָרבען די גאַנצע שטאָדט, פלוצים, מע ווייסט ניט פון וואַנען, עס פאַלט אַראָב אַ באָמבע און רייסט אויף

די גאנצע וועלט, אלע חאפען זיך אויף און לאזען זיך לויפען: „הא? וואס? וואו? וואס איז געשעהען?“ — עס ווערט לעבעדיג, פריילך אין שטעדטיל.

די מעשה מיט ישראל דעם שמש זוהנדיל איז געוועזען יענע באמבע, וואס האט אויפגעריסען דאס גאנצע שטעדטיל און אויפגעוועקט אלע יודען. איטליכער בעזונדער איז געוועזען אזוי צוקאכט און אויפגעטראגען פון דער מעשה, גלייך ווי ס'איז איהם נוגע אין נפש אדער אין פרנסה, גלייך ווי עס געהט איהם מעהר נישט אב, נאר דאס. א סך האבען אוועקגעווארפען געשעפט, דאס עסען אין מיטען, און ארויסגעגאנגען אין מארק „הערען וואס הערט זיך?“ ארום רב הערש דעם גבירס שטוב זענען געשטאנען גאנצע רעדליך מענשען, און רב הערש אליין איז געשטאנען אין חאלאט און אין דער יארמעלקע ביים גאניק פון דער שטוב, ארומגערינגעלט מיט זיינע מקורבים און מיט גלאט יודען ווילד פרעמדע, וואס חנפה'נען און לעקען איהם, טאמער וועט דערפון עפיס ארויס אמאל א שטיקעל טובה, א קשיה אויף א מעשה?.. רב הערש דרשה'ט און די לעקערס פארטאקעווען איהם:

— מסתמא! וואס דען? זיי זענען ניט גערעכט? זיי זענען זעהר גערעכט!

— א שמש, א פארך, א קבצן, וויל ער זיין קליגער פון דער גאנצער וועלט! — זאגט רב הערש מיט זיין צווייענדיג הוסטיל — הם... הם... א דאקטאר האט זיך איהם גאר פערוואלט מאכען פון זיין זוהנדיל! און אז ער וואלט זיין א שמש ווי דער טאטע, צי חלילה א מלמד, ווייס איך ניט וואס ס'וואלט געוועזען! איך וואלט א בעלן זיין הערען וואס זאגט דער שמש אונזערער אצונד? צי ער ווייסט נאך ניט פון דער בשורה הם... הם...? עפיס זעהט מען איהם ניט דעם שלים-מזל, וואו קען ער זיין?

עס האבען זיך געפונען אזעלכע וואס האבען זיך ניט געפוילט געהן אין שול אריין און צום שמש אהיים — און האבען ישראל'ן נישט געקאנט געפינען אין ערגיץ.

ח.

די וואס זענען געוואהנט געווארען צו די „העכסט אינטערעסאנטער ראמאנען וואלטען א בעלן געוועזען אז ישראל דער שמש זאל זיך שלאגען קאפ אן וואנד, אדער ער זאל לויפען צום טייך זיך טרינקען, אדער ער זאל ארויף אין בית-מדרש אויפ'ן בוידעם און זיך אויפהענגען אויף די פאנטענעס,

ווײַב און קינדער װאָלטן יאָמערן און קלאָגן, די שטאָדט זאָל זיך װינען, קאָכען װי אין אַ קעסעל — הכלל עס זאָל דונערן און בליצען! עס קאָן זײַן אַז איצטיגעס מאָל װאָלט איך זיי צוליעב געטהון. נאָר װאָס קען איך מאַכען, אַז ישׂראל דער שמש װײסט נאָך גאָר נישט פֿון קיין פּותר און פֿון קיין חלום? דעמאָלט װען די גאַנצע שטאָדט האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט׳ן „פּאַפּיר“ איז גאָר ישׂראל געזעסען בײַ זײַן איין־און־אײנציגען גוטען פֿרײַנד און בעל־סוד ירחמיאל משה דעם מלמד. אין דער אײגענער צײַט װאָס איז אָנגעקומען אין דער אופּראַװע דאָס געװיסע „פּאַפּיר“ האָט ישׂראל דער שמש אָבגענומען פֿון דער פּאָסט אַ גאַנצען פּאַקעט װאָס איז איהם אָנגעקומען פֿון זײַן זוהן. ער האָט נאָך קײנמאָל אַזאַ גרױסען, אַזאַ לאַנגען בריעף נישט געהאַט פֿון בנימין׳ען — אַ גאַנצע מגילה! דורכגעלײענט מיט גרױס מיה אַ פּאָר בלעטליך און ניט פֿערשטאַנען כמעט איין װאָרט, איז ער אַװעק צו ירחמיאל משה דעם מלמד.

— ס׳איז דאָ! — האָט ישׂראל אױסגעשריגען נאָך פֿון דער טהיר מיט אַ שׂמחה.

— אַ בריװיל פֿון אײער זוהן?

— נאָך אַ מין בריװעל, אױף דרײַ בױגעליך פּאַפּיר!

דערהערט דרײַ בױגעליך פּאַפּיר האָט דער מלמד אַװעקגעלײגט שער און אײזען און די תּלמידים האָבען זיך דערװײַל מחיה געװען. אַ קלײניגקײט מע װעט קענען שפּיעלען דערװײַל אין „פּאַטשערליך“ און אין „טרעפּעניש“, און גלאַט אַזױ זיך אָבצוהען פֿונ׳ם חומש איז אױך עפּיס װערט! ירחמיאל משה האָט אָנגעטהון די בעקאַנטעברילען אױף דער נאָז און האָט זיך גענומען לײענען דעם בריעף בקול רם און מיט אַ נגון. נאָר כל זמן עס האָט זיך געלײענט האָט זיך געלײענט; װאָס װײַטער װײַטער האָט ער אָנגעהױבען אַבּיסעלע זיך פֿאַראיקען און אָבשטעלען זיך, װי מע גערט אױף שטײנער, װײַל ס׳איז אַװעקגעגאַנגען האַרבע עברי, מאָדנע װערטער, אַזעלכע װאָס ער האָט זיי אױף זײַן לעבען אין ערגיץ ניט בעגעגענט. ער האָט אַלע מינוט צורעכט געמאַכט די בריל אױף דער נאָז, צוגעטראָגען דאָס בריװיל נעהענטער צום פֿענסטער, געקנײטשט מיט די פּלײצעס און געקײַעט די װערטער:

— הם... הם... עפּיס מלאכים שפּראַך... נאַציע... מאַנציפּאַציע... פּצפּציה... לאָז מיך אַזױ װיסען אַ בײזע װעטשערע!

ישׂראל איז געזעסען, געזעסען אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אױף דער האַנד בײַם עק טיש, געקוקט ירחמיאל משה׳ן אין מױל אַרײַן, זיך צוגע-

הערט מיט מח צו איטליכעס וואָרט, געוואָלט חאַפּען דעם רעכטען געדאַנק— און ניט געקענט בשום אופן. ער האָט ניט פערשטאַנען וואָס בעדייט דאָס, וואָס בנימין פלוצים פערענטפערט זיך און שווערט זיך מיט שבועות אַז ער איז דער איינענער מענש וואָס פריהער, אדרבה נאָך מיט מעהר ליעבשאַפט און נאָך מיט מעהר געטריישאַפט... ישראל האָט ניט געקענט פערשטעהן פאַר וואָס זאָל ער איצטער ניט זיין דער איינענער וואָס פריהער? און וואָס בעדייט דאָס דאָזיגע וואָס ער בעט פון איהם ער זאָל איהם מוחל זיין? וואָס זאָל ער איהם מוחל זיין?... „עס האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין, שרייבט ער, ער האָט געגנוג געמוטשעט זיך, וויבל ער ווייסט, זאָגט ער, גאַנץ גוט וואָס פאַר אַ וועדהטונג ער טהוט אָן זיינע עלטערן; נאָר דאָס שלאָגען זיך פון קינדוויי אָן צו דער ליכטיגקייט, דאָס רייסען זיך צום וויסענשאַפט איז ביי איהם אַזוי גרויס, אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט גובר געווען".

דאָ דערמאָנט זיך ישראל אינים חלום וואָס האָט זיך איהם געחלומ'ט און עס טהוט איהם אַ טיאָכקע דאָס האַרץ, ווי אַ מענש וואָס דערמאָנט זיך אַז מע בעדאַרף איהם מאַכען אַנאָפּעראַציע... ער טהוט זיך אַ חאַפּ.

— וואָס? וואָס? נאָך אַמאָל, לייענט נאָך אַמאָל, וואָס שרייבט ער וואָס?...

ירחמיאל משה טהוט אַ ריק די ברילען אַרויף און וויל לייענען נאָך אַמאָל, פלוצים עפענט זיך די טהיר און עס קומט אַריין...

בתיה הינדע, די רביצין, ירחמיאל משה'ס ווייב, אַ יודינע ניט אַזאַ גראָבע ווי אַ הויכע און ניט אַזאַ שענע ווי אַ געלע, מיט אַ גרויסען קאָשעק פונ'ם מאַרק. אין קאָשעק האָט זיך געפונען פון כל טוב: קאַרטאָפלעס און ציבעלעס און צוויי שוואַרצע רעטעכער און אַ שטיקעל לונג און לעבער, וואָס זי האָט קוים אויסגעוויינט ביי שמחה לייב דעם קצב, מחמת לונג און לעבער איז אַזאַ סחורה וואָס אויף דעם איז ברוך השם פאַראַן תמיד הונדערט בעלנים; וויבער שלאָגען זיך איבער דעם אין מאַרק ווי להבדיל אין שול די מאַנסבילען איבער „אתה הראית",— און ס'איז גאָר קיין חדוש ניט: אַז קאָסטען קאָסט דאָס וואָלוויל און קיין ביינער האָט דאָס ניט. דאָס אַז מע קאָכט מיט קאַרטאָפלעס און מיט ציבעלעס און מיט געגנוג פעפער און מע דושעט זיך גוט איין און ס'איז מאַטקע— איז דאָך עס טעם גן-עדן!..

אַריינקומען און דערזעהען דעם שמש זיצען ביים טיש מיט אידר מאַן און לייענען, האָט בתיה הינדע אַ קוק געטהון אויף זיי ביידען און געוואָלט פרעגען, צי דער שלים-מזל ווייסט שוין צי ניין? נאָר פון זייערע פנים'ער האָט

זי נישט געקאָנט אַרויסזעהען גאָר ניט, האָט זי אַוועקגעשטעלט דעם קאָשעק און אַ ווינק געטהון צו איהר מאַן, בשעת מעשה זיך אַ וויש געטהון מיט דער האַנד איבער׳ן פּנים פון אונטען אַרויף.

— חמיל משה, קום נאַ אַהער! האָט זי איהם אַ זאָג געטהון. ירחמיאל משה האָט זיך געשטויסען, אַז בתיה הינדע וויל איהם מסתמא עפּיס זאָגען, האָט ער אויסגעטהון די ברילען און האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אויף אַ מינוט אין הויז אַרויס און דאָרט, אויף יענער זייט טהיר, איז פאָרגעקומען צווישען מאַן און ווייב שטילערהייט, אונטער פיער אויגען, אַזאַ מין געשפּרעך:

זי: ער ווייסט שוין?

ער: ווער?

זי: דער שלים-מזל.

ער: וואָסער שלים-מזל?

זי: דער שמש.

ער: פון וואָס?

זי: פונ׳ם זוהן.

ער: פון וואָסער זוהן?

זי: פון בנימינען.

ער: אַז וואָס?

זי: די גאַנצע שטאָדט האָט צו טהון!

ער: מיט וועמען?

זי: מיט זיין זוהן.

ער: מיט וועמענס זוהן?

זי: מיט׳ן שמש זוהן.

ער: אַז וואָס?

זי: טפו זאָלסט דו ווערען!...

נאָר ווייסט וויפיעל דאָס געשפּרעך וואָלט זיך נאָך געצויגען ווען דער שמש אַליין זאָל ניט געוועזען אונטערקומען אַ דערשראָקענער און אַ פרעג טהון:

— דאַ? וואָס? וואָס דערצעהלט איהר עפּיס? וואָס האָט איהר עפּיס געזאָגט בנימין — וואָס?

בתיה הינדע האָט נישט געוואוסט, וואָס זאָל זי טהון, ווי אַזוי דרעהט מען זיך דאַ אויס? למאי זאָל זי זיין דער שליח? אַ מעדר וועט זי איהם

בעסער אבשיקען גלייך צו לעמעל דעם סטארעסטע, לאז ער זיך מיט אידם שלאגען קאפ אן וואנד.

— גאר נישט, וויים איך! — מאכט בתיה הינדע און ווישט זיך דאס פנים מיט דער האנד ארויף — עפים א פאפיר זאגט מען איז אנגעקומען מכח אייער זוהן.

— וואסער א פאפיר? — פרעגט ישראל טוידט ווי די ליים.

— אין דער אופראווע דארטען — זאגט בתיה הינדע.

— וואסער אופראווע?

— צום סטארעסטע.

— מכח וואס?

— לעמעל הייסט דאס.

— אז וואס?

— אייער בנימין הייסט דאס.

— וואס בנימין? בנימין? — פרעגט שוין ישראל מיט כעס.

— איך וויים וואס? פרעגט מיך בחרם, זייט זיך מטריח אהין, צו לעמלען הייסט דאס, ער איז איצטער אין מארק, לעמעל הייסט דאס מיט'ן פאפיר.

„פאפיר... לעמעל... אופראווע... בנימין... די גאנצע שטאדט... וואס זאל דאס בעדייטען?" — טראכט זיך ישראל און ער פיהלט, אז עס פלאמט אידם א באק און עס פייפט אידם אין אויער, ער רוקט אן דאס היטעל, בייגט זיך איין אין דרייען און לאזט זיך געהן.

ט.

פארהאן מענשען, וואס האבען ליעב אנקוקען יענעם בשעת אומגליק, אריינקוקען יענעם גלייך אין פנים אריין דוקא בשעת ער וויינט, נאכקוקען יענעם ווי אזוי ער געהט נאך דער לויה, זיך צוקוקען ווי יענער ברעכט די הענד, שלאגט זיך קאפ אן וואנט, וכדומה. איך האלט נישט פון אזעלכע סצענעס. לאז מען זאגען וואס מען וויל, איך האב פיינה טרויעריגע בילדער. מיין מוזע טראגט נישט קיין שווארצען שלייער אויפן פנים; מיין מוזע איז אנארימע גאר א פריילעכע... וואוהין האט זיך געלאזט לויפען ישראל דער שמש? מיט וועמען האט ער זיך געזעהען? וואס האט ער געהערט? וואס האט ער געזאגט? — פרעגט גאר נישט, איהר וועט הערפון קיין תענוג

ניש׳ט האָבען. וואָס וועט אייך אַרויסקומען א שטייגער אַז איהר וועט געוואָהר ווערען אַז ס׳איז פאַראַן מענשען, וואָס יענעמס צרה איז ביי זיי נאָר אַ „נייעס“, יענעמס האַרץ איז אַ פידעל, יענעמס טרערן זענען סטרונעס, יענעמס וויינען איז אַ נגון און יענעמס נשמה — אַ שפּילעכיל? וואָס וועט אייך אַרויסקומען למשל, אַז איהר וועט שוין געוואָהר ווערען אַז עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע וואָס האָבען דערלעבט אַ נקמה אין ישראל דעם שמש, דערפאַר וואָס ער האָט זיך אַרומגעטראָגען טאָג ווי נאַכט מיט זיין „ווינגרישנע ביליעט“?

— אַ מצוה! — האָט געזאָגט הנגיד רב הירש מיט זיין צוויי‏ענדיג הוסטעל און געגלעט זיך בשעת מעשה דאָס בייכיל — אַ מצוה לאָז אַ קבצן הם... הם... ניט שפּרינגען אין פנים אַריין! דאָקטוירים גאָר הם... הם!.

אַ סך האָבען געוויינטליך רחמנות געהאַט אויפ׳ן שמש נעביך. נאָר איך מיין אַז עס בעדאַרף אייך זיין קענטליך דאָס וואָרט „נעביך“.

— לאָז אייך גאָט היטען פון אַ יודישער טובה און פון אַ יודישען געבעך — אַזוי פלעגט זאָגען מיין באָבע מינדע עליה השלום — וואָרום פון אַ יודישער טובה קאָן האַרט ווערען דער קאָפּ און פון אַ יודישען נעביך — היילען די ציין...

ערשט אַרום פאַרנאַכטליך האָט זיך ישראל פערשלעפּט אַהיים, קוים אַ לעבעדיגער, שטיל זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד, אויסגעטהון די שטיוועל, געריסען קריעה און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שעה „שבעה“. דאָס אייגענע האָבען געטהון סימע און אַלע דריי טעכטער, פּעסיל סאָסיל און ברכצי, געוויינטליך, גענוג געוויינט, גענוג געיאָמערט און גענוג געשלאָגען זיך קאָפּ אָן וואַנט, חאָטש זיי האָבען גענוג איינגעליינט די וועלט נאָך פריהער, איידער ישראל איז געקומען...

שפּעטער, אַז ירחמיאל משה דער מלמד איז געקומען זיי מנחם אָבל זיין, האָט ער געטראָפען אַזאַ מין בילד: ישראל איז געזעסען בעהאַלטען דעם קאָפּ צווישען די קניהעס; סימע האָט זיך פערשטעלט דאָס פנים מיט ביידע הענד און געוויינט שטילערהייד, און פּעסיל, סאָסיל מיט ברכצין זענען געזעסען מיט רויטע געשוואָלענע אויגען און געקוקט מיט פערגליווערטע פנים׳ער איטליכע אין אַנאַנדער ווינקעל. דער וועהטיג מיט׳ן בזיון איז פאַר זיי אַלעמען געווען אַ פּנים אַזוי גרויס, אַז זיי האָבען ניש׳ט געקאָנט קוקען איינס דאָס אַנדערע אין די אויגען אַריין...

אַריינגעקומען איז ירחמיאל משה שטיל, אָהן אַ גאָט העלף, ווי געוויינטליך מע קומט אַריין צו אַנאַבל, זיך אַוועקגעזעצט פּאַוואָלינקע ביי דעם

זײַט אויף אַנעק בײַנקיל. אַ זיפּץ געטהון און שאַ, שטום ווי די וואַנט. שפּעטער אַבּיסיל נאָך אַ זיפּץ און אַנשוויגען געוואָרען, און ווײַטער אַ זיפּץ און ווידער אַנשוויגען געוואָרען. ערשט אין עטליכע מינוט אַרום האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אַז ס'איז עפּיס עֶשט קיין תכלית זיצען אַזוי און שווײַגען, מע בעדאַרף עפּיס זאָגען אַ גוט וואָרט. נאַר וואָס זאָגט מען? מילא נאָך אַ בר-מינן אַז עס מאַכט זיך חלילה מע זיצט שבעה און מע קומט מנחם-אָבל זײַן, געפינט זיך נאָך ווערטער: „ד' נתן ד' לקח...“ אָדער: „אַ מענש איז מ'שטינס-געזאָגט גענליכען צו אַ פליג... אָדער „דער טויט—דאָס איז אַזאַ זאַך וואָס אויסדרעהען זיך דערפון קאָן מען ניט...“ אָדער: „עֶט, הבל הבלים, גלויבט מיר, מיר וועלען אַלע שטאַרבען...“ וכדומה אַזעלכע ווערטער, וואָס שטאַרק פריילוך אויפ'ן האַרצען קאָן פון זיי ניט ווערען; נאָר דאָך איז דאָס אַ שטיקיל רפואה; מענשען רעדען אויס דאָס האַרץ, ווערט אַביסעל גרינגער... אָבער וואָס קאָן מען זאָגען דאָ בײַ אַזאַ מין „שבעה“ זיצען נאָך אַ לעבעדיגען?... ירחמיאל משה טהוט זיך אַ דרעה אויפ'ן בײַנקיל מיט אַ הוסטעל. וויל עפּיס אַ זאָג טהון, נאָר סע זאָגט זיך ניט. ער פּרובט זיך עטליכע מאָל ביז קוים קוים—ער האָט זיך צורעדט, און אַז ער האָט זיך צורעדט, האָט ער נישט געקאָנט זיך אָבשטעלען, נישט געוואוסט דורך וואַנען מע האַפּט זיך אַרויס.

— טאַ, מילא אויף די איטעניגע מעשה, ס'איז דאָך נאַר, ווי זאָגט ער, אַ נסיון, מיין איך, פון גאָט, וואָרום אַלסדינג, הערט איהר, איז פון איהם, אָהן איהם טהוט זיך ניט קיין זאַך, אַ מינדסטען פינגער הויבט אַ מענש נישט אויף פון אונטען ביז מע הייסט איהם נישט דאָרטען פון אויבען... ער איז, וואָס טויג מיר מעשיות, אַ רעכטער בעל הבית, אוי, אַ בעל הבית ז. י.. און איהם פאַלגט מען, נאָך אַ מין פאַלגען, אוי אוי אוי!... דערימעך איז געדרינגען, הערט איהר, אַז עס בעדאַרף זײַן אַזוי ווי עס איז; אַ סימן האָט איהר, עס זאָל בעדאַרפען זײַן ניט אַזוי וואָלט געוועזען ניט אַזוי, וואָרום ווער ניט דאָס איהם ס'זאָל דוקא זײַן אַזוי און ניט אַזוי? און אַז ער זאָל וועלען ס'זאָל זײַן ניט אַזוי וועט איהם עמיצער זאָגען אַ דעה, ניין לאָז בעסער זײַן ניט אַזוי, מיין איך לאָז בעסער זײַן אַזוי און ניט אַזוי?...

ירחמיאל משה האָט געפיהלט אַז ער הויבט עפּיס אָן צו רעדען אַזעלכעס וואָס ס'איז ניטאָ וואָס צו הערען, האָט ער זיך אָבגעשטעלט, גענומען אַ שמעק טאַבּעק, אָנגעבויגען דעם קאָפּ אויף אַ זײַט און אַרויסגעלאָזט אַ טיפען זיפּץ און האָט בײַ זיך געפיהלט אַז מע בעדאַרף זיך אויפהויבען

געהן. נאר ס'איז גרינג צו זאגען אויפהויבען זיך; גיה הויב זיך אויף, אז מע איז צוגעקאוועט צום בענקיל!! נישטא, הערט איהר, קיין ערגערע וויזיט אויף דער וועלט ווי מנחם אבל זיין. וויפיעל מאל מיר מאכט זיך קומען צו יענעם מנחם אבל זיין, קען איך קיין מאל נישט אויפהויבען זיך און אוועקגעהן אהן א זייט געזונד. איך בעט גאט אלע מאל, עס זאל זיך עפּיס טרעפען א נס מן השמים: אדער דער וואס זיצט זאל אנשלאפען ווערען זיצענדיג, וועל איך מיך פּאוואלינקע אויף די שפּיץ פינגער ארויסגנבע'ען פון שטוב; אדער ס'זאל זיך מאכען עפּיס פלוצים אין דרויסען א געשלעג, א שרפה, איין אנגעלויף, וועל איך מיך דערווייל קענען ארויסכאפּען פון געפענגעניש...

ירחמיאל משה איז געזעסען נאך אבּיסיל, ביז ער האט א קוק געטהון פריהער אויף דער סטעליע און נאכדעם אויף אלע פיער ווענט, געזוכט א פּנים א זייגער און א זאג געטהון צו זיך אליין:

— מע בעדארף אנהויבען טראכטען מכח געהן... די ווייסע חברה'ניקעס וועלען איבערקערען דעם חדר מיט דעם קאפּ אראב און מיט די פיס ארויף.

און נאך עטליכע מאל לאזענדיג זיך צו דער טהיר און אומקערענדיג זיך צוריק, האט ער קוים אריבערגעשפּאנט מיט איין פוס אויף יענער זייט שוועל און ערשט דא האט ער זיך דערמאנט זיי אויסרעדען דאס הארץ, טרייסטען זיי זאלען אויפהערען זארגען, ווארום גאט איז א פאטער, ער קען... און ער האט זיי אנגעזאגט נאך אמאל, אז על פּי דין, דאס הייסט ווי דער מנהג איז בעדארפען זיי זיצען נישט מעהר ווי א שעה, און טאמער חלילה אבּיסיל מעהר איז אויך אהן אנ'אומגליק, און אם ירצה השם אויף דער נאכט נאך מעריב וועט ער זיך אריינכאפּען נאך אמאל אבּיסיל זיצען, און זארגען זיך זאלען זיי זיך ניט זארגען, מחמת גאט איז א פאטער, וואס ער קען מאכען קען דאס קיין מענשען-פערשטאנד נישט משיג זיין... ובפרט זיי האבען קינדער זאלען געזונד זיין, שוין דערוואקסענע קיין עין הרע...

די שעה איז איבערגעגאנגען און ישראל מיט זיין הויזגעזונד זענען אויפגעשטאנען פון דער ערד שטיל, אהן ווערטער, אנגעטהון די שיך און צוקראכען זיך איטליכער אין א בעזונדער ווינקעל... ישראל (איך זאל ניט מורא האבען פאר א גוזמא וואלט איך געזאגט אז ער האט זיך אין דעם איינעם טאג א רוק געטהון אויף צעהן יאהר!) האט אויף דער גיך אבגעחאפּט מנחה, זיך אבגעקלאפּט תחנון, אויסגעשפּיגען „עלינו“ און געלאזט זיך געהן אין בית המדרש אריין ער זאל חאטש פערחאפּען צו מעריב. דערווייל איז ער דאך שמש, א פערקויפטער מענש, מוז ער זיין אויפ'ן ארט. פרנסה, הער[illegible]

אידר, אוי איז דאָס אַ סגולה, אַ מיטעל צו פערטרייבען אלע זאָרגען, פערגעסען אַלע צרות!...

— וואָס הערט זיך עפּיס מיט אייער „וויגרישנע בילעט"?—האָבען זיך געפונען אזעלכע ליידיגגעהערס וואָס האָבען אידם אַ פרעג געטהון — וואָס מאַכט עפּיס אייער זוהן?

— עליו השלום, וואו האָב איך אַ זוהן?—ענטפערט ישראל מיט אַ ביטער שמייכעל...

אין דעם ראַזיגען שמייכעל איז געלעגען אזוי פיעל גאַל, אַז די ליידיג־געהערס איז אזש געוואָרען איבער דער טבע און זיי זענען אָבגעטראָגען אויף אַ זייט. ס'איז געווען גענוג מע זאָל אידם נור אַ קוק טהון אין פּנים אריין, אַז מע זאָל מיט אידם שוין מעהר ניט וועלען רעדען פון זיין זוהן.

●

„ואָס איז געווען ווייטער? וואָס איז דער סוף מיט בנימינען? צי האָט ער געשריבען נאָך בריעף? און וואָס האָט ער געשריבען? און צי האָט אידם דער פאָטער געענטפערט, צי ניין? און אַז ער האָט אידם געענטפערט וואָס האָט ער אידם געענטפערט?—קוועטשט מיך ניט, אצינד וועל איך אייך ניט זאָגען גאָר נישט. איך בין אייך נור מתויב צו זאָגען, אַז פאַר ישראל דעם שמש איז שוין נישט געווען מעהר קיין בנימין. געשטאָרבען בנימין.

דער „וויגרישנע בילעט", דאָס לאָטערייע צעטעל, איז פאַר ישראל דעם שמש ארוים אין טיראַוש...

דער אורח.



דער אורח.

איך האָב פון אייערטוועגען, רב יונה אַנ'אורח אויף פסח, האָט אידר נאָך אַזאַ אורח ניט געהאַט זינט איהר זייט ■ בעל-הבית.

— דהיינו ?

— דהיינו אַנ'אתרוג, נישט קיין אורח!

— דהיינו וואָס הייסט אַנ'אתרוג ?

— דהיינו אַנ'אתרוג הייסט אַ יוד פון סאַמע זייד, און אַ שענער יוד אַ פאַרשוין; איין חסרון נאָר, וואָס ער פערשטעהט נישט אונזער לשון.

— וואָסער דען לשון פערשטעהט ער ?

— לשון הקדש.

— פון ירושלים ?

— פון וואַנען ער איז וויים איך נישט, נאָר אַז ער רעדט, רעדט ער מיט סאַמע פתח'ן.

אַט אַזאַ געשפרעך איז פאָרגעקומען צווישען טאַטען מיט עוריאל דעם שמש אַ פאַר טעג פאַר פסח, און איך בין זעהר נייגעריג געווען אַנצוקוקען דעם דאָזיגען „אתרוג", וואָס פערשטעהט נישט אונזער לשון און רעדט מיט סאַמע פתח'ן. שוין אין שול האָב איך בעמערקט עפּיס אַ מאָדנע נפש מיט אַ שטריימעל און מיט אַ טערקישען חאַלאַט פון געלבע בלויע און רויטע פאַסען. אַרום דעם דאָזיגען פאַרשוין האָבען מיר, יונגוואַרג, אַרומגעשטעלט זיך פון אַלע זייטען און גענומען איהם בעטראַכטען און האָבען געחאַפּט אַ מאַסען פסק פון עוריאל דעם שמש: קינדער זאָלען נישט האָבען קיין טבע

קריכען א פרעמדען מענשען אין פנים אריין. נאכ'ן דאוונען האט דער גאנצער עולם אבגעשטעקט דעם פארשוין שלום און געזאגט איהם א גוט יום-טוב, און דער פארשוין האט אלעמען אבגעענטפערט מיט א זיס שמייכעלע אויף די רויטע בעקלעך פערברעמט מיט א גרוי בערדעל: „שאלאם! שאלאם!" דער „שאלאם-שאלאם" האט ארויסגערופען ביי אונז, קליינוואַרג, ועהר א גרויס געלעכטער, און דאס האט עוריאל דעם שמש שטארק פערדראסען, האט ער זיך געלאזט צו חברה מיט א פארטיגע האנד אויף צו געבען פעטש. חברה האט זיך פון עוריאל'ס האנד אויסגעגליטשט, ווידער פערגנב'עט זיך צום פארשוין, הערען ווי ער זאגט „שאלאם-שאלאם", אויסגעשאסען א גע-לעכטער און ווידער זיך אויסגעגליטשט פון עוריאל'ס האנד... מיט גרויס גדלות לאז איך מיך געהן נאכ'ן טאטען מיט'ן דאזיגען פארשוין צו אונז אויף יום-טוב און פיהל, אז אלע חברים זענען מיר מקנא אויף דעם אורח. זיי קוקען אונז נאך אלע פון דערווייטען און איך דרעה אום צו זיי דעם קאפ און שטעל זיי ארויס א צונג. א גאנצען וועג שווייגען מיר אלע דריי און אריינגעקומען אין שטוב אריין זאגט דער טאטע צו דער מאמע: א גוט יום טוב! און דער אורח טהוט א שאקעל מיט'ן קאפ און דאס שטרייכעל טהוט זיך א טרייסעל: שאלאם! שאלאם! איך דערמאן מיך אן מיינע חברים און בעהאלט דאס פנים אונטער'ן טיש איך זאל נישט אויסשיסען קיין געלעכטער. איך חאפ א קוק אלע מאל אויפ'ן אורח און ער געפעלט מיר; עס געפעלט מיר זיין טירקישער חאלאט וואס מיט די געלבע בלויע און רויטע פאסען; עס געפעלען מיר די רויטע פריש בלוטיגע בעקלעך זיינע, וואס זענען ארומ-געברעמט מיט א שען קיילעכיג גרוי בערדיל, עס געפעלען מיר זיינע שווארצע שענע אויגען וואס קוקען ארויס שמייכלענדיג פון אונטער די געדיכטע גרויע ברעמען. אויף דעם טאטען זעה איך איז ער געפעלען, דער טאטע איז זיך מיט איהם משמח, און די מאמע קוקט אויף איהם ווי אויף א געטליכען מענשען, און קיינער רעדט נישט מיט איהם א ווארט, דער טאטע אליין מיט זיין כבוד בעט איהם אום די הסב-בעט. די מאמע איז פערטאַרעראמט מיט'ן גרייטען צום סדר, און ריקעל די מויד העלפט איהר אונטער, ערשט אז עס קומט צום קדוש מאכען, שמועסט זיך דורך דער טאטע מיט'ן אורח אויף לשון קודש, און איך בין מלא גדולה וואס איך פערשטעה כמעט איטליכם ווארט. איך גיב דא איבער זייער לשון קודש'ען שמועס מלה במלה:

דער טאטע: נו? (אויף אונזער לשון זאל דאס הייסען: מאכט זייט מוחל קדוש).

דער אורח: ט—ט! (אויף אונזער לשון זאל דאס הייסען: מאכט, מאכט).

דער טאטע: ט—א? (פאר וואס ניט איהר?)

דער אורח: א—ט? (איהר פאר וואס נישט?)

דער טאטע: אי—א! (פריהער איהר!)

דער אורח: א—אי! (איהר פריהער!)

דער טאטע: ע—א—אי! (איך בעט אייך מאכט איהר).

דער אורח: אי—א—ע! (מאכט איהר איך בעט אייך).

דער טאטע: אי—ע—א—ט? (וואס וועט אייך ארען אז איהר וועט מאכען פריהער).

דער אורח: אי—א—ע—ט—ט. (אז איהר וויל דוקא איך, לאז זיין איך).

און דער אורח נעהמט דעם כוס פונ'ם טאטענס האנד און לייגט אוועק א קדוש, נאר אזא קדוש, וואס מיר האבען אזעלכס נישט געהערט און וועלען שוין נישט הערען קיינמאל! ערשטענס די עברי — וואס מיט סאמע פתח'ען: „פרשוט מאראנאן וראבאנאן וראבאטאי"... און צווייטענס — דאס קול, וואס געהט ביי איהם נישט פונ'ם האלז, נור ווי פונ'ם טערקישען האלאט, וואס מיט געלבע בלויע און רויטע פאסען. איך האב מיך דערמאנט אן מיינע חברים, וואס פאר א געלעכטער דא וואלט אויסגעבראכען און וואס פאר פעטש רא וואלטען געפלויגען, ווען זיי זאלען א שטייגער זיין ביי דעם קדוש? נור אזוי ווי איך בין דא אליין האלט איך מיך איין און פרעג דעם טאטען די פיער קשיות און מיר זאגען די הגדה אלע אינאיינעם, און איך בין שטאלץ וואס דער דאזיגער פארשויז איז אונזער אורח, נישט קיינעמס.

ב.

דער תנא וואס האט געזאגט אין משיחין בסעודה — מען זאל נישט רעדען דווקא עם ביים עסען, זאל ער מיר מוחל זיין, האט נישט געקענט דאס יודישע לעבען. איך בעט אייך, ווען האט א יוד למשל צייט צו רייד\[ען\] אז נישט ביים עסען? ובפרט פסח צום סדר וואס איז פאראן אזוי פיעל צו זאגען פאר דער סעודה און נאך דער סעודה? ריקעל די מויד האט דער־לאנגט דאס וואסער, מען האט זיך נאר געוואשען, געמאכט המוציא, גע־זאגט על אכילת מצה, און די מאמע האט אויסגעטיילט די פיש, אזוי האט

דער טאטע פערקאטשעט די ארבעל און דאט זיך ארייננעלאזט מיט'ן אורח אין א לאנגען שמועס אויף לשון קודש. דאס ערשטע, האט דער טאטע דאט אידם געפרעגט איז געוועזן די געוועהנליכע שאלה, וואס איין יוד פרעגט ביי'ם אנדערען יודען.

— מה שמכם?

דערויף האט אידם דער אורח געענטפערט מיט סאמע פתחען און אין איין אטהעם ווי מען זאגט די עשרת בני המן אין דער מגילה:

— איך בכר גליש דמת הנך וסם זען חפף טצין.

דער טאטע איז געבליבען זיצען מיט'ן בימען אין מויל און געקוקט פערוואונדערט אויפ'ן פארשוין, א פנים הערפאר וואס ער טראגט אזא לאנגען נאמען און איך האב מיך פערוועמט און געקוקט אראב אונטער'ן טיש, דאט מיר די מאמע א זאג געטהון, „פאוואלי ווי דו עסט פיש, קאנסט זיך ווארגען חלילה מיט א ביינדעל" און אויפ'ן פארשוין האט זי א קוק געטהון מיט גרויס רעשפעקט. ער ווייזט אויס, אז זי איז פונם נאמען גאר נתפעל געווארען, חאטש זי האט נישט פערשטאנען וואס דאס בעדייט, און אזוי ווי דער טאטע האט יא פערשטאנען, האט ער געפונען פאר נויטיג איהר די זאך אויפצוקלערען:

— פערשטעהסט די מיך, איך בכר — דאס איז אונזער איבערגעקעהר-טער אלף בית, און דארט איז ביי זיי א פנים אזא מנהג, אז איטליכער הייסט ביי זיי על פי אלף בית.

— אלף בית! אלף בית! חאפט אונטער דער פארשוין מיט א זיס שמייכעלע אויף די בלוט רויטע בעקלעך און די שעהנע שווארצע אויגען קוקען אויף אונז אלע און אפילו אויף ריקעל די מויד מיט גרוים פריינד-שאפט.

געווארד געווארען דעם נאמען זיינעם איז דער טאטע נייגעריג געוועזן צו וויסען אויך פון וואנען, פון וואסער א לאנד ער קומט צו פאהרען. דאס האב איך פערשטאנען לויט די נעמען פון שטעדט און מדינות, וואס האבען זיך געלאזט הערען, און וואס דער טאטע האט דאס נאכדעם איבערזעצט פאר דער מאמע, געגעבען כמעט אויף איטליכעם ווארט א פירוש, און די מאמע איז פון איטליכם ווארט געוועזן נתפעל און אויך ריקעל די מויד איז געוועזן נתפעל, און ס'איז טאקי געוועזן פון וואס נתפעל צו ווערען: א קלייניגקייט, א פארשוין קומט צו פאהרען אפשר פאר צעהנטויזענד מייל פון א מדינה, וואס איידער מען קומט צו צו איהר מוז מען אריבערשווימען זיבען ימים מיט א מדבר,

און וואס די מדבר, אליין דארף מען צו געהן ניט ווינציגער ווי פערציג טעג מיט פערציג נעכט, און אז מען קומט שוין צו גאר נאהענט, בעדארף מען ארויפקלעטערען אויף אזא הויכען בארג, וואס דער שפיץ גרייכט ביז צו די וואלקענס, און בעדעקט איז ער מיט אייז, און ווינטען, שרעקליכע בלא-זען דארטען, וואס ס'איז סכנות נפשות!.. דערפאר אבער אז מען קומט איבער בשלום דעם דאזיגען בארג און מען טרעט אריין אין זייער לאנד, זעהט מען פאר זיך דעם אמת'ן גן-עדן התחתון: בשמים, נעגעלעך, געווירצען, כל המינים פירות, עפעל און בארען און פאמעראנצען, ווייטרויבען טייטלען און איילבערטען, נים און פייגען לרוב. און די הייזער זענען דארטען געבויט פון מאמע טענענדאלין און געדעקט מיט ריין זילבער, די כלים זענען פון גיין-גאלד (בשעת מעשה טרוט דער אורח א קוק אויף די זילבערנע כוסות אונזערע מיט די זילבערנע לעפעלן, גאפלען און מעסערס) און ברילאנטען, פערלן דימאנטען וואלגערען זיך דארטען אויף דער גאס, קיינער וויל זיך ניט געבען די מיה זיך אנבויגען זיי אויפצוהייבען, ווארום זיי האבען דארטען קיין שום ווערט (און בשעת מעשה קוקט דער אורח אויף דער מאמעס דימאנטענע אויהרינגלעך מיט די געלע פערעלעך וואס אויף איהר ווייסען האלז).

— דו הערסט? — מאכט דער טאטע צו דער מאמע מיט א גליקליך פנים.

— איך הער — ענטפערט איהם די מאמע און פרעגט א קשיא, למאי ברענגען זיי דאס ניט צופיהרען אהער, זיי וואלטען דאך דא געמאכט דערפון געלד! אנו, טהו איהם אקארשט אינמיטענע א פרעג, יונה.

דער טאטע פרעגט איהם די דאזיגע קשיא און בעקומט פון איהם א תשובה און גיט איבער דער מאמע אויף אונזער לשון:

— פערשטעהסט דו, ער זאגט אז דו קומסט צופאהרען אהינצו, קאנ-סטו דיר נעהמען וויפיעל דו ווילסט, פולע קעשעניעס, נאר פאהרסט דו פון דארטען ארויס, מוזט דו אפגעבען אלסדינג צוריק, און טאמער טרייסעלט מען אויס ביי דיר וואס ניט איז, ביזט דו חיב מיתה.

— וואס הייסט דאס? — פרעגט די מאמע, דערשראקען.

— דאס הייסט מע הענגט דיך אויף אויף א בוים, אדער מע פערשטיי-נערט דיך מיט שטיינער.

ג

וואס ווייטער ווערען די מעשיות פונם דאזיגען פארשוין אלץ מעהר אינטערעסאנט, און אז עס האלט שוין נאך די קניידלעך און מיר נעמען נאך

צו ביסלעך וויין, פרעגט איהם דער טאטע: וועמען געהער דאס אלסדינג, און צו ס'איז פארהאן דארטען א מלך? און באלד בעקומט ער א קלארע תשובה און ניט דאס איבער דער מאמע מיט גרויס חרוה, אויף אונזער לשון.

— ער זאגט, אז געהערען געהער דאס איגאנצען צו די דארטיגע יי־דען, וואס מע רופט זיי „ספרדים", און א מלך איז ביי זיי פארהאן, זאגט ער, אויך א יוד, זעהר א פרומער יוד מיט א שטריימעל, זאגט ער, און רופען רופט מען איהם יוסף־בן־יוסף. ער איז כהן גדול, זאגט ער, ביי די „ספרדים" און פאהרט ארוים, זאגט ער, אין א גילדענער קארעטע מיט זעקס ברענענדיגע פערד, און אז ער קומט, זאגט ער, אין שוהל אריין געהען איהם, זאגט ער, א קעגען די לוים מיט א געזאנג...

— ביי אייך זינגען לוים אין שול? — פרעגט איהם דער טאטע פערוואונ־דערט און בעקומט באלד א תשובה און ניט דאס איבער דער מאמע אויף אונזער לשון, און דאס פנים ביי איהם שיינט ווי די זון.

— וואס זאגסט דו דערויף? ער דערצעהלט אז ביי זיי איז פארהאן א בית המקדש מיט כהנים מיט לוים מיט אנ'ארגעל...

— נו, און א מזבח? — טהוט איהם דער טאטע א פרעג און בעקומט א תשובה און ניט דאס איבער דער מאמע אויף אונזער לשון:

— ער זאגט ס'איז דא ביי זיי א מזבח מיט קרבנות, זאגט ער, מיט גילדע־נע כלים, אלסדינג ווי אמאל, זאגט ער, ביי אונז אין ירושלים.

און ביי די ווערטער לאזט ארוים דער טאטע א טיפען זיפץ און אויף איהם קוקענדיג זיפצט אויך די מאמע, און איך פערשטעה איהם ניט, וואס דארף מען דא זיפצען? אדרבא מע בעדארף זיין שטאלץ, מע בעדארף זיין פריילעך, וואס מיר האבען אזא לאנד, וואו עס געוועלטיגט א יודישער מלך און א כהן גדול און וואו עס געפינט זיך א בית המקדש מיט כהנים, מיט לוים, מיט אנ'ארגעל, מיט א מזבח, מיט קרבנות... און גוטע, לעכטיגע מחשבות חאפען מיך אויף און טראגען מיך אוועק גלייך אהינצו, אין יענעם גליקליכען יודישען לאנד, וואו די הייזער זענען געבויעט פון סאמע טענענ־בוימער געדעקט מיט ריין זילבער, וואו די כלים זענען פון גין־גאלד, און וואו בריליאנטען, פערלען, דימאנטען וואלגערן זיך אויף דער גאס, און עס גנב'ט זיך אריין צו מיר א מחשבה, אז ווען איך זאל דארטען זיין וואלט איך שוין געוואוסט וואס איך האב צו טהון; איך וואלט שוין געוואוסט וואו צו בעהאלטען; ביי מיר וואלט מען שוין נישט אויסגעטרייסעלט גארנישט...

איך וואלט שוין געבראכט פון דארטען דער מאמע א שענע מתנה: אוירינ־

ליך בריליאַנטענע און פּעריל עטליכע שנירלעך, און בשעת מעשה טו איך אַ קוק אויף דער כּאַמעס דימאַנטענע אוירינגלעך מיט די געלע פּערעלעך, וואָס אויף איהר ווייסען האַלז, און איך בעקום אַ שטאַרקען חשק צו זיין אינם דאָזיגען לאַנד און עס פאַלט מיר איין אַ געדאַנק, איך זאָל נאָך פּסח זיך דורכפּאָהרען אַהין מיטן דאָזיגען אורח, געוויינטליך בסוד אַז קיינער זאָל ניט ווייסען. איך וועל דעם סוד אַנטפּלעקען פאַרן אורח, אויסגיסען פאַר איהם מיין האַרץ, אויסזאָגען איהם דעם גאַנצען אמת, און בעטען איהם ער זאָל מיך נעמען מיט זיך אַהינצו חאָטש אויף אַ קליינער צייט; ער וועט דאָס מיר געוויס טהון, ער איז זעהר אַ גוטער, אַ צוגעלאָזטער פּאַרשוין, ער קוקט אויף איטליכען בעזונדער און אפילו אויף דיקעל די מיזה אַזוי פריינדליך, אַזוי פריינדליך!

אַזוי טראַכט איך מיר און קוק אויף אונזער אורח און עס מאַלט זיך מיר אויס, אַז ער טרעפט מיין מחשבה, מחמת ער קוקט אויף מיר מיט זיינע שענע שוואַרצע אויגען, און עס דאַכט זיך מיר אַז ער ווינקט צו מיר און זאָגט צו מיר אויף זיין לשון:

— שווייג, הייסער חברה'ניק איינער, לאָז נאָר איבערגעהן דער פּסח, וועט שוין זיין רעכט!...

ט.

אַ גאַנצע נאַכט פּלאָנטען זיך מיר חלומות: אַ מדבר, אַ בית המקדש, אַ כהן גדול און אַ באַרג אַ הויכער, און איך קלעטער אַרויף אויפן באַרג, און דאָרט וואַקסען בריליאַנטען, פּערלען, דימאַנטען און מיינע חברים קריכען אַרויף אויף די ביימער און טרייסלען זיי, און עס פאַלען פון דאָרטען אויף דער ערד נוזמי נזמאות בריליאַנטען, פּערלען, דימאַנטען, און איך שטעה פון הינטען און קלייב די בריליאַנטען, פּערלען, דימאַנטען און שטופּ אין די קעשענעס, און מערקווירדיג! וויפיל איך שטופּ און עס גערט נאָך; וויפיל איך שטופּ און עס גערט נאָך! ליינג איך אַריין די האַנד אין קעשענע און נעם אַרויס פון דאָרטען אַנשטאַט בריליאַנטען, פּערלען, דימאַנטען, — נאָר פּירות אַלערליי: עפּעל און באַרען, און פּאָמעראַנצען און איילבירטען און טייטלען און ניס און פייגען... און איך האָב דערפון גרויסע אַנגסטען, קאַטשע מיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, און עס חלומט זיך מיר דאָס בית המקדש, און איך הער די כהנים דוכנען און די לוים זינגען און דעם אָרגעל

שפּיעלען, און עס ווילט זיך מיר אַריינגעהן אינעווייניג אין בית המקדש, און איך קאָן נישט — ריקעל די מויד האַלט מיך צו און לאָזט מיך ניט, און איך בעט זיך ביי איהר, איך שריי, איך וויין, איך האָב דערפון גרויסע אַנגסטען, קאַטשע מיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער און כאַפּ מיך אויף און... דערזעה פאַר זיך דעם טאַטען מיט דער מאַמען שטעהען האַלב אָנגעטהון, ביידע בלאַס ווי דער טויט, דער טאַטע אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, די מאַמע ברעכט די הענד און אויף איהרע שענע אויגען שטעהען טרעהרען, מיין קינדעש האַרץ דערפיהלט, אַז דאָ איז עפּיס געשעהען ניט קיין גוטע זאַך, זעהר נישט קיין גוטע זאַך, נאָר וואָס מיין קינדערש קעפּיל האָט נישט צוגעטראַכט פאַר אַן אומגליק איז דאָס געווען אַ נאַרנישט קעגען דעם וואָס איז געשעהען.

און געשעהען איז אַט וואָס; אונזער אורח דער פּאַרשוין פון יענער הייטער מדינה, פון יענעם גליקליכען לאַנד וואָס די הייזער זענען געבויעט פון סאַמע טענענבוימער און געדעקט מיט ריין זילבער א. ז. וו. איז נעלם געוואָרען און איינאיינעם מיט איהם איז נעלם געוואָרען ביי אונז אַ סך זאַכען: אַלע זילבערנע כוסות, אַלע זילבערנע ליפּעל, גאָפּלען און מעסערס, דאָס גאַנצע ביסעל צירונג דער מאַמעס און אויך מזומן געלד וויפיל עס האָט זיך געפונען ביי אונז אין קאַסטען. און אויך ריקעל די מויד איז מיט איהם אַנטרונען געוואָרען...

און עס נעמט מיך אָן בייס האַרצען, נישט אויף די זילבערנע כוסות מיט די זילבערנע לעפּלען גאָפּלען און מעסערס, וואָס זענען נעלם געוואָרען, און נישט אויף דער מאַמעס צירונג, און נישט אויפ'ן מזומן געלד, און נישט אויף ריקעל די מויד — האָפּט זי דער רוח — נאָר אויף דעם גליקליכען — גליקליכען לאַנד, וואו וואַלגערען זיך דאָרטען בריליאַנטען, פּערלען, דימאַנטען, און אויף דעם בית המקדש, מיט די כהנים, מיט די לוים, מיט'ן אָרגעל, מיט'ן מזבח, מיט די קרבנות און מיט די אַלע איבעריגע גוטע זאַכען, וואָס מען האָט ביי מיר אַוועקגערויבט, צוגענומען, צוגענומען, צוגענומען.

און איך קעהר מיך אום מיט'ן פּנים צום וואַנד און וויין, וויין שטילערהייד.

באַרדיטשעווער טעאַטער.

Печ. въ Тип. Г. Пимента и Я. Швабе, Варшава
Шераковская 4. — 1914 г.

אַרויסגעגאַנגען פון ווייַן-קעלער האָב איך דערזעהן אַיין אַפּיש מיט גרויסע אותיות אויף אידיש אָפּגעדרוקט די דאָזיגע ווערטער:

„דאָס ערשטע מאָל אין כתרילעווקע!!.
„דאָס אידישע טעאַטער"
„דער אמת'ר אַדלער פון אַמעריקאַ!!!"
„דער גרעסטער קאָמיקער פון דער וועלט!!!"
„איהר וועט צוגעהן פאַר געלעכטער"
„אַזאַ באָבע יחנע איז נאָך ניט געווען זינט די וועלט שטעהט"
„אַזאַ האָצמאַך ווי ביי אונז איז נאָך גאָר ניט געבוירען געוואָרען".
„היינט שפּיעלט מען אַ שפּאָגעל נייע אָפּערע:
! קאָלדוניאַ !
„אידען פאַרזעצט וואָס איהר האָט"!
„אידען! געהט אין טעאַטער!
„אידען איהר וועט זיך מחיה זיין"
„אידען לויפט!"
„בילעטען קויפט!"
„גיכער! גיכער!
ווי אַ וויכער"!...

אונטען געהט געחתמעט: „דער רעזשיסאָר, דער דירעזשאָר און דער אַנטעפּרינער, טאַקי אַדלער אַליין, דער אמת'ר אַדלער פון אַמעריקאַ דער גרעסטער קאָמיקער אין דער וועלט"

— איהר ווייסט ניט וואו איז דאָ ערגעץ דאָס אידישע טעאַטער? טהו איך אַ פרעג אַ אידען וואָס לויפט פאַרביי מיר מיט אַ פּעקיל סחורה אונטער דער האַנד.

— דאָס אידישע וואָס? — מאַכט צו מיר דער איד מיט'ן פּעקיל סחורה און שטעלט זיך אָפּ און בעטראַכט מיך פון קאָפּ ביז די פיס.

— דאָס אידישע טעאַטער — זאָג איך.

— וואָסער טעאַטער? — זאָגט ער.

— דער טעאַטער — זאָג איך — וואָס מען שפּיעלט דאָרט.

— ווער שפּיעלט דאָרטען? — פרעגט ער מיך.

— אַדלער — זאָג איך — שפּיעלט דאָרטען.
— וואָסער אַדלער — מאַכט ער צו מיר.
— אַדלער — זאָג איך — דער אמת'ר אַדלער.
— פון וואַנען איז ער? — מאַכט ער צו מיר
— פון אַמעריקאַ — זאָג איך — איז ער.
— פון אַמעריקאַ? — מאַכט ער צו מיר — וואָס זשע טהוט ער היע?
— ער שפּיעלט דאָ — זאָג איך — אינ'ם אידישען טעאַטער
— וואָס זשע שפּיעלט ער — זאָגט ער.
— קאָלדוניאַ — זאָג איך — שפּיעלט ער
— וואָס זשע הייסט דאָס „גאָלדוניע"? מאַכט ער צו מיר. איך וויל אַוועקגעהן, לאָזט ער מיך ניט; ער וויל איך זאָל איהם נאָר דערצעהלען, וואָס דאָס איז אַזעלכעס „טרעיאַטער" און וואָס הייסט „גאָלדוניע" און ווער איז דער אַדלער וואָס ער איז געקומען פון אַמעריקאַ?.. איך דערצעהל איהם און ווי וויים מעגליך מאַך איך איהם קלאָר, וואָס איז אַזעלכעס טעאַטער און וואָס איז „קאָלדוניאַ" און ווער איז אַדלער. מיין איד הערט אויס אַלסדינג מיט קאָפּ, בייגט זיך אָן, טהוט אַ שפּיי אויס און געהט אַוועק אָהן אַ זייט־געזונד.

— חנה ביילע! וואוהין לויפסט דו אַזוי? — שרייט אַ ווייבעל צו דער אַנדערע איבער דער גאַנצער גאַס און חאָרחעלט, קען ניט אויסרעדען קיין „ר".
— אין „טחעיאַטעח" אַחאָן! — ענטפערט איהר דאָס אַנדערע ווייבעל אויך מיט אַ חאָרחלען און מיט אַ קמץ דאָרט וואו מען דאַרף אַ פּתח. — נו און דו געהסט גאָר ניט אין טחעיאַטעח אַחאָן?

— אַחויסגעהן זאָל איהח די נשמה! — מאַכט דאָס ערשטע ווייבעל — וואָס זאָגסט דו מיין כתריליוועקער נגידות? זי וויל איך זאָל איהר היינט מאַכען די גענז, מאַכען זאָל זיך איהח אַ מכה! און פּרעגלען שמאַלץ, פּרעגלען זאָל מען שוין זי רבונו של עולם! די גאַנצע וועלט געהט אין טחעיאַטעח און איך דאַרף זיין געבונדען, בינדען זאָל מען זי שוין אויף אַלע פיעח ליבעח גאָט!
— וואָס העחסטו זי? — זאָגט דאָס אַנדערע ווייבעלע, — פאַר דיין געלד מעגסט דו געהן וואו דו ווילסט!
— איך העח זי ווי המן דעם נחייגעח!... מאַכט דאָס ערשטע

וויבעל — איך לויף אהיים איך טהו זיך איבעח אונ געה אין טעאטעח אחאן זי זאל אפילו אויפלויפען ווי א באחג!

ביידע וויבלעך צוגעהען זיך אונ איך האב דערווייל מיט וועמען צו געהן אין טעאטער, דאס וויבעל קוקט זיך אלע ווילע ארום אונ זעהט ווי איך געה איהר נאך, בלייבט זי שטעהן א ווילע אונ נעמט זיך רעכטס — איך געה רעכטס, זי נעמט זיך לינקס — איך געה לינקס, זי געהט פאוואליע — איך איהר נאך, הויבט אן דאס וויבעל לויפען אזוי ווי מען לויפט אויף א שרפה.

— וואס איז — פרעגט מען זי — וואוהין לויפסט דו? גאט איז מיט דיר!

— עפעס א שלים־מזל! — זאגט דאס וויבעל און וויזט אן אויף מיר. — עח געהט מיח נאך שוין פון א שעה. איך וויס ניט וועח עח איז!...

איך ווערד באשאפען ארום אונז אגאנץ רעדעל פון אידען, וויבער און קינדער מען הויבט אן טייטען אויף מיר מיט די פינגער.... עס פאהרט דורך פארביי א בעל־עגלה, חאפ איך מיך ארין איןביידעל און היים מיך פיהרען אין טעאטער ארין.

צוגעפאהרען צום טעאטער טרעף איך א גאנצע חאליאסטרע מעדלעך מיט בחורים שטעהען אין דרויסען, רעדען אונ לאכען און שיטען מיט ווערטלאך.

— לאזט דורך דעם פריץ! — שרייט איינער צום אנדערן.

— פאוואלי, איהר וועט איהם חלילה צוקנייטשען דעם קאפעלוש — שרייט נאך איינער

קוים מיט צרות מיט לייד זיך דורך־געשטופט דורך דער חאליאסטרע צו דער קאסע, א קליין פענסטער'ל, טהו איך א פרעג צי קען איך בעקומען א בילעט, אונ די חאליאסטרע פון אונטען שטופט מיך און קוועטשט מיך פון אלע זייטען.

— וואסער א בילעט ווילט איהר? — פרעגט מיך דער קאסיר, א דארער בחור מיט א לאנגען גארגעל.

— וואסערע בילעטען האט איהר? — פרעג איך דעם קאסיר.

— פאראן — זאגט דער קאסיר — אויף א גילען און אויף צוויי גילען אונ אויף דריי גילען.

— אונ טהייערער איז ניטא ביי אייך? — פרעג איך איהם אונ די חאליאסטרע בשעת מעשה הערט ניט אויף צו פילדערן.

דערהערט פון מיר אזעלכע דבורים, חאפט זיך אויף דער קאסיר פונ'ם בענקעל, שטעקט ארוים דעם קאפ פונ'ם פענסטערל און שרייט אוים אויף דער חאליאסטרע מיר גלייך אין פנים אריין:

— א רוח אין אייער ט.. ט.. אריין! איהר וועט זיך ניט צוגעהן? אט שיק איך אייך ארוים רב לאזער דעם גאראדאוואי מיט א קישקע וואסער! קומט — מאכט ער צו מיר—אהערצו אין טויער אריין.

די חאליאסטרע טרעט אפ אביסעל אויף א זייט און איך שלאג מיך דורך דורך'ן טויער אין הויף אריין. אין הויף שטעהט א גרויסע שטאל, אדער א שאלאש, וואס פון די ברעטער לייכט זיך דורך א פייערל און עס לאזט זיך הערען א געשריי פון מענשען, א האלבע טיר פון דעם שאלאש שטעהט אפען און צוויי געזונדע יונגען שטעהען און גיבען אכטונג, מען זאל זיך ניט אריינכאפען אין טעאטער אהן א בילעט.

— אידען! איינציגוויי! איינציגוויי געהט! — שרייט א איד מיט איין אויסגעפליקטע בארד און מיט א שווערד אויף דער זייט, — א פנים דאס מוז זיין רב אלעזר גאראדאוואי, נאר דער עולם הערט איהם ווי דעם קאטער: מען וויל ניט געהן איינציגוויי; איטליכער וויל פריהער און אלע שפארען זיך מיט אמאל.

— לאז דורך, דו יון מיט דער שפאגע! דו זעהסט ניט ווער סע געהט? — אזוי שרייט איינער און שטופט זיך דורך מיט גוואלד, שיט מיט ווערטער אויף די אקטיארען: „פייפער, האג'עדראניק", „גריניער אגרעס"! לעדיגע קישקע"!

איך קוק מיך ארום: ווער רעדט דאס? עפעס זעהר א קענטליכע שפראך. איך קוק מיך צו, איך האב איהם דערקענט: ס'איז נח דער שווייצאר פון מיין סטאנציע „האטעל טערקאליע" נאך איהם שלעפט זיך א גאנץ געזינדעל ווייבער, בחורים, און מעדליך.

— ווער איז דאס ווייבעל? — פרעגט איהם איינער פון די אקטיארען.

— דאס איז מיין ווייבעל — ענטפערט נח — דו קענסט ניט מיין שרה פעריל? און דאס זענען מיינע קינדער.

— און דאס?

— דאס איז מיין שוויגער.

— און די דאזיגע?

— דאס איז מיין ווייבס א שוועסטעריל.

— און ווער איז דער יונגערמאן?

— דאָס איז איהר חתן.

— און ווער איז דאָס מיידעל?

— דאָס איז דעם חתנ'ס אַ שוועסטער.

— און ווער איז דער בּחור?

— דאָס איז דעם חתנ'ס שוועסטער אַ חתן.

— און ווער איז אָט דאָס מיידעל?

— דאָס איז זיין שוועסטער דאָס הייסט דעם חתנ'ס שוועסטער'ס חתנ'ס אַ שוועסטער.

— אַ היבּשע משפחה בּיי אייך רבּ נח!...

— זאָלט דיר אין די אויגען, שטיינער דיר אין הארצען! — מאַכט צו איהם נח — זאָג האָטש קיין עין הרע, דו אַקטיאָרשטיק! דו קאָמעדיאַנטשיק! דו בּערענטרייבּער! דו גאָרגעל־רייסער! דו בּולקע־שלינגער!...

תיכף נאָך נח דעם שווייצאַר שפּאַרט זיך דורך דער משרת פונ'ם האָטעל מיט די גרויסע שטיוועל, איינער פון די צוויי אַקטיאָרען וואָס שטעהען בּיי דער טיר דערלאַנגט איהם אַ זעץ פון הינטען און שטופּט איהם אריין אין טעאַטער אַריין.

נאָך איהם דערזעה איך פערשידענע פאַרשוינען שפּאַרען זיך דורך, מעהרסטענטהייל אָהן בּילעטען, צווישען די פאַרשוינען דערקען איך מיין בּעל הבּית פון דעם „האָטעל טערקאַליע" מיט עפּעס אַ יודענע זעהר אַ גראָבּע, וואָס געהט ווי אויף רעדליך און קאַטשעט זיך, ווי אַ קאַטשקעלע.

— אַ? איהר זענט אויך דאָ? — מאַך איך צום בּעל הבּית און פערגעס אַז ער איז טויבּ ווי די וואַנד.

— נישקשה! — ענטפערט ער מיר און שרייט אויף אַ קול, גלייך ווי איך וואָלט דאָ געווען דער טויבּער — זיי זינגען קיין מעשה נישט!

— איהר זענט דאָ דאָס ערשטע מאָל? — פרעג איך איהם.

— ס'איז רבּ ליפּעס שטאָל — מאַכט ער צו מיר — אַ גאַנץ יאָהר האַלט מען דאָ בּהמות אָדער פערד.

— קום שוין קום! רופט זיך אָן צו איהם די גראָבּע אידענע, און טהוט איהם אַ שלעפּ בּיי דער פּאָלע, און זיי געהען אַוועק בּיידע און בּעזעצען זיך גאַנץ אויבּען אָן.

— הערט נאָר איהר אַקטיאָרען! וואו זענט איהר ערגעץ? —

אזוי רופט זיך אָן איינע א דאמע מיט א הוט, מיט א ווייסען פעדער און מיט ברילליאנטען, און געבען איהר שטעהט א קאוואליער מיט א קאפעלוש און מיט א געשוירען בערדיל.

עס שפרינגט אונטער איינער פון די אקטיארען, א בחור מיט א קורץ זעקיל, מיט א קויטיג העמד און מיט א הונגעריג פנים.

— וואס וועט איהר עפעס זאגען, מאדאם?

— וואס הייסט וואס וועל איך זאגען? — מאכט צו איהם די מאדאם — מיר האבען דאך געקויפט בילעטען. פאר וואס ווייזט מען אונז ניט אונזערע ערטער?

דער לאנגער אקטיאר מיט'ן הונגעריגען פנים נעמט ביי זיי די בילעטען און פיהרט זיי צו גאנץ אויבען אן און וויל זיי בעזעצען, זאגענ פערנומען אלע בענקליך.

— זייט זשע מוחל, איהר האט זיך געזעצט ניט אויף אייערע ערטער! — מאכט דער אקטיאר צו א בחור מיט א מעדעל, וואס זיצען און קנאקען ניסליך פון א שקארמוצעל.

— ווער האט אייך געזאגט, אז מיר זיצען נישט אויף אונזערע ערטער? — זאגט דער בחור און טהוט זיך זיין ארבייט.

— ווייזט אייערע בילעטען — זאגט צו זיי דער אקטיאר און נעמט ביי זיי די בילעטען, און ווייזט זיי וואו זיי דארפען זיך זעצען, א סך נידריגער.

— וואס הייסט — מאכט דער בחור — איהר וועט אונז זאגען דעות וואו מיר זאלען זיך זעצען? וואס איז דא להבדיל א מקום קדוש, א שוהל צי וואס?

דער אקטיאר לאזט זיך אריין מיט איהם אין א לאנגען שמועס. דער בחור מיטן מעדעל ריהרען זיך ניט פון די ערטער און קנאקען ניסלעך. דער לאנגער אקטיאר מיט'ן הונגעריגען פנים פרובט זיך ביי אלע איבעריגע פארשוינען וואס אין טעאטער, נאר דאס גאנצע פובליקום זיצט אויף די ערטער גאנץ פעסט, קיינער וויל ניט אבטרעטען, חאטש נעם פיהר ארויס דאס גאנצע טעאטער מיט גוואלד.

די דאמע מיט'ן ווייסען פעדער און מיט די ברילליאנטען בייזערט זיך, „וואס איז דאס פאר פאריאדקעס אין בתרילעוועקער טרעיאטער?" זי שרייט מען זאל איהר אומקעהרען דאס געלד וואס זי האט בעצאלט פאר די בילעטען! וואו איז ערגעץ לאזער גאראדאוואי?!...

עס בלייבט אַז מען זאָל ברענגען עקסטראַ פון איהרעטוועגען צוויי שטוהלען אונ עס ווערט אַביסעל שטילער.

ביסלעכווייז ווערען אָנגעצונדען די לעמפּליך, וואָס רויכערען און לאָזען זיך הערען מיט אַ שאַרפן רח פון גאַז. איינציגווייז בעווייזען זיך די כלי־זמר ביי דער סצענע וואָס איז איבערגעצויגען מיט אַ לייליך. פריהער פון אַלע קומט צו געהן דער באַס, אַ גרויסער יוד מיט גראָבע פּאות און מיט בייזע אויגען ווי ביי אַ גזלן. באַלד נאָך איהם בעוויזט זיך דער קעסעלפּויק, אַ האָרבאַטער בחור מיט אויסגעקראָכענע האָר. נאָכדעם קומט דער טראָמפּייט, אַ נידעריגער יוד מיט גראָבע ליפּען, דער פלייטיסט מיט אַ טשאַחאָטקע פּנים אונ אַ טרובאַטש מיט גנב'השע אויגעליך, וואָס לויפען אַהער און אַהין, אונ צוויי דריי יונגע לייט מיט פידלען, אונ ערשט אויפן סוף דער ערשטער פידלער, דער עלטסטער פון אַלע כלי־זמר, דער דיריזשאָר, — אַ רויטער בחור מיט אַ ווייסע פּאַפּירענע מאַנישקע מיט אַ קורצען פידזשאַק מיט שטאַרק אָנגעפּאָמאַדעטע האָר אונ מיט אַ גרויסען בלויען שניפּס. ער שטעלט זיך מיט'ן פּנים צום פּובליקום, קנאַקט אויס אַלע פינגער, אונ שמייכעלט פון דער ווייטען צו עפּעס אַ מעדעל מיט ווייסע הענטשקעליך. די גאַנצע קאַפּעליע זעצט זיך אויס אונ מען נעמט זיך אָנשטעלען די אינסטרומענטען. קודם כל טהוט דער דיריזשאָר אַ קלאַפּ מיט'ן סמיטשיק איבער'ן פידעלע אונ דער טראָמפּייטער מיט די גראָבע ליפּען גיט אַ טאָן און תיכף נאָך איהם שטעלען אַלע איבריגע אַ טאָן, און הויבען אָן זיך דורכרעדען אויף זייערע אינסטרומענטען: דאָס פידעלע פּערגעהט זיך, וויינט אונ חליפּעט, דער טראָמפּייט מאַכט האָלדיר! האָלדיר! ווי איין אינדיק וואָס מען האָט איהם שטאַרק צורייצט, דער באַס בורטשעט אונטער ווי אַ בער, און דער פלייט פּייפט זיי אָן אַלעמען, אינאיינעם קומט דאָס אויס אַ מישמאַש, ווי פון עטליכע מאות ווייבער אויף אַ יריד אונ אַ געפּילדער פון אַסך גענז אונ קאַטשקעס.

עס בעווייזט זיך עפּעס איינער אַ יונגערמאַן מיט אַ גרינע קאַפּאָטע, טראָגט אין איין האַנד אַ פּאַק מיט פּאַפּירען אין דער אַנדערער האַנד אַ האַלבע בולקע מיט אַ שטיקעל הערינג, און זעצט זיך אַנידער גאַנץ אויבען אָן אויף אַ קליין בענקעלע אַקעגען דער סצענע אונ בייסט איבער.

— ווער איז דאָס? — הער איך ווי די דאַמע מיט'ן ווייסען פעדער פרעגט ביים קאַוואַליער.

— דאָס איז זייער סופליער — ענטפערט איהר דער קאַוואַליער.

— וואס הייעט סופליערער? — פרעגט איהם ווידער די דאמע.

— דאס הייסט זייער פירזאגער — זאגט דער קאוואליער...

און פון יענער זייט לייליך רעדען זיך איבער די אקטיארען צווישען זיך פון פערשידענע זאכען:

— וואו איז ערגעץ פראדעל די פרימאדאנא צו אלדע שווארצע יאהר?

— זי איז געגאנגען צום שוסטער, זי האט ניט אין וואס ארויס-צוגעהן אויף דער סצענע · אפגעשפרונגען אנ'אפצאס.

— קראנק געווען געהן ביי טאג? א שענע פרימאדאנע!..

— אברהמ'ל טהו אוים די הויזען!

— וואס מאכען דיר קאלי מיינע הויזען?

— א שענע באבע יאחנע מיט הויזען?

— איך געה דאך איבען א קליידעל! וואס מאכט דאס אויס!

— איך וויים, אז דו טראגסט אויבען א קליידעל, וואס וועט אבער זיין אז מען וועט דיך ווארפען אין פייער? דעמאלט פליהסט דו מיטן קאפ אראב אונ מיט די פיס ארויף, וועט מען ארויסזעהן די הויזען...

— גיב מיר בעסער א ציה טהון פון דיין פאפיראס, דו פארכוץ...

— האצמאך! וואו איז דיין בארד? פאר וואס קלעפסט דו שוין ניט אן די בארד?... רבקה! שמיר דיר אן דאס פנים מיט קרייד!... מנשה'קע! מאך דיר א הארב פון אונטען כבדי דו זאלסט האבען מעהר פנים פון א אידען!... וואו איז ערגעץ די פיס?

— וואסערע פיס?

— ווער האט געבראכט די פיס פון יאטקע?... טויזענד מאל האב איך אייך געזאגט אז מען שפיעלט „קאלדוניא“ בעדארף זיין א פוס!... דער רוח זאל אייך נעמען! וועלוויל! וואס ביזט דו פאר א רעזשיסאר, דו יאלד איינער?!...

פלוצים ווערט א קלאפערײ אין טעאטער אז מעקאן טויב ווערען, עס פליהט דורך איינער מיט א גלעקעל אונ קלינגט, עס געהט אוועק עטליכע מינוט, דער עולם הויבט אן ווידער צו שרייען אונ צו קלאפען. יענער לופט ווידער דורך מיט'ן גלעקיל, אונ אזוי עטליכע מאל, ביז דער רויטער פידלער חאפט זיך אויף, טהוט א מאך עטליכע מאל מיט'ן קאפ ארויף אונ אראב, מאכט צורעכט דעם קאלנער מיטן בלויען שניפס, טהוט א זעץ מיט'ן שטעקעלע, אונ די כלי זמר שפיעלען אב א „שטיקעל“. הויבט דער עולם ווידער אן צו שרייען אונ צו קלאפען, שפילען די כלי-

זמר נאָך „אַ זאַך", עס ווערט ניט שטיל ביז עס הויבט זיך אויף דער לייליך און די שפּיעל הויבט זיך אָן.

צום אַלעם ערשטען געהט אַרויס אַ מעדעל מיט איין אונטערשט קליידעל און מיט צופלאָכטענע האָר, גלייך ווי עמיצער וואָלט זי נאָר וואָס אויסגעפּאַטשט, און הויבט אָן זינגען אַ טרויעריג ליעדעל פון איין אָרימער יתומה מיט'ן נוסח פון „סטאַיט גאַראַ וויסאָקאַיאַ! וויסאָקאַיאַ"! —

„אַ יתומהלע! אַ יתומהלע"! און דאָס גאַנצע פּובליקום האַלט זי אונטער. אַ יתומהלע! אַ יתומהלע! פריהער שטיל, וואָס ווייטער אַלץ העכער און העכער, אַזוי אַז מען הערט שוין מעהר ניט דאָס מעדעל זינגען, נאָר דאָס פּובליקום. שפּרינגט אַרויס איינער פון די אַקטיאָרען אויף דער סצענע און בעט דעם עולם „עס זאָל זיין שטיל"! דער עולם ווערט שטיל, אָבער נישט אויף לאַנג, דאָס מעדעל הויבט אָן צו זינגען, אַזוי זינגט מיט איהר גאַנץ קהל: אַ יתומהלע! — אַ יתומה'לע!...

עס שפּרינגט אַרויס ווידער אַמאָל דער איינענער אַקטיאָר, נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, ביז ער געהט אַרויס פון די כלים, און זאָגט זיי מיט'ן האַרבען וואָרט: — איהר וועט ניט אַנשטומט ווערען? אַט רוף איך אַרויס רב לאָזער גאַראַדאָוואַי מיט דער קישקע וועט אַ רוח אין אייער ט... ט... אַריין!...

דער עולם הערט אויף צו זינגען, נאָר מען זאָגט מבינות, איטליבער נאָך זיין פערשטאַנד. דער זאָגט, אַז זי האָט אַ קול פון אַ „ריקבעט", און דער זאָגט, אַז עמיצער זאָל איהר אונטערטראָגען אַ בולקע וואָלט ער פערדיענט אַ מצוה... די אונטערשטע בענק שרייען ס'זאָל זיין שטילער! נאָר עס העלפט ניט ביז עס פליהט אַרויס אויף דער סצענע האָצמאַך, אַ יוד מיט אַ מאָדנע שטריימיל, מיט איין האַלבע באָרד, מיט לאַנגע פּאות כמעט ביז'ן גאַרטיל, מיט שיך און זאָקען, מיט איבערגעקעהרטע אויגען און מיט אַ האָרב אויף די פּלייצעס, האָצמאַך טראָגט מיט זיך אַ קאָשעק מיט סחורה, לויפט אַרום איבער דער סצענע ווי אַ משוגענער און רעכענט אויס, וואָס ער האָט צו פערקויפען: „בייטשעליך, שטעקעליך! שוועבעליך, מעסערליך, זאָקען פּאַפּירענע! קליידעך קרישטאָלענע! שפּילקעליך, ביוועליך! קויפט עפּעס ווייבעליך"!... און טהוט זיך אַלע מאָל אַ חאַפּ ביי די פּאות, אַ שפּרונג און אַ געשריי:

— האָצמאַך! דער רוח זאָל מיך נעמען!...

דער עולם ווערט אַזוי נתפּעל פון האָצמאַכען, אַז עס ווערט איין איינלעגעניש אויף אַ האַלבע שעה. מען פּאַטשט בראַוואָ, מען שרייט

„האָצמאַך! הוררא״! מען קלאַפּט מיט די שטעקענעס איבער די בענק, מען וויל גאָר נישט אויפהערען. האָצמאַך פּרובט זיך איינשטילען דעם עולם; ער שטעלט זיך אַוועק און מאַכט מיט די הענד, הויבט מען אָן נאָך מעהר צו שרייען: „האָצמאַך! אַ טענציל, האָצמאַך! האָצמאַך״! פּלוצים...

פּלוצים האָט עפּעס געגעבען אַ פּאַטש מיט די פליגעל, אַ פליה כּין אויבען אַראָב און אַ פאַל גלייך אויפן הוט מיט׳ן ווייסען פעדער פון דער דאַמע מיט די ברילליאַנטען. די דאַמע הויבט אָן פאַר שרעק חלשן און אין טהעאַטער ווערט מיט אַ מאָל אַ בהלה מיט אַ געשריי: „געוואַלד, יודען, ראַטעוועט! ראַטעוועט!״ איינער האָט אַ געשריי געטהון „עס ברענט!״ — און מעהר האָט מען נישט בעדאַרפט. סאיז געוואָרען אַ שפּרינגעניש איבער בענקליך, אַ שטופּעניש, אַ קוועטשעניש, אַ לויפעניש, אַ לויפעניש איבער קעפּ צו דער טיר מיט אַ געשריי: חאַסי וואו ביזט דו?... יענקיל אַהער!... רבקה האַלט זיך!... מאָטיל איך שטאַרב!.. ברכה שריי ניט!.. בעני וואו איז יענטיל... מאַמע! אָט בין איך מאַמע!״...

נאָך איין מינוט וואָלט פון אונז אַלעמען געוואָרען אַ תּל. אַ גליק וואָס נח דער שווייצאַר פון מיין האָטעל איז געפאַלען אויף אַ שׂכל און האָט אונז אַלע אויסגעלייזט פונם טוידט, ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ בענקיל און האָט זיך אָנגערופען צום פּובליקום אויף אַ געמבע:

— שוטים! נאַראָנים! ליימענע גולמ׳ס! גלאַטע בהמות! ציגענע בערד! נאַרישע גאָרגלען! ווייבערשע נשמות! וואָס פילדערט איהר? וואָס שרייט איהר? וואוהין לויפט איהר? אָט ווערט פון אייך באַלד אַ פּרעזשעניצע! טפּשים! פאַר וועמען האָט איהר אייך דאָ איבערגעשראָקען? פאַר אַ נאַריש עוף? איהר זעהט דען ניט, אַז איין עוף איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער „סידעלעי״. רב לאָזער וואָס שווייגט איהר? שטעלט אָן די קישקע!.. כּלי זמרים! אַ רוח אין אייער ט... אַריין, אַ פריילכם טאָדערידערידעראַדערידעראַדערידע.

די כּלי זמר חאַפּען אַ פריילכס און דער עולם הויבט זיך אָן אויסצוזעצען צוריק אויף די ערטער... איך גנב׳ע מיך אַרויס פּאַוואָלינקע פונם טעאַטער, חאַפּ אַ בײַדיל און היים מען זאָל מיך פיהרען אויף דער סטאַנציע, אין האָטעל טערקאַליע. דאָס בײַדיל העצקעט מיך איבער די שטיינער און שטעלט זיך אָב אַלע ווײַלע און העצקעט ווײַטער.

— וואָס שטעלט איהר זיך אָפּ אַלע מינוט? — פרעג איך דעם בעל עגלה.

— דער רוח ווייסט זיי — ענטפערט ער מיר — וויא! עס האט
זיך זיי געגלוסט בעלייכטען אונזער כתרילעווקער בלאטע, האבען זיי אוים=
געקלעהרט עפּעס א מין בעלייכטונג „לאמטעדעריטעמס” אזעלכע וואס
איבער זיי קאן מען נישט פאהרען, מהמת די פערדליך שרעקען זיך פאר
די סטאיפּעס. זיי זענען ניט געוואהנט געווארען ביי אונז מען זאל זיי
בעלייכטען. וויא!.. אלע מאל אלע מאל, קלעהרט מען צו א נייע צרה:
פריהער א טראמבעליק, איינגעזונקען זאל ער ווערען! וויא!... נאכדעם
לאמטעדריטעמס אויף צו שרעקען די פערד, און איצטער זאגט מען
װעלען זיי שוין פערוועהרען דאס וואסער פון דער גנילאפּיאטקע. וויא! עס
װעט זיי, מאלט איך, העלפען ווי א טוידטען באנקעס, מחמת די ווא=
סערפיהרער זאגען, אז זיי זאלען וויסען דער טוידט זאל זיי זיין ווערען זיי
ניט דערלאזען, אז כתרילעווקע זאל טרינקען ברונען=וואסער! וויא...
זיי ווייסען שוין גאר ניט וואס אויסצוטראכטען, די נגידים, ברענען
זאלען זיי! מען זאגט אז עס וואקסט יאקבי פון יעהופּעץ... די יעהופּע=
צער נגידים פעלט א פּנים נור קאפּוועהטיג? וויא!... זיי זיצען און
ברעכען זיך די מוחות, ווי אזוי נעמט מען צו ביי אידען פּרנסה, אויסרייסען
ביים ארימאן דעם לעצטען ביסען ברויט פונם מויל... א מיתה משונה
זאל אויף זיי קומען דארטען אין יעהופּעץ! וויא קינדער, וויא!...

ס'איז ערשינען:

די געשיכטע פון דער יודישער ליטעראטור.

פון ד"ר מ. פינעס.

אונטער דער רעדאקציע פון בעל מחשבות.

„די געשיכטע פון דער יודישער ליטעראטור" איז די ערשטע פראבע אין דער יודישער שפראך, צו געבען דעם לעזער א קלארע שילדערונג פון דעם גאנצען "ענט־ וויקלונגס־פראצעס, וואס די יודישע ליטעראטור האט דורכגעמאכט פאר די פיער הונדערט יאהר פון איהר עקסיסטענץ. דאס איז א קאפיטאלעס ווערק, וואס איז געשאפען געווארען נאך יאהרען־לאנגער ארבייט אין פערשידענע ארכיווען און ביבליאטעקען, און נעהמט ארום, אויסער די בעדייטענדע ווערק פון דער לעצטער צייט, אויך דעם גאנצען אונגעהויערן מאטעריאל, פון וועלכען ס'איז ענטשטאנען דאס, וואס מיר רופען היינט „יודישע ליטעראטור". די בעריהמטע „בבא־מעשה" אין דער ערשטער העלפט פון XVI־טען יאהר־הונדערט, ווי פרצ'עס גייסטרייכע נאוועלן פון די לעצטע צעהנדליגער יאהרען; דער פאלקס־טימליך־ליעבער „צאינה וראינה", ווי די הארציגע ראמאנען פון דעם פאלקס־בעליעבטען דינעזאהן; די פרימיטיווע פאלקס־געשיכטען פון XVII־טען און XVIII־טען יאהר־הונדערט, ווי די הומאר־

בוכהאנדלונג „צענטראל".

ווילנא — ווארשא — ניו־יארק

יודישע הרעסטאמאטיע

אלעזע־בוך פאר שול און הויז.

נעזאמעלט פון די בעסטע ליטעראַרישע און וויסענשאפטליכע קוועלען נאך די נייעסטע מעטאָדען, מיט צייכנונגען און אילוסטראציעס

דורך **אברהם רייזען.**

פרייז **50** קאפ.

מעטאָדען פון ג. וואגעל

דער רוסישער אזבוק

פרייז 10 קאפ.

די רוסישע מעטאדע

פרייז 50 קאפ.

דער ענגלישער לעהרער

פרייז 40 קאפ.

שפראכען־פיהרער

צו ערלערנען די פוילישע שפראך נאך דער מעטאָדע פון מ. פאליגראט און קונצע.

פרייז 25 קאפ.

א פאלשטענדיגע יודישע גראמאטיק

(עטימאלאגיע און סינטאקסיס)

פערפאסט פון ז. רייזען.

פרייז 50 קאפ.

פרעמד־ווערטערבוך:

פון ב. קארלינער.

פרייז **80** קאפ.

פאליטיש־ווערטערבוך:

פערלאג „עדא".

פרייז געבונדען **25** קאפ.

Buchhandlung „CENTRAL" Warschau—Wilno — New-Jork. —

בוכהאנדלונג „צענטראל"

ווילנא — ווארשא — ניו-יארק

יודישע לעהר-ביכער

די פאלקס-שפראך:

א עלעמענטאר לעהר-בוך פיר אנפענגער.

מיט אילוסטראציעס און ציינגונגען אין טעקסט, פון י. קלעפפיש.

פרייז 25 קאפ.

די פאלקס-שול

א עלעמענטאר אילוסטרירט לעהר-בוך פיר אנפענגער.

פון

מ. בירענבוים און מ. טייטש.

מיט א קורצען בריעף-לעהרער, ווי אויך קאליגראפישע איבונגען.

פרייז 30 קאפ.

די מוטער-שפראך

א מעטאדע צו לערנען לעזען און שרייבען יודיש.

מיט גראמאטיקאלישע כללים און אילוסטראציעס אין טעקסט.

ביינעלענט אלע העברעאישע ווערטער, וואס געהען ארין אין דער יודישער שפראך.

צוזאמענגעשטעלט פון **ז. און א. רייזין.**

פרייז **35** קאפ.

די נייע יודישע שול

א לעזע-בוך פיר קינדער (נאכ'ן אלף-בית).

צוזאמענגעשטעלט לויט די בעסטע קוועלען מיט לייכטען לעזע-שטאף פון תלמוד, מדרש, פון דער יודישער און פרעמדע ליטעראטורען, אלץ לויט דעם בעגריף פון קינדער. מיט בילדער אין טעקסט.

פון **אברהם רייזין.**

פרייז 30 קאפ.

יודישער אלף בית

א סיסטעמאטישער אלף-בית צו לערנען יודיש, פיר אנפענגער.

מיט בילדער און מיט א קורצער מעטאדישער ערקלערונג, ווי צו לערנען מיט שילער לויט דעם קלאנגען-סיסטעם פון **פ. האלפערין.**

פרייז 30 קאפ.

Книжный магазинъ **„ЦЕНТРАЛЪ"** Варшава — Вильно — Нью-Іоркъ —

דער דײַטש

Печ. въ Тип. Г. Пимента и Я. Швабе, Варшава
Шераковская 4. — 1914 г.



דער דייטש.

בין איך אליין חי איך האב אייך געזאגט, א דראזשנער, פון דראזשנע הייסט דאס, א קליין שטעדטיל אין פאדאליער גובערניע, נאר א קליין שטעדטיל; היינט איז שוין דראזשנע כלומר'שט א שטאדט מיט א באהן מיט א סטאנציע מיט א וואקזאל... אז דראזשנע איז געווארען א סטאנציע האט אונז די גאנצע וועלט מקנא געוועזען, א קלייניגקייט א באהן! מע האט געמיינט דאס וועט ווערען א מחיה, א מקום פרנסה, מע וועט זשעברען פולע זשמעניעם מיט גאלד, מע וועט גליקליך ווערען! יודען זענען זיך צונויפגעפאהרען פון די דערפער ארוים אין שטאדט אריין; בעלי בתים האבען גענומען איבערבויען די הייזער, שטעלען נייע קלייטען; די טאקסע פון פלייש האט מען געהעכערט; מע האט שוין אנגעהויבען קלערען מכח א נייעם שוחט, מכח נאך א בית המדרש און מכח אפנעמען פעלד אויף צו פערברייטערען דאס אלטע בית עולם — בקצור ס'איז געווארען „לידודים". א ווערטעל? א באהן, א סטאנציע, א וואקזאל! בעלי עגלות האבען זיך אפילו תחילת אביסעל געבונטעוועט, געוועזען שטארק ניט צופריעדען פונ'ם עסק, נאר ווער פרעגט זיי? מע האט אויסגעלייגט רעלסען, ארויפגעבראכט וואגאנעס, אנידערגעשטעלט א וואקזאל, אויפגעהאנגען א גלעקעל, צוגעשלאגען א ברעטיל: „סטאנציא דראזשנא" — און רעדט צו דער וואנד!

אז ס'האט אנגעהויבען געהן די באהן, רופט זיך אן צו מיר מיינע: „וואס רעכענסט דו צו טהון, יונה'לי?" (יונה רופט מען מיך). „וואס זאל איך, זאג איך, טהון? דאס וואס אלע יודען טהוען; אלע דראזשנער יודען דרעהען זיך ביי דער באהן, וועל איך מיך אויך דרעהען ביי דער באהן!..." און האב

גענומען דאס שטעקעל און בין ארויס אויפ'ן וואגזאל און בין געוואָרען מיט נאט זיינער הילף א „פראוויטעל". וואס הייסט א פראוויטעל? א פראוויטעל הייסט: יענער האנדעלט א וואגאן תבואה און בעדארף דעם וואגאן תבואה אנגרוזען און אוועקשיקען, איז דערויף געשטעלט געוואָרען א „פראוויטעל". נאר אזוי ווי כמעט אלע דראזשנער יודען זענען געוואָרען פראוויטעלעס, איז נישט גוט, מוטשעט מען זיך, דרעהט מען זיך; אמאל קויפט מען ביים גוי א וועקעל תבואה, און מע פערקויפט דאס מיד ליד; איז אָדער מע פארדיענט, אָדער מע דערלייגט; און אמאל טהוט מען א חאפ פון דער זייט א מעקלע-ריי, אבי סע לאָזט זיך, א דאס, א יענץ — שלעכט, ניטא וואס צו טהון! אי ס'איז פריהער אויך נישט געווען וואס צו טהון? איז האָטש ניט געווען קיין באהן, איז דער פארדרוס, ווי זאגט איהר, ניט געווען אזוי גרויס; צו וואס האט אונז געטויגט די סטאנציע מיט'ן וואגזאל מיט'ן גלעקעל, מיט'ן גאנצען טארעראם?

טרעפט זיך א מעשה — איך שטעה מיר אזוי איינמאל אויפ'ן וואגזאל אביסעל פערוואָרגט און בעגלייט ארויס דעם „פאטשטאָווע פאַיעזד", ס'איז שוין נאָכ'ן דריטען קלינג, דער לאָקאָמאָטיוו האט שוין גוט אָנגעפייפט און פונ'ם קוימען זעצט א רויך, איך טהו א קוק אויף דער פלאצפאָרמע שטעהט א פריצ'ל, א הויכס און א דארס מיט קעסטעלדיגע הויזען, מיט א הויכען קאפעלוש און מיט א סך טשעמאָדאנעס; ער שטעהט אויסגעצויגען דעם האלז און קוקט זיך ארום ווי א זינדיגער מענש אויף אלע זייטען. „אט דאס פריצ'ל קעדר עפיס באדארפען האבען" — טראכט איך מיר און פיהל, עס האט מיך ווי עמיצער א טארע געטהון פון אונטען: „יהודי, געה צו צו איהם און טהו איהם א פרעג, אפשר דארף ער עפיס?" און אזוי ווי איך האב מיר נור גערידערט פון ארט, אז ער טהוט זיך ניט צו מיר א לאז, הויבט אויף דעם קאפעלוש און מאכט צו מיר אויף דייטש, ציהט אויס מיט א נגון:

— גוט מאָ-יען, מיין העררו!

— א גוט יאהר זאל אייך זיין! — זאג איך צו איהם אויך אויף דייטש און א ביסעל אויף יודיש, און דאס איבעריגע מיט די הענד. און איך פרעג איהם פון וואנען ער פאהרט? מאכט ער צו מיר: צי וויים איה ניט עפיס א רעכטע קווארטיר, א „שטאנציאָן" פון זיינעטוועגען?

— אוודאי! — זאג איך — פאר וואס זאל איך ניט ווייסען? און איך דארפען טראכט איך מיר: „או-וואו! איין עבירה וואס ס'איז ביי מיר ניט

קיין אכסניה. ס'זאל אבער זיין ביי מיר איין אכסניה, וואלט איך דאך איהם פארפיהרט צו זיך, ס'איז א וואהלער דייטש, מע וואלט געקאנט ארום איהם עפּיס פארדינען"... און באלד פליהט מיר דורך צוריק א מחשבה: „טפש! עס שטעהט דען אנגעצייכענט ביי דיר אויפ'ן שטערן, אז ס'איז ביי דיר ניט קיין אכסניה? עלעהיי לאז זיך דיר האלטען, אז ס'איז ביי דיר יא אנ'אכסניה!" און איך הויב מיך אן צו איהם אביסעל אויף יודיש, אביסעל אויף דייטש און דאס איבעריגע דערמאך איך מיט די הענד:

— אויב זיי וואלטען מיין האדר, לאזען זיי הייסען נעמען א בעל עגלה, וועל איך זיי טהון דערפיהרען אויף דער בעסטער אכסניה, שטאנציאן הייסט דאס פערוויסארט!

דערהערט פון מיר אזעלכע דבורים, ווערט דער דייטש מלא גדולה און מאכט צו מיר, בעוויזט מיט דער האנד אויפ'ן מויל:

— האבען זיי וואס צו עסען? שפייזען?

— די בעסטע שפייזען! — זאג איך צו איהם — זיי וועלען אם ירצה השם האבען האנאווע (הנאה) הערר דייטש, ווארום מיין פלונית, מיין פרוי הייסט עס, איז א וועלטענע באלאבאסטע (בעל-הבית'טע); איהר באקען און איהר קאכען האט א שם, איהרע פיש מעג עסען דער מלכות, דער קעניג אחשורש הייסט דאס...

— יא וואהל! — מאכט ער צו מיר מיט א שמחה און די אויגען בשעת מעשה לויכטען איהם און דאס גאנצע פנים שיינט איהם ווי די זון.

„א חכם א דייטש!" — טראכט איך מיר און מאך נישט קיין לאנגע מחוקות און בעשטעל א פויר און איך פארפיהר איהם גלייך צו מיר א היים.

געקומען אהיים, געב איך איבער באלד מיין וויב אלסדינג, אז גאט האט מיר צוגעשיקט אנ'אורח א דייטש גאר אנ'אנטיק; נאר א יודינע פערשטעהט דען עפּיס? הויבט זי דאך אן מסתמא מיך באגראבען, ווארום איך האב אנגעטראפען פונקט אויף דער בייזער שעה, ווען מען ראמט אין שטוב: „וואס פאר אורחים, וואס פאר געסט פלוצים אין מיטען דרינען?.." „יודינע כלא, זאג איך צו איהר, דבר ניט אויף אונזער צונג מחמת דער אדון איז מבין בלשון אשכנז!" הערט זי מיך עפּיס, אז זי האלט טאמע אין מיטען ראמען? קערט זי מיט'ן בעזעם גלייך אין פנים אריין און ווארטשעט. זי ווארטשעט און איך מיט'ן דייטש שטעהען ביי דער טהיר, ניט אהין ניט אהער, קוים מיט צרות איך האב איהר איינגערעדט, אז ס'איז ניט קיין אומזיסטער אורח, ס'איז — פאר געלד, און מע קאן נאך אדרבה ארום איהם עפּיס חאפען,

אפּלעקען א ביינדיל... זענט איהר שוין פאַרטיג? אז איך האָב זי שוין גוט איבערגערעדט, מאַכט זי צו מיר: „וואו זשע וועל איך איהם באַלייגען — אין דער ערד?" — „שטיל זאָל זיין — זאָג איך צו איהר — נאַרישע יודענע, מע זאָגט דאָך דיר זאָלסט ניט דבר'ן, וואָרום דער אָדון איז מבין כל דבור!" ערשט דעמאָלט האָט זי פאַרשטאַנען וואָס מע מיינט, און מיר האָבען איהם אָבגעטרעטען אונזער אַלקער, און מיין ווייב האָט גענומען אין איין כהרף עין צובלאָזען דעם סאַמאָוואַר און געשטעלט זיך קאָכען וועטשערע. תּחילת, אז מיין דייטש האָט דערזעהען דעם אַלקער האָט ער אפילו אַביסעל פאַרדרעהט מיט דער נאָז, ווי איינער רעדט: „עס וואָלט געמעגט זיין אַביסעל בעסער!" נאָר וואָס פאַרשטעהט קירה דייטש? אַבי מע האָט נאָר אַריינגעטראָגען דעם סאַמאָוואַר, פערפאַרעט טיי און דערצו האָט ער אַרויסגענומען אַ גוט פלעשיל ראָם און געמאַכט אַ שנאַפּס (און מיר אויך געגעבען אַ שנעפּסיל), איז שוין געוואָרען רעכט און ער האָט זיך צולייגט מיט די טשעמאָדאַנעס ווי ביי זיין טאַטען אין וויינגאָרטען, און מיר זענען געוואָרען חבר.

נאָך דער טיי מאַך איך מיט איהם אַ רעד, אַהין אַהער, וואָס טהוט ער היע? מיט וואָס האַנדעלט ער? טאָמער דאַרף ער עפּיס קויפען, פאַרקויפען? לאָזט זיך אויס, אז דאַרפען דאַרף ער גאָרנישט, עפּיס מאַשינעס, זאָגט ער, בעדאַרפען דורכגעהן, ווייס איך, אַ נעכטיגער טאָג, און בשעת מעשה חאַפּט ער אַלע מאָל אַ קוק אין אויבען אַריין און פרעגט זיך נאָך אַלע מינוט צי ס'איז נאָך נישט פאַרטיג דאָס עסען? „אפנים, זאָג איך צו איהם, הערר דייטש, זיי האַלטען גוט פון דער אכילה!" ענטפערט ער דאָך מיר מסתמא פּרוּך, וואָרום אַ דייטש פערשטעהט דען וואָס מע רעדט צו איהם? אַזוי לאַנג אַזוי ברייט ביז מע האָט איהם געגרייט צו טיש און דערלאַנגט די וועטשערע — אַ פרישע יויך אַ מחיה'דיגע מיט מאַנדלען, מיט אַ גאַנץ עוף מיט מאַנעגרייפּלעך און מיט מערעלעך און מיט פּעטרישקע און מיט... מיט... מיט... (מיינע, אַז זי וויל גאָר, קאָן זי!) „ברוכים היושבים!" זאָג איך צו איהם און ער ענטפערט מיר נישט קיין חצי דבור, זיך צוגעחאַפּט צום עוף ווי נאָך אַ תענית. „ברוכים־היושבים־קומט־ניט־עסען־עסט־געזונד!" מאַך איך צו איהם ווידער אַ מאָל און ער זופּט די יויך געשמאַק, ער זאָל דאָס אפילו ענטפערען דאָס צווייטע וואָרט, חאָטש זאָגען אַ דאַנק, — ווער? וואָס? „אַ גראָבער נפש, טראַכט איך מיר, און אַ גרויסער זולל וסובא'ניק!"

הכלל ער האָט אָפּגעגעסען, פערדריכערט אַ לאַנגע פּיפּקע און זיצט און שמייכעלט. איך זעה מיין דייטש קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען, הכט אַ פּנים

אנ׳ארט אויף דעם קאפ אנצושפארען און די אויגען ביי איהם קלעפען זיך, טראכטען מכח נאכטלעגער. האב איך א ווינק געטהון צו מיינער: „וואו מאכט מען איהם א געלעגער?“ זאגט צו מיר מיינע: „וואס הייסט וואו? טאקי אין מיין בעט“. און זי מאכט נישט קיין לאנגע שהיות און געהט צו צום בעט און הויבט איהם אן מאכען א געלעגער, פאנאנדערגעשלאגען דאס בעטגעוואנד, ווי עס געהער צו זיין (מיינע אז זי וויל קאן זי) — איך טהו א קוק — מיין דייטש איז עפים נישט צופריעדען, עס געפעהלט איהם ניט אפנים, וואס סע פליהען פעדערן, מחמת ער פארדרעהט מיט דער נאז און הויבט אן ניסען מיט סכנת נפשות. מאך איך צו איהם: „וואכסען זאלט איהר, הערר דייטש!“ מיינט איהר אז ער ענטפערט מיר: א דאנק? ווער — וואס? א גראבער נפש, טראכט איך מיר, און א ווילדער מענש. מיינע האט איהם געמאכט א געלעגער ביז דער סטעליע, סע מעג ליגען דער קיסר, (מיינע אז זי וויל נאר, קאן זי!) א גאנצע „העסע-בעט“, און מיר האבען זיך מיט איהם גאנץ פיין אבגעזעגענט, געווינשט איהם א גוטע נאכט און געגאנגען שלאפען.

תחילת, אז מיר האבען זיך געלעגט שלאפען, הער איך מיין דייטש שלאפט קיין עין הרע גאנץ געשמאק, חראפעט מיט א מאדנע שטימע, סאפעט ווי א לאקאמאטיוו, פייפט און חארכעלט ווי א געקוילעטער אקס, און פלוצים חאפט ער זיך אויף און קרעכצט און איקעט און פארשקעט און קראצט זיך און שפייט און וואָרטשעט, און קערט זיך איבער אויף דער אנדערער זייט, טהוט א ביסעל א חראפע און א סאפע און א פייף און א חארכעל און האפט זיך ווידער אויף מיט א קרעכץ און מיט אנ׳אוי און מיט א פארשקע און מיט א קראצען זיך און מיט א שפייען און מיט א וואָרטשען, און אט אזוי עטליכע מאל, ביז ער שפרינגט אראפ פונ׳ם געלעגער און איך הער ווי עס פליהט דאס בעטגעוואנד אין דער ערד אריין, אין קישען נאכ׳ן אנדערען מיט א מין כעס און מיט משונה מאדנע ווילדע ווערטער: „צום טייוועל! סאקראמענטא! דאננערררר וועטעררר!“ איך לויף צו, איך טהו א קוק דורך א שפארינקע אין דער טיר — מייט דייטש שטעהט אויף דער ערד אדם נאקעט, וואַרפט דאס בעטגעוואנד פונ׳ם בעט, שפייט קלעק און שעלט זיך אויף זיין שפראך, מע זאל נאר בעהיט ווערען. „וואס איז די מעשה, זאג איך הערר דייטש?“ און עפען אויף די טהיר, ווערט ער מלא רציחה און פאלט אן אויף מיר מיט קולאקעס, וויל מיך דורס זיין, חאפט מיך פאר א האנד און פיהרט מיך צו צום פענסטער און ווייזט מיר ווי ס׳האט איהם צוביסען דאס גאנצע לייב און שרייבט מיך ארויס און פארמאכט די טיר. „א משוגע׳נער דייטש, — רוף איך

מיך אָן צו מיַינער — און אַ גרויסער מפונק! ס'האָט זיך איהם אויסגעוויזען, זאָגט איך, אַז עס בייַסט איהם, איז הימעל עפּען זיך!..״ „ווי קומט דאָס? ס'איז מיר אַ חדוש! — זאָגט מיַינע — ערשט אויף פּסח גערייניגט דאָס בעטגעוואַנד, און געפּאַרעט דאָס בעט מיט קאַראַסין״...

אין דער פריה, איך האָב געמיינט מיַין דיַיטש וועט דאָ ווערען ברוגז און וועט אַנטלויפען פון אונז וואו דער שוואַרצער פּעפער וואַכסט, צום כּוף — חער וואָס? ווידער אַ „גוט מאָ—יען״ און ווידער געשמייכעלט, און ווידער געפּופּקעט מיט דער פּיפּקע, און ווידער געהייסען זיך קאָכען עסען, און דערוויַיל צו דער טיי געהייסען זיך אָפּקאָכען וויַיכע אייער, מאָצינקעס, וויפיל מיינט איהר אייער? כמעט אַ צעהנדליג! און צום עסען גענומען אַ רעכטען שנאַפּס און מיר אַ שנעפּסיל און הי — געלעבט! געקומען ביַינאַכט — ווידער די אייגענע שפּיעל: פריהער געהראַפּעט, געפּיַיפט און געסאָפּעט און געחאָרכעלט, און נאָכדעם געקרעכצט און געאויקעט, געפּאָרשקעט און געקראַצט זיך אין גע־שפּיגען און געוואָרטשעט, און אויפגעחאַפּט זיך און אַראָפּגעוואָרפען דאָס גאַנצע בעטגעוואַנד און געשפּיגען קלעק און געבייזערט זיך און געשאָלטען אויף זיַין לשון. „צום טיַיוועל! סאַקראַמענטאָ! דאָננערער וועטערר!..״ און אויפגעשטאַנען אין דער פריה ווידער „גוט מאָ—יען״, ווידער געפּיפּקעט מיט דער פּיפּקע, און ווידער געשמייכעלט, און ווידער געגעסען, און ווידער געמאַכט אַ שנאַפּס און מיר אַ שנעפּסיל — אַזוי עטליכע טעג כסדר, ביז ס'איז געקומען די ציַיט, די מאַשינעס זענען למזל דורכגעגאַנגען און ער האָט באַדאַרפט אָוועקפאָהרען.

אַז ס'איז געקומען די ציַיט פון זיַין אַוועקפאָהרען און דער דיַיטש האָט גענומען זיך פּאַקעווען אין וועג אַריַין, מאַכט ער צו מיר, איך זאָל איהם דער־לאַנגען אַ רעכענונג. זאָג איך: „וואָס האָבען מיר זיך דאָ צו רעכענען? ס'איז, זאָג איך, אַ קורצער חשבון, העדר דיַיטש, עס קומט פון אַייך פּינקט אַ כף־הייער...״ שטעלט ער אויס אַ פּאָר אויגען, ווי איינער רעדט: „האַ? איך פער־שטעה ניט!..״ מאַך איך צו איהם אויף דיַיטש: „זיי וועלען מוחל זיַין באַ־צאָהלען אַ פינפאונדצוואַנציגער, פינף און צוואַנציג קערבלעך, רובעל הייסט דאָס!״ און בעוויַיז איהם אויף די פינגער צעהען און פינף. מיינט איהר דאָך אַז ער וואַרד נתפּעל? הם מלהזכיר! ער פּיפּקעט מיט דער פּיפּקע און שמייכעלט און זאָגט צו מיר, אַז ער וואָלט נאָר וועלען וויסען פאַר וואָס קומט פון איהם פינף און צוואַנציג רובעל? און ער נעמט אַ שטיפטעל מיט

א שטיקעל פאפיער און בעט מיך, איך זאל איהם אויסרעכענען יעדער זאך בעזונדער. „ביזט טאקי אודאי א חכם א דייטש — טראכט איך מיר — נאר שכל האב איך מעהר פון דיר; וואס איך האב אין פיאטע פארמאנסט דו ניט אין קאפ!..‟ „שטעלט זייט מוחל, זאג איך צו איהם, העדר דייטש, פאר דער אכסניה, שטאנציאן הייסט דאס, זעכס מאל אנדערהאלבען, איז ניין קארבען; זעכס מאל צוויי, איז צוועלף סאמאווארען, צוועלף האלבע גילדען איז ניינציג קאפיקעס; זעכס מאל כמעט צעהן אייער אין דער פריה און צעהן אייער אויף דער נאכט, איז 120, צוויי שאק אייער, א קערביל א שאק, איז צוויי קארבען, זעכס יויכען, זעכס עופות, צו פינף גילדען אנ׳עוף, א חוץ גרייפליך, מאנדלען, פעטרישקע, דאס, יענץ, לאקש, בוידעם, ציבעלי, איז א גלייכער חשבון זעכס קארבען; זעכס נעכט, זעכס לאמפען — זעכציג קאפיקעס. שנאפס האט איהר געטרונקען אייגענעם — צוויי קארבען, קיין טיי און צוקער האט איהר ניט גענומען — א קערבעל, איז דריי קארבען, קיין וויין האט איהר ניט באגערט — איין קארב, איז פיער קארבען; קיין ביער איז ניט געווען — זיבעציג קאפיקעס. האט איהר אינאיינעם א קימאלן אזוי גרויס ווי כמעט פינף קארבען. נאר בכדי ס׳זאל אויסקומען צו א גלייכען חשבון, שטעלט פינף מיט פיפציג. נו, רב דייטש, איז אינאיינעם ניט קיין פינף און צוואנציגער?‟ אזוי מאך איך צו איהם גאנץ ערנסט, און איהר מיינט ער האט מיר געזאגט א קרום ווארט? חס ושלום! געפיפקעט מיט דער פיפקע און געשמייכעלט און ארויסגענומען א כף-הייער און א ווארף געטהון, ווי מע ווארפט ארויס א דרייעריל, זיך גאנץ פיין אבגעזעגנט און אוועק מיט׳ן באהן. „וואס זאגסט די עפיס מיין ווייב, אויף אזא מין דייטש?‟ — „גאט זאל צושיקען, זאגט זי, אלע וואך אזעלכע דייטשען, וואלט געווען דוקא נישקשה׳דיג...‟

דער דייטש איז אוועקגעפאהרען. ס׳איז נישט אוועקגעגאנגען קיין דריי־טעג, קומט צוגעהן דער בריפטרעגער און דערלאנגט מיר א בריעף, נאר ער הייסט זיך פריהער בעצאהלען 14 קאפיקעס. פאר וואס איז 14 קאפיקעס? — מע האט פערגעסען, זאגט ער, אנקלעפען א מארקע. בעצאהלט די 14 קאפיקעס און אויפגעעפענט דעם בריעף — אויף דייטש געשריבען, איך פערשטעה ניט א ווארט! איך הויב מיך אן ארומטראגען מיט׳ן בריעף צו דעם, צו יענעם, קיינער קאן ניט לייענען קיין דייטש; אנ׳אומגליק! אויסגעלאפען דאס גאנצע שטעדטעל, קוים מיט צרות געפונען א פראוויזאר פון דער אפטייק, וואס קאן לייענען דייטש. האט ער מיר דאס בריוועל איבערגעלייענט און פאר-טייטשט, אז דאס שרייבט צו מיר איינער א דייטש און דאנקט מיר זעהר פאר-

דער וואהלער רוהיגער שטאַנציאָן וואָס ער האָט ביי מיר געהאַט און פאַר אונזער גאַסטפריינדליכקייט מיט אונזער ליעבהאַרציגקייט, וואָס ער וועט דאָס אייביג נישט פערגעסען... מהכא תיתי! — קלער איך מיר — וועהר שען, אַז דו ביזט צופריעדען טהוט מיר הנאה. און צו מיינער רוף איך מיך אָן: „וואָס זאָגסט דו אויף דעם דייטש, קיין עין הרע נישט קיין קליינער נאַר?“ — „גאָט זאָל צו שיקען, זאָגט זי, אַלע וואָך אַזעלכע נאַראָנים, וואָלט געווען דוקא נישקשה׳דיג“...

עס געהט אַוועק נאָך אַ וואָך, איך קום צוגעהן פונ׳ם וואָגזאַל, טראָגט מיר מיינע אַ קענגען אַ בריעף און זאָגט, אַז דער בריעפטרעגער האָט זיך גע־הייסען דערצאָהלען 28 קאָפּיקעס. „וואָס עפּיס 28 קאָפּיקעס?“ — „אַזוי זאָגט ער — וואָרום ער האָט אַנדערש ניט געוואָלט“. איך עפען אויף דעם בריעף — ווידער אויף דייטש. איך לויף אַוועק צו מיין פּראָוויזאָר און בעט איהם ער זאָל מיר איבערלייענען דעם בריעף; לייענט ער מיר, אַז דער זעלבער דייטש איז נאָר וואָס איבערגעפאָהרען די גרעניץ און אַזוי ווי ער פאָהרט אַהיים צו זיין פאָ־טערלאַנד, דאַנקט ער מיך זעהר פאַר דער וואהלער רוהיגער שטאַנציאָן וואָס ער האָט ביי מיר געהאַט און פאַר אונזער גאַסטפריינדליכקייט מיט אונזער ליעב־הארציגקייט, וואָס ער קאָן דאָס אונז אייביג ניט פערגעסען!.. מיינע צרות אויף זיין קאָפּ — טראַכט איך מיר, און קום אַהיים, פרעגט מיך מיינע: „וואָס איז פאַר אַ בריעף?“ זאָג איך: „ווידער אַמאָל פונ׳ם דייטש! ער קאָן אונז גאָר ניט, זאָג איך, פערגעסען די טובה דער משוגע׳נער דייטש!“ — „אַז גאָט, זאָגט זי, זאָל צו שיקען אַלע וואָך אַזעלכע משוגע׳נע דייטשען, וואָלט דוקא געווען נישקשה׳דיג“...

עס געהען אַוועק נאָך צוויי וואָכען, ברייננט מען מיר פון דער פּאָסט אַ גאַנץ גרויסען בריעף און ער הייסט זיך דערצאָהלען 56 קאָפּיקעס; וויל איך דאָך ניט; זאָגט צו מיר דער בריעפטרעגער: ווי איהר ווילט זיך! און נעמט דעם בריעף צוריק. טהוט זיך מיר אָבער באַנג, עס ווילט זיך זעהר וויסען פון וואַנט איז דער בריעף, טאָמער עפּיס אַ נייטיגע זאַך? באַצאָהלט 56 קאָפּי־קעס, איך עפען אויף דעם פּאַקעט, איך מהו אַ קוק — ווידער אויף דייטש. געה איך שוין מסתמא גלייך צו מיין פּראָוויזאָר און בעט איהם ער זאָל מיר מוחל זיין, וואָס איך חיל איהם אַ[illegible]ל דעם ספּאָדיק, וואָס זאָל איך טהון, אַז איך בין געשטראָפט, איך קאָן ניט לייענען קיין דייטש? נעמט ער דער פּראָוויזאָר און לייענט מיר אַ גאַנצע מגילה, ווידער פונ׳ם דייטש, אַזוי ווי ער איז שוין איצטער געקומען אַהיים און האָט זיך געזעהען מיט זיין געליעבטער

פאַמיליע, מיט זיין „פרוי" און קינדער, האָט ער זיי דערצעהלט אַלסדינג, ווי אַזוי ער איז געקומען צו אונז קיין דראַזשנע און ווי אַזוי ער האָט זיך בעגעגענט מיט מיר אויפ'ן וואָגזאַל און ווי אַזוי איך האָב איהם פערפיהרט צו זיך אַהיים, געגעבען איהם אַזאַ וואהלע, אַזאַ רוהיגע שטאַנציאָן, לכן דאַנקט ער אונז זעהר און זעהר פאַר אונזער גאַסטפריינדליכקייט און פאַר אונזער ליעבהאַרציגקייט, וואָס ער וועט דאָס אונז ניט פערגעסען אייביג חייל ער וועט לעבען. „טפו זאָל ער ווערען!" זאָג איך און בטל אוים צו איהם אַלע בייזע ווילדע חלומות, און מיינער וויל איך שוין גאָר ניט דערצעהלען פונ'ם בריעף און מאַך זיך שוין גאָר ניט ווימענדיג.

עס גערט אַוועק נאָך דריי וואָכען קומט מיר אָן פון דער פאָסט אַ „פאָדיעסטקע" אויף אַ רובל מיט 12 קאָפּיקעס. „וואָס איז דאָס פאַר אַ רובל מיט 12?" פרעגט מיך מיינע. „לאָז מיך אַזוי וויסען, זאָג איך, ביזו!" און לויף אַוועק אויף דער פאָסט און הויב זיך אָן נאָכפרעגען, פון וואַנען האָב איך עס אַ רובל מיט 12? זאָגט מען מיר, אַז ניט איך האָב אַ רובל מיט 12, אדרבה, דאָס דאַרף איך גאָר בעצאָהלען אַ רובל מיט 12. „פאַר וואָס איז?" — „פאַר אַ בריעף" — זאָגט מען מיר. „פאַר וואָסער אַ בריעף, זאָג איך — אפשר פונ'ם דייטש?" — ענטפערט מען מיר ניט!... מילא, עס העלפט עפּיס טענות? איך האָב בעצאָהלט אַ רובל מיט 12 און האָב אָפּגענומען דעם בריעף, — אַ גאַנצען פאַקעט. איך עפען אויף דעם בריעף — ווידער פון איהם. פון דייטש! איך קום צום פראָוויזאָר: „האָט קיין פאַראיבעל ניט, זאָג איך, פאַני, איך האָב שוין, זאָג איך, ווידער, אַנ'אומגליק אַ דייטשען בריעף". דער פראָוויזאָר, אויך נישט קיין קליינער טפש, וואַרפט אַוועק אַלע אַרבייט און לייענט מיר ווידער אַ גאַנצע מגילה, אַלץ פונ'ם דאָזיגען דייטש, ימח שמו זאָל ער ווערען! וואָס שרייבט ער? ער שרייבט: אַזוי ווי ס'איז ביי איהם היינט אַ „פייערטאָג", אַ יום-טוב הייסט דאָס, עס זיצען ביי איהם געסט, די גאַנצע משפחה האָט זיך צו איהם צונויפגעקליבען, האָט ער זיי דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע פון אַ' ביז ת', ווי אַזוי ער איז געקומען צופאָהרען אין אַ קליין שטעדטיל קיין דראַזשנע, ווי אַזוי ער איז געבליבען דעמאָלט אין וואָגזאַל אַליין אין אַ פרעמד לאַנד, נישט צו פערשטעהן אונזער שפראַך, ווי אַזוי ער האָט זיך מיט מיר בעגעגענט און ווי אַזוי איך האָב איהם פאַרפיהרט צו זיך, אָפּגעגעבען איהם אַזאַ וואהלע, אַזאַ רוהיגע „שטאַנציאָן", ווי אַזוי מיר האָבען איהם פריינדליך צוגענומען, אָפּגעטרעטען איהם דעם בעסטען חדר, געגעבען איהם עסען און טרינקען און אַזוי עהרליך און ערענטליך בעהאַנדעלט, לכן קאָן ער זיך ניט

איינהאלטען און מוז אונז נאך אמאל אפדאנקען פאר אונזערע גאסטפריינדליכקייט און גוטהארציגקייט, וואס ער קאן דאס אונז ניט פערגעסען אייביג און אייביג — א צולהכעיס'ניק אט דער דייטש, טראכט איך מיר — מעהר קיין בריעף וועל איך שוין פון דער פאסט ניט אבנעמען, עס מעג זיין מיט געלד!

עס געהט אוועק נאך א חודש, נאך צוויי — נישטא מעהר קיין בריעף, אניעק! איך האב שוין כמעט אנגעהויבען צו פערגעסען אינ'ם דייטש, פלוצים קומט מיר אן פון דער באהן א פאוויעסטקע אויף א פאסילקע פון א פינפאונצוואנציגער, וואס קאן דאס זיין א פאסילקע אויף א פינפאונצוואנציגער? קלער איך מיר און ברעך מיר דעם קאפ און מיינע זיצט און ברעכט זיך דעם מח און מיר קאנען גישט צוקלערען גאר נישט. פאלט מיר איין א געדאנק: אזוי ווי איך האב פריינד אין אמעריקא, קעהר דאס זיין מסתמא פון זיי עפים א מתנה, א שיפסקארטע, אדער א בילעט, אדער א לאטאריעצעטעל. און בין נישט פויל און קום אויף דער באהן און וויל ארויסנעהמען די פאסילקע, זאגט מען מיר איך זאל מוחל זיין בעצאהלען צוויי רובל מיט 24 קאפיקעס, וועט מען מיר ארויסגעבען די פאסילקע. העלפט זיך ניט, מוז מען קריגען צוויי רובל מיט 24 קאפיקעס און בעצאהלען און ארויסנעהמען די פאסילקע. אפגענומען די פאסילקע. זעהר א שען קעסטעלע, גוט פארפאקט, קום איך צולויפען אהיים, און הויב אן צופאקעווען דאס קעסטעלע, פאלט נישט ארויס פון דארטען קיין פארטרעט? מיר טרויען א קוק אויפ'ן פארטרעט — וואס ס'האט זיך מיר געחלומ'ט יענע נאכט און היינטיגע נאכט און א גאנץ יאהר! — ס'איז ער, דער דייטש דער שלים-מזל, מיט'ן לאנגען האלז און מיט'ן הויכען ספאדיק און מיט דער פיפקע אין מויל! צום פארטרעט איז געלעגען צוגעלייגט א בריוועלע, אויף דייטש געוויינטליך, ווידער די אייגענע מעשה ממתמא: דאס דאנקט ער אונז אפ פאר דער שטאנציאן און פאר אונזער גאסטפריינדליכקייט און ליעבהארציגקייט, וואס ער קאן דאס אייביג און אייביג ניט פערגעסען; אנ' איינגעגעסענער דייטש קאן! ברענען זאל ער!.. מאלט איך, וואס מיר ביידע האבען בשעת מעשה אנגעווינשען און אנגעבענשט זאל איהם אנגעהן חאטש האלב, רבונו של עולם!

ס'איז אוועקגעגאנגען נאך עטליכע חדשים — אניעק, אוים דייטש! דאנקען גאט, פטור געווארען פון א שלאק, אין דער ערד מיט'ן קאפ! איך האב מיך פשוט מחיה געווען!.. זענט איהר שוין פערטיג? הארט זשע אוים, ס'איז נאך נישט קיין סוף. אנימעלטען קומט מיר אן פלוצים ביי נאכט א דעפעש, איך זאל למען השם קומען צופאהרען קיין אדעס און וואס גיכער צו איינעם

א מענשען א סוחר מיט'ן נאמען גארגעלשטיין, ער האט זיך אפגעשטעלט אין האטעל „וויקטאריע" און בעדארף מיך זעהר נייטיג האבען מכח א געשעפט.

„אדעס? גארגעלשטיין? האטעל וויקטאריע? א געשעפט? וואס זאל דאס בעדייטען?" אזוי זאג איך צו מיינער... הייבט דאך מיך מסתמא מיינע אן צו טרייבען, איך זאל פאהרען, ווארום „א קשיא אויף א מעשה, אפשר איז דאס, זאגט זי, טאקי א נייטיגע זאך? אפשר א קאמיסיע, אפשר תבואה?.." נאר ס'איז גרינג אויסצורעדען — פאהרען קיין אדעס! א פאהר קיין אדעס קאסט עפים הוצאות! נאר ווי באלד געשעפט איז עפים א תרוץ? בקיצור איך האב געקריגען עטליכע קערבליך, האב מיך אויפגעזעצט אויפ'ן באהן און פאהר קיין אדעס. געקומען קיין אדעס, הויב איך זיך אן פאנאנדערפרעגען וואו איז דא ערגיץ האטעל וויקטאריע? איך האב מיך דערפרעגט צו האטעל וויקטאריע. „נישט פאראן דא ביי אייך, זאג איך, איינער א גארגעלשטיין?" פאראן, זאגט מען מיר, א גארגעלשטיין; נאר וואס דען? ער איז איצט נישטא אין נומער; איך זאל זיך מטריח זיין צעהען א זייגער אויף דער נאכט. איך קום צו געהן צעהען א זייגער אויף דער נאכט — נישטא גארגעלשטיין, איך זאל קומען צעהען א זייגער אין דער פריה וועל איך איהם טרעפען. איך קום צעהען אין דער פריה — וואו איז גארגעלשטיין? נישטא גארגעלשטיין, ער איז נאר וואס געוועזען און זעהר געבעטען, אז ס'וועט קומען דער יוד פון דראזשנע זאל מען איהם זאגען ער זאל מוחל זיין קומען אדער דריי בייטאג אדער צעהען אויפדערנאכט. איך קום דריי בייטאג, איך קום צעהען ביי דער נאכט — נישטא קיין גארגעלשטיין! וואס טויג אייך, איך האב זיך אפגעוואלגערט אין אדעס זעכס טאג מיט זעכס נעכט, געגעסען צרות, מכות געשלאפען, קוים מיט ווערים, מיט אנגסטען, איך האב זיך דערווארט אויף דעם גארגעלשטיין. דער דאזיגער גארגעלשטיין וויזט אויס א לייטישער מענש מיט א שענער בארד א שווארצער, ער האט מיך זעהר פיין אויפגענומען, מיך געבעטען זיצען. „דאס זענט איהר — מאכט ער צו מיר האלב יודיש האלב דייטש — דער יוד פון דראזשנע?" — „דאס בין איך — זאג איך — דער יוד פון דראזשנע, וואס איז דען?" — „ביי אייך האט געהאלטען פאר א יאהרען ווינטער שטאנציאן איינער א דייטש?" — „ביי מיר — זאג איך — חאס איז דען?" — „גארנישט — מאכט ער — אט דער דייטש איז מיינער א שותף ביי די מאשינעס. איך האב פון איהם א בריעף פון לאנדאן, שרייבט ער מיר, אז איהר וועט זיין ביי מיר אין אדעס, זאל איך אייך למען השם איבערגעבען פון איהם זעהר א פריינדליכען גרוס און אייך אפדאנקען פאר אייער וואוילער רוהיגער שטאנציאן, וואס ער האט ביי אייך געהאט

און פאר אייער גאסטפריינדליכקייט און גוטהארציגקייט און מיט אייער ערר-ליך ארענטליך בעהאנדלען איהם, וואס ער קאן דאס אייך בשום אופן קיינ-מאל, קיינמאל ניט פערגעסען, וויל ער וועט לעבען!.........

אניאמגליק האט זיך אויף מיר גענומען! איך רעכען אם ירצה השם נאך יום-טוב, אז גאט וועט שיינקען דאס לעבען אריבערפעקלען זיך פון דראזשנע ערגיץ אין אנאנדער שטאדט, אנטלויפען וואו די אויגען וועלען מיך טראגען, צו אלדע שווארצע יאהר — אבי פטור ווערען פונים שלים-מזל, פונים דאזיגען דייטש, ימח שמו וזכרו זאל ער ווערען!..

בוכהאנדלונג „צענטראל“.

ווילנא — ווארשא — ניו־יארק

יודישע הרעסטאמאטיע

אלעזע־בוך פאר שול און הויז.

געזאמעלט פון די בעסטע ליטעראַרישע און וויסענשאַפטליכע קוועלען נאך די נייסטע מעטאָדען, מיט צייכנונגען און אילוסטראַציעס

דורך אברהם רייזען.

פרייז 50 קאפ.

מעטאָדען פון ג. וואגעל

דער רוסישער אזבוק

פרייז 10 קאפ.

די רוסישע מעטאָדע

פרייז 50 קאפ.

דער ענגלישער לעהרער

פרייז 40 קאפ.

שפראכען־פיהרער

צו ערלערנען די פוילישע שפראך נאך דער מעטאָדע פון מ. פאליגראט און קונצע.

פרייז 25 קאפ.

א פאלשטענדיגע

יודישע גראמאטיק

(עטימאלאָגיע און סינטאקסיס)

פערפאסט פון ז. רייזען.

פרייז 50 קאפ.

פרעמד־ווערטערבוך

פון ב. קארלינער.

פרייז 80 קאפ.

פאליטיש־ווערטערבוך

פערלאג „עזרא“.

פרייז נעבונדען 25 קאפ.

Buchhandlung „CENTRAL“ Warschau—Wilno — New-Jork. —

בוכהאנדלונג „צענטראל"

ווילנא — ווארשא — ניו־יארק

יודישע לעהר־ביכער

די פאלקס־שפראך:
א עלעמענטאר לעהר־בוך פיר אנפענגער.
מיט אילוסטראציעס און צייכנונגען אין טעקסט, פון י. קלעפפיש.
פרייז 25 קאפ.

די פאלקס־שול
א עלעמענטאר אילוסטרירט לעהר־בוך פיר אנפענגער.
פון
מ. בירענבוים און מ. טייטש.
מיט א קורצען בריעף־לעהרער, ווי אויך קאליגראפישע איבונגען.
פרייז 30 קאפ.

די מוטער־שפראך
א מעטאדע צו לערנען לעזען און שרייבען יודיש.
מיט גראמאטיקאלישע פללים און אילוסטראציעס אין טעקסט.
בייגעלעגט אלע העברעאישע ווערטער, וואס געהען ארײן אין דער יודישער שפראך.
צוזאמענגעשטעלט פון ז. און א. רייזין.
פרייז 35 קאפ.

די נייע יודישע שול
א לעזע־בוך פיר קינדער (נאכ'ן אלף־בית).
צוזאמענגעשטעלט לויט די גייסטע קוועלען מיט לייכטען לעזע־שטאף פון תלמוד, מדרש, פון דער יודישער און פרעמדע ליטעראטורען, אלץ לויט דעם בעגריף פון קינדער. מיט בילדער אין טעקסט.
פון אברהם רייזין.
פרייז ?? קאפ.

יודישער אלף בית
א סיסטעמאטישער אלף־בית צו לערנען יודיש, פיר אנפענגער.
מיט בילדער און מיט א קורצער מעטאדישער ערקלערונג, ווי צו לערנען מיט שילער לויט דעם קלאנגען־סיסטעם פון פ. האלפערין.
פרייז 30 קאפ.

Книжный магазинъ „ЦЕНТРАЛЪ" Варшава — Вильно — Нью-Іоркъ —

שלום־עליכם.

דער ערשטער

ארויספאהר.

פערלאג „פאמיליען ביבליאטעק“.

הויפט־פערקויף אין בוכהאנדלונג „צענטראל“, ווארשא—נויארק.

תרע״ג. — 1912.

Деръ эрштеръ арейсфоръ. Раз. Шолемъ-Алейхема.

Тип. Г. Пимсита и Я. Швабе, Варшава, Сѣраковская 4.

דאס ערשטע קאפיטעל

[illegible] בעשריבען, ווי אזוי די פייגעליך פארלאזען זייער נעסט

מאנטאג אדער דינסטאג, זייגער זעקס אדער זיבען פארנאכט, דעם 17 אדער 18 יוני אדער יולי, וואסער א יאהר געדענק איך ניש, זענען צוויי בחורים׳ליך, חדר יונגליך, געזעסען, דאס הייסט ניט געזעסען נאר געלעגען, און ניט געלעגען נאר געקאטשעט זיך ביי רב־לייזערן אין בויד, וואס איז געפלויגען פייל אויסען בויגען, מע קאן זאגען אז כמעט אין דער לופטען. רב לייזער האט געפייפט, די בייטש האט געארבייט, די פערדליך האבען געטראגען, די בויד איז אונטערגעשפרונגען, און די צוויי פארשוינדליך, וואס זענען געוועזען איינוויניג, זענען געלעגען איינס ביים אנדערען אין שוים. אלע מינוט זיך געביטען מיט די ערטער, זיך בעגעגענט מיט די שטערענס און געהאפט אפט מאל איין אומגערעכטען, א מאוסען זעץ פון הינטען, אז פונקען זענען געפלויגען פון די אויגען.

רב לייזער איז געוועזען א יוד א בעל עגלה, וואס האט א שם אין מאזעפעווקע פאר א גרויסען שכור, חאטש ס׳איז ניט אמת: פאראן אויף דער וועלט בעלי עגלות גרעסערע שכורים פון איהם; די פערדליך זענען געוועזען טאקי זייגע פערדליך, צוויי קארע און איינער א בולאנער, וואס איטליכם פערדיל האט ביי איהם א באזונדער געשיכטע, ווי להבדיל איטליכער מענש האט זיך זיין ביאגראפיע; די בויד איז געוועזען א בויד א גאנץ געוועהנליכע, א גרויסע, א לאנגע מיט שמאטעס באצויגען און מיט שטריקליך צוגויפגעבונדען און מיט גלעקליך באהאנגען, אזוי אז עס האט

איך געקלונגען אין קאפּ און גערוישט און געזשומעט אין די אויערן נאך אַזאַ מין פאָהרען נישט ווינציגער פון צוויי וואכען בסדר; און די פּאַרשוינען זענען געווען: איינער אריה־לייב שמחה־יוסילעס, אַ טאַטענס אַ קינד, אַ בר מצוה בחור׳ל, וואס לערענט שוין גמרא מיט תוספות מיט מהרש״א, וואס שנייצט די נאָז מיט איין פינגער, ליגט אויפ׳ן בוידעם מיט אַ בלאַט צייטונג „המליץ“, געהט אויס נאָכ׳ן „השחר“, נאָך סלאָנימסקען די כפרה, חאַפּט אַ נאַשעריי פון דער השכלה, קאן גאַנצע שטיקער גאָרדאָן אויסווייניג, שרייבט אַליין, אז קיינער זעהט ניט, אַ מאמר אָדער אַ שיר, זינגט ליעדער „אויף דער לבנה“ און „צו די שטערען“... און דער אַנדערער פּאַרשוין בין געווען איך, דער מחבר פון דער דאָזיגער ערשטער נאָר אמת׳ער געשיכטע, אריה־לייבס אַ לייבליכער ליבהאַרציגער חבר, וואס מיין נאָמען איז „ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם“ — נאַט אייך אַ שלום און לאָמיר זיין בעקאַנט, נאָר פרעגט מיך ניט ו ע ר איך בין און ו א ס איך בין; אם ירצה השם מיט דער צ י י ט, אז גאָט וועט שענקען דאס לעבען, וועלען מיר זיך בעקאַנען פון דער נאָהענט; דערווייל לאָזט מיך דערצעהלען די מעשה: ס׳איז ביי מיר די ערשטע מעשה, וועל איך אייך זי איבער־געבען וואס ניכער.

זענען מיר הייסט דאס געלעגען: איך און מיין חבר אריה־לייב שמחה־יוסילעס, ביי רב לייזערען אין בויד איינס ביים אַנדערען אין שוים, געהעצקעט זיך און געקאַטשעט זיך, געבוצקעט זיך מיט די שטערענס און געחאַפּט קלעפּ פון הינטען אזוי לאַנג ביז ס׳האט אָנגעהויבען ווערען נאַכט, און אז ס׳האט אָנגעהויבען ווערען נאַכט האט רב לייזער בעל־עגלה זיך אָנגערופען צו זיינע פערדליך און האט זיי מכבד געווען איט־ליכם בעזונדער מיט אַ שמיציל: עס מעג זיך קעהרען די וועלט וועט ער ווייטער פון דער ג ע מ ו י ע ר ט ע ר ק ר ע ט ש מ ע ניט פאָהרען, מע זאל איהם אָנשיטען די בויד מיט געלד! דאס הייסט, ער וועט יא פאָהרען ווייטער, נאָר פריהער וועט ער נעמען אַביסעל בראָנפען. און בכך הוה, די פערדליך האָבען דערזעהען די ג ע מ ו י ע ר ט ע ק ר ע ט ש מ ע (אַ פּנים די איז זיי געווען נאָך בעקאַנט) האָבען זיי זיך אַליין אָפּגעשטעלט, און כי־

האבען זיך דא אפגעשטעלט אויף א מינוטקעלי, צעבראכענע, צעהרגעטע, אויסגעמידטע און שטארק אויסגעהונגערטע.

ווי געוויינטליך האט אונז דער בעל הבית פון דער קרעטשמע, א הארינגער יוד מיט א קארטאפלידיגער נאז, באלד א האפ געטהון: „ווער זענען מיר, פון וואנען און וואהין פאהרען מיר אזעלכע יונגע צוצעקליך?" דער האפ, וואס דער יוד האט אונז געטהון, איז געווען פאר אונז אזוי פלוצים און אומגערעכט, אז מיר זענען געבליבען אהן לשון, ניט געוואוסט וואס צו טהון: אויסזאגען? זענען מיר דאך פארפאלען מיט די ביינער! אויסטראכטען עפיס א תירוץ פונים קאפ? בעדארף מען הייסט דאס זאגען א ליגען!... נאר דא האט זיך שוין אריינגעמישט רב לייזער אליין, לאנג לעבען זאל ער מיט די פערדליך, און האט זיך אנגערופען צום קרעטשמער בזה הלשון:

— איהר מעגט מיר גלויבען אויף מיינע היילינע נאמנות, רב שמשון, אז איך וועל זיך ניט דערוועגען מיט אייער גלעזיל בראנפען אז איהר וועט ניט וויסען ווער מיינע פארשוינדליך זענען, און אייער וועטשערע וועט זיך מיר ניט שטעלען אין גארגעל אז איהר וועט חלילה וחס ניט וויסען וואהין מיר פאהרען. ווארום אז איהר וועט אלסדינג וויסען וועט איהר גיך אלט ווערען, און אז איהר וועט אלט ווערען וועט איהר ווערט זיין דריי גראשען... איהר פאלגט מיך, זוכט בעסער אויס אייער בעל־הבית׳טע און רוימט איהר איין א סוד אויפ׳ן אויער, אז רב לייזער איז געקומען צו פאהרען צוריק פון מאזעפעווקע און סע חלשט איהם אינטערען טלית־קטן, און זיינע פערדליך ווילען האבער, און די פארשוינדליך להבדיל וואלטען עפיס אויך חשק געהאט נעמען אין מויל אריין... אזוי צי ניין?

ביי די לעצטע ווערטער האט רב לייזער געשענקט דעם בעל־הבית א פאטש אין פלייצע, און צו אונז האט ער א ווינק געטהון מיט איין אוי[illegible]וי קונציג, אז דער דאשעק פון זיין קארטוזיל האט זיך אויפגעהויבען און אראפגעלאזט, און אויף מיר מיט מיין חבר אריה־לייב איז אנגעפאלען אזא געלעכטער, אז ווען ניט אונזער באשיצער רב לייזער זאל דא זיין,

וואָלטען מיר פונים האָריגען קרעטשמער מיט דער קאָרטאָפּלידיגער נאָז געהאַט ביַיד האָפּען מזומנע פּעטש, אַזוי ביַיז האָט ער געקוקט אויף אונז ביַידען; וְהָרְאָיָה... גענוג, לעזער! שטעה אַ ווײַלע, איך דאַרף דיר עפּיס זאָגען: ווען דער איבערשטער זאָל מיך געוועזען בענטשען מיט אַ טאַלאַנט ווי אַנדערע שריַיבער, למשל, די וואָס מאַכען העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען, וואָלט איך אַזוי אָנגעהויבען מיַין ערשטע געשיכטע:

„א גרויסער, געוואַלדיגער שטורעמווינד האָט מיט אַ שרעקליך יאָמער־ליך געזאַנג געבלאָזען אין דעם גרויסען פעלד און עס האָט געוואָרפען די בוימער אַהין און אַהער, די פייגעלעך זענען זיך צולאָפען אין אַלע זיַיטען; די זונן אַפילו האָט זיך אויך באַהאַלטען אין איהר פוטערפּאַס, און די שוואַרצע וואָלקענס האָבען געברומט ווי די בערען אין וואַלד; דאָס וואַסער (וואָסער וואַסער?) האָט געוואָרפען איהרע אינדען העכער פון די וויַיזער (וואָסערע היַיזער?) און אונזער העלד איז געבליבען שטעהן פאַר־טראַכט און צו זיך אַליין שטילערהייט געקלערט און אַזוי וויַיטער...“ דאָ וואָלט איך באַשריַיבען אויף 10 בויגען פּאַפּיר, וואָס דער העלד האָט גע־קלערט און וואָלט געענדיגט זיַינע געדאַנקען מיט אַ גרויס ליעד, וואו עס ווערט באַזונגען די נאַטור מיט איהרע וואונדערליכע קאַפּריזען און אַזוי וויַיטער...— נאָר אַזוי ווי איך בין ניט קיין גרויסער עכט אינטערעסאַנטנער ראָמאַניסט, נאָר אַ פּשוטער גוטער ברודער, אָהן חכמות, אַ שלום עליכם, על כן קעהר איך זיך אום צו מיַין געשיכטע און וואַרף אַוועק ר' לייזערס שמועס מיטען בעל־הבית פון דער קרעטשמע; איך האָב געמאַכט אַ רעדע מכּוח ר' לייזערן צו ליעב דעם, אַז די לעזער זאָלען וויסען, אַז נאָר אַ דאַנק ר' לייזערן האָבען מיר זיך געקענט אַרויסהאַפּען פון אונזער שטעדטעל מאַזעפּעווקע. און ווען ניט ח"ו ר' לייזער וואָלט איך מיט מיַין חבר אריה־לייב נישט אַוועקגעלאָזט זיך אויף דער וועלט, און ווען ניט ר' לייזער, וואָלט איך די דאָזיגע געשיכטע נישט געשריבען, און איהר וואָלט זי נישט געלעזען.— וואָס וואָלט געווען דעמאָלט?...

מײַן חבר אריה לײב איז ניט געװען גלײַך צו אַלע אַנדערע מײַנע חברים; נאָך בײַ ר׳ „שמעון הערש דעם גרױסען” אין חדר איז מײַן חבר אריה לײב געװען אַ גרױסער ליעבהאָבער אױף שײנע מעשׂיות פֿון רײַזענדער, פֿון גרױסע שטעדט, פֿון װײַטע לענדער, פֿון פֿערשידענע פֿעלקער; פֿון אַ בן מלך מיט אַ בת מלכּה וכדומה. ער פֿלעג אָפֿט אַרומגעהן שטאַרק פֿאַרטראַכט און ניט אײן מאָל חאַפּען אַ מיאוסען פּסק פֿאַר זײַן פֿאַרטראַכטען זיך בײַ דער גמרא. אַזױ װי הײַנט געדענק איך נאָך, װי דער רבי, ר׳ שמעון הערש, האָט געקװעטשט מיט אונז אַ שאַרף שטיקעל מהרש״א און האָט פּלוצלים אַ חאַפּ געטהון אריה לײבן, אַראָבגעלאָזט איהם קודם כּל אַ פּלאַסק איבערן האַלז און נאַקען: „זאָג, ממזר, װאָס װיל דאָ דער תּנא?”... אריה לײב האָט לאַנג נישט געטראַכט און האָט זיך גײַציג, װי אַ מזיק, געענטפֿערט: „אױפֿ׳ן דריטען טאָג איז דער בן מלך מיט דער בת מלכּה אַרױס מיטען אַקרענט פֿון דעם פֿאַרגליװערטען ים און איז געקומען אױף אַ „קעמפּע”, װאו דער שטורמװינד ליגט באַהאַלטען אונטער אַ פֿאַקרעװקע”!... איהר קענט זיך פֿאָרשטעלען װי העכסט צופֿריעדען דער רבי איז געװאָרען אַז ער האָט דערהערט אַזאַ פֿײַנעם ענטפֿער פֿון אריה לײבען בײַ דער גמרא!... דער בן מלך מיט דער בת מלכּה, דער אַקרענט מיט דער קעמפּע האָבען געקאָסט מײַן טהײַערן חבר זעהר טהײַער, ער װעט דאָס האָבען צו געדענקען, מײַן איך, לאַנג לאַנג, װײַל ער װעט לעבען!...

לכּל זמן — יעדע זאַך איז בּיז אַ צײַט, זאָגט שלמה המלך; אונזער חדר מיט ר׳ שמעון הערש דעם גרױסען מיט דער גמרא מיט דעם מהרש״א און מיט אַלע הכּמות זענען אױך געװען נאָר בּיז אַ צײַט — בּיז די לעצטיגע שטראַהלען פֿון דער ציװיליזאַציע האָבען געגרײכט אַפֿילו צו אונז אין אונזער שטעדטעל אַרײַן, און עס איז געװאָרען פֿול אַלע װינקעלעך מיט דער „השׂכּלה”... „השׂכּלה”! „השׂכּלה!” אַך װי זיס דאָס װאָרט האָט געקלונגען אין יענער צײַט, װען ליגענדיג ערגעץ אױף אַ בױדעם האָט מען געשלונגען מאַפּו, לעװינזאָהן און גאָרדאָן! װי גרױס איז בײַ אונז געװען דער דאַװגער, װאָס זײַן נאָמען איז געװען געדרוקט אין „המליץ”! אַך,

ווער קאן אונז אומקערען די דאזיגע זיסע, טהייערע, גליקליכע צייט?! צו אונז אין מאזעפעווקע האט פערשלעפט די השכלה א לעהרער, וואס האט געהייסען בּיי אונז מיט זיין ליבען נאמען „דער געשטודירטער ליטוואק", בּיי איהם האבען מיר אלע גענאשט, יעדער נאך זיינע פעהיגקייטען און נאך זיין פערשטאנד, און מיר אלע זענען צוגעבונדען געווארען צו איהם מיט דעם גאנצען כח פון אונזער לעבען! דער דאזיגער לעהרער איז אליין פאר זיך א בּעזונדערער טיפּ און איהם וועלען מיר שענקען א בּעזונדערע ערצעהלונג...

בּיי דעם „געשטודירטען ליטוואק" האב איך געטראפען מיין אלטען חבר אריה ליב, פּונקט דעם אייגענעם אריה ליב וואס פריהער, שטענדיג פערטראכט, מיט גרויסע שווארצע אויגען, מיט א בּלייך פּנים, אלסדינג איז בּיי איהם געווען א חדוש נפלא און פון יעדער נארישקייט איז ער געווארען נתפּעל. מיט מיר, ווי מיט איין אלטען חבר, איז ער גיך געווארען א גוטער בּרודער און אין א יאהר ארום האט ער פאר מיר אנטפּלעקט זיינע געדאנקען, אדער ווי ער האט דאס אנגערופען זיין „אידעע", צו וועלכער מיר בּיידע האבען זיך אבּגעגעבען מיט גרויס התלהבות, מיט דעם פייער, וועלכער געפינט זיך אין דעם כח פון דעם יונגען לעבען! די אידעע איז געווען זעהר א רייכע אידעע! שטעלט אייך פאר אז מיר, צוויי מאזעפּעווקער יונגליך, נעהמען און פאהרען אוועק אין דער גרויסער שטאדט אריין, דארט וואו עס געפינט זיך דאס גאנצע „ליכטיגקייט" פון דער „ציוויליזאציע", דארט וואו די „השכלה" בּרענט ווי א פייער, דארט וואו אין מיטען העלען טאג קען מען בּעגעגענען, א שטייגער א מין רעדאקטאר פון דעם „המליץ", אדער א „מחבּר", אדער אזוי א „משכּיל", דארט וואו מע קען זיך בּעגעגענען מיט דעם רעדאקטאר אליין און מע זאל זעהען און הערען ווי ער רעדט, ווי ער געהט, ווי ער עסט און ווי ער פארט... אך, רבּונו של עולם, גרויסער גאט!

ניט אזוי גיך טהוט זיך ווי עס רעדט זיך: גענוג יסורים, גענוג קאפּדרעהעניש האבען מיר איבּערגעליטען איידער מיר האבען צונויפגעשלאגען עטליכע קערבּליך אויף הוצאות! אין א צייט ארום נאך אונזער נסיעה פון

איך געוואָרן געוואָרען, אַז מיין חבר האָט צוויי יאָהר כּסדר געקליבען אַ גראָשען צו אַ גראָשען פון די מיטאָגס און פון די אָנבייסענס און האָט אָפּט מאָל געליטען הונגער און דאָרשט — ביז ער האָט זיך ענדליך געמאַכט אַ קאַפּיטאַל פון צוויי און צוואַנציג קערבּלעך און צוועלף קערבּלעך האָב איך געהאַט — איז אין איינעם געוואָרען אַזוי גרויס ווי פיער און דרייסיג זילבערנע קערבּלעך — זענען מיר מיט דעם דאָזיגען „קאַפּיטאַל“ געקומען צו ר' ליזערין.

איינגענטליך גערעדט, זענען מיר צו ר' ליזערין ניט געקומען און ר' ליזער איז צו אונז אויך ניט געקומען; נאָר מעשׂה שהיה כּך היה:

אין אַ שענעם פריהמאָרגען, ניט אין קיין חמאָרנעם טאָג, זענען מיר, איך און מיין חבר אריה ליב, געגאַנגען שפּאַצירען, העט, העט, ארויס פון דער שטאָדט און זענען געווען שטאַרק פערטיעפט אין געדאַנקען, ווי געוויינטליך. מיר האָבען שוין לאַנג בעשלאָסען צו פאָהרען „אַהין“, מיר זענען שוין לאַנג גרייט געווען אָוועקצופאָהרען „אַהין“; נאָר דער גאַנצער עכּוב איז געווען וואָס מיר האָבען נישט געהאַט די געלעגענהייט אַרויסצופאָהרען פון מאַזעפּעווקע; געהן דינגען אַ „פּאָטשט“ אָדער אַ פוהר האָבען מיר מורא געהאַט מע זאָל אונז ניט חאַפּען אויפ'ן אָרט און מע זאָל זיך אין אונז ניט נוקם זיין ווי מע האָט זיך נוקם געווען מיט שעפּטיל ר' מאָטעלעס, וואָס איז צו דער בּר־מצוה אַנטלאָפען אין מיטען העלען טאָג קיין טאַלנע צום רבּין, אַזוי אַז עד היום רופט מען איהם שעפּטיל דער בורח אָדער שעפּטיל דער טאַלנער, חאָטש ער האָט שוין אַצונד אייניקליך... נאָר פּלוצים! פּונקט אַזוי ווי עס קומט פאָר אין אַ שענעם ראָמאַן, ווען דער פערבּלאָנזעטער העלד בעגעגענט זיך אין דעם גרויסען פינסטערען וואַלד מיט בייזע וועלף, מיט בערען און מיט לעמפּערטען, וואָס וואַרפען זיך אויף איהם אַרויף און ווילען איהם צורייסען, און הע שפּרינגט אַרויס פּלוצלים אַ יעגער מיט אַ לאַנגער שפּיז און שטעכט צום טויט אַלע ווילדע חיות רעות און לייזט אויס דעם אומגליקליכען רייזענדען פון זיין גרויסער צרה און חאַפּט איהם און פיהרט איהם אַריין אין אַ גרויסען פּאַלאַץ פון 12 טהויערן מיט 12 שלעסער און שטעלט

אִיהם צו צו דעם בֶּן־מֶלֶךְ און זָאגט צו אִיהם: „אֲדוֹנִי קעניג! א. ז. וו.“...

פּונקט אקוראט אַזוֹי פְּלוּצְלִים אומגעריכט האָבּען מִיר דערזעהען ר׳ לֵייזערס פערדליך, ר׳ לֵייזערס בּויד און ר׳ לֵייזער׳ן אַלֵיין זיצענדיג אויף דער קעלנע אָהן פּאַרשוינען און אִיז געפלויגען אִין שטאָדט אַריין!

— וואס טהוט אִיהר דא אַזוֹי ווייט, קוּנְדֵסִים, ווייסע חֶבְרֶה׳נִיקעס, שְׁקָצִים? האט אונז ר׳ לֵייזער א פרעג געטהון, אָפּגעשטעלט זיך און אַרויסגענומען דעם ראָזשאַק מִיט טאַבּעקע פון דעם בּוזעם. אין חֵדֶר אַריין, מְמֻזָרִים, עֲבֵרָה׳שׁים, הולטאַייעס! אייערע פאָטער און מוּטער האָרעװען מִיט בּלוּטיגען שוויים און ציהען פון זיך די קְלָלע און צאָהלען פאַר אייך שְׂכַר לִמוּד; זיי ווילען אייך מאַכען פאַר רַבָּנִים, לוֹמְדִים, טשאַטשקעס, און אִיהר געהט אַרום שלינג און שלאַנג! הא, נִיט געדאַכט זאָלט אִיהר ווערען, שְׁקָצִים, עֲבֵרָה׳שׁים, הולטאַייעס, אַסוּר־לְרַחֵם׳ניקעס! קריכט אין בּויד אַריין, זעצט זיך, וועל אִיך אייך בּרענגען אַהיים, לָאז מען אייך קאַטעװען, קוּנְדֵסִים, עֲבֵרָה׳שׁים, הולטאַייעס, זעצט זיך!!

מִיר האָבּען פערשטאַנען אַז ער טרייבּט מִיט אונז קאַטאָװעס; ר׳ לֵייזער־איז תָּמִיד געװעזען א קאַטאָװעס טרייבּער, א גאַנץ וואוילער מענש, א גוּט בּרוּדעריל, א פּאַניבּראַטע מִיט דער גאַנצער חֶבְרָה אין פּאָלעש, א פריהליכער יונג אויף א שִׂמְחָה, א שטאַרקער טרינקער, — מִיט איינעם וואָרט א „מאָלאָדיעץ“; דעריבּער האָבּען מִיר זיך ווינציג וואס איבּערגעשראָקען פאַר זיינע קְלָלוֹת און האָבּען זיך מִיט אִיהם בּעדינגען צו צוויי קערבּליך פון א פּאַרשוין, ער זאָל פערקערעװען די בּויד און אָפּפיהרען אונז גלייך צום בּאַהן. תְּחִלַּת האָט ר׳ לֵייזער אַבִּיסֶל ווי געקװיינקעלט זיך, געפרעגט וואס דאַרפען מִיר צום בּאַהן? האָט אִיהם מיין חָבֵר געזאָגט, אַז מִיר פאָהרען וועגען זעהר א וויכטיגען ענין, וואס מִיר דאַרפען זיך איילען ווי ווייט מעגליך, וואס גיכער איז בּעסער. האָט זיך ר׳ לֵייזער אַבִּיסֶל פערטראַכט, אַרויסגענומען דעם ראָזשעק, אָנגעשטופּט א פולע נאָז מִיט טאַבּעקע און געזאָגט:

— אויבּ אִיהר דאַרפט וואס גיכער איז נִיט ווינציגער ווי צוויי דריי־

ערליך, א דרייער׳ל פון א פארשוין, און דאס וויל ער מען זאל איהם „משולשל" זיין טאקי דא אויפ׳ן ארט...

מיר האבען זיך לאנג מיט איהם נישט געוואלט דינגען און טאקי דא אויפ׳ן ארט איהם „משולשל" געווען צוויי דרייערליך און מיר זענען אריין אין בויד אריין.

האב איך אייך שוין היינט דאס ארויסגעפיהרט אויף א שטיקיל שטיינער? (דאס זאג איך, דער מחבר, צו מיינע לעזער). וואו האבען מיר זיך אפגעשטעלט געדענקט איהר? ביי דער געמויערטער קרעטש־מע. דארט זיצען מיר אלע דריי, איך און אריה ליב און ר׳ לייזער בעל־עגלה און האפען איבער דעם הונגער. ווי מיינט איהר? איז נויטהיג צו בעשרייבען די וועטשערע וואס מיר האבען געגעסען? איך מיין, אז ס׳איז נים אזוי נויטהיג. ס׳זאל זיין, למשל, אין א גרויסארטיגען פאלאץ, עס זאלען זיצען ביים טיש א „פרינץ" מיט א „פרינצעסין", אדער א „גראף" מיט א „מארקיזע", אדער א „מערדער" מיט א „שקאנטיסט", ווי געוויינטליך אין א „העכסטאינטערעסאנטענעם" ראמאן, וואלט אפשר געווען כדאי. און אזוי וואס, מ׳שטיינסגעזאגט, צוויי בחורים׳ליך מיט א בעל־עגלה זיצען אין א קרעטשמע, עסען א שטיקיל פלייש מיט חריין און מיט זויערע אוגער־קעס און טרינקען פראסטען בראנפען פון פראסטע גלעזליך, צו א נואר־בעדיגער ענין...

כמעט דאס ערשטע מאל אויף אונזער לעבען האבען מיר גע־טרינקען בראנפען אזוי פיעל, מחמת ר׳ לייזער האט אלץ געלאכט פון אונז וואס מיר קרימען זיך אזוי, און מיר האבען איהם געוואלט ווייזען, אז מיר זענען נים קיין מאלאקאסאסען און קאנען אויך נעהמען א טרונק בראנפען. דער לעזער פערשטעהט שוין ווי אזוי אונז האט זיך אנגעהוי־בען דרעהען די קעפליך און טאנצען די קרעטשמע מיט דער באנק, מיטן פלעשיל און מיט ר׳ לייזערן... עס האט זיך אונז אויסגעוויזען, אז מיר זואקסען אלץ העכער און העכער... פיסליכווייז האבען מיר אנגעהויבען

צו שמייכלען, קוועלען און לאכען אויף א קול, — אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז מיר האבען ארומגעכאפט קושען ר׳ לייזער׳ן מיט אזא פערגעניגען, מיט אזא זיסקייט, אז ער האט זיך שוין ניט געקענט איינהאלטען און האט אונז פאר די הענד ארויסגעפירט און האט אונז געהייסען קריכען אין בויד אריין.

— אך, שקצים, עכבר׳שים, הולטאייעס! אהיים, גזלנים! אהיים, משומדים!... מיין אריה ליב האט אזוי שטארק געלאכט, ביז ער האט זיך צוויינט ווי א קליין קינד.

— וואס האסט דו זיך אזוי צו פעסטעט, קוואשע, פעמפיק איינער? האט איהם ר׳ לייזער געפרעגט.

— א, ר׳ לייזער, טהייערער געטרייער ר׳ לייזער! האט אריה ליב טרויעריג אויסגעשריען מיט טרעהרען אין די אויגען. — זיסער, הארציגער ר׳ לייזער! איהר ווייסט האטש וואוהין מיר פאהרען? מיר פאהרען דאך אהין, אהין, ווייט, ווייט, דארט [illegible] די ליכטיגע שטראהלען פון דער ציווילזאציע טהוען שיינען!... אהין, וואו א קוואל פון דעם לעבעדיגען ברונען וואסער טהוט אנטרענקען די פעלדער פון חכמות און וויסענשאפטען! — אהין, וואו...

— וואס עס האט זיך מיר גע׳חלום׳ט יענע נאכט און היינטיגע נאכט זאל עס אויסגעהן צו דיין קאפ, צו דיינע הענד און פים, דו משוגעת, דו הולטאיי איינער — טפו!... וואס פלאפעלט ער דאס אזעלכעס? האט זיך ר׳ לייזער צו מיר אנגערופען — א פנים אז דער הבר דיינער האט גוט א לעק געטהון? טפררררר!...

ר׳ לייזער האט זיך אבגעשטעלט; די פערדליך האבען זיך אבגערידט, געמאכט מיט די זייטען; די גלעקליך האבען אויפגעהערט צו קלינגען — ס׳איז געווארען שטיל. די נאכט האט זיך רעכט אויסגעשטערנט; די לבנה האט אריינגעקוקט צו אונז אין בויד אריין, און אבגעגעבען א גרוס פון דערהיים, אז מע קאן אונז נאך אנזאגען... פון דעם דאזיגען געדאנק ווערען אונז פערקיהלט די „געבליטען" און מיר רופען זיך אן צו אונזער ר׳ לייזער׳ן:

— וואס שטעהען מיר ? פאר וואס פאהרען מיר ניט ?

לייזער טראכט א ווייל׳ע, שטופט אן א פולע נאז מיט טאבעקע און מאכט מיט אינז אזא מין שמועס :

— ווי טהייער האבען מיר זיך בעדונגען ?

— וואס הייסט ווי טהייער ? צו דרייערליך פאר א פארשוין.

— צו דרייערליך פאר א פארשוין ?... המ... קארגליך ! סך־הכל זעקס שמאראוואנצים !

— ווי טהייער רען ווילט איהר ר׳ לייזער ?

— וועט איהר געבען נאך צו צוויי קארבען איז גוט ; אלא ניט — פאהרען מיר צוריק...

— זעהסט דו — זאג איך צו מיין חבר — וואס דו האסט אנגע־מאכט מיט דיין קושען זיך !...

סע פערשטעהט זיך, אז מיר האבען זיך מיט איהם אויסגעגלייכט. עס האט אבער לאנג ניט געדויערט ; ר׳ לייזער האט נאך אמאל אבגע־שטעלט די פערדליך און האט זיך געהייסען געבען נאך א הוספה צו קערבליך פאר א פארשוין, און מיר זענען ווידער אמאל דורכגעקומען. א גליק וואס אונזער נסיעה האט זיך מיטן טאגליך געענדיגט ; אונזער ר׳ לייזער וואלט ביי אונז אויסגעצאפט דאס גאנצע ביסיל מינץ. אז מיר האבען דערזעהען פון דערווייטענס דעם וואגזאל, האבען מיר זיך מיט מיין חבר אזש צוויינט פאר פרייד און האבען זיך ארומגענומען און צו־קושט זיך.

— פאהרט געזונד און זייט מצליח ! — האט אונז ר׳ לייזער גע־ווינשעוועט און דאכט זיך פונ׳ם גאנצען הארצען... מיר האבען איהם נאכגעשריגען :

— זייט געזונד, ר׳ לייזער, האלט׳ס מויל ! קיין פויגעל זאל ניט וויסען ! געדענקט, איהר האט אונז געגעבען האנד תקיעת־כף !

— און איבערגעשלאגען מיט א ציצה !... איבערגעשלאגען מיט א ציצה !...

דאס צווייטע קאפיטעל

(וואו עס ווערט בעשריבען, ווי די פייגעליך פליהען אריין דאס ערשטע מאל אין דעם גרויסען וואלד אריין און די חדושים וואס זיי זעהען בכמעט אויף יעדען טריט).

ליבער לעזער! (אזוי איז איינגעפיהרט ביי אונז, אז יעדער לעזער איז אונז ליעב!) ליבער לעזער! איז דען נויטהיג צו בעשרייבען אייך אונזער נסיעה אויפ'ן אייזענבאהן דאס ערשטע מאל אויף אונזער לעבען? ווער פון אייך איז ניט געווען קיין פריין אין די יונגע יאהרען? ווער פון אייך האט נישט געהאפט קיין קלעפ מיט קיין סטיסאקעס דערפאר וואס איהר זענט נאך ניט געווען געניט, פראקטיש אין דער וועלט? היינט, אז מיר זענען שוין אויסגעוואקסען, דאנקען גאט, און האבען בעקומען פליגעל, פערשטעהט זיך, לאכען מיר אויס דעם פריין און פערגעסען אז מיר זענען אמאל אויך ניט געווען קליגער! ווי אזוי די מעשה איז דארטען, נאר איך מיט מיין חבר זענען ניט ארויסגעפאלען ביי זיך פאר קיין זאך אויף דער וועלט; וואס ארט דאס אונז? לאז מען לאכען צוזעצפערהייט — אבער מיר פאהרען! היינט וואס געהט אונז אן?...

אויפ'ן דריטען טאג זענען מיר געקומען אין דער „ג ר ו י ס ע ר ש ט א ד ט", אהין, וואוהין מיר האבען גענארט.

קיין באגאזש האבען מיר דאך נישט געהאט, דערום האבען מיר געקאנט זעהר פיין געהן צו פיס פונ'ם וואגזאל אין שטאדט אריין א ווערסט 3 אדער 4. דעם גאנצען וועג האבען מיר געמוזט צו האלטען מיט די הענד אונזערע היטליך, מחמת די קעפ האבען מיר געהאלטען פערריסען ארויף און האבען געקוקט אויף די הויכע מויערען מיט די גרויסע פענסטער. לאנג, גאנץ לאנג זענען מיר אזוי געגאנגען און פון א סטאנציע, א נאכטלעגער האבען מיר אפילו ניט געקלערט, מחמת עס איז נאך געווען זעהר פריה אז די שטאדט האט ערשט אנגעהויבען צו קאכען, און

מענשען זענען געלאָפען דער אהין דער אהער; צום מיינסטען זענען גע־ווען קריסטען און וועלטען זעלטען האָבען מיר באַגעגענט א ידען, איין אמת'ן ידען, וואס מע קאן איהם דערקענען אז ער איז א יוד. מיר האָבען זיך לכתחלה געפּרובּט אַפּאָר מאָל א פרעג טהון די דאָזיגע ידען, וואו וואוינט דא דער ראַבּינער (מיר האָבען גערעכענט צום אַלעם ערשטען צו שלאָגען זיך צום קאַזיאָנע רב, וואס מיר האָבען זיך אנגעהערט פון אונזער לערער דעם געשטודירטען ליטוואַק, וועלכער האָט אַמאָל איינאיינעם גע־לערענט מיט איהם אין דער ראַבּינער שול): נאָר מע האָט אונז ניט גע־ענטפערט... „עס ווייזט אוים, אַז עס איז דא היינט עפּיס א מין אַסיפה וואס דער עולם לויפט אזוי", האָט מיר אריה ליב איינגערוימט א סוד אויפ'ן אויער.

איינס מיט'ן אנדערען געהער זיך אָבער ניט אָן; די נאַטור פאָדערט איהרם, און עס איז ניט איהר געשעפט צו מיר זענען יא ריינער צו גיין — דערווייל עסען דאַרף מען, ווי מיין באָבע ע"ה פלעגט זאָגען: „דער מענש האָט א קישקע און איז געגליכען צו א יוד־טעפּיל וואס מע דאַרף דאס אַלע מאָל דערגיעסען"... מיר זענען גוט הונגעריג געוואָרען!

— וואס עסט מען? האָב איך געפרעגט מיין חבר.

— וואס עסט מען? האָט מיר מיין חבר געענטפערט.

ווי אזוי דאס האָט זיך געטראָפען פערשטעה איך נאָך עד היום ניט; נאָר ביי אונז ביידע איז געבליבען דער הסכם, אז דאַווענען דאַרף מען ניט... דאס איז געוועזען די ע ר ש ט ע עבירה אויף אונזער לעבען!... אויפ'ן גאַס ערגיץ ביי א טישיל, האָבען מיר זיך געקויפט א בולקע מיט א פונט קאַרשען און האָבען גענומען עסען אָנבּייסען געהענדיג און א ו ם ג ע וואַ ש ע ן — די צ ו ו י י ט ע עבירה! מיר האָבען בעמערקט, אז מע קוקט אויף אונז פערוואונדערט; ערשט נאָכדעם זענען מיר געוואָהר געוואָרען, אז פון די קאַרשען האָבען מיר זיך אויסגעשמירט די הענד מיט די פּיסקעס — דערצו אונזערע קליינשטעדטעלדיגע קאַסטיומען מיט די קי־לעכיגע באַראַשקענע היטעליך אום זומער צייט. מיר זענען זיך אזוי גע־גאַנגען געשלאָסען די הענד מיר זאָלען זיך איינס דאס אנדערע ניט פער־

ליערען ח״ו — מען קאן זיך שוין פארשטעלען פאר וואס יעדער האט אויף אונז אזוי געטרייי געקוקט... נאר ווי גרויס איז אונזער וואונדער געווען אז חוץ פריצים, דאמען און גלאט אזוי גוים, האבען מיר קיינעם נישט בעגעגענט עפּיס אזעלכען וואס זאל האבען א פּנים פון א משכּיל, א רעדאקטער, א מחבּר אדער לכל הפּחות אזוי א קארעספּאנדענט פון׳ם „המליץ״... מיין חבר האט זיך ניט איינגעהאלטען און האט אבגעשטעלט א יודען, וואס איז געלאפען עפּיס מיט א פּאפּיר אין דער האנד, און האט אידם א פרעג געטהון: „וואו זיצען בּיי אייך די גרויסע מפורסם׳דיגע לייט, די משׂכּילים, די רעדאקטערען מיט די מחבּרים?״... דער יוד האט זיך אבגעשטעלט אויף א מינוטקעלע און האט אונז איבערגעפרעגט נאך אמאל וועמען דארפען מיר, און אז מיין אריה ליב האט אידם איבערגעחאזערט וואס מיר ווילען, האט דער יוד זיך צולאכט, א שפּיי געטהון און איז אוועקגעגאנגען ווייטער.

— איך זאג דיר, אז עס איז עפּיס ניט גלאט! האט זיך צו מיר אריה ליב געווענדט.

א שעה זעקס זענען מיר אזוי אבגעגאנגען ביז עס האט אונז אנגעהויבען שמארצען אין די פיאטעס, האבען מיר זיך צוגעזעצט אביסעלע אויף א באנק געבען א גרויסער מויער און ניט האבען וואס צו טהון האט מיין חבר ארויסגענומען פון דער קעשענע א נומער „המגיד״ און האט אנגעהויבען אויף א קול צו לייענען זעהר א גרויסארטיגען שיר פון א געוויסען פּאעט אין יענע צייטען... איך געדענק ניט זיין נאמען:

די שטראהלען פון דער זונן פון זייער געצעלט
ווען זיי קוקען אראב צו אונז אויף דער וועלט,—
אנטלויפען די שאטענס, טרעטען אב אויף א זייט,
אנטלויפען אויף תּמיד, אנטלויפען גאנץ ווייט!...
השׂכּלה! די טאכטער פון הימעל!
ווער גיט מיר פליגעל איך זאל קאנען פליהען...?

ביי די דאזיגע ווערטער האבען מיר דערפיהלט עפּיס ווי א געזאלצענער רעגען מיט א בלאטע געהט אויף אונז... דאס איז געווען

דער דוואָרניק פון דעם הויף. ער האט אונז אבגעשפריצט מיט א נאסען בעזים, „פראטש פראטש, זשידעניאטא"!... מיר האבען זיך דווקא לאנג ניט געלאזט בעטען און זענען אוועקגעגאנגען ווייטער. — דו ועהסט? האט צו מיר מיין חבר געזאגט, עס ווייזט אויס, אז דא געפינען זיך נאך אויך ווילדע מענטשען, וואס האבען נאך ניט דערשמעקט דעם זיסען ריח פון דער השכלה און געהען אין דער פינסטערניס... זעה נאר זעה, אט געהט עפיס א יודיל מיט א פעקיל, א מוכר ספרים דאכט מיר... לאמיר איהם א פרעג טהון, אפשר ווייסט ער, וואו זיצט דא דער ראבינער?..

מיר האבען געטראפען: דער פאקענטרעגער איז געוועזען א לאטניק, ער ווייסט וואו דער ראבינער זיצט.

— נאר איהר האט אבער צו געהען אהין נישט פיעל, נאר א ווארסט צעהען, האט אונז דער לאטניק געזאגט. אויב איהר ווילט, נעמט א „איזוואזשטשיק" וועלען מיר אהין צופאהרען.

דער לאטניק האט שוין אליין באדונגען א איזוואזשטשיק און אזוי האבען מיר זיך אלע דריי געזעצט פאהרען. אויפ'ן וועג האט ער ביי אונז זיך אויסגעפרעגט פון וואנען און וואוהין מיר פאהרען... פלוצים האט דער לאטניק געהייסען זיך אבשטעלען און אראב גענומען דאס פעקעל און האט צו אונז אזוי געזאגט:

— איך דארף דא אויף א מינוטקעלע אראבקריכען און אבלייגען מיין קלימעקיל, איהר וועט ווארטען א קאפעטשקעלע, אט וועל איך באלד צוגעהען... שא, אפשר געפינט זיך ביי אייך א צעהנקערבילשטיק? איך וועל אייך באלד אבגעבען...

מיין אריה ליב האט לאנג ניט געטראכט און האט איהם געגעבען 10 קערבליך; דער לאטניק איז אריין אין טהויער און מיר זענען געבליבען זיצען אויפ'ן וואגען און האבען אזוי געווארט א היבשע ווילע, ביז דער איזוואזשטשיק האט אנגעהויבען דרימלען און דאס פערדעל אויך. — אריה ליב האט ווידער ארויסגענומען דעם נומער „המגיד" און האט גע-לייענט ווייטער:

זינט עס זענען איבער די שאטענס אויף דער פינסטערער ערד,
האט א בלאז געטהון אויף דער וועלט א ווינט א נייער;
גיט דא דער פארשניידער, איין עק פון דער שווערד
א נייע נשמה און א גוף אויך א נייער!...

ביי די לעצטע ווערטער וואס מיין חבר האט אויסגעזונגען אויף א קול, האט זיך אונזער איזוואזשטשיק אויפגעכאפט און האט אונז געזאגט: וועלכער רוח ווארטען מיר און פאר וואס בעצאהלט מען שוין איהם ניט? אריה לייב האט איהם פערוואונדערט געענטפערט, אז מיר ווארטען אויפ'ן יודען... דער איזוואזשטשיק האט איהם אבגעשיקט צו אלדע שווארצע יאהר מיט אלע יודען און האט אונז געהייסען אראבקריכען.

— מע דארף אראבקריכען! האב איך געזאגט צו מיין חבר.

— מע דארף אראבקריכען! האט מיר מיין חבר געענטווערט.

דער איזוואזשטשיק איז אויך אראבגעקראכען און האט זיך צו אונז געווענדעט מיר זאלען איהם בעצאהלען.

— איך פארשטעה דאס ניט! האט צו מיר אריה לייב געזאגט: פאר וואס קומט איהם דא באצאהלען? ער האט אונז דען געבראכט אויפ' ארט! איך פארשטעה דאס ניט!

— גיב איהם פון דעסטוועגען עפיס דערפאר וואס ער האט אונז געפיהרט ביז אהער, אריה לייב!

— א מכה! פאר וואס קומט איהם? למאי זאל מען ווייזען איין ערל א וועג, אז ער דארף נעמען אומזיסט געלד? פאר וואס פיהרט ער אונז ניט ווייטער?

— ערשטענס ווארטען מיר דאך אויפ'ן יודען, און צווייטענס ווייסען מיר דען וואוהין צו פאהרען?

— הא? ביסט אפשר גערעכט... מע דארף איהם געבען א גריווניק (10 קאפ') און אריה לייב האט איהם צו געטראגען די 10 קאפיקעס... דער איזוואזשטשיק האט איהם א שמיץ געטהון די 10 קאפיקעס אין פנים

אריין, האט פארקאטשעט די ארבעל און האט גענומען מיין חבר צום פאטשען, אזוי אז זיין בעראשקענע היטעלע איז פארפלויגען גאנץ ווייט.

— א קערבעל! האט געשריען דער איזוואזשטשיק פאטשענדיג אויף אלע זייטען, א קערבעל! א קערבעל! א קערבעל!

— נעם גיב איהם א קערבעל, אריה לייב, גיב איהם שוין א קערבעל, חאפט איהם דער רוח! — מיין חבר האט מיך געפאלגט און האט איהם באצאהלט א קערבעל; דער איזוואזשטשיק איז גיך אוועק־געפאהרען און מיין אריה לייב האט אבגעזוכט ערגעץ דאס היטעלע און האט זיך אבגערוהט אביסעל פון די קלעפ.

— נו? וואס טהוט מען אצונד?

— וואס טהוט מען אצונד? האב איך איהם געענטפערט; מע דארף אריינגעהן אהערצו אין הויף אריין און אבזוכען דעם יודען.

אין הויף האבען מיר זיך ארומגעדרעהט אקעגען א האלבע שעה ביז עס איז צו אונז ארויסגעגאנגען א גוי מיט א ווייסען פארטוך און מיט א דראטווע אין די צייהן.

— וואס דארפט איהר? האט אונז דער שוסטער געפרעגט אויף גויעש.

— דעם יודען, האבען מיר איהם ביידע געענטפערט.

— דעם יודען? האט ער אונז איבערגעפרעגט, קומט אריין אהער! מיר זענען אריינגעקומען אין א קליינעם חדר, וואו ארום א ווארשטאט זענען געזעסען א זעקס אדער זיבען ארבייטער־שוסטער, געקליבענע יונגען איינס אום איינס.

— זיי זוכען יודען! האט זיי דער שוסטער געזאגט. די חברה האבען אויסגעשאסען א געלעכטער אז מיר זענען טויט געבליבען.

— וואס זיצט איהר? האט זיך צו זיי דער בעל־הבית געווענדעט. — וואס שווייגט איהר? קלאפט, חברה!...

און מע האט אונז גענומען צום קלאפען...

אז מיר זענען ארויסגעגאנגען פון דעם דאזיגען הויף, האבען מיר מורא געהאט זיך ארומצוקוקען... מיר האבען א שפיי געטהון אויפ'ן לאטניק, וואס האט ביי אונז אויסגענארט די 10 רובל און האט אונז אומזיסט אבגעהאיעט אזוי פיעל צייט, אויסגענארט דאס געלד און מבזה געווען מיט קלעפ.

— וואס טהוט מען אצונד? זאג איך צו מיין חבר.

— וואס טהוט מען אצונד? זאגט מיר מיין חבר.

די זון האט שוין אנגעהויבען אראבלאזען זיך נידעריגער און האט באנאסען די שפיצען פון די גלענצענדע דעכער מיט גינגאלד און דער עולם אויף די טראטואַרען האט אנגעהויבען ווערען אלץ מעהרער און געדיכטער; די לופט האט אנגעהויבען ווערען אביסעלע קיהלער; דאס הארץ האט אונז אנגעהויבען אביסעלע קלעמען — און מיר זענען אלין געגאנגען אהן א ציעל, גלאט אין דער וועלט אריין, עס האט אונז אנ־געהויבען צו ווערען אביסעלע אומעטיג אויפ'ן הארצען: וואס טהוט מען?!... נאר דער גאט וואס שפייזט א ווערמיל, האט זיך אויף אונז אויך דערבארימט און האט אונז צוגעשיקט א הילף דורך א פשוטער יודינע וואס האט געטראגען א קאשעק מיט מאראנצען. צו איהר האבען מיר, די אומגליקליכע רייזענדע זיך דערשלאגען, און די דאזיגע יודינע זאל מאריך ימים זיין, האט אונז דורכגעפיהרט עטליכע גאסען, ביז מיר זענען געקומען אויף דער הילצערנער גאס, גליך אין דער יודישער אכסניא, וואס האט געהייסען (און הייסט נאך עד היום) „די פוילעשע אכסניא"... ווי א צובראכענער אקרענט אין דעם פארגליווערטען ים, ווען ער שלאגט זיך צו צו א קעמפע אדער א וויספע, אזוי זענען מיר געקומען אהער צובראכענע, צוהרגעטע, הונגעריגע, דארשטיגע, איינגעמידעטע, שלעפעריגע און צע־פלאכטעטע!...

דאס דריטע קאפיטעל

(וואו עס ווערט באשריבען ווי אזוי די שוועלבעלעך פארברענגען די ערשטע נאכט אין דער פרעמד, ווייט פון זייער נעסט.)

אראבגעלאזט זיך ווי אין א קעהלער אריין, זענען מיר אריינגעקומען, אדער אראבגעקראכען אין א גרויסער פינסטערער קעך, וואו מע האט סאמע געקאכט וועטשערע, און פון דער קעך זענען מיר אריינגעפאלען אין א פינסטערען חדר באלייכט מיט א קליין רויכיג לעמפעל און פיל אנגעשטאפט מיט יודען און מיט ווייבער. דאס איז געווען די „פוילישע אכסניא". א בלויער רויך איז געשטאנען אין זאל (אזוי האט דאס אנגערופען דער בעל־הבית ר׳ לייבוש מיט ווייסע תחתונים און מיט א יארמעלקע) און מיר האבען קוים קוים געזעהן איינער דעם אנדערן; ביי די זייטען, ביי אלע ווענד זענען געשטאנען בעטלעך א שטיקלעך 20; אין מיטען איז געשטאנען א גאנץ לאנגער טיש, אויפן טיש — א גאנץ גרויסער סאמאוואר, און ארום איהם זענען געזעסען א צוויי מנינים יודען מיט שמוישענע היטעלעך, מיט פארוסיגענע קארטוזליך, מיט יארמעלקעס און מיט סאמעטענע היטלען; גערעדט האבען אלע, און יעדער איז אויפגעשטאנען מיט דעם גלאז צום סאמאוואר און האט זיך געצאפט טהעע; די ווייבער, וואס זענען געזעסען ביי דער זייט אויף די בעטליך, זענען אויך אלע מאל צוגעגאנגען צום סאמאוואר מיט גרויס צניעות אראבגערוקט דאס טיכעל אויף די אויגען; ביי די ווייבער איז געגאנגען א בעזונדערער שמועס און האבען אויך גערעדט אלע, ווי די גענז... נאר דער בעל־הבית איז זיך ארומגעגאנגען מיט די ווייסע תחתונים אהין און צוריק געפיפקעט א לולקעלי און געהאלטען די הענד אין בוזעם אונטערן טלית קטן.

— פו־פו־פו... פון וואנען קומט מען אן? האט זיך צו אונז דער בעל־הבית געווענדעט ניט ארויסגעלאזט דאס לולקעלע פון די צייהן.

מיר האבען איהם געזאגט פון וואנען און וואהין מיר פאהרען.

— פור־פור־פו... וואסזשע טהוט איהר דא... פור־פור־פו?...

מיר האבען געקוקט איינער אויף דעם אנדערען און האבען ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן; קיין ליגען האבען מיר נאך ניט געקענט אויסטראכטען; מיר זענען דארויף נאך צו יונג געווען און צו רויה; דער בעל הבית האט אליין פאר אונז געענטווערט.

— פור־פור־פו... איך וייס... פור־פור־פו... איך שטוים מיך... פור־פור־פו... מסתמא א רייכער קרוב... פור־פור־פו... מהיכא תיתא... פור־פור־פו... וואס מאכט דאס אויס... פור־פור־פו... גערט נעמט אייך א גלאז... פור־פור־פו און טרינקט טהע... פור־פור־פו...

מיין חבר אריה לייב וואס האט זיך קיין מאל ניט געקענט איינ־האלטען פון צו לאכען ווען מע האט נאר בעדארפט לאכען, האט אצונד — אויסגעשאסען א געלעכטער גלייך דעם בעל־הבית אין פנים אריין; דעם בעל־הבית האט דאס שטארק פארדראסען, האט ער איהם געשענקט שעני עטליכע פעטש:

— פור־פור־פו... עזות פנים איינער... פור־פור־פו... איך האב דאך שוין באלד אזעלכע אייניקלעך ווי דו... פור־פור־פו... שייגאץ איינער... פור־פור־פו!...

— שא! שטילער!! וואס איז דארט אזעלכעס?! האט זיך דער גאנצער עולם צו אונז א לאז געטהון; הא? וואס? צוויי יונגלעך!... דער בעל־הבית!... געלאכט!... געפאטשט!... ווער... וואו?... ווען?... וואס?...

די ווייבער האבען זיך אויך אריינגעמישט און עס איז געווארען א שטארקער ליארעם, ביז די בעל־הבית'טע, א קליינטשקע, א דארע יידינע איז אריינגעפלויגען פון קעך מיט א לעפעל און מיט א האנטשערקע אין די הענד און האט זיך ארויסגעווארפען אויפ'ן בעל־הבית מיט א קוויטשידינ קולכיל מיט אזא מענה לשון:

— א מיתה משונה!... אלטער לעזשעק!... צוויי פיסקליאטעס... נאט די נשמה!... פרענט פאר וואס?... חאליע אין דער קרענק!... טאטער

טהע, טאמער עסען... עסען ווערעם... קומט איין אורח... ליג אין דער ערד!... האפט און פאטשט... ווערעם זינד?... געה שוין, געה...

אין א האלבער שעה ארום, א דאנק דער דאזיגער גוטינגער בעל־הביתטע, זענען מיר שוין געוועזען זאט און אנגעטרונקען מיט טהע, און עס איז אונז געווארען ליכטיג און ווארעם אין אלע אברים. מיר האבען זיך פערשלאגען אין א ווינקעלע און האבען זיך אנגעהויבען צו צוהערען, פון וואס דער עולם רעדט. צום אנהויב איז געווען אפילו ניט אזוי גרינג צו־פערשטעהן זייער שמועס, נאר ביסליכווייז האבען מיר אנגעהויבען צו הא־פען איינציגע ווערטער. מעהר פון אלע האט געטענה'ט א יונג חסידיל און האט מיט גרויס היין דערצעהלט, ווי אזוי זיין שוועסטער, א מיידיל פון 18 יאהר, האט זיך פערליאפעט (פערליעבט) אין א לעהרער (בײ די דאזיגע ווערטער האבען עטליכע יודליך אויסגעשפיגען...), ווי אזוי דער לעהרער פלעגט איהר איבערשיקען בריוולך, ווי אזוי די שוועסטער האט ניט געוואלט דעם חתן, אזא חתן וואס מע קריגט איהם ניט, א זיידען קינד, וואס ווייסט ניט פון די היינטיגע ביכליך מיט די נאזעטען (איינציגע האבען דא אויך אויסגעשפיגען...) ווי אזוי ענדליך די שוועסטער האט גע־וואלט מאכען פליטה, ווי אזוי מע האט געקלאפט דעם לעהרער ערגיץ אין א פינסטער געסיל, און ווי אזוי מען האט די שוועסטער אוועקגעפיהרט צום רבין, און ווי אזוי מע האט איהר פארט חתונה געמאכט פאר דעם דאזיגען חתן, און ווי אזוי לעבט זי היינט גליקליך, אויף אלע יודישע טעכטער געזאגט געווארען, אזא לעבען רבונו של עולם און אויף מיינע קינדער ניט ערגער!... דא האט זיך שוין מיין ארענטליכער חבר ניט גע־קענט איינהאלטען; ער איז אויפגעשטאנען און האט זיך צו דער גאנצער קאמפאניע געווענדט מיט דער דאזיגער שענע רעדע:

— א! פינסטערע מענשען! מענשען וואס בלאנזשען אין דער וויס־טעניש! ביז ווי לאנג נאך ועט איהר זיין געגליכען צו די אומגליקליכע בלינדע, וואס האבען קיינמאל נישט געזעהען די ליכטיגע שיין פון דער געבענשטער זון? ביז ווי לאנג נאך וועט איהר דיענען די עבודה זרה, אין מיין דעם רבין, דעם צדיק, וועלכען איהר פערגעטערט און האלט איהם

פאר א מלאך אלהים ! ביז ווי לאנג נאך וועלען אייערע אויגען זיין פערשטאפט און איהר וועט זיך בעהאלטען פאר די שארפע שטראהלען פון דער השכלה, וואס האט שוין צושיקט איהרע הערגער אויף אלע עקען פון דער וועלט, פון מזרח זייט קיין מערב זייט און פון צפון זייט קיין דרום זייט !!...

דער גאנצער עולם איז געבליבען זיצען ווי פערשטיינערט פון אזא אומגעריכטע רעדע, און קיינער האט נישט געענטפערט דאס צווייטע ווארט; זיי האבען זיך נאר געקוקט איינער דעם אנדערען אין די אויגען אריין... איך האב דערזעהען, אז דא איז וועהר שמואל, האב איך מיין חבר א ציה געטהון פאר דער פאלע; עס איז שוין אבער געוועזען שפעט: ער האט שוין געהאלטען אין דער האנד דאס בלאט „המגיד" און האט אויף א קול גענומען צו דעקלאמירען אלס דאס זעלבע געדיכט וואס פריהער:

איהר פינסטערע מענשען, איהר זעהט ניט די שיין !
אייערע „גוטע יודען" פיהרען פונ׳ם וועג אייך אראב !
די דאזיגע פיאווקעס,
וואס זויגען אייער בלוט !...

חען עמיצער זאל געוועזען געהמען און אויסגיעסען אין גאנצען דעם סאמאווואר מיט זודיגע וואסער אויפ׳ן קאפ פון דער דאזיגער אסיפה מיט חסידים, וואלט דאס אזא שרעקליכען איינדרוק ניט געמאכט אויף זייערע הערצער, ווי די לעצטע ווערטער פון מיין גייסטרייכען חבר, וואס האט געגליכען דעם רבין צו א פיאווקע, וואס זויגט אוים דאס בלוט... שרעקליך איז געוועזען דאס שטילשווייגעניש פון דער חברה; נאר נאך מעהר שרעקליך איז געוועזען דאס דאזיגע חסיד׳ל, וואס האט דערצעהלט די מעשה פון זיין שוועסטער ! זייגע אויגען זענען אנגעגאסען געווארען מיט בלוט; די ליפען זענען איהם געווארען ברוין און בלוי, די הענד האבען איהם געציטערט... ווי א לעמפערט... גיין, ווי א קאץ איז ער ארויסגעשפרונגען פונ׳ם טיש און אין איין אויגענבליק האט ער שוין געהאלטען מיין חבר פאר די אויהרען און האט איהם געטרעסעלט ווי א לולב, און צוגעברומט מיט כעס:

— מַמְזֵר !... דֶער רֶבִּי ?... דִי פִּיאַווְקֶעס ?... דִי נַאזְעטְקֶעס ?... הַמְּלִיץ ?... זֵיי זוֹיגֶען דָאס בְּלוּט ?... דֶער הַמַּגִּיד ?... אַפִּיקוֹרְסִים !... דֶער רֶבִּי ?... יוּנְגַאטְשׁ אֵיינֶער !... אִיךְ וֶועל דִיךְ דֶערְווֶערְגֶען ! ! !...

נָאט וֵייס צוּ מַיין טְהַייעֶרֶער חָבֵר וָואלְט אַרוֹיס לֶעבֶּעדִיג פוּן דִי הֶענְד פוּן דֶער דָאזִיגֶער חֶבְרָה, וָואס הָאבֶּען זִיךְ אַרוֹיפְגֶעוָוארְפֶען אוֹיף אִיהם וִוי דִי בֵּייזֶע וָועלְף, וֶוען נִיט דִי גוּטִינְקֶע בַּעַל־הַבַּיִת'טֶע זָאל זִיךְ גֶעוֶוען אַרַיינְמִישֶׁען מִיט אִיהר קְווִיטְשׁ ; זִי הָאט אוּנְטֶערְגֶעשְׁטוּפְּט דֶעם בַּעַל־הַבַּיִת מִיט דֶער לוּלְקֶע, עֶר זָאל גֶעהֶן רַאטֶעוֶוען דֶעם אוּמְגְלִיקְלִיכֶען אוּנ הָאט אַלֵיין אוֹיךְ גֶעאַרְבֶּעט מִיט דִי הֶענְד אוֹיף אַלֶע זַייטֶען ; מִיט אִיהרֶע דַארֶע פִינְגֶערְלִיךְ הָאט זִי זִיךְ אַיינְגֶעפְלָאנְטֶעט דֶעם יוּנְגֶען חָסִיד'ל אִין בֶּערְדִיל אַרַיין אוּנ אִיז אַזוֹי גֶעבְּלִיבֶּען הֶענְגֶען אוֹיף אִיהם ; חֶבְרָה הָאבֶּען זִי אוֹיךְ גֶעוָואלְט שְׁלָאגֶען, נָאר פַאר אִיהר הָאבֶּען זִיךְ אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט דִי וַוייבֶּער ; עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט אִיז גֶעוָוארֶען אַיין אֶמֶת'ע מִלְחָמָה, אוּנ דִי בַּעַל־הַבַּיִת'טֶע הָאט אַיינְגֶענוּמֶען ; דֶער בַּעַל־הַבַּיִת מִיט דִי ווַייסֶע תַּחְתּוֹנִים אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אָהְן אַ הַאלְבֶּער בָּארְד, נָאר דָאס לוּלְקֶעלֶע פּוּר־פּוּר־פּוּ אִיז גֶעבְּלִיבֶּען נַאגִין... מֶעהר פוּן אַלֶעמֶען הָאט גֶעלֵייזְט מַיין אֶרֶענְטְלִיכֶער חָבֵר ! עֶר אִיז גֶעוֶוען גֶעגְלִיכֶען אִין יֶענֶער צַייט צוּ אַ הֶעלְדּ, וָואס דֶער שׂוֹנֵא אִיז אוֹיף אִיהם אָנְגֶעפַאלֶען פוּן הִינְטֶען אוּנ הָאט אִיהם צֶעפַּאטְשְׁט אוֹיף פִּיצְפִּיצְלִיךְ, אַזוֹי אַז עֶס אִיז פוּן אִיהם קַיין שָׂרִיד וּפָלִיט נִישְׁט גֶעבְּלִיבֶּען !... אֵיינֶער פוּן דֶער חֶבְרָה, אַ יוּנְגֶערְמַאנְטְשִׁיק, הָאט אִיהם אוֹיף דֶער הַאלְבּ צוּרִיסֶען דָאס קַאפָּאטְקֶעלֶע פוּן הִינְטֶען גְלַייךְ בִּיז דֶעם קָאלְנֶער אַרוֹיף, אוּנ דִי פָּאלֶעס הָאבֶּען זִיךְ צֶענוּמֶען בַּיי אִיהם וִוי צְווֵיי פְלִיגֶעל בַּיי אַיין אָבְּגֶעפְלִיקְטֶען אָדְלֶער... טְרֶעהרֶען הָאבֶּען זִיךְ מִיר גֶעשְׁטֶעלְט אִין דִי אוֹיגֶען, אַז אִיךְ הָאבּ אַ קוּק גֶעטְהוּן אוֹיף מַיין אוּמְגְלִיקְלִיכֶען חַבֵר'ס פָּאלֶעס... „אַ ! — הָאבּ אִיךְ צוּ זִיךְ גֶעקְלֶערְט — אַ ! וִוי אַזוֹי מֶע יָאגְט נָעבִּיךְ דֶעם אֶרֶענְטְלִיכֶען מַאן אוֹיף דֶער וֶועלְט פַאר דֶעם אֶמֶת !...“ דֶעם נוּמֶער „הַמֵּגִיד“ הָאט דֶערְטַאפְּט אַיין אַלְטֶער חָסִיד מִיט אַ צֶעשְׁפָּאלְטֶענֶער לִיפּ, הָאט עֶר אִיהם פְרִיהֶער צוּפְלִיקְט אוֹיף פִּיצְלִיךְ, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אִיהם פֶערְבְּרֶענְט אוֹיף אַ שְׁוֶועבֶּעלֶע אוּנ דֶעם אַשׁ הָאט עֶר אָרָאבְּגֶעוָוארְפֶען אוֹיף דֶער עֶרְד אוּנ הָאט לַאנְג גֶעטָא־

פּעט און געטאנצט אויף איהם מיט די פיס מיט אזא פרעהליך פנים, גלייך ווי ער האט דא געקוילעט זיין ערגסטען שונא און באדט זיך אין זיין בלוט!...

ארום זייגער 12 ביינאכט האט זיך דער עולם אנגעהויבען לייגען שלאפען; די רייכע האבען זיך צולייגט אויף בעטליך און די ארימע אזוי אויף דער ערד אויף עטליכע קוליעס שטרוי, מיט די בארגעסליך צוקאפּענס... די ווייבער האבען זיך באלייגט אין א באזונדערען חדר׳ל, צו צוויי ווייבער אויף א בעטיל, צוגעדעקט מיט די קליידליך און מיט די שאלעכליך, און אזוי ווי איך מיט מיין חבר זענען נאך געווען יונגע קינדער, „פיסקליאַעס" ווי די בעל־הבית׳טע האט אונז אנגערופען, האט מען אונז אויסגעבעט אויף א קול שטרוי ביי די ווייבער אין חדר׳ל ביי דער טיהר אויף גאט׳ס ערד...

פונקט ווי אין טהעאטער א שטייגער, אז עס הויבט זיך אויף דער פארהאנג, דערזעהען מיר פלוצלים א נייע וועלט פאר אונזערע אויגען, אקוראט אזא נייע וועלט האט זיך פאר אונז געעפענט דא ביי די ווייבער אין חדר׳ל... א סך זאכען זענען מיר דא געוואהר געווארען, וואס מיר וואלטען דאס קיינמאל ניט געוואוסט, די גרעסטע העלפט ווייבער האבען זיך דא געקורירט ביי די גרעסטע דאקטוירים „אויף קינדער"... יעדע יודענע האט דערצעהלט מיט אלע פּישטשעווקים אין וואס איהר שלאפקייט בעשטעהט, און מערקווירדיג! אלע האבען געהאט כמעט דאס זעלבע שלאפקייט און אלע האבען דערצעהלט נסים ונפלאות פונ׳ם דאקטאר... דא איז געווען גאר א יונג ווייביל, וואס האט ערשט ניט לאנג חתונה געהאט, און ווי עס האט אויסגעוויזען, האט זי זיך עפּיס ווי געשעמט ארויסצורעדען אין וואס איהר שלאפקייט בעשטעהט... אלע ווייבער זענען אויף איהר ארויפגעפאלען, אז זי מוז דערצעהלען אקוראט ווי אזוי און וואס און ווען!...

— געפעלט אייך אביסיל? האט זיך א מאקארעווער יודענע ארויסגעשטעלט פאר דער גאנצער ווייבעריי — געפעלט דיר אביסיל? וואס איז? איהר זענט דען ניט קיין יודישע טאכטער? דערויף זענען מיר דאך „נשים"

געשאפן געווארן אויף דער וועלט! געפעלט דיר אביסיל ווי זי מאכט דא הויות? נישט קשה, נישט קשה! עס איז א יידישע זאך! כל זמן איהר ווענט געווען א מיידיל איז עפיס אנדערש; אבער ווען איהר האט שוין חתונה געהאט, ווענט איהר א אשה גלייך מיט אלע נשים!... האסט דו געהערט אביסיל?!...

דאס יונגע ווייביל האט זיך געביך לאנג געמוטשעט, ביז זי האט געמוזט ארויסדערצעהלען אלסדינג... און טאמיר האט זי געוואלט עפיס איבערהיפען, האט זי די מאקארעווער יידענע נישט דערלאזט בשום אופן!...

ווען איך זאל וויסען, אז צווישען מיינע לעזער געפינען זיך ניט קיין יונגע מיידליך, אזעלכע, הייסט דאס, וואס זענען נאך ניט קיין „נשים", וואלט איך דא איבערגעגעבען אין גאנצען די געשיכטע פון דעם יונגען ווייבעל; דאס איז זעהר א טרויריגע געשיכטע!... נאר מיין גוטער חבר, וואס האט זיך קיינמאל ניט געקאנט איינהאלטען פון צו לאכען, ווי מיר האבען אויבען בעמערקט, האט זיך שוין לאנג געשטיקט צוהאלטענדיג די נאז מיט ביידע קולאקעס, נאר וויפיעל קאן זיך א מענש איינהאלטען? ער האט זיך אזוי לאנג געשטארקט ביז ער האט אויסגעשאסען א געלעכטער, און עס איז געווארען א סומאטאכע צווישען די ווייבער, זיי האבען אנגע־הויבען צו קוויטשען און צו שרייען, אז מע זאל ארויסטרייבען פון דאנען די „צוויי מאנסבילען"... מיר האבען זיך איבערגעטראגען מיט די קלומקעס מחילה אין קיך אריין, וואו די בעל־הבית'טע איז נאך געזעסען ביי א סטאטשיק און האט ווי א מוטער צונויפגענעהט דעם שפאלט פון מיין חבר'ס קאפאטקעלע... מיר האבען איהר געזאגט, אז מיר קענען עפיס דארט ניט אנשלאפען ווערען, האט זי אונז בעלייגט צווישען אויוען אויף א לאנגען נאר א שמאלען טאפטשאן און האט אונז צוגעדעקט מיט איהר זאטאווע קליידיל, און געזאגט: „שלאפט, שלאפט, קינדערליך!..." מיר האבען זיך עפיס געפיהלט נעבען דער דאזיגער יידענע ווי נעבען א גוטער, ליבענדער, געטרייער מוטער — און זענען גיך אנשלאפען געווארען מיט דעם זיסען גליקליכען שלאף פון די אומזינדיגע יונגע קינדער!... זיי זיך

מוֹדה, לִיבֶּע לֶעזֶער, צוּ שְׁלָאפְט אִיהר אַצוּנְד אַזוֹי זִיס, אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, אַזוֹי רַיין אוּנ אַזוֹי בֶּערוּהִט, וְוִי אִיהר פְּלֶעגְט אַמָאל אַנְשְׁלָאפֶען וֶוערֶען אִין דִי יוּנְגֶע אוּמְשׁוּלְדִיגֶע יָאהרֶען ?!...

דָאס פֶערְטֶע קַאפִּיטֶעל.

(וואו עס וֶוערְט בֶּעשְׁרִיבֶּען, ווִי אַזוֹי מַיין גוּטֶער חַבֵר אַרְיֵה לֵיב זֶעגְט אַ קִינְד אוּנ רַייבְּט חְרֵיין).

— וואו זֶענֶען מִיר ?... הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט מַיין חַבֵר, אַז מִיר זֶענֶען אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּנ'ם שְׁלָאף אוּנ הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרוּמְקוּקֶען, וואו מִיר זֶענֶען אִין דֶער וֶועלְט.

— וואו זֶענֶען מִיר ?... הָאט מִיר מַיין חַבֵר גֶעעֶנְטְפֶערְט, רַייבֶּענְדִיג זִיךְ דִי אוֹיגֶען.

דִי „אַכְסַנְיָה“ אִיז גֶעוֶועזֶען פּוּסְט אוּנ לֵיידִיג; קַיין נֶפֶשׁ אִיז נִיט אִיבֶּער־גֶעבְּלִיבֶּען פוּן דֶער גַאנְצֶער גֶעכְטִיגֶער חֶבְרָה; אֲפִילוּ דֶער בַּעַל הַבַּיִת מִיט דִי וַוייסֶע תַּחְתּוֹנִים אוּנ מִיט'ן לוּלְקֶעלֶע פְּרִי־פְּרִי־פְּרוּ אִיז אוֹיךְ נִיט גֶעוֶועזֶען! וָואס בֶּעדַייט דָאס ?... מִיר הָאבֶּען גֶעחַאפְּט אַרוֹיפְצִיהֶען אוֹיף זִיךְ דִי בְּגָדִים־לִיךְ אוּנ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּצוּהֶערֶען זִיךְ צוּ אַ שָׁארָאךְ... עֶס הָאט זִיךְ אוּנְז אוֹיסְגֶעדַאכְט, אַז מִיר הֶערֶען עֶפִּיס אַ מָאדְנֶע גֶעוַאנְג פּוּנְקְט וִוי אַ קְלֵיין קִינְד וַויינְט... מִיר זֶענֶען קוֹים אַרוֹיסְגֶעקְרָאכֶען פוּנ'ם צְווִישֶׁען אוֹיוֶוען אוּנ הָאבֶּען יַאקָאשׁ דֶערְקֶענְט אוּנְזֶער „פּוֹילִישֶׁע אַכְסַנְיָה“ אוּנ הָאבֶּען זִיךְ קוֹים דֶער־מָאהנְט אַז מִיר זֶענֶען דָא, אִין דֶער גְרוֹיסֶער שְׁטָאדְט... נָאר וָואס הֵייסְט דָאס וָואס מֶע זֶעהט נִיט קֵיין לֶעבֶּעדִיגֶען מֶענְשֶׁען ? צִי מֶע הָאט דָא אוֹיסְ־גֶעהַרְגֶעט אַלֶעמֶען אוּנ נָאר אוּנְז הָאט מֶען אִיבֶּערְגֶעלָאזְט ? צִי זֵיי הָאבֶּען זִיךְ עֶרְגֶעץ צוּלָאפֶען ? וָואס־זְשֶׁע אִיז דָאס פַאר אַ קוֹל פוּן אַ פִּיצֶעלֶע קִינְד ?

— אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה דָאס נִיט! אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה דָאס נִיט! הָאט מַיין חַבֵר גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ אַלֵיין אוּנ הָאט מִיר דֶערְמָאהנְט אַקוּרַאט אַזַא גֶע־שִׁיכְטֶע, וֶועלְכֶע עֶר הָאט אַמָאל גֶעלֵייעֶנְט, וִוי אַזוֹי 2 בְּרִידֶער זֶענֶען גֶע־קוּמֶען אִין אַ פַּאלַאץ אַרַיין אִין מִיטֶען פֶעלְד, דָארְטֶען, וואו דִי שְׁוַוארְצֶע

נעגרים געפינען זיך... מיין חבר וואלט נאך לאנג דערמאהנט אמאלעדיגע מעשות, וואס ער האט זיך אנגעלייענט ווי א פויק, נאר דאס קינד האט אנגעהויבען צו שרייען אלין העכער און שטארקער; מיר זענען געגאנגען נאך דעם קול און האבען דערזעהען אז פון יענער זייט אויוען הענגט א שטרויען וויגעלע אויף 4 שטריקליך, און אין דעם וויגעלע ליגט א שטיקיל פלייש און ראוועט אויף א משונה שרעקליך קול!...

— וואס זאגסטו הו עפיס אויף אזא מין בעשעפעניש? האט צו מיר אריה ליב געזאגט, בעטראכטענדיג דאס דאזיגע בילד. מיר דאכט, אז דאס דארף זיין דער בעל־הבית'טעס קינד, מחמת זיי האבען ביידע איין קול מיט איין קוויטש, הער זיך נאר צו אקארשט!...

דאס קינד האט געהאלטען אין מויל א שטיקיל שמאטקע את גע־צויגען מיט די ליפעלעך מיט אלע כחות; און דערזעהען האט עס דאס שמאטקעלי ארויסגעלאזט פונים מויל און האט אנגעהויבען צו דרעהען מיט'ן קעפיל אהין און אהער און מאכען מיט די ליפעלעך גלייך ווי עס געהמט אן צו זויגען; נאר, אז עס האט דערזעהען אז מע גיט איהם ניט דאס וואס עס וויל, האט עס זיך ווייטער אנגעבלאזען, ארויסגעשטעלט דאס ציגעלי ארויף צום נעזיל און האט זיך אזוי געריסען די קישקעלעך, אז איך האב געמיינט, אז דאס איז שוין איין עק פונים קינד! — אוים קינד!

— ווייסט דו וואס איך וועל דיר זאגען? מאכט צו מיר מיין חבר, עס איז א רחמנות אויפ'ן קינד, חלעבען; עס וויל געביך עסען און מע גיט איהם ניט; עס רייסט מיר דאס הארץ. זעה נאר, זעה, ווי עס ווערט אזש בלוי און גרין שרייענדיג... וואס טהוט מען?... און מיין ווייכהארציגער חבר איז צוגעגאנגען צום קינד און האט איהם אריינגעלעגט א פינגער אין מיילעכען אריין; דאס קינד איז אויף א מינוט אנגעשוויגען געווארען און האט זיך צוגעחאפט צום פינגער ווי צו עפיס רעכטס און האט איהם גע־נומען זויגען מיט אלע כחות; נאר אזוי ווי מיין חבר'ס פינגער איז געוועזען א געוועהנליכער פינגער ווי ביי אלע מענשען, האט דאס קינד דעם פינגער ארויסגעלאזט און האט נאך מעהר גענומען שרייען... מיין אריה ליב איז

געווען אויסער זיך פאר הארצווייטאג! ער האט זיך אנגעבויגן צום קינד און האט אנגעהויבן צו סמאטשקען, צו פייפן און צו זינגען: „א־א! א־או! פיצעלע! א! או! ברעקעלע!“ דאס פיצעלע, דאס ברעקעלע האט איהם אבער קארג וואס געהערט: אין דער דאזיגער מינוט האט עס מעהר נימ געקלערט, נאר פון איין זאך אויף דער וועלט — פון א ברוסט!... דאס קינד האט עטליכע מאל געצויגן מיין חבר'ס פינגער, די נאז, די הינטערשטע ליפ, און די קולות זענען פון איהם געגאנגען ביז צום זיבענטען הימעל!... מיט טרעהרען אויף די אויגען האט מיין גוטער חבר ארויסגענומען דאס דאזיגע מענשעלע פונ'ם וויגעלע און האט עס גענומען ארומטראגען איבער דער שטוב, געשפרונגען און געטאנצט און געשריגען מיט א וויינענדיג קול: „נו, שא, שא, פיצעלע! שא, שא, ברעקעלע! די שלעכטע מענשען, די מערדער האבען דיך אוועקגעווארפען! שא, שא! זיי האבען דיך איבערגעלאזט, ווי א ווילדע חיה פערלאזט איהרע קינדערליך! נו, שא, שא, ברעקעלע! שא, שא, שוועלבעלע! אפילו א שלאנג, א לעמפערט טהוען אויך מיט רחמנות שפייזען זייערע קליינע שלייגעליך מיט זייערע קליינע לעמפערטליך! שא, פייגעלע! שא, ברעקעלע! שא, שוועלבעלע!...“

אך, ווער עס האט אין דער דאזיגער מינוט ניט געזעהן מיין ארענטליכען, גוטען, טהייערן חבר, דער האט גאר קיין שענס אויף זיין וועלט ניש'ט געזעהן! ער איז געווען געגליכען צו... צו וואס זאל איך איהם גלייכען? א מוטער, א ■טע ליעבווירדיגע מוטער קען געוויס ניט אזוי איינגעהמען א קליין קינד, ווי מיין חבר האט איינגענומען דאס דאזיגע הונגעריגע בעשעפעניש'ל, וועלכעס איז סוף כל סוף איינגעשלאפען געווארען ביי איהם אויף די הענד!...

— סע שלאפט שוין!... האט ער מיר שטילערהייט געזאגט און מיט אזא פרעהליך, גליקליך פנים, גלייך ווי גאט ווייסט וואס...

— אוי א מכה!... אוי א דונער!... דיין מאמע פאר דיר!... טאטע טהייערער!... פאר דיינע ביינער!... פאר דיין הארץ! נט הונגעריג?... נומ געוויינט?...

מיט אַזאַ מין צעריסענעם מאָנאָלאָג איז די בעל־הבית'טע אַריינ־געלאָפען אין שטוב אַריין מיט אַ פולען קאָשעק אייער, פלייש, ציבעלעס, ברייטעליך, פעטרעשקע, חריין און שאר ירקות. און איז אין איין אויגענ־בליק צוגעלאָפען צו אריה ליב'ן, האָט אַ חאַפּ געטהון דאָס קינד און האָט איהם פערשטופּט דאָס מויל מיט דער ברוסט און האָט זיך אין איינוועגס גענומען צו דער אַרבייט: אויסזאַלצען דאָס פלייש, צוברעקען די ציבעלעס, שיילען קאַרטאָפּליעס, גיך, גיך, בשעת מעשה גערעדט, געשאָטען ווי פון אַ זאַק:

— אוי איז מיר!... איין מענש אַליין!... גיה צע רייס זיך!... די קוה מעלקען... אין מאַרק אַריין גיה... אַ שטוב ניט צו פערזינדיגען... קינדערליך... קיין עין־הרע... די עלטערע דיעגען... קלענערע אין חדר... עסען דאַרף מען... דירה געלד צאָהל... אַ פּריסטאַוו שווייגט ניט... אַ מלבוש... מוז מען... קיין דיענסט נישט דאָ... דער מאַן אין קלויז... אוי אַ גאָר נישט... ווער פערשוואַרצט... שוין 18 יאָהר... דאָס דריטע ווייב... געווען אַ פּאַרשוין... געוואַקסען אויף ראַסקאָש... אַ בת יחידה... צו 15 יאָהר... גוטע לייט פערשלייערט... און ער ביים רבין... קיין האָנד אין וואַסער... אַלע יאָהר אַ קינד... אַמאָל אַ פּאַר'ל... אויסגעדאַרט... קומט צום גריטען... הייגט איין אורח... דאָס שטיקיל ברויט... קוים קוים מיט דחקות... געהט אַ ווינטער... נאַקיט, באָרוועס... דורך אַליין... אוי איז מיר!...

קוקענדיג אויף דעם דאַזיגען אויסגעטריקענטען ווייבעל און הערענ־דיג איהר צעריסענע ביאָגראַפיע, האָט אונז דאָס האַרץ געקלעמט פאַר רחמנות, און מיין גוטער חבר, וואָס איז תמיד געווען גרייט מיטצוהעלפען דעם אָרעמען און דעם געפאַלענעם, איז צוגעגאַנגען צו דער בעל־הבית'טע, האָט זיך צוגעזעצט צו איהר און זיך גענומען העלפען עפּיס טהון, האָט זי געבעטען ער זאָל אָנרייבען חריין, האָט ער זי געפאָלגט און האָט זיך גענומען מיט גרויס חשק רייבען חריין, און מיר האָט ער אַ ווינק געטהון איך זאָל העלפען אַריינטראָגען האָליץ און וואַסער.

— וואהלֶע קִינְדֶער ! הָאט אוּנְז דִי בַּעל הַבָּיִת׳טֶע גֶעזָאגְט, וְוִיגֶענְדִיג מִיט׳ן פִּיס פַּאר אַ שְׁטְרִיקֶעל אוּנ גֶעשֵׁיילְט קַארְטָאפְלִים ; גוּטֶע קִינְדֶער ! ... מַיין רְאוּבֶעלֶע זָאל לֶעבֶּען אוֹיךְ אַזוֹי... בַּאשְׁטֶעלְט בַּיי שׁוּסְטֶער ... וָואס אִיךְ בֶּעט אַייךְ ?... גֶעצָאהלְט שְׂכַר לִימוּד בִּיז 16 יָאהר... גֶענוּג !... מַיין חַיִים׳ל אִין אַ קְלֵייט... נִיט אִין בֶּעסְטֶען... בֶּעשְׁטֶענְדִיג אִין דְרוֹיסֶען... שְׁלֶעפֶּען קוֹנִים... מַיין רֵייזֶעלֶע דִיעֶנְט... זֶעהר גוּט... רַייכֶע מֶענְשֶׁען... אֶפְּט מַתָּנוֹת... מַיינֶע קְלֶענֶערֶע... אַסַךְ גֶעשְׁטָארְבֶּען... אוֹי אִיז מִיר !... אוֹיסְגֶעריסֶען... אַ הֵיילִיגֶע שְׁטָאדְט... מֶע לָאזְט נִיט זִיצֶען... אַ יוּד אִין גָלוּת... נִיט גֶעהַאט קַיין בְּלֶעטֶעל... נִיט גֶעלָאזְט דָא שְׁטֶעהְן... אִיךְ צוּם גְבִיר... דֶער מַאן צוּם רֶבִּין... צוּם גְבִיר נִיט דֶערְלָאזְט... דֶער רֶבִּי נִיט גֶעהָאלְפֶען... אַ יָאהר אָהן בְּרוֹיט... דָאס הֶעמְד מֶערְקוֹיפְט... בִּיז גָאט הָאט גֶעהָאלְפֶען... אַ גוּטֶער פְּרִיסְטַאוו... גֶענוּמְט אַ קֶערְבֶּעל... מֶע זֶעצְט אוֹיף קוֹילֶען... נִיט הַיינְט אִיז מָארְגֶען... אוֹי אִיז מִיר !...

— וואוּ זֶשֶׁע זֶענֶען אַייֶערֶע „גְרוֹיסֶע מֶענְשֶׁען״, דִי מְפוּרְסָמְ׳דִיגֶע לַייט, דִי מַשְׂכִּילִים וָואס לָאזֶען זִיךְ הֶערֶען אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט ? ! הָאט זִי מַיין אַרְיֵה לֵיב אַ פְּרֶעג גֶעטְהוּן, הַאלְטֶענְדִיג פֶערְטְרַאכְט אִין אֵיין הַאנְד דֶעם רִיבְּאֵייזֶען, אִין דֶער אַנְדֶערֶער הַאנְד אַ וֶוערְצִיל חְרֵיין. וואוּ זֶענֶען זֵיי דִי הִיגֶע רֶעדַאקְטֶערְס, דִי מְחַבְּרִים, דִי קָארֶעסְפָּאנְדֶענְטֶען, דִי פָּאלִיטִיקַאנְטֶען, דִי פִילָאזָאפֶען, דִי שְׁרַייבֶּער, וָואס מֶע דְרוּקְט וֶועגֶען זֵיי אִין דִי גַאזֶעטֶען אַזֶעלְכֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכֶען, דִי גְרוֹיסֶע שְׁרַייבֶּער, וָואס...

— דִי שְׁרַייבֶּערְס ? הָאט אִיהם דִי בַּעל הַבָּיִת׳טֶע אִיבֶּערְגֶעשְׁלָאגֶען זַיינֶע רֵייד, אַרוֹיסְגֶעחַאפְּט אַ זִידִיגֶען אֶקְרָאפּ פוּנ׳ם אוֹיוֶוען ; דִי שְׁרַייבֶּערְס ?... וָואס קֶענֶען זֵיי מִיר הֶעלְפֶען ?... בַּיי אוּנְז אִין „טְשַׁאסְט״ זֶענֶען דָא 2 שְׁרַייבֶּערְס... מֶע רוּקְט זֵיי אַמָאל אַרַיין אַ קֶערְבִּיל... אַמָאל אַ הַאלְבְּס... מַאכֶען זֵיי אַ שְׁוַויג... דֶער עִיקָר אִיז דֶער פְּרִיסְטַאוו... עֶר צִיהט דִי קְלֶעע... עֶר זָאגְט אַ בְּלֶעטֶל...

— נֵיין ! שְׁרַייט צוּ אִיהר מַיין חָבֵר, נֵיין ! נִיט דִי דָאזִיגֶע שְׁרַייבֶּערְס מֵיין אִיךְ ! אִיךְ מֵיין דִי מַשְׂכִּילִים, דִי מְחַבְּרִים, דִי רֶעדַאקְטֶערְס פוּן דִי גַאזֶעטֶען, אַ שְׁטֵיינֶער : מַאפּוּ, לֶעווִינְזָאהן, גָאטְלָאבֶּער....

— איך ווייס ניט... איך קען זיי ניט... מאכט צו איהם די בעל־הבית׳טע, איך קען נאר וואסיל חוועדאראוויטש... אנטאן סטעפאנאוויטש... און ארטעם איוואנאוויטש... און ווייטער איז דא איינער מיט א גראבער ליפ... און נאך איינער איין אלטער... פראסטע לייט... אמאל א גלעזעל בראנפען... אי דאס אונטער א יום טוב...

— ניין, ניין! איהר ווייסט ניט וואס איך מיין! שרייט נעבאך אריה ליב מיט קולי קולות; איהר פערשטעהט ניט, וואס איך זאג! איך מיין די גרויסע לייט, די גדולי הדור, די מענשען וואס געהען אין דער ליכטיג, די היינטיגע מחברים, וואס ווייזען אונז דעם רעכטען וועג, וואס פיהרען אונז ארויס פון דער פינסטערניש, וואס זייערע נעמען זענען געדרוקט אויף די בלעטער פונים „המליץ" און פונים „המגיד", „המגיד"!!!

— ביי די דאזיגע ווערטער, וואס מיין עהרליכער חבר האט אויסגעשריען אויף א קול כמעט מיט טרעהרען אין די אויגען פאר הארצ־וויטאג, האט זיך אויפגעעפענט די טהיר און עס איז אריינגעקומען ר׳ ליבוש אליין, דער בעל הבית מיט די ווייסע תחתונים, מיט׳ן טלית־זעקעל אונטערן ארעם און מיט׳ן לולקעלע פו־פו־פו אין די צעהן... שטיל, אן ווערטער איז ער צוגעגאנגען צום ווינקעלשאפקעלע, האט זיך אנגעגאסען א גלעזעל בראנפען און האט אקוק געטהון אויף דער בעל־הבית׳טע, האט זי איהם צוגעטראגען איין אייערקיכעל אויף צו פארבייסען און האט גענומען גרייטען צום טיש... קוקענדיג אויף איהם האבען מיר זיך דערמאנט אן די נעכטיגע פעטש און האבען זיך אבגעטראטען אויף א זייט... און ר׳ ליבוש האט זיך גאנץ שטיל און זעהר בנעימות אבגעגעסען אנבייסען, האט זיך פעררייכערט דאס לולקעלע און האט זיך צוגעלייגט רוהען... מיר האבען אויך איבער געחאפט עטוואס, א פאר געבראטענע קארטאפליס וואס די בעל־הבית׳טע האט אונז מכבד געוועזען מיט א שטיקעל ברויט און זענען זיך ווידער ארויסגעגאנגען וואנדרעווען איבער דער „גרויסער שטאדט", און כמעט אויף יעדען טריט און שריט האבען מיר זיך אנגעזעהען מיט ווילדע חידושים, וועלכע ווערען באשריבען אין פינפטען קאפיטעל.

דאס פינפטע קאפיטעל.

(וואו עס ווערט דערצעהלט ווי אזוי די פייגעלעך ווארפען פון זיך אראפ די אלטע פעדערען אונ ווערען אזוי פערענדערט אז עס איז שוין שווער זיי צו דערקענען...)

— שוין לאנג נאך אין חדר האבען מיר זיך אנגעהערט פון די וואונדערליכע אנטיקען וואס געפונען זיך אין דער גרויסער שטאדט; א שטיינער למשל, ווי אין מיטען מארק זיצט שמשון הגבור רייטענדיג אויף א לייב; ער צערייסט איהם דאס מויל אויף צווייען אונ פונ'ם מויל גיעסט זיך וואסער, אונ נאך אזעלכע אנטיקליך, וואס נאר א גרויסע שטאדט קען דאס פערמאגען... געניג שוין דאכט זיך אז מע הערט זיך אן פון אזעלכע חידושים, ובפרט נאך אז מיר זענען זוכה געווען אליין צו זעהען מיט אונזערע אויגען, ווי שמשון הגבור זיצט רייטענדיג אויפ'ן לייב אונ עס גיעסט זיך ווי פון א קוואל וואסער!...

— קוק — רופט זיך אן צו מיר מיין חבר — קוק, ווי אפילו ביי „זיי" זענען מיר אויך אנגענומען מיט אונזער אמונה, מיט אונזערע גרויסע לייט! ביי „זיי" איז געוויס ניט דא אונ עס וועט ניט זיין אזא שמשון הגבור, ווי ביי אונז יודען, אזא שמשון הגבור, וואס מיט איין באק פון איין מוילאייזיל האט ער אויסגעהרגעט צעהן מאל צעהן טויזענד מענשען פון די פלשתים! מיר, יודען, זענען פארט איין אויסדערוואהלט פאלק!... מיין פאטריאטישער חבר האט מיך אזוי צוהיצט, אז ער איז מיט א שמייכעלע צוגעגאנגען צו א בארוויסען גוי, וואס איז געשטאנען ביי דעם באסיין מיט וואסער פון „שמשון הגבור", אונ האט זיך געטרונקען פון א קווארט; דער באסיאק האט אונז בעטראכט פון קאפ ביז די פיס אונ א פרעג געטהון

— שטא נאדא?

— או וואשיך נעמא טאקאהא שאמשאנע יאק או נאשיך! האט זיך אנגערופען צו איהם מיין אריה ליב מיט גדלות, אנגעוויזען איהם

מיט'ן מינדסטען פינגעריל אויף דער סטאטוא „שמשון הגבור“. דער באסיאק האט איהם דערויף גאר ניט געענטפערט; ער האט נאר אנגע־
שעפט אפולען עמער מיט וואסער פונ'ם קוואל און האט איהם אויס־
געגאסען מיין חבר אויפ'ן קאפ...

— וואס טהוט מען אצונד? האט מיך מיין אריה ליב א פרעג געטהון, אבטרעסענדיג זיך פון דעם וואסער, וואס האט געטהון רינען פון איהם; עס איז דאך פשוט א חרפה א בזיון אין אזא גרויסער שטאדט אט אזוי ארום צו געהן!...

— אהער, יונגער מאן, אהער, פעטערקע, אהער! וואס קויפט איהר גוטס? מיט אזא מין נגון האט זיך צו אונז א לאז געטהון כמעט א גאנץ טוץ יודישע משרתים'לעך, געריסען אונז פאר די פאלעס. אהער! צו אונז! וואס דארפט איהר? הויזען, פאטיאזקעס, קאפעלישלעך, העמדער, שטיוועלעך, שניפסלעך, קעמעלעך, בארגעמלעך, זאקען, זייף, מאנישקעס, פאמאדע, היטעלעך, שניפסלעך, קאלאשען, קאלאשען!

איידער איך האב מיך ארומגעקוקט, האבען מיך שוין צוויי קלייט־
משרתים יונגאטשעס געטראגען אויף די הענד; דער אהין דער אהער, אזוי לאנג אזוי ברייט ביז מע האט מיך אריינגעטראגען אין א קלייט אריין און מען האט פערשלאסען די טהיר פון אינווייניג!... טוידט בין איך געוועזען פאר פחד, איידער איך האב דערהערט אז מע וויל מיר ווייזען סחורה... ניט אויף צו קויפען דווקא, חלילה! נאר אנקוקען און זעהען, אז דא איז בזול הזול, האלב אומזיסט, מחמת עס איז פאר א יריד אונטער א יום טוב... אזוי האט מיר געשוואוירען דער בעל הבית אליין ביי זיין נאמנות און ביי זיין ווייב און קינדער!... און ער האט גענומען מיר ווארפען סחורה פון די פאליצעס אהן אשיעור, אנרופענדיג מיר יעדער זאך ביי דעם נאמען און ווייזענדיג מיר דאס גוטסקייט, דאס שטארקייט, דאס פרישקייט און דאס שענקייט!

— נו? אצונד קלויבט אייך אויס וואס איהר באגערט!...

— יא! האב איך איהם געענטפערט און געקוקט אויף דער טיר מיט

יסורים... יא! איך ווארט אבער אויף מיין חבר... איך ווייס ניט וואהין האבען איהם די חברה אהינגעטהון?...

— דאס איז אייערער א חבר?! האט מיך דער קרעמער א פרעג געטהון און האט זיך אנגערופען צו די משרתים מיט גרוים כעס:

— פרעסערס! וואס האט איהר ארויסגעלאזט פון די הענד דעם יונגען מאן? דאס איז דאך טאקע זייערער א חבר! געהט און ברענגט איהם די רגע! ווען ניט זאל זיך אייער סוף ביי מיר ניט געפינען! איהר הערט? צי—גיין?!...

אין עטליכע מינוט ארום האט מען מיין אריה־ליב'ן אריינגעטראגען א צוהרגעטען אהן איין ארבעל און אהן א היטעל... א רחמנות, א הארצ־ווייטיג געוועזען צו קוקען אויף דעם דאזיגען אומגליקליכען בחור'ל וואס איז גאט די נשמה שולדיג געוועזען, און וואס איז פאר יעדען באזונדער אבגעקומען נעביך אויף דער וועלט!... אונזער קרעמער האט געשווארען ביי ווייב און קינדער אז ער וועט זיך אבּרעכענען מיט זיין שכן דעם אנדערען קרעמער וואס האלט אזעלכע היצלים, רוצחים, וואס לאזען קיין משוגע־נעם הונד ניט דורך געהן צווישען די קלייטען!

אייגענטליך האט אונזער קרעמער געמעגט צופרידען זיין פון דער דאזיגער מלחמה, אין וועלכער מיין גוטער חבר האט אנגעווארען איין ארבעל פונ'ם צעריסענעם קאפאטקעלע צו זאמען מיט'ן באראשקענעם היטעלע... און דעסגלייכען אריה ליב האט זיך אויך ניט אזוי שטארק צו־געלאזט צום הארצען די דאזיגע מעשה, מחמת ער האט מיר שוין לאנג געגעבען אנצוהערען, אז דא געפינען זיך אזעלכע קלייטען וואס מע געהט אהין אריין א נאקעטער א בארוועסער ווי די מאמע האט דיך געהאט און מע געהט פון דארטען ארוים מלובש ווי א גראף! דער קרעמער האט דאס באלד פערשטאנען נאך די פראגען, וואס מיין קלוגער חבר האט איהם פארגעלעגט, און האט זיך לכתחילה מיט אונז באדונגען, אז ער נעמט צו ביי אונז די אלטע מלבושים און גיט אונז פאר זיי שפאגעל־נייע נאך דער לעצטער מאדע און פאדערט פון אונז צוצאהל נישט מעהר און נישט

װעניגער פון 80 רובל. מיין אפּגעהערציגער חבר האט איהם אויסגעזאגט דעם רעכטען אמת, אז עס געפינט זיך ביי אונז אצונד נישט מעהר ווי 12 קערבליך, הגם ער (אריה ליב) גלויבט איהם אויף נאמנות, אז עס איז א מציאה 20, נאר וואס זאל מען טהון אז מיר האבען מעהר ניט ווי 12 ?... און מע האט אונז באקליידעט: מיר האט מען געגעבען אפּאר לאנגע און שמאלע טישערעפּינקענע תחתונים, וואס זענען קוים מיט צרות ארויפגע־קראכען אויף די גרויסע פּאר שטיוואלעס, וואס דער קרעמער האט זיך געוואונשען פאר זיך אזא יאהר (און איך פארגין איהם מיט'ן גאנצען הארצען !...). צו די דאזיגע שמאלע־רויט־קעסטעלדיגע הויזען האט מען מיר אנגעטהון א גרויסען א ברייטען ווייסען קאמזויל פון א גראבען פּריין... „נישט קשה ! האט מיר דער קרעמער געזאגט: איהר װענט נאך א יונג קינד — איהר דארפט נאך וואקסען !..." און פון אויבען האט מען מיר אנגעטהון א גרינגעם פּידזשאק, וואס די קעשענים זענען געווען נידריגער פון די קניעס און די ארבעל האב איך שוין אליין געמוזט פארקאטשען א האלב ארשין; דערצו האט מיר אבער דער קרעמער געהייסען גוט בעטראכטען, וואס פאר א מין קאלנער אין איהם ליגט !... אויפ'ן קאפּ האט מען מיר אנגעטהון אקליין קינדעריש קאפּעלישעל, וואס איך האב אליין אויסגעקליבען, נאך מיין אייגענעם גוסט; אליין האב איך דאס בשום אופן ניט געקענט אנטהון, מחמת עס איז געווען וועהר ענג אויפ'ן קאפּ, נאר דער קרעמער האט דאס אזוי גוט אנגערוקט בריה'ש אז עס איז שוין ניט מעגליך געווען אראפּצונעמען. „נישט קשה עס וועט זיך גיך צוציהען, האט ער מיך געטרייסט; א קאפּעליש איז ניט קיין באק־דיזשע !..."

פּונקט דאס אייגענע פּארקעהרט האט ער געזאגט מיין חבר אנ־מעסטענדיג איהם א צילינדערהוט, א גאנץ גרויסען א געקנייטשטען מיט עטליכע שפּאלטען ביי די זייטען: „א שליאפּע מוז זיין גרוים אויף דעם קאפּ ! דער קאפּ האט ליעב אז עס איז איהם גראם ! דער קאפּעליש וועט זיך איינלויפען און דער קאפּ וועט אונטערוואקסען, וועט זיין א מחיה נפשות !..." איך בין שטארק איבערראשט געווארען, אז איך האב דערזעהן מיין געטרייען חבר שטארק צונויפגעצויגען און איינגעשפּיליעט מיט א שמאל

רעקעלי און מיט גילדענע קנעפלעך, ווי ביי איין אפיצער, אדער ווי ביי א גימנאזיסט !... „דאס איז היינט די גאנצע מאדע !“ האט מיר דער קרעמער געזאגט אנקוועלענדיג פון מיין שענעם חבר, וואס איז געווען איינגע־שרומפען אין דעם רעקיל, ווי אין א קארסעט... קיין קאמזויל האט מען שוין ניט בעדארפט; נאר הויזען האט מען איהם אויסגעקליבען זעהר קורצע און זעהר גראבע מיט אויסגעריבענע קניעס; „א הייז האט ליעב גראב ! האט אונז דער קרעמער אויפגעקלעהרט ! א הייז האט ליעב נוארעם !...“

— מיר דאכט, אז אין די פיס איז מיר אביסעל ענגליך ? האט זיך מיין אריה ליב נעביך געקלאגט.

— חס ושלום ! האט דער קרעמער געענטפערט. חס וחלילה ! וואס רעדט איהר ? היינט טראגט מען נאר אזא שטיוועלע ! א טוי טראגט טשאבעטעס ! ווייס איך וואס איהר רעדט ! נאט אייך נאך א נייעס !... טראגט געזונדערהייט ! פערניצט געזונד ! האט ער אונז געבענטשט באגלייט פון קלייט און געצייהלט מיט ציטערנדע פינגער „דעם פדיון“... פערניצט געזונד ! צערייסט געזונד ! א גוטען טאג ! א גוט יאהר !...

— הורררררא ! ! ! קאמעדיאנטשיקעס ! ! ! האבען אונז די חברה משרתים פון יענע קלייטען נאכגעשריען באגלייט אונז העט־העט גאנץ ווייט !... הורררררא ! קאפעליש ! ! ! ער האט אייך גוט אפגע־קאכט ? ? ? הורררררא ! ! !...

— מיר דאכט זיך, אריה ליב, אז דאס זענען שוין געווען אונזערע לעצטע 12 קערבלעך... וואס וועלען מיר דא טהון אהן א גראשען געלד ?...

— הא ? ביזט אפשר טאקע כמעט גערעכט,„ האט מיר מיין חבר געענטפערט, וואס וועלען מיר טהון אצונד ? מיר זאלען זיך חאטש גיכער דערשלאגען צום ראבינער !... דער לעהרער זאגט, אז ער וועט אונז צו־נעמען ווי די בעסטע געסט און וועט אונז באשיצען אונטער זיינע פליגעל... ער האט איהם אנגעשריבען אזא הויכען אזא שארפען מליצה־בריעף, אז סע דארף צענאסען ווערען פאר גענויין !..

— דער בריעף איז דא ביי דיר, אריה ליב ?

— סטייטש ווי דען ? וואס זענען מיר אהן דעם דאזיגען בריעף ?...

— שא, אריה ליב, אט געהט א יוד, לאם מיר א פרעג טהון ביי דעם יודען, טאמער וויסט ער, וואו וואהנט ערגעץ דער ראבינער ?

דער יוד האט אונז אנגעוויזען אין דער אנדערער גאס אויף א גרויסען ווייסען מויער אונ מיר האבען זיך געלאזט געהן. ביי דעם דאזיגען מויער האבען מיר זיך נאך אביסיל ארומגעדרעהט, ביז מע האט אונז אנגעוויזען אויף דער טיר, אויף דער טיר איז געווען צוגעשלאגען א מעשענע טאבליצע *(Казенный Раввинъ)*; מיר האבען לאנג געקלאפט אין דער טיר, ביז א דורכגעהער האט אונז אנגעוויזען אז מע דארף א ציה טהון דאס גלעקעל... ערשט דעמאלט האט זיך אויפגעעפינט די טיר אונ א מיידיל האט אונז גענומען בעטראכטען געשטשערעט די ציינער אונ א פרעג געטהון : „וואס דארפט איהר ?"

— צום ראבינער, האבען מיר איהר געענטפערט, צום ראבינער ! דאס מיידעל האט אביסעל געטראכט צי זאל זי אונז יא אריינלאזען צי ניין... נאכדעם האט זי זיך אויף אונז דערבארמט אונ אונז געעפענט די טיר אונ האט אונז געהייסען אריינגעהן אונ צו ווארטען אביסעלע דא אין „פריחאזשע".

— זאגט מיר, איך בעט אייך — האט זי מיין חבר געהעהנדיג א פרעג געטהון, דאס איז טאקע זייער א מויער, טאקע איין איינענער ? דאס מיידיל האט אויסגעשאסען א געלעכטער אונ איז אוועקגעלאפען אין שטוב אריין.

אין עטליכע מינוט ארום האט זי זיך אומגעקעהרט פארשטעלט מיט ביידע הענד דאס מויל אונ קוים קוים אויסגערעדט : „קומט אריין !... טהוט אויס די קאפעליאשען !... הי־הי־הי..." מיר האבען אויסגעטהון די קאפעליאשלעך אונ זענען אריינגעקומען אין א גרויסען אויפגעפוצטען קאבינעט מיט טייערע שאפעס אונ מיט גאנץ גרויסע שפיגלען אונ מיט אזא מעביל, וואס מיר האבען נאך אזעלכס קיינמאל ניט געזעהען !...

גלייך אקעגען אונז איז געזעסען איין עלעגאנטענער מאן מיט א גרויסער פאטלע האר אויפ'ן קאפ, מיט א שווארצער בארד מיט גילדענע ברילען אויף דער נאז און מיט וואטע אין די אויערען.

— נאם טרעבא דא ראבינטשעקא! האט זיך צו איהם מיין אריה ליב געווענדט גאנץ עדעל און דוקא אויף רוססיש.

— איך בין דער ראבינער, וואס וועט איהר זאגען? זיצט! האט איהם דער ראבינער געענטפערט אויף פשוט יודיש און האט אונז אנגעוויזען אויף 2 הויכע, ווייכע קרעסלעס; מיין חבר האט זיך שוין געוואלט צו זעצען אויף דער שטוהל, האב איך על פי טעות פערחאפט זיין שטוהל, וואלט ער זיך געזעצט אויף מיין שטוהל, וואלט געווען גישקשה; האט מיך דער רוח געטראגען איך זאל זיך פון זיין שטוהל אויפחאפען און וועלען זיך זעצען אויף מיין שטוהל; וואלט נאך אויך געווען אהן איין אומגליק, האבען מיר זיך אבער ביידע בעגעגענט מיט די שטערענס און ער האט א פנים גאר אומגערן זיך פערטשעפעט אין איינעם פון מיינע גרויסע שטיוואלעס, — ער האט זיך אויסגעגליטשט און האט געגעבען א פאל אויף דער ערד צוזאמען מיט מיין שטוהל, און פאלענדיג האב איך מיט מיינע 2 שטיוועל אומגעווארפען א גרויסען טאפ מיט וואזאנעס און די ערד האט זיך צושאטען איבער דער גאנצער פאדלאגע!... דער ראבינער האט זיך צוגעהאלטען מיט ביידע הענד ביי דעם טיש: ער האט א פנים געמיינט, אז די גאנצע שטוב פאלט איין!... דער טראסק און דער געפילדער האט געגרייכט אין די איבעריגע חדרים און מע האט זיך צונויפגעלאפען פון דעם גאנצען הויז אויף אונזער בייז וואונדער!... דערשראקענע, פערשעמטע זענען מיר קוים מיט צרות אויפגעשטאנען פון דער ערד און האבען שוין גיט געוואוסט וואס צו טהון, ווי אזוי צו שטעהן און ווי צו זעצען זיך; דערצו האט נאך מיין אומגליקליכער חבר (א! איהם האט נעביך דאס שלים־מזל נאכגעיאגט אומעטום...) געמוזט צוהאלטען מיט ביידע הענד דאס שמאלע רעקיל, מחמת פונ'ם פאל זענען אלע קנעפליך אבגעשפרונגען.

— זעצט זיך שוין אט דא אויף דער קאנאפע — האט אונז דער ראבינער געזאגט אונ האט זיך צוגערוקט אביסיל צו אונז; מיר האבען פריהער מיט די הענד א פריוו געטהון די קאנאפע, צי וועט זי ניט פאלען, אונ האבען זיך יאקאש אריינגעזעצט אין א גוטער שעה; דאס לאבענדיגע מיידיל האט אויסגעווישט דעם פאל, צונויפגעשטעלט דאס צופאלענע מעבעל אונ איז מיט א געלעכטער אנטלאפען אונ האט אפילו מורא געהאט א קוק צו טהון אויף אונז... מיין חבר האט דערווייל ארויסגענומען פונ'ם בוזעם — ווייט, ווייט — א גאנץ גרויסען פאקעט איינגעוויקעלט אין א פאפיר אונ מיט 2 גרויסע, גראבע פאפירען, אונ האט איהם איבערגעגעבען דעם ראבינער מיט די דאזיגע ווערטער:

— נאט אייך א בריעף פון אייער בעסטען גוטען פריינד, פון אונזער לעהרער, פונ'ם „געשטודירטען ליטוואק"; דא וועט איהר געפינען א שיר, דאס איז טאקי איין אייגען ווערק... פריהער האט דאס ביי מיר געהייסען: „שיר על היין" (א געזאנג אויף דעם וויין).

מיט דעם גרעסטען פערגעניגען וואלט איך דא איבערגעגעבען די לעזער דעם אינהאלט פון דעם דאזיגען גרויסען בריעף, וואס אונזער לעהרער האט געשיקט צו זיין אמאלעדיגען חבר, צום ראבינער, ובפרט אז דאס איז דאך איין אמת'ע געשיכטע, ניט קיין אויסגעטראכטער ראמאן, בין איך דאך אוודאי מחויב איבערגעגעבען פאר דעם לעזער אלע דאקומענטען מיט די פאפירען, וואס האבען א שייכות צו דער דאזיגער געשיכטע; נאר וואס קאן איך טהון, אז דער בריעף איז א מליצה־בריעף פון א געבילדעטען ישיבה־בחור וואס האט גענומען אונ האט צונויפגעמישט גאנצע פסוקים פון „ישעיה, פון ירמיה אונ פון משלי" אונ דערצו נאך אזעלבע שווערע פסוקים, וואס אויף זשארגאן איבערצוזעצען איז נישט אזוי גרינג אונ עס ווערט אן אין גאנצען דאס זיסקייט...

— וואס וויל ער פון מיר, אייער לעהרער? וואס דארף ער אונ וואס מיינט ער? האט אונז דער ראבינער געפרעגט נאכדעם ווען ער האט אין א צייט ארום געענדיגט דעם בריעף צו לייענען, איבער וועלכען ער איז אבגעגאסען געווארען מיט שווייס.

— לייענט מיין שיר „א געזאנג איבער וויין" וועט איהר שוין וויסען, וואס ער מיינט! האט איהם מיין אריה ליב געענטפערט מיט גרויס גדלות... דער ראבינער האט זיך אבגעווישט דעם שוויים פונ'ם פנים און האט איי־בערגעליינט די וואטע פון איין אויער אין דעם אנדערען און האט זיך גענומען צום „שיר" פון מיין חבר, וואס האט שוין קיין אויג פון איהם ניט אראב־געלאזט, און דאס הארץ האט זיך אין איהם אזוי שטארק געקלאפט אונ־טערן שמאלען רעקעל, אז איך האב געהערט: טיק־טאק! טיק־טאק... ליעבסטער לעזער! דו גלויבסט ניט? דערמאן זיך, ווען דו האסט אמאל אין די יונגע יאהרען געוויזען דיין חבר דאס ערשטע ווערק פון דיין פאנ־טאזיע, ווי אזוי האט דיר דעמאלט געקלאפט דאס הארץ? ווי אזוי האבען דיר געציטערט די הענד? ווי אזוי האסט דו געקוקט איהם אין מויל אריין — וואס וועט ער דיר זאגען?!...

איבערגעליינט דעם „שיר" האט דער קאלטער ראבינער איבערגע־ליינט נאך אמאל די וואטע אין די אויערען און האט צענויפגעליינט די פאפירען און האט זיי אומגעקערט מיין אריה ליב'ן, א פרעג געטהון איהם נאך מיט א קנייטש מיט די פלייצים:

— וואס וויל ער פון מיר, אייער לעהרער?

— וואס הייסט? האט איהם מיין חבר פערוואונדערט געענטפערט, וואס הייסט? איהר האט דאך געלייענט מיין „שיר"... מיינע „שירים"...

— יא, איך האב געלייענט, נאר איך פערשטעה ניט כמעט איין וואָרט... די ווערטער פערשטעה איך, נאר דעם פשט ווייס איך ניט... מיין עצה איז, איהר זאלט שוין מעהר אזעלכע שירים ניט שרייבען, און איבערהויפט קיין דיכטונגען ניט שרייבען, מחמת דאס איז ניט פאר אייך... איהר זענט נאך צו יונג און קענט נאך גאנץ ווינציג און פערשטעהט נאך זעהר ווינציג וואס בעדייט דאס ווארט דיכטונג אדער דיכטער... און וואס אייער לעהרער שרייבט מיר אויף אייך, אז איהר זענט א „משורר", א טאלענטפאלער פאעט, וואונדערט דאס מיך קארג וואס, מחמת ער איז פון תמיד געווען א פאנטאסט, דאס הייסט א שטיק משוגענער, און ניט

אומזיסט האט מען איהם ארויסגעטריבען פון דער ראבינער-שולע... ער שרייבט מיר איך זאל אייך געבען שטיצונג און זאל זעהען געבען אייך א וועג צו דער אמת'ער השכלה, צו דער ווירקליכען בילדונג... וואס קען איך טהון מיט אזעלכע 2 קליינשטעדטעלדיגע חדר-יונגלעך, וואס קענען נאך אפילו קיין ווארט רוסיש ניט ?... קיין ישיבה איז דא ניטא, און ליידינגעהערס האט מען דא פייגד... וואס קען איך אייך העלפען ? איך קען אייך ניט העלפען מיט גאר ניט !...

חי פייער, ווי שוועבעל זענען געוועזען ביי אונז די דאזיגע ווערטער, און מיר זענען געבליבען זיצען ווי די טאקען און טרערען האבען זיך אונז געשטעלט אין די אויגען !... מיין גייציגער חבר, וואס האט זיך תמיד ליעב געהאט ארויסצושטעלען פאר אונז ביידע, איז אויפגעשטאנען פונ'ם דיוואן און מיט ברענענדיגע אויגען פאר הארצוויטיג און פאר כעס, האט ער זיך געווענדט צום ראבינער מיט דער דאזיגער שענער רעדע, פון וועלכע איך בין נתפעל געווארען :

— א, איהר געפעסטעטע, געבאלעוועטע לייט ! האט ער אנגעהויבען מיט גרויס קוראזש, — א, איהר גרויסארטיגע מענשען, וואס איהר זיצט אין די הויכע פאלאצען אונטער די גילדענע סטעליס ! א, איהר אויסגעלאזטע מענער, וואס איהר פערבייט דעם אמת אויף א גלאז וויין און פערקויפט אייער גאט פאר א טאפ לינדזען ! א, איהר מפונקים, וואס איהר בוקט זיך צו דעם גאלדענעם קאלב און טוט פערגעסען אין די גרעסטע, עדעלסטע, הייליגע געפיהלען פון דעם מענשענס הארצען, וואס איז בעשאפען געווארען אין דעם געשטאלט פון גאט אליין און דער אלמעכטיגער שעפער האט אין איהם אריינגעבלאזען א פונק פון...

דא האט זיך אויפגעעפענט די טיהר און עס איז אריינגעקומען א שענער ברונעטער יונגער-מאן, זעהר א לעבעדיגער און פרעהליכער פון א יאהר 20, בלוט און מילך. דער ראבינער האט עפעס צו איהם א ווינק געטהון מיט איין אויג און דער יונגער-מאן האט זיך אויך צוגעזעצט צום טיש און מיין בעליידעוודיגער חבר האט אלץ ווייטער גערעדט און געזי-

דֶעלְט דִי דָאזִיגֶע צוּפְרִידֶענֶע, צֶעבַּאלֶעוֶועטֶע מֶענְשֶׁען אוּן הָאט גֶעמַאכְט בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה מִיט דִי הֶענְד אוּן דָאס פָּנִים הָאט זִיךְ בַּיי אִיהם אַזוֹי צוּ־פְלַאקֶערְט, אַז וֶוער עֶס הָאט אִיהם אַצוּנְד נִישְׁט אָנְגֶעקוּקְט, דֶער קֶען נִישְׁט הָאבֶּען קֵיין בֶּעגְרִיף פוּן אֵיין אֱמֶת׳ֶען אָרַאטָאר (רֶעדְנֶער), וֶוען עֶר צֶע־הִיצְט זִיךְ אוּן הוֹיבְּט אָן צוּ שִׁיטֶען מִיט פְלַאם־פַייֶער!... דֶער יוּנְגֶער־מַאן (דָאס אִיז גֶעוֶוען טַאקִי דֶעם רַאבִּינֶערְס אַ זוּהְן) הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען צוּם פָאטֶער, עֶר זָאל אִיהם אוֹיפְקְלֶערֶען, וָואס אִיז דָא אַזֶעלְכֶס גֶעשֶׁעהֶן. דֶער רַאבִּינֶער הָאט אִיהם שְׁטִיל, אוֹיפְ׳ן אוֹיעֶר, אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען דִי גַאנְצֶע גֶע־שִׁיכְטֶע פוּן דֶעם בְּרִיעף מִיט דֶער דִיכְטוּנְג, אוּן דֶער יוּנְגֶער־מַאן הָאט זִיךְ צוּזָאמֶען פַאר גֶעלֶעכְטֶער אוּן הָאט גֶעבֶּעטֶען מַיין חָבֵר עֶר זָאל אִיהם וַוייזֶען דֶעם בְּרִיעף פוּן דֶעם לֶעהְרֶער מִיט דֶעם שִׁיר פוּן מַיין חָבֵר... מַיין אַרְיֵה לֵיבּ הָאט זִיךְ לַאנְג נִישְׁט גֶעלָאזְט בֶּעטֶען (אַ פָּאעֶט, וָואס הָאט אִיןְ זִיךְ דֶעם הֵיילִיגֶען פוּנְק, טָאר זִיךְ נִיט לָאזֶען לַאנְג בֶּעטֶען...) אוּן הָאט נָאךְ אַמָאל אַרוֹיסְגֶעצוֹיגֶען פוּנְ׳ם בּוּזֶעם דֶעם גַאנְצֶען פַּאקֶעט אוּן הָאט אִיהם אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען, דֶעם יוּנְגֶען־מַאן, וֶועלְכֶער הָאט זֵיי גֶעלֵייעֶנְט, אוּן גֶעלֵייעֶנְט, גֶעלַאכְט אוּן גֶעלַאכְט, זִיךְ פָּשׁוּט גֶעהַאלְטֶען בַּיים בּוֹיךְ פַאר גֶע־לֶעכְטֶער!... אוּנְז הָאט דָאס אַבִּיסֶעל פֶערְדְרָאסֶען אֲפִילוּ, אוּן דָא הָאבּ אִיךְ זִיךְ שׁוֹין אוֹיךְ נִיט גֶעקָאנְט אֵיינְהַאלְטֶען אוּן הָאבּ אַ פְרֶעג גֶעטְהוּן דֶעם יוּנְגֶען־מַאן, וָואס הָאט עֶר דָארְט אַזֶעלְכֶס דֶערְזֶעהֶען, וָואס עֶר „לֶעכֶערְט" אִיהם אַזוֹי? מִמָה־נַפְשָׁךְ, עֶס גֶעפֶעלְט אַייךְ נִיט, קָאנְט אִיהר דָאךְ זָאגֶען; וָואס דַארְף מֶען נָאךְ לַאכֶען אַזוֹי?

— אַדְרַבָּא! הָאט עֶר מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט, — אַדְרַבָּא! מִיר אִיז זֶעהר גֶעפֶעלֶען אַייעֶר לֶעהְרֶערְס בְּרִיעף, אוּן דֶער שִׁיר פוּן אַייעֶר חָבֵר אִיז דָאךְ פָּשׁוּט אֵיין אַנְטִיקֶעל, וָואס אֲפִילוּ אוּנְזֶערֶע בֶּעסְטֶע פָּאעֶטֶען, לֶעבֶּענְזָאהְן אוּן גָארְדָאן, וֶועלֶען אַזוֹי מַייסְטֶערְהַאפְט נִיט אָנְשְׁרַייבֶּען! אַזוֹי קוּנְצִיג! אַזוֹי שֶׁען! אַזוֹי אֱמֶת!...

דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען אוּנְז שְׁטַארְק גֶעפֶעלֶען אוּן מַיין אַרְיֵה לֵייבּ אִיז כִּמְעַט צוּגַאנְגֶען פַאר שִׂמְחָה.

— דָאס אִיז נָאךְ בְּלָאטֶע ! הָאט ֶער זִיךְ גֶעוֶוענְדְט צוּם יוּנְגֶען מַאן ווִי צוּ אֵיין אַלְטֶען בֶּעקַאנְטֶען, — דָאס אִיז בְּלָאטֶע ! אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַ בֶּעסֶערֶען שִׁיר פוּן דֶעם ! עֶר הֵייסְט : „וַיְהִי בַּחֲצוֹת הַלַּיְלָה“ אוּנ עֶס וֶוערְד דָארְט בֶּעשְׁרִיבֶּען, וִוי אַזוֹ דִי זוּנן הָאט חֲתוּנָה פַאר דֶער לְבָנָה.

— טַאקֶע בֶּאֱמֶת ? הָאט אִיהם דֶער יוּנְגֶער מַאן גֶעפְרֶעגְט, — אַךְ, עֶס דַארְף דָאךְ זַיין עֶפֶּעס גָאר אַ חִידוּשׁ נִפְלָא ! קוּמְט אַרַיין צוּ מִיר אִין מַיין חֶדֶר אַרַיין, קוּמְט, שֶׁעמְט אַייךְ נִיט !...

— גְרִישַׁא ! הָאט אִיהם דֶער רַאבִּינֶער נֶעזָאגְט וִוי מִיט אַ בֵּייזֶער, גְרִישַׁא !...

— נוּ — נוּ ! הָאט אִיהם גְרִישַׁא גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּנ הָאט גֶעעֶפֶענְט דִי טִיר אוּנ הָאט אוּנְז אַרַיין גֶעלָאזְט אִין אַ גְרוֹיסֶער זַאל אַרַיין, דוּרְךְ וֶועלְכֶער עֶר הָאט אוּנְז דוּרְכְגֶעפִיהְרְט (מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען טְרִיט בַּיי טְרִיט : מִיר הָאבֶּען שׁוֹין מוֹרָא גֶעהַאט פַאר אַ פַאל...) אוּנ אַרַיינְגֶעפִיהְרְט אִין אַ בֶּעזוּנְדֶערֶען חֶדֶר, וואוּ עֶס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען שַׁאפֶעס מִיט סְפָרִים, אַ טִישׁ מִיט בִּיכֶער אוּנ מִיט פַּאפִּירֶען, דִי וֶוענְד בֶּעשְׁלָאגֶען מִיט לַאנְדְשַׁאפְטֶען אוּנ מִיט פָּארְטְרֶעטֶען פוּן גְרוֹיסֶע לַייט, דָארְט זֶענֶען גֶעזֶעסֶען נָאךְ 2 יוּנְגֶע לַייט מִיט שְׁרֶעקְלִיךְ לַאנְגֶע הָאר ; זֵיי הָאבֶּען צְווִישֶׁען זִיךְ גֶערֶעדְט אוֹיף אַזַא מִין שְׁפְּרַאכֶע וָואס נִיט אִיךְ נִיט מַיין חָבֵר הָאבֶּען נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען קֵיין אֵיינְצִיג וָוארְט ; מִיר הָאבֶּען שׁוֹין בַּיי זִיךְ בֶּעשְׁלָאסֶען, אַז דָאס מוּזֶען זַיין רוּסֶען אָדֶער דַייטְשֶׁען ; נָאר פְּלוּצִים הָאט גְרִישַׁא צוּ זֵיי אָנְגֶעהוֹיבֶּען רֶעדֶען אוֹיף פְּרָאסְט יוּדִישׁ אוּנ הָאט אוּנְז פָארְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים מִיט דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער :

— אָט דָאס זֶענֶען 2 יוּנְגֶע מֶענְשֶׁען, מַשְׂכִּילִים פוּן אַ קְלֵיין שְׁטֶעדְטִיל, פוּן מַאזֶעפֶּעווְקֶע, זֶעהר טַאלַאנְטְפָאלֶע הֶעבְּרֶאאִיסְטֶען אוּנ פָּאעֶטֶען ! עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ דָא בַּיי זֵיי 2 גְרוֹיסְאַרְטִיגֶע פָּאעֶמֶען : אַ גֶעזַאנְג אִיבֶּער ווַיין אוּנ... אוּנ... אוּנ...

„וַיְהִי בַּחֲצוֹת הַלַּיְלָה !“ הָאט מַיין אַרְיֵה לֵיבּ פַאר אִיהם גֶעעֶנְדִיגְט.

— יָא, „וַיְהִי בַּחֲצוֹת הַלַּיְלָה“, וואוּ עֶס קוּמְט פָאר זֶעהר אַ שֶׁענֶע סְצֶענֶע, וִוי דִי לְבָנָה הָאט...

— ווי די זון האט התונה פאר דער לבנה... האט איהם מיין חבר פארענדיגט...

צווישען דער קאמפאניע יונגע לייט איז געווארען גאנץ פרעהליך און מיר זענען אויך לעבעדיגער געווארען און זענען מיט דעם גרישען געווארען גיך פאני־בראטע; ער האט געשאפט מע זאל דערלאנגען טהע און האט אונז גענעבען צו פאפיראסען, אזוי אז מיר זענען דא באלד געווארען היימיש און האבען זיך אנגעהויבען צופרעגען ביי זיי אויף די גדולי הדור, די מפורסמידיגע לייט, די מחברים, די רעדאקטארען. גרישא האט אונז צוגעזאגט אז ער וועט אונז גיך בעקאנטמאכען מיט אלע גרעסטע לייט און מיר זענען געווען איבערגליקליך!... נאר איין זאך האבען מיר ניט געקאנט פערשטעהען: פאר וואס לאכט אזוי דאס דאזיגע שטוב מיידיל, וואס זי שמייכעלט כסדר די צעהן ווען זי טהוט אויף אונז א קוק! עס איז דא זאכען אויף דער וועלט, וואס ניט אזוי גיך קען מען זיי פערשטעהען...

דאס זעקסטע קאפיטעל.

(מע טראגט זיך ארום מיט אנדערע פייגעלעך און מע קוועלט גאר אן פון זיי!).

וואס האט אין אונז אט דער דאזיגער גרישא אנגעלכם דערזעהען — פארשטעה איך נישט! ער האט זיך מיט אונז ארומגעשלעפט ווי מיט עפעס רעכטס; ער האט אונז באקענט מיט א סך יונגע לייט — זיינע חברים און מיט עפעס א מיידיל, וואס זי האט געהייסען מיט דעם נאמען „יעליזאבעטא", אפילו נישט קיין מיאוסע נקבה, נאר אביסעל צו איין אויסגעלאסענע, דהיינו זי האט גאנץ אפטליך געשמייעסט מיט גרישא'ן און האט כמעט כסדר געלאכט... מיין אריה ליב וואס איז גיך געווארען מיט גרישא'ן א גוטער ברודער, האט זיך ניט געקאנט איינהאלטען און האט טאקע א פרעג געטהון ביי איהם:

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, וואָס איך וועל אײַך אָקאָרשט פֿרעגן: וואָס קער זיך מיט אײַך אָן אַט די דאָזיגע נקבה? זי איז אײַערע אַ שוועסטער, צו אַ כּלה, צו אַ... אַ... איך ווייס וואָס?

גרישאַ האָט אונדז געענטפֿערט, אַז זי איז ניט קיין שוועסטער זײַנע און ניט קיין כּלה, נאָר אַזוי אַ „גוטע־באַקאַנטע", אַ געבילדעטע פֿרײַלין.

— אַ גוטע באַקאַנטע? — זאָג איך צו מײַן אריה־לײבן — וואָס זאָגסטו דערויף?

— שולמית! מאַכט צו מיר אריה לייב און פֿאַרקאַטשעט די אויגן אַרויף.

די דאָזיגע שולמית האָט געהאַט אַ פּאָר בלויע אויגן מיט לאַנגע שוואַרצע ברעמען מיט לאַנגע טונקעלע האָר, און אַליין איז זי געווען הויך און שיין און אָנגענעהם אַז עס איז פּשוט געווען אַ מחיה־נפֿשות צו קוקן אויף איר, ובפֿרט אַז זי האָט גערעדט אָדער געלאַכט מיט אַ קלינגענדיק געלעכטער, האָט זיך איר קול צוגאַנגען אין יעדן אבֿר!...

גרישאַ האָט אונדז אַ פֿרעג געטאָן צו האָבן מיר ליב פּיאַנע, מוזיקע, הערן ווי מע שפּילט אויף אַן אינסטרומענט...

— אַ אַ? כּלי־זמר? האָבן מיר איהם געענטפֿערט — פֿאַר וואָס ניט? מיר האָבן זייער ליב כּלי־זמר! בײַ אונדז אין מאַזעפּעווקע איז דאָ „סראָלי פֿידעלע", האָט ער אַ קליין מעשען פֿידעלע, וועלכעס מע זאָגט אַז עס קומט אַמאָל די צײַט שפּילט עס אַליין פֿון זיך... נאָך דער חופּה, צו דער גילדערנער יויך, אַז „סראָלי פֿידעלע" נעמט דאָס מעשענע פֿידעלע און שפּילט „אַ בעטלער", קען מען טאַקע צוגאַנגען ווערן און פּלאַצן פֿון גרויס פֿאַרגעניגן!...

— נו, אויב אַזוי, זאָגט גרישאַ — וועט איר באַלד הערן נאָך שענערס פֿון „סראָלי פֿידעלע" און ער האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן אויף דײַטש צו דער יעליזאַוועטאַ, און זי איז אַרויסגעגאַנגען אין דעם צווייטן צימער אַרײַן און גיכן האָבן מיר דערהערט עפּעס אַזעלכע משונה קולות, אַזעלכע זיסע טײַערע קולות, וואָס קריכן גלײַך אין האַרצן

אַרַיין ! אָט הֶערֶען מִיר ווִי אַ גַאנְצֶע „קַאפֶּעלְיֶע“ בְּלֵי־זֶמֶר טְהוּעֶן אַ קְלַאפּ, אָט הֶערֶען מִיר ווִי עֶס ווֶערְט שְׁטִילֶער אוּנ עֶס זִינְגְט עֶמִיצֶער, אוּנ ווֵיינְט אוּנ קְרֶעכְצְט, אוּנ חְלִיפֶּעט, אוּנ ווֶערט ווַייטֶער פְרֶעהלִיכֶער, לֶעבֶּעדִיגֶער אוּנ ווִי אַ סַךְ מֶענְשֶׁען זִינְגֶען אַלֶע צוּזַאמֶען, אוּנ אָט זִינְגְט ווַייטֶער עֶמִיצֶער אַלֵיין, אַזוֹי טְרוֹיְרִיג, אַזוֹי זִיס, אַז עֶס ווֶערְד אוּנְז קַאלְט דָאס גַאנְצֶע בְּלוּט אוּנ אַ פְרָאסְט גֶעהט אוּנְז אִיבֶּער אוּיפְ׳ן לַייב, אוּנ דָאס הַארְץ קְלַאפְּט אוּנ קְלַאפְּט...

— דָאס שְׁפִּיעֶלְט אַזוֹי יֶעלִיזַאבֶּעטֶע אוּיפְ׳ן פָּארְטָאפִּיַאנָא — עֶנְטְפֶערְט עֶר אוּנְז — קוּמְט ווֶעט אִיר זֶעהֶען ! —

מִיר גֶעהֶען אַרַיין אִין דֶער גְרוֹיסֶער זַאל אַרַיין אוּנ זֶעהֶען פַאר זִיךְ בַּיי אַ גְרוֹיסֶען לַאנְגֶען טִישׁ מִיט אַ שְׁפִּיץ זִיצְט „דִי יֶעלִיזַאבֶּעטַא“ אוּנ קְלַאפְּט מִיט דִי פִינְגֶער אוּיף קְלֵיינֶע ווַייסֶע בֵּיינְדְלֶעךְ אוּנ זִינְגְט זִיךְ אַלֵיין צוּ, אוּנ פוּן אִיהרֶע הֶענְד גֶעהֶען דָאס אַרוֹיס אָט דִי דָאזִיגֶע זִיסֶע קוֹלוֹת !...

אוּנְזֶער וואוּנְדֶערֶען זִיךְ, אוּנְזֶער אִיבֶּערַאשׁוּנְג בִּין אִיךְ גָאר נִיט אִימְשְׁטַאנְד אִיבֶּערצוּגֶעבֶּען אַצוּנְד מִיט דֶער פֶּען ! דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע הוֹיכֶע גֶעהוֹיבֶּענֶע, הֵיילִיגֶע מִינוּטֶען אִין אוּנְזֶער לֶעבֶּען, אִין ווֶעלְכֶע מִיר הָאבֶּען פַארְגֶעסֶען אַלְץ אוּיף דֶער ווֶעלְט, אוּנ אוּנְזֶערֶע אוּיעֶרֶען, אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער אוּנ אִין גַאנְצֶען אוּנְזֶער לַייב זֶענֶען דֶערְוַוארֶעמְט אוּנ דֶערְפוּלְט גֶעוָוארֶען מִיט דִי דָאזִיגֶע גְרוֹיסַארְטִיגֶע, זִיסֶע, גֶעשְׁמַאקֶע גֶעזַאנְגֶען, ווָאס דָאס דָאזִיגֶע מֵיידֶעל הָאט אַזוֹי בְּרֶיהְ׳שׁ אוּיסְגֶעצֵייכֶענְט אַרוֹיסְגֶעצוֹיגֶען פוּן דֶער פִּיַאנֶע אוּנ פוּנִים הַאלְז ! אָ, דֶעם דָאזִיגֶען עֶרְשְׁטֶען גֶעזַאנְג ווֶעלֶען מִיר נִיט פַאר־גֶעסֶען ווַייל מִיר ווֶעלֶען לֶעבֶּען ! מִיר זֶענֶען נָאכְדֶעם אִין אַ צַייט אַרוּם גֶע־ווֶען אוּיף דִי גְרֶעסְטֶע קָאנְצֶערְטֶען פוּן דִי בֶּעסְטֶע אַרְטִיסְטֶען אוּיף דֶער ווֶעלְט, נָאר דָאס ווָאס מִיר הָאבֶּען גֶעהֶערְט אוּנ דָאס ווָאס מִיר הָאבֶּען גֶע־פִיהלְט אַצוּנְד, הָאבֶּען מִיר שׁוֹין מֶעהר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט אוּנ נִישְׁט גֶעפִיהלְט אוּיף אוּנְזֶער לֶעבֶּען !... פֶערְשְׁטֵיינֶערְטֶע, אָהְן לָשׁוֹן, בְּלַאסֶע, זֶענֶען מִיר גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהְן אוּיף אֵיין אָרְט אוּנ הָאבֶּען גָאר נִישְׁט גֶע־וואוּסְט ווָאס צוּ עֶנְטְפֶערֶען גְרִישֶׁען אוּיף זַיינֶע פְרַאגֶען, צוּ גֶעפֶעלְט אוּנְז דָאס שְׁפִּילֶען... מִיר הָאבֶּען זִיךְ אוּיפְגֶעחַאפְּט עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט, ווֶען „דִי

„יעליזאבעטא" אָדער די שולמית איז אויפגעשטאנען פונ'ם בענקיל און האט מיט איהרע ליכטיגע אויגען א קוק געטהון אויף אונז, און געלאכט... וואס האבען מיר געהאט צו ענטפערען? מיר וואלטען געוואלט אז „זי" זאל כסדר זיצען און כסדר שפּיעלען און זינגען כסדר אהן איין אויפהער אהן איין עק!!...

נישטא א פּנים, קיין שטענדיגע זאך אויף דער ערד! א שענער גלאנצענדער שטערן פליהט דורך פארביי אונזערע אויגען און אנטלויפט; אפילו דער רעגענבויגען, אויף וועלכען מיר, חדר־יונגלעך, פלעגען קוקען מיט פערגניגען און מאכען א ברכה „זוכר הברית", שטעהט אויך נאר א פּאר מינוט און ווערד פערשוואונדען... קיין אויג האבען מיר ניט אראבגע־לאזט פון דער דאזיגער וואונדערליכער יעליזאבעטא! זי איז אויפגעשטא־נען, צונויפגענומען איהרע שענע, לאנגע האר, א ווארף געטהון מיט איהר שענעם קאפּ, א שמייכעל געטהון צו אונז מיט איהרע ליכטיגע הימילדיגע אויגען — און איז פערשוואונדען געווארען...

גרישא איז נאכגעגאנגען זי אביסיל בעגלייטען און מיר זענען אריינ־געגאנגען צו גרישען אין קאבינעט אריין, איך האב זיך פערטיעפט אין געדאנקען און מיין טאלענטפאלער חבר האט זיך באלד געהאפּט צו דער פּען (די פּען איז געווען זיין בעסטער פריינד אויף דער וועלט!) און האט אויף דער גיך אנגעשריבען א ליעד מיט'ן נאמען „שולמית". דאס ליעד האט זיך אנגעהויבען אזוי:

ווי שען און ווי זיס
ביסטו, טהייערע כלה! —
ביסט, חלעבען, נישט מיאוס
און קליגער פון אלע!...

און אויסגעלאזט האט זיך דאס מיט די ווערטער:

קום אהער! קום אהער!
געה ניט אוועק!
דען איך זעה דיך ניט מעהר.

[ש"ע, אלע ווערק, I, 4].

שטאַרב איך אָוועק!...

אוי, שולמית! שולמית!...

עס וואָלט נאָך בּיי איהם געגאַנגען אונ געגאַנגען ווי אַ מזמור, פאַר פלוצים האָט איהם גישט געשטאַנעט קיין גראַם צום וואָרט „שולמית", האָט ער גענומען בּייסען דאָס העענטיל פון דער פען אונ זוכען מיט די אויגען אויף דער סטעלי דאָס וואָרט, וואָס עס זאָל זיך גראַמען: „שולמית"— דער מאַמעס... „שולמית"! די וואַרעמסטע ווי תּמוז!... ער איז געבּיך לאַנג אַזוי אָבּגעזעסען, געפּרעגט בּיי דער סטעלי איין עצה, אונ האָטש אפּילו זיין האָרץ איז געווען געגליכען צום ים ווען די אינדען צובּושעווען זיך פון אַ שטורם־ווינד, אונ האָטש זיין קלוגער קאָפּ איז געווען פול מיט טהייערע געדאַנקען אונ מחשבות'ן, פון דעסטוועגען האָט ער פּאָרט ניט געקאָנט פערלענגערען דעם שיר אַלס איבּער דעם וואָרט „שולמית", וואָס האָט זיך ניט געוואָלט גראַמען בּשום אופן!... יאָ, אַז וואָהל איז אונז, די לעזער, צו לייענען דאָס גרייטע; אָבּער דער פּאָעט, אַז אָך אונ וועה איז איהם! אַז ער דאַרף שלעפּען פון דער פען אונ פון דער סטעלי די גראַמען — פערלויפט איהם געבּיך מיט בּלוט, אונ צום סוף לאָזט זיך אויס, געהמט איהם דער קריטיקער אונ מאַכט פון איהם אַ תּל־עולם!... אַ, קריטיקער, קריטיקער! ווען איהר זאָלט פריהער אַליין זיין פּאָעטען וואָלט איהר שוין געוואוסט ווי אַזוי נאָכדעם יענעם צו קריטיקירען!...

עס ווייזט אויס, אַז אונזער גרישאַ איז אַמאָל אויך געווען אַ פּאָעט, מחמת דאָס ליעדיל פון מיין טאַלאַנטפאָלען חבר איז איהם אַזוי שטאַרק געפעלען, אַז ער האָט דאָס איבּערגעשריבּען צו זיך אין אַ בּיכעל אַריין אונ האָט אונז צוגעזאָגט למע"ה ווייזען דאָס דער מאַמזעל יעליזאַבּעטע. בּיי די דאָזיגע ווערטער איז מיין אַריה ליב געוואָרען רויט ווי אַ רויז אונ זיינע שוואַרצע אויגען האָבּען זיך צובּרענט, ווי אָנגעצינדענע הבדלות... ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען אונ האָט אַ פרעג געטהון גרישען, ווען וועט „זי" ווידער זיין דאָ אונ ווען וועט „זי" נאָכאַמאָל שפּילען אויף דעם דאָזיגען לאַנגען קלי־זמר (פּאָרטאָפּיאַנאָ)?

— מארגען — האט איהם גרישא געענטפערט מיט א געלעכטער — מארגען! היינט וועט זי זיין אין טהעאטער, איך וועל, אויך זיין אין טהעאטער; אפשר ווילט איהר אויך געהן אין טהעאטער? איהר זענט געוועזען אמאל אין טהעאטער?

— אין טריאטער? האבען מיר איהם אבגעענטפערט; דארט וואו מע שפיעלט „בלעזעניש" מיט „ענגילשערייטער"?...

— ניין! ניט דאס! טהעאטער איז א פארשטעלונג, א שפיגעל פון אונזער לעבען; מע פערשטעלט זיך, מע שפיעלט, מע זינגט אונ מע טאנצט — מיט איינעם ווארט — טהעאטער אונ גענוג!...

דעם אמת געזאגט, האבען מיר גאנץ ווייניג פערשטאנען פון דער דאזיגער בעשרייבונג; דאך האט זיך אונז זעהר געלוסט צו זיין אין טהעאטער.

— א מענש אין היינטיגע קלוגע צייטען אין דער געבילדעטער וועלט מוז זיין אומעטום! האט צו מיר מיין חבר געזאגט מיט אזא נוסח, ווי א רבי רעדט מיט א תלמיד: — א מענש, וואס האט שוין פערזוכט דעם טעם פון די פרות פון וויסענשאפט, טאר ניט דורכלאזען דאס מינדעסטע פונים מינדעסטען אונ דארף אלעס זעהען, אלעס וויסען, אלעס פערשטעהן מיט זיין אייגענעם שכל אונ ארויבלאזען זיך ביז צום גרונד פון יעדער זאך! אזעלכער קאן אנגערופען ווערען מיט דעם נאמען „משכיל", חכם", „וועלט-מענש" וכדומה...

נאך בשעת מיר האבען זיך געקליבען געהן אין טהעאטער, האט זיך מיר מיין חבר מודה געוועזען, אז די נייע שטיוועלעך קוועטשען איהם שטארק אין די פינגער, אזוי אז עס זעצט איהם די אויגען פונים קאפ; נאר אונזער נייגעריגקייט צו זעהן דאס טהעאטער איז געוועזען גרעסער אונ העכער פון אלע געפיהלען אויף דער וועלט!

קומענדיג אין טהעאטער האבען מיר אפילו געהאט אביסיל יסורים פונים שאנדאר, וואס שטעהט ביי דער טיהר: ער האט אונז בשום אופן ניט געוואלט אריינלאזען, א פנים איבער אונזערע נייע קאסטיומען... אומ-

זיכט האבען מיר איהם געזאגט, אז „גרישא דעם ראבינערס" האט אונז געשיקט! אומזיסט האבען מיר איהם בעוויזען, אז מיר האבען געלד אויף צו בעצאהלען! ער איז געווען שטאל און אייזען!... ביז גאט האט רחמנות געהאט, מיר האבען דערזעהן צופאהרען גרישען מיט דער מאמזעל יעליזאבעטע!

— נו, חברה, וואס שטעהט איהר דא? האט ער זיך צו אונז אנגערופען פרעהליך.

— דער „ורנעראל" (גענעראל) לאזט ניט אריין! האבען מיר איהם בתמימות געענטפערט.

— וואסער גענעראל?

— אט דער וואס שטעהט אט ביי דער טהיר! האבען מיר איהם געזאגט און אנגעוויזען אויף דעם זשאנדארם.

גרישא מיט יעליזאבעטען זענען שיער ניט צוזעצט געווארען פאר געלעכטער, דאך זענען זיי געווען אונזערע אויסלייזערם; זיי האבען אונז געקויפט די בילעטען און האבען אונז אנגעוויזען וואהין צו געהען — און אליין זענען זיי אוועק געגאנגען ווייטער ארומגענומען כמעט ווי חתן־כלה.

— „זי" איז געווים זיין כלה! האט צו מיר אריה ליב געזאגט מיט גרויס פערדראס... זעה נאר זעה, ווי ער קוועטשט זי ביי דער האנד און „זי" שפארט זיך אין איהם אן... עס איז א כלה, ניט אנדערש, ניט אנדערש!...

א טיעפער זיפץ האט זיך ארויס געכאפט ביי מיין טהייערען חבר פונים טיפען הארצען! — מיר זענען א צייט געגאנגען אויף די טרעפ אליין העכער און העכער, ביז א שווייצאר מיט רויטהע הויזען האט ביי אונז צוגענומען די בילעטען (מיר האבען זיך אפילו מיט איהם אביסעלע גערייגעלט איידער מיר זענען מרוצה געווארען דערויף) און האט אונז אנגעוויזען אויף אונזערע ערטער פונקט אונטערען דאך. — מיר האבען ניט אויסגעציעט גוט ארום קוקען זיך וואו מיר זענען און רעכט באטראכטען דעם גלענצענדען טהעאטער מיט די טויזענדער ליכט און לאמפען, האט זיך

שוין מיין חבר געטראפען א נס, פון וועלכען ער איז ארויס גליקליך (איהם האבען זיך געטראפען נאר ניסים—א גליקליכער האז !...) די מעשה איז א קורצע מעשה: אריה ליב האט פארגעסען אויס טהון דעם צילענדערהוט, איז צו איהם צו געגאנגען א מענש און האט זיך צו איהם גאנץ איידעל אנגערופען:

— שאפקא דאלאי, זשיד פארחאטי !...

נאר מיין אומגליקליכער אריה ליב איז בשעת מעשה געווען פארנומען מיט די שטיוועל, וואס האבען איהם געבעך שטארק דעקוטשעט, האט ער אזוי גיך עפעס ניט איינגעהערט וואס דער מענש האט איהם פארגעלעגט; דער מענש אפנים האט זיך פון זיין זייט געפונען אביסעל באליידיגט, וואס מע ענטפערט איהם ניט, האט ער לאנג ניט געקלערט און איז צוגעגאנגען צו מיין אריה-ליב'ן און האט איהם אראבגעלאזט א פליאסק איבער'ן קאפעליאש, אזוי אז דער צילענדערהוט איז פארפלויגען גאנץ ווייט צו א גרויסען פריץ אין א לאזשע אריין און האט געטראפען עפעס א מין דאמע גלייך אין פנים אריין! די דאמע האט געחלישט, דער פריץ האט געמאכט א רעש און עס האט זיך אויפגעהויבען א שטיקעל עסק אין טהעאטער איבער מיין חבר'ס צילענדערהוט... דער געפילדער איז אבער גיך אנשטילט געווארען, מחמת א גאנץ גרויסע קאפעליע מוזיק האט א שפיעל געטהון און גאר אין גיכען האט זיך אויפגעהויבען דער פארהאנג — און מיר האבען דערזעהען...

עס איז דען מעגליך צו בעשרייבען וואס „מיר" האבען געזעהן? איך בין דען אים שטאנד איבערצוגעבען אויף פאפיר די געפיהלען פון צוויי קליינשטאדטעלדיגע בחורימלעך, וועלכע האבען אויף זייער לעבען געזעהן נאר דריי מאזעפעווקער וואסערמיהלען און מעהר נישט געהערט א חזן „סראלי פידעלע" שפיעלען אויפ'ן „מעשען פידעלע" א „בעטלער" אדער א „פאני"... און בעריל באם טאנצען א דייטש, און מענדי לאשאק קיין גלאו וכדומה. אזעלכע אנטיקליך, וואס מע קען זעהען נאר ביי אונז אין מאזעפעווקע... עס האט אונז געשעמערירט אין די אויגען און

געזשומעט, געהודעט אין קאפ: „טידעראם־טראם־טראם! טידעראם טראם טראם"! וואס מע האט געשפּיעלט און וועלכעס האט מען געשפּיעלט ווייסען מיר ניט עד היום; מיר האבען גאר געזעהן קליינטשקע פּיצעלעך מענטשעלעך דרעהען זיך ארום, זיי מאכען מיט די הענט; זיי בייזערען זיך און שרייען; זיי וויינען און בעטען זיך איבער, און שרייען ווידער און לויפען אוועק; עס לויפען ארום אנדערע אויף זייער ארט און טהון אויך דאס נעמליכע און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער...

— ווייסטו וואס איך וועל דיר זאגען? מאכט צו מיר אריה ליב, סאמע אין דער מינוט, ווען צוויי קליינע מענטשעלעך שטעהען איינס אקעגען דאס אנדערע מיט שפּיזען און ווילען זיך גאר דורם זיין, און נעבען זיי שטעהט איינע עפּיס א נקבה, און זינגט און וויינט און שרייט און לאזט זיי ניט זיי זאלען זיך שטעכען.

— דהיינו וואס?

— איך רעכען אויסטהון דעם לינקען שטיוועל: ער מאכט מיר דעם טוידט! איך וועל דאס גאר ניט אויסהאלטען!...

ער האט אויסגעטהון איין שטיוועל און דעם אנדערען און איך האב ארויסגעזעהען, אז עס איז איהם געווארען א ליכט אין די אויגען... פאר פרייד האט ער אויש נעביך אנגעהויבען וויינען!...

* *
*

ארום 12 ביינאכט האט זיך די שפּיעל געענדיגט און מיר זענען געגאנגען אהיים, אין דער „פּוילישע אכסניא" געוויינטליך...

א רחמנות געוועזען צו קוקען אויף מיין אומגליקליכען חבר! ערשטענס איז ער דאך געבליבען אהן א היטעל, און צווייטענס האבען שוין די אויסגעטהונגע שטיוועל בשום אופן ניט געוואלט ארויף אויף די אנגעדראלענע פיס, אזוי אז ער האט זיי נעביך געמוזט טראגען אין די הענד און געהן, מחילה, בארוועס.

— אאאאאא!!! חברה??? האט עמיצער אונטער אונזערע פלייצעס אויסגעצויגען אויף א קול און האט זיך אבגעשטעלט...

אַך, ליבע לעזער, דאָס איז געווען גרישאַ מיט „איהר“, מיט דער „כּלה“, מיט „שולמית'ן“, מיין איך מיט „עליזאַבעטען“!... ווי אַזוי איז געקאָנט דאָס גיך געשען? איך בין דאָך אַ גרויסער קענער, שעמט זיך ניט, איך האָב ניט געוואוסט ... — ? ... ! ... אַ העלד ... אַ פּאַר!...

— וואָס איז דאָס?... אַהן אַ היטעל?... ווי אַזוי?... באָרוועס??...

מיט טרערען אין די אויגען האָט איהם מיין אָראָפּגעפאַלענער חבר דערצעהלט, אַלץ וואָס עס האָט זיך מיט איהם פּאַסירט, און גרישאַ האָט אַזוי געטריי געלאַכט, אַז מיר האָבען אויף איהם קוקענדיג אויך אָנגעהויבען לאַכען.

— איך ווייס ניט וואָס איז דאָ פאַראַן אַזעלכעס וואָס מע דאַרף אַזוי שטאַרק לאַכען! האָט „זי“ איהם געזאָגט און האָט מיט גרויס רחמנות אַ קוק געטהון מיין חבר אין פּנים אַריין...

די לבנה האָט זיך אויסגעפּיינט אין דער דאָזיגער נאַכט, גלייך ווי זי האָט געוואָלט בעווייזען די גלענצענדע שטערן, אַז צו איהר קענען זיי זיך ניט גלייכען... קיין ווינטעלע, קיין לופט האָט נישט אָנגערירט דאָס שטילשווייגעניש פון דער דאָזיגער שענער, לויטערער, וואַרעמער נאַכט... זעלטען, זעלטען האָט מען געהערט ווי עס קאַטשעט זיך ערגיץ ווייט איבער די שטיינער פון די גאַסען אַ דראָזשקעלע, עס קאַטשעט זיך און קאַטשעט זיך, עס ווערט ווידער שטיל, און מיר: — איך, מיין חבר, גרישאַ און „זי“ — גערען שטיל, אַרויף אַ באַרג, אַלץ העכער און העכער, — ביז מיר קומען אַהיים, צום ווייסען מויער פון'ם ראַבינער; מיר בלייבען שטעהן... „זי“ געזעגענט זיך פריהער מיט גרישען, ער קוועטשט איהר שטאַרק, שטאַרק די האַנד... נאָכדעם נעהמט „זי“ און ניט אונז אויך די האַנד און קוקט אונז גלייך אין די אויגען אַריין און עס ווייזט זיך אונז אויס, אַז „זי“ קוקט אונז טיעף, טיעף אין האַרצען אַריין... אַך, וואָס איז דאָס פאַר אַ קוק ביי „איהר“?... וואָס איז דאָס פאַר אַ פּנים?... וואָס איז דאָס פאַר אַ זיס שמייכעלע?... וואָס איז דאָס פאַר ברעמען?... וואָס איז דאָס פאַר אַ טהייער, חיין, ווייס, וואַרעם העלדיל ביי „איהר“?... וואָס איז

דאס פאר אויגען ?... וואס איז דאס פאר א קוק ?... א, געבענטשט איז דער מענש, וואס קוקען אויף איהם אט די דאזיגע אויגען! געבענטשט זענען די „דאזיגע" אויגען, וואס קוקען אויף יעדען מענשען גלייך, מיט רחמנות, מיט גוטסקייט, מיט ליעבע!...

— נו ? וואוהין וועט איהר זיך שלעפען אזוי שפעט ביי נאכט ? — מאכט צו אונז גרישא און פעררופט אונז צו זיך אויף נאכט־לעגער. עס פערשטעהט זיך, אז מיר לאזען זיך ניט לאנג בעטען און מיר געהען. אריינגעקומען, האט גרישא געשאפען מע זאל אונז באלד אויסבעטען אויף בענקליך. דאס לאכענדיגע מיידיל האט זיך נעביך געמוזט שטארק איינהאלטען און ניט לאכען און מיר האבען זיך בעלייגט איינס אקעגען דאס אנדערע אויף די צענויפגעשטעלטע בענקליך שלאפען.

א גאנצע נאכט האט אונז ביידען געחלומ'ט אפאר בלויע, שעגע אויגען מיט א טהייער זיס שמייכעלע... מיר האבען זיך לאנג געקאטשעט פון איין זייט אויף דער אנדערער זייט, געפרעגט איינס ביים אנדערען:

— דו שלאפסט ?

— ניין... נו, און דו ?...

ניין, ניין! דאס איז שוין ניט געווען דער זיסער, געשמאקער שלאף פון די צוויי אומשולדיגע נפשות אויף דער „פוילישער אכסניא!..."

דאס זיבעטע קאפיטעל.

(וואו עס קומט פאר אזעלכס, וואס קיינער פון אונז קען זיך דאס גאר ניט פארשטעלען בשום אופן, ניישט אויף דער וואהר און גישט אין חלום!...)

לעזער! אויב גאט האט דיך געבענטשט מיט א גליקליכען טאלענט און מיט א רייכער פאנטאזיע — נעם א ריעז פאפיר און שרייב אן איין עכט „אינטערעסאנטען" ראמאן אין פיער טהייל מיט איין עפילאג. איך גיב דיר דא א גרייטע קאנווא, איך גיב דיר פארעם, זייד, בלוטשקע, אלערליי

מאטעריאלען... נעם נעה אויס וואס דו ווילסט, א מין קוויט אדער א בלום נאך דיין נוסח נאך — און לאז גאט געבען מיט הצלחה!... וואס געהט דיר אב? דו האסט דא צוויי, דריי העלדען; דו האסט דא א שען מיידיל; דו האסט דא אלץ וואס דו דארפסט!... נעם דאס מיידיל און הייס איהר לאז זי זיך איינליעבען אין מיין חבר אריה ליב... לאז אריה ליב ווערען א סטודענט... לאז גרישא דערפון אנהויבען קרענקען און מאכען א שטארב (האפט איהם דער וואטען־מאכער! א דאגה א גרויסע?...) לאז יעליזאבעטע ליעב קריגען אריה ליב'ן... לאזען איהרע עלטערן (נאטירליך, מערדער, פערדארבענע מענשען!...) די פערקנס'ן פאר איין אנדערען, פאר א חסיד... לאז אריה ליב'ס חבר אויך ליעב קריגען יעליזאבעטען... לאז ער איינגעבען אריה ליב'ן סם און לאז ער אויך אוועקשטארבען (א שענע ריינע כפרה!...) לאז יעליזאבעטע פאר צרות זיך אויפהענגען און אויך אבטראגען זיך פון דער וועלט (וואס קאן עס דיך ארען?...) לאזען איהרע עלטערן אויסגעהן ביי איהר אויפ'ן קבר פאר גרויס הארצווייטיג און גריזאטא (א מצוה אויף זיי!...) הכלל — לאזען מענשען פאלען אין די גאסען ווי די פליגען, ווי שטרוי, — אבי דו זאלסט בעשאפען א „טראגעדיע"!... אדער, פערקעהרט: לאז זיך יעליזאבעטע חתונה האבען פאר איהר געליעבסטען גרישא'ן (א רחמנות, הלעבען, אויף אזעלכע יונגע מענשען!...) לאז אריה ליב זיך אומקעהרען צוריק אהיים מיט זיין געטריעען חבר און לאזען זיי ווערען לייטען גלייך — דער א רב און דער א מלמד, ווי זיי שטעהט אן און לאזען זיך זייערע טאטע און מאמע פרייען קוקענדיג אויף זיי (וואס ארט עס דיך?...) לאזען יעליזאבעטעס עלטערן לאנג לעבען און קלייבען נחת פון זייערע קינדער (עס קאסט דיך דען געלד?...) לאז זיך דער הכן דער חסיד געפינען זיין זווג און לאזען זיי זיך פרוכפערען און מעהרען און דערפילען דאס לאנד. מיט איינעם ווארט לאזען מענשען לעבען אויף דער וועלט און פרעהליך זיין, — אבי דו זאלסט בעשאפען א „קאמעדיע"!...

וואני, און איך, דער מחבר פון דער דאזיגער אמת'ער געשיכטע, איך בין נישט קיין ראמאניסט, נאר א היסטאריקער, וואס מוז אבהיטען

דעם אמת און חס־ושלום ניט דורכלאזען קיין שפרענקעלע, עס זאל דער־
פון חלילה קיין רעה נישט ארויסקומען דער וועלט; על כן גיה איך מיר
אזוי טריט ביי טריט און דערצעהל זיך מיר ווייטער...

אויף מארגען האבען מיר זיך געפעדערט צום טאג, אראב פון די
בייגעלעך, און האבען זיך געזעצט איבערדערצעהלען איינער דעם אנדערען
פון אלעס, וואס מיר האבען זיך אנגעזעהען און איבערגעפיהלט אין דעם
נעכטיגען טאג. ווי א פאנאראמע זענען אונז פערביינגעגאנגען אלע בילדער
מיט אלע קלייניגקייטען: דער „שמשון הגבור", די קלייט־משרתים, די
„בגדים" וואס מע האט אונז אריינגעשטופט, דאס טהעאטער מיטן צילענ־
דער און מיט די ענגע שטיוועל — און עס האט אונז אזוי שטארק אנגע־
נומען אויף צו לאכען, גלייך ווי עס געהער זיך גאר מיט אונז ניט אן!

— ער פליהט, חא־חא־הא!... איבערן גאנצען טהעאטער, חא־
חא־חא!... אריין גלייך דעם פריץ אין לאזשע אריין — הי־הי־הי!...

אזוי האט זיך מיין פרעהליכער חבר געריסען די קישקעס פאר גע־
לעכטער, איבערדערצעהלענדיג אלע עפיזאדען וואס מיט אונז האט זיך
פאסירט אין דעם פאריגען טאג.

— וואס ווייסט דו אבער טהון אצונד, אריה ליב, אהן א היטעל
און אהן שטיוועל?

— הא? לאם איך אזוי וויסען פון ביין, חא־חא־חא!... איך זעה־
ער פליהט! הי־הי־הי!... גלייך צום פריץ, הא־חא־חא־הא!!!...

— וואס פאר א בייזער געלעכטער עס איז אנגעפאלען אויף די
דאזיגע צוויי שלעפערס! האט זיך אנגערופען די קעכין צום לאכענדיגען
מיידיל, וואס האט נאך גאנץ געשמאק געחראפעט... מיר זענען באלד
שטיל אנגשוויגען געווארען ווי די טייבעלעך און האבען זיך גענומען אנ־
טוהן אונזערע גרויסארטיגע מלבושים'לעך; מיר האבען זיך ארומגעקוקט,
אז מיר האבען גענעכטיגט מחילה אין איין חדר צוזאמען מיט דער קעכין
און מיט דעם לאכענדיגען דינסט־מיידיל, וואס מיר האבען פאר איהר
שמשערען די צייהן פיינד געקריגען מיט דעם גאנצען הארצען!

— וואו זענען דא ערגעץ די צוויי מאזעפעווקער בחורים'לעך? האט א קרענג געטהון עמיצער געעפענט די טיר.

— וואס איז? האט זיך מיין חבר ארויסגעשטעלט. וואס דארפט איהר זיי? אט דאס זענען זיי; אט דאס זענען מיר; איך מיט מיין חבר; אטא...

— נעמט צו! האט יענער געזאגט צו אונז ארייננעווארפען אין שטוב ארײן א גאנץ קלומעקעל. נעמט! דאס האט מען אייך געשיקט פון „פרידענשטאט".

אונזער וואונדערען זיך האט נישט געהאט קיין ברעג: וואס איז דאס פאר א פרידענשטאט? פון וואנען ווייסט ער אונז? און וואס איז דאס פאר א קלומעק, וואס ער האט אונז געהייסען איבערגעבען?... אונזער איבערראשונג איז אבער נאך גרעסער געווארען, ווען מיר האבען אויפגעבונדען דאס פעקעל און ארויסגענומען פון דארטען צוויי זעהער פיינע קאסטיומען, געטראגענע, נאר גאנצע, צוויי היטעלעך כמעט שפּאגעל נייע, צוויי פאר שטיוועל, צוויי ווייסע געפרעסטע העמדער אויף אונזער מאס גלייך ווי אנגעמאסטען!... ווי די העלצער זענען מיר געבליבען שטעהן מיט די דאזיגע אומגעריכטע מתנות אין די הענד און האבען לאנג געקוקט אײנער אויף דעם אנדערען מיט שטארק אפענע אויגען!

— וואס הייסט דאס איך בעט דיך? וואס בעדייט עס? און וואס פאר א פשט האט דאס? און ווי אזוי רופט מען דאס? האט זיך צו מיר אריה ליב פערוואונדערט אנגערופען.

— זעה נאר אביסעל ווי זיי שטעהן ווי די קלעצער! רופט זיך אן די קעכין צו זיך אליין; מחמת דאס לאכענדיגע מיידיל האט נאך אלץ גע־חראפעט. — טהו נאר א קוק, איך בעט דיך ווי זיי פארשטעהן ניט, וואס דאס הייסט! דאס האט מען אייך פון דעם שכן, פון פרידענשטאט ארײנ־געשיקט די אלטע הויזען... דאס קען זיין די מאדאם פרידענשטאט אדער די עלטערע טאכטער, מסתמא יעליזאבעטע...

„יעליזאבעטע"?! ווידער „איהר" נאמען?! ווי מיט פייער האט דאס אונז א בריה געטהון!...

— דו הערסט, אריה ליב? דאס האט „די“ אונז געשיקט! דאס האט די אונז געגעבען!... וואס זאגסט דו דערויף?...

אריה ליב האט מיר דערויף נישט געהאט וואס צו זאגען: זיינע אויגען האבען זיך אנגעפולט מיט טרעהרען!...

„א יעליזאבעטע, יעליזאבעטע! וואס האסט דו מיט אונז געטהון?!“...

אין א פאר שעה ארום האט מען אונז אריינגערופען אין דעם עסצימער אריין (סטאלאווע) טרינקען קאווע. ביי א גרויסען קיילעכדיגען טיש איז געזעסען: דער ראבינער מיט צוויי נייע שטיקלעך וואטע אין די אויערען, מיט א יארמאלקעלע אויפ'ן קאפ און מיט א בלאט צייטונג אין די הענד: אויף אונזער „גוט מארגען“ האט ער קוים אויפגעהויבען איין ברעם און עפעס ארויסגעלאזט א בלאז פון די ליפען („גוט יאהר“) און האט זיך אזוי שטארק פערטיעפט אין דער בלאטצייטונג, אז מע האט שוין קיין פנים ניט ארויסגעזעהן... נעבען איהם איז געזעסען זיין פרוי, א גרויסארטיגע גראבע דאמע מיט א גוזמא קרוזשעוועקעס אויפ'ן קאפ, אויפ'ן האלז, אויף די ארבעל—אומעטום; זי האט אונז אנגעוויזען מיט די אויגען ווא זיך אנידערצוזעצען און מיט דער רגע האט אונז דאס לאבענדיגע מיידיל צוגעטראגען צוויי גלעזער קאווע, און עס האט געזעצט זעהר א שמעקענדיגער ריח גלייך אין נאז אריין. — זיצען ביי א קיילעכדיגען טיש און טרינקען קאווע איז נאך ניט גאט ווייס וואס פאר איין אומגליק, ובפרט אז מיר זענען שוין געווען אביסיל אויסגעסוויטשעט אין דער וועלט און דערצו נאך אנגעטהון ווי מענטשען, ווי לייטעשע מענטשען, נאר דער אומגליק איז געווען וואס פלוצים... האט זיך אויפגעעפענט די טיר און עס איז אריינגעקומען אונזער גרישא מיט יעליזאבעטען מיט עפעס נאך א מיידעל, א שווארץ מיידעל מיט גרויסע שווארצע אויגען, שווארצע האר און מיט רויטע באקען. זיי זענען אריין געקומען אלע גאנץ פרעהליך, זיי האבען זיך געהויזעט מיט'ן ראבינער און מיט דער מאדאם ראבינערשע. דא האט דער ראבינער מיט גרויס טרחה אפגעריסען די אויגען פון דעם בלאט צייטונג און האט אויסגעצויגען די פרעהליכע געסט צוויי פינגער פון זיין ווייס

העמדיל, נאכדעם האט ער איבערגעלייגט די שטיקלעך וואטע אין די אויערן און האט זיך ווידער איבערגעדעקט מיט דער בלאטצייטונג ווי מע דעקט זיך איבער מיט א ליילעך בשעת מע וויל שלאפן.

איך האב קיין און ניט געקאנט ארויסלאזן פון מיין אומגליקליכע אריה-ליבן, וועלכער איז רויט געווארן ווי א צוויק, און די הענט האבן אים אנגעהויבן ציטערן... דאך האט ער זיך געמאכט א הארץ און אנגענומען מיט אלע כחות ביי דער גלאז קאווע, צו ווייזן אז עס ארט אים ווי דער פאראיאהריגער שניי. עס מאגען אריינקומען אפילו זיבעציג יעליזאוועטעס ארט אים אויך ניט!... "זי" האט אבער גאנץ גוט ארויסגעזעהן אז איהר אריינקומען האט אונז אביסעל איבערראשט, און נאך מעהר מיין חבר, וואס האט זיך פשוט געווארפן מיט דער קאווע... עס ווייזט אויס, אז "זי" האט רחמנות געקריגען אויף מיין חבר, וואס ער קומט געביך אזוי אב איבער איהר, מחמת גאר אין גיכען האט זי זיך צו אים אנגערופען מיט איהר טהייער זיס שמייכעלע:

— נו, ווי געפעלט אייך דאס נעכטיגע שפיעלען אין טהעאטער?...

מיין אריה ליב, וואס האט ביז אהער געהאלטען דעם קאפ איבער דער גלאז קאווע, האט אויפגעהויבען זייגע אויגען אויף "איהר" און עס ווייזט אויס, אז ער האט איהר עפעס געוואלט ענטפערן, נאר ביים ערשטען ווארט "איך"... האט ער זיך פארהוסט און פארחלינעט אויף א היבשער ווילע און האט זיך אויפגעהאפט געוואלט אויסהוסטען זיך אן א זייט, נאר פאר גרויס אימפעט האט ער זיך א שלעכטען דרעה געטהון און האט אויסגעגאסען די גלאז קאווע אויפ'ן ווייסען טישטוך.

א גלאז קאווע אז עס גיסט זיך אויס איז פון די קליינע אומגליקען, מע גיסט אן איין אנדערע; נאר א גלאז קאווע אז מע גיסט זי אויס אין דער פרעמד, אויף א ריינעם ווייסען טישטוך, און סע ווערד דערפון א שטיקעל סומאטאכע איז עפים ניט אזוי איינגענעהמען, ובפרט אז עס זיצט אקעגען שולמית, מיין איך יעליזאבעטע... איך האב ארויסגעזעהען נאך אריה ליב'ס פנים, אז ווען סע עפענט זיך אידם דא א גרוב, לייגט ער זיך

אַרײַן אַ לעבעדיגער. דאָס גליק איז אָבער געווען, וואָס שולמית, מײַן איך יעליזאַבעטע, האָט פֿאַרשטאַנען זײַן ביטער האַרץ געביך, האָט זי זיך אויפגעהאַפּט און האָט איהם אָנגעגאָסען אַ פרישע גלאָז קאַווע און האָט איהם פֿאַרענטפערט מיט אַ געלעכטעריל, ווי איהר שטייגער איז:

— נישט קשה, נישט קשה! דאָס טרעפט זיך אָפּט מיט יעדען יונגען מענטשען אין דער פֿרעמד.

אָ, יעליזאַבעטע, יעליזאַבעטע! אַ מלאך פֿון גאָט קען דען בעסער זײַן?...

נאָך דער קאַווע איז דער גאַנצער עולם אויפגעשטאַנען און אַרײַנגעגאַנגען אַלע אין זאַל אַרײַן; נאָר דער ראַבינער האָט זיך אײַנגעוויקעלט אין דער בלאַט צייטונג און איז געבליבען זיצען אויף זײַן אָרט. געהענדיג אין זאַל אַרײַן האָב איך באַטראַכט מײַן ליעבסטען חבר און בין נתפּעל געוואָרען פֿון זײַן שענקייט אין דעם נײַעם גאַרניטער, וועלכע „זי" האָט איהם געשענקט; זײַנע בעקעלעך האָבען זיך צופּלאַמט און די שוואַרצע אויגען זײַנע האָבען געגלאַנצט ווי ברענענדיגע קוילען! ער האָט געהאַט אַ ברייטען ווייסען שטערען, אַיין אויסגעטאַקטע נאָז מיט אַ שען, קליין מײַלכען, וואָס יעדעס שען מיידעל וואָלט זיך געמענט ווינשען ניט ערגער; זײַנע זײַדענע דונקעלע האָר זענען געלעגען צוזאַרפּען אויפ'ן קאָפּ און זײַנע ברייטע אַקסלען האָבען איהם צוגעגעבען פֿיעל חן צו זײַן גלייך גײַנגעל — מיט אַיין וואָרט אַריה ליב איז געווען אַ חריפות, אַ שענער, אַ שענער בחור! יעליזאַבעטע האָט ניט אומזיסט געקוקט אויף אים מיט אַזעלכע אויגען. געהענדיג האָט „זי" איהם אַ זאָג געטהון שמייכעלדיג:

— אײַער ליעדעל האָב איך געזעהן...

— מײַן ליעדעל? האָט זי מײַן חבר איבערגעפרעגט פֿערוואונדערט... איהר קענט דען העבראַאיש?

— אָ? נאָך ווי אַזוי! איך האָב עטליכע מאָל געלייענט מאַפּו, שולמאַן, גאָטלאָבער, לעבענזאָהן...

— איהר האָט געלייענט מאַפּו? שולמאַן? גאָטלאָבער? לעבענזאָהן?

— עס וואונדערט אייך? איך האב אמאל אליין אויך געשריבען העבראישע לידער... איך האב אנגעהויבען שרייבען א „ראמאן"...

— איהר האט אליין געשריבען א „ראמאן"...

— סמיטש ווי דען? א גרויסען ראמאן אין דריי טהייל; ער האט געהייסען „בת־ציון"...

— ער איז געוועזען ערגעץ אבגעדרוקט? וואו איז ער געוועזען געדרוקט?

— ניין, ער איז נישט געוועזען געדרוקט אין ערגעץ; נאר איך קען אייך איהם ווייזען, ער ליגט ביי מיר אין קאסטען; איהר וועט זיין ביי אונז, וועט איהר איהם זעהן... איהר ווייסט וואו מיר וואהנען?... אט באלד, דאס צווייטע הויז... פרידענשטאט... אונזער פאמיליע איז פרידענשטאט... אונזער פאטער איז א פאדריאטשיק... ער זיצט בעשטענדיג אין פעטערסבורג... מיר זענען זיבען טעכטער... איך בין די עלטערע פון אלע... אט דאס איז אויך מיינע א שוועסטער... זי הייסט א נ ע ט א... ביי אונז איז דא א בעסערער פארטאפיאן און צו אונז געהען אריין די בעסטע יונגע לייט פון דער שטאדט... ביי אונז איז תמיד פרעהליך... ניט ווי אט דא... איהר זעהט ווי דער אלטער תרח זיצט כסדר איבערגעדעקט מיט א בלאט צייטונג (די דאזיגע ווערטער האט זי געזאגט מיין חבר שטיל כמעט אויפ'ן אויער, אזוי אז איהרע רויטע ליפעלעך האבען זיך שיער ניט אנגעריהרט אין מיין חבר'ס האר) ...

אויסער זיך זענען מיר געוועזען פון דעראזיגער יעליזאבעטע, וועלכע האט זיך צופלאפעלט און האט אזוי פיעל גערעדט, אז דער קאפ האט זיך אונז אנגעהויבען דרעהען!... נאכדעם איז זי צוגעלאפען צום פארטא־פיאנא און האט אויף דערגיך אבגעהאפט עטליכע שטיקלעך און איז אנ־טלאפען, געזאגט אונז אויפ'ן וועג:

— למעה"ש היינט אויף דער נאכט אריין קומען צו אונז מיט גרישען.

ווי א גוטער חלום, וואס ווערד פארשווינדען תיכף ווי באלד מיר חאפען זיך אויף פונ'ם שלאף, אזוי איז געוועזען ביי אונז די דאזיגע יעלי־

זאבעטע, וואס האט זיך אלע מינוט באוויזען פאר אונזערע אויגען ווי א מעטעאר (א געלענצענדער שטערן), און איז ווייטער אנטלאפען, בכדי אונזערע געפיהלען זאלען מעהר צעהיצט ווערען, בכדי אונזער בלוט זאל מעהר דערוואַרעמט ווערען, בכדי אונזערע יונגע קעפלעך זאלען מעהר פארדרעהט ווערען... א לעזער! דו האסט כלל קיין טעות ניט אויב דו רעכענסט, אז מיר ביידע, איך מיט מיין געריהמטען חבר אריה ליב, זענען שוין איינגעליעבט געווארען אין דער דאזיגער זעליזאבעטע!... דו וואונ־דערסט זיך און לאכסט פון אונז און קענסט דאס גאר ניט פארשטעהן, ווי קומט דאס, אז צוויי מאזעפעווקער יונגלעך, צוויי קונדסים, וואס עס וואלט זיי געמעגט אנשטעהן, צווישען אונז רעדענדיג, נאך געהן באנאכט אין חדר אריין מיט א לאנטערען און זינגען אין איינעם מיט'ן בעהעלפער:

„ראז, דווא, טרי, טשעטערע;

אכטער, באכטער, נא קוואטערע!...

אט אזעלכע צוויי יונגלעך זאלען גאר האבען איין השגה אפילו צו־טראכטען פון אזעלכע זאכען, ווי א שטייגער „ליעבהאבען", איינליעבען זיך אין א מאמזעל, אין א שולמית, עס מעג זיין שען ווי די וועלט!... דאס אכטע קאפיטעל וועט דיר זיין א תירוץ, ליבער פריינד, אויף אלע דיינע קשיות!...

דאס אכטע קאפיטעל.

(אונזערע העלדען טרינקען מיט'ן פולען מויל דעם זיסען כוס פון דעם טהייערסטען ווין, — פון דער ערשטער ליעבע; זיי טרינקען אזוי לאנג ביז זיי ווערען שיכור און פאלען פון די פיס...)

די שטוב פון מארקוס פרידענשטאט איז איינע פון די פרעהליכ־סטע היזער אין דערדאזיגער גרויסער שטאדט. פרידענשטאט אליין ליגט בעשטענדיג, יאהרען־ווייז, אין פעטערסבורג, — מיט וואס פערנעמט ער זיך דארט? וואס איז זיין געשעפט? ער איז א פאדריאדטשיק, ער האט,

מע זאגט אז ער האט עפעס דארט א גרויסען פאדריאד; איינינע זאגען אז ער האט קיין פאדריאד קיין מאל נישט אנגענומען, נאר ער לאדט זיך מיט עפעס א גרויסען פאדריאטשיק. אנדערע זאגען, אז פאליאקאוו, דער גרויסער פאליאקאוו איז זיינער עפעס א ווייטער קרוב, דערעהט ער זיך דארט ארום איהם; נאר אנדערע (בייזע מיילער) זאגען אויף איהם אז ער איז... גאר למאי זאלען מיר רעדען לשון הרע אויף א מענשען, וואס מיר קענען איהם ניט? מיר ווייסען נאר וואהל, אז זיין פאמיליע איז א גילדענע פאמיליע פון זעהר גוטע מענשען, וואס האבען רחמנות אויף יעדען געפאלענעם און געפלאגטען; מיר ווייסען נאר וואהל, אז דער הער פרידענשטאט שיקט צו אהיים מאסען מיט געלד און מע לעבט „א גוטען טאג"; מיר ווייסען נאר וואהל, אז די מאדאם פרידענשטאט האט א טהייער הארץ און האט ליעב העלפען יעדען ארעמאן און האט, ווי מע זאגט, איין „אפענע האנד"; מיר ווייסען נאר וואהל אז זי האט זיבען טעכטער, איינע שענער פון דער אנדערער; זיי הייסען:

1) יעליזאבעטע (לאה); 2) אנגעטא (חנה); 3) פאנניעטא (פיינה); 4) בראניעטא (ברײנע); 5) סאניעטא (שרה); 6) מאניעטא (מלכה); 7) מאשעטא (מרים).

וואס נאך קענען מיר זאגען פון דעם דאזיגען לעבעדיגען הויז, וואו מענשען לעבען און זענען תמיד פרעהליך, צופריעדען און גליקליך? מיר זענען דאס ערשטע מאל אריינגעקומען אין א הויז וואו יעדער פרעמדער פיהלט זיך אז ער געפינט זיך צווישען איינענע און האט זיך ניט וואס צו שעמען פאר דער דאזיגער קאמפאניע יונגע לייט און יונגע מיידלעך, וואס טאנצען און שפרינגען, פליעסקען און זינגען, לייענען, רעדען און לאכען, עסען און טרינקען, א סך פרעהליכער אפילו ווי ביי יודען אויף א חופה־וועטשערע!... מיר האבען פארוואונדערט געקוקט איינער אויף דעם אנדערען און האבען דאס גאר נישט פארשטאנען, וואוהין האט מען דאס אונז אריינגעפיהרט?!... וואו האבען מיר נאר געקענט זעהן אזעלכעס ביי אונז אין מאזעפעווקע, וואו מיר האבען זיך נאר אנגעהערט פון צרות מיט אומגליקען, יודישע צרות, יודישע אומגליקען, און ווי יעדער עהרליי־

בער יוד איז מחויב צו פאסטען כמעט אלע מאנטאג און דאנערשטאג ? צי אפשר ביי אונזערע עלטערען, וואס זענען שטענדיג פארטראגען אין דאגות פרנסה, דער טאטע אויף די „ירידים", די מאמע אין קלייט ?... צי אין חדר ביי אונזער רבין, וואס איז תמיד פארצארענט, תמיד אין כעס, לאזט אויס זיין גאנצע ביטערהארץ צו די אומשולדיגע תלמידים נעביך ?...

ביטער און פינסטער, פוסט און וויסט איז אונזער יודיש לעבען דארט אין דערהיים, אין מאזעפעווקע ; ביטער און פינסטער, פוסט און וויסט איז דאס לעבען פון אלע יודישע קינדער אין די קליינע שטעדטלעך ; און האפען זיך ארויס אזעלכע יודישע קינדער אויף דער גרויסער, פרייהער, ליכטיגער וועלט, פארדרעהט זיך זיי דאס קעפיל און זיי ווערען שכור... זיי ווייסען ניט אויף וואסער וועלט זיי געהען ארום, און הויבען אן רעדען מאדנע ווערטער, ווי פון היטיץ, און הויבען אן טהון מאדנע זאכען, ווי משוגעים, און פארקריכען אינים אלף הששי אריין, צו אלדע גוטע יאהר...

— הערסט דו, וואס איך וועל דיר זאגען ? — מאכט צו מיר אריה ליב — איך האב אבער תמיד געטראכט ווען קענען מיר זיך צושלאגען צום גן־עדן התחתון, דארט וואו די פרינצעסין...

איין עבירה וואס מע האט איהם איבער געשלאגען סאמע אין מיטען : יעלי־זאבעטע אליין האט אונז אנגענומען ביי די הענד און האט אונז אריינגעפיהרט צו זיך אין זעהר א ליכטיג ריין חדר אריין און האט אונז אנידערגעזעצט אויף א קליין סאפקעלע, און אליין האט זי זיך אנגעבויגען איבער אקעסטעל און האט ארויסגעשלעפט פון דארטען א צוגעפגענאהט פעקעל פאפיער און האט אונז אנגעוויזען מיט איהרע שענע ראזעווע פינגערליך און געזאגט :

— זעהט איהר, מיינע ליעבע געסט ? אט דאס איז מיין העבראאישער ראמאן, וואס איך האב נאך געשריבען, ווען איך בין אלט געווען פיערצען יאהר... איצט בין איך שוין אלט אכטצעהן... א יא איך זעה אויס אסך עלטער ?... וואס, ניין ?... א, איהר ווילט נישט זאגען !... דער ראמאן הייסט מיט דעם נאמען „בת ציון", די טאכטער פון ציון.. א שענער נאמען, א יא ?... עס קומען אין איהם פאר שרעקליכע סצענעס, אז די האר

שטעלען זיך קאפויר... מיט טרערען האב איך איהם געשריבען... איך קען איהם נאך עד היום ניט לייענען אהן טרערען... איך האב איהם נאך קיינעם ניט געלייענט... א חוץ גרישא'ן... ווי געפעלט אייך עפעס גרישא?... א יא א גוטער מענש?... דער פאטער איז א קאלטער מלאך און די מוטער איז איינגעטונקען אין קרוזשעוועס. חא־חא־חא! וואהלע מענשען אלע... דער ראמאן בעשטעהט פון פיער טהייל מיט איין עפילאג... גרישא'ן איז דער עפילאג געפעלען מעהר פונ'ם גאנצען ראמאן... ער זאגט אז איך שרייב לשון קודש נישט ערגער פונ'ם גרויסען מאפו... ווי געפעלט דאס אייך? א יא, עס איז נישט אמת?... איך האב גרישא'ן בעסער ליעב פון אט די אלע יונגע לייט דערפאר, וואס ער האט ליעב יעדען וואס שרייבט און לייענט העברעאיש... איך האב אייך ליעב אויך דערפאר וואס איהר שרייבט העבראאיש מיט אזא ליעבשאפט!...

וואס זענען דאס געווען פאר ווערטער? — איך קאן דאס אייך נישט ארויסגעבען! זיי האבען זיך געגאסען פונ'ם מויל און זענען געקרא־בען גלייך אין הארצען אריין!

— יעליזאבעטע! יעליזאבעטע! קום אהער!... האט עמיצער גע־שריגען פונ'ם צווייטען חדר.

— באלד, אנעטא, באלד!... האט זי געענטפערט און האט אונז ווייטער גענומען דערצעהלען פון איהר ראמאן „בת־ציון", פון איהרע שוועסטער, פון איהרע אלע בעקאנטע יונגע־לייט, פון איהר „טרייען, ליעבען פאטער" „דעם פאדריאטשעק", פון גרישא'ן און פון אנדערע אומ־בעקאנטע לייט און אזעלכע זאכען, פון וועלכע מיר האבען נאך קיין שום בעגריף ניט געהאט... גערעדט אלעס אזוי גיך אין איין אטהעם האט זי זיך שטארק פערפלאמט און איז נאך שענער געווארען ביי אונז אין די אויגען... מיר האבען שוין גאר ניט געהערט, וואס „זי" רעדט; מיר האבען גאר געזעהן פאר זיך אונזער טהייערע יעליזאבעטע און האבען געפיהלט מיט אלע אברים, אז מיר זיצען דא מיט „איהר" און מיר הערען ווי „זי" רעדט!...

איך בין שטאַרק מסופק אויב אַ סך פון מײַנע לעזער האָבען מעהר גענאָסען פון זייער ערשטע ליעבע און אויב זיי האָבען אפילו געהאַט די השגה אויסצוזיצען אַ גאַנצע נאַכט אין איין שטוב מיט זייער „געליעבטער“, הערען ווי זי רעדט, ווי זי שפּיעלט, ווי זי זינגט, ווי זי טאַנצט, עסען מיט איהר בײַ איין טיש און זיצען נישט מעהר ווי צוויי ווערשקעס נעבען איהר און שלינגען דעם אַראָמאַט (ריח) פון איהרע האָר און וואַרעמען זיך אין דעם פײַער פון איהרע אויגען... אָ, לעזער, לעזער! וויפיעל געריהמטע יונגע־לײַט פון אונז האָבען זיך געשעצט פאַר איבער גליקליך, ווען זיי האָבען געהאַט די גליקליכע געלעגענהייט חאָטש אַ צוויי דרײַ שעה אויס־שטעהן בײַ זייערע „געליעבטע“ הינטערן פענסטער ווינטער אויפ'ן פראָסט און קומען אַהיים מיט ליידיגע הענד און מיט אַפּאָר אָבגעפרוירענע אויע־רען!... איז שוין אַ חדוש, וואָס מיר זענען געווען אַזוי גליקליך? אַז מיר האָבען ביידע אָנגעוואָרען דעם אַפּעטיט און האָבען זיך ניט געוואָלט צו־ריהרען צו קיין מאכל און צו קיין געטראַנק?... דער בעסטער מאכל איז געווען „זי“! דער בעסטער געטראַנק איז געווען „זי“!... עמיצער איז צו אונז צוגעגאַנגען און האָט צו אונז עפּיס גערעדט; נאָר מיר האָבען נישט געהערט וואָס, מחמת אַקעגען אונז איז געזעסען „זי“; געבען אונז איז גע־ווען „זי“; אומעטום איז געווען נאָר „זי“, נאָר „זי“ — און ווייטער קיינער נישט!...

— אַריה ליב! אַ פּנים אַז דאָ איז אַ גרויסער טשאַד? רוף איך מיך אָן צו מײַן חבר.

— וואָס איז? מאַכט ער צו מיר און שמייכעלט עפּיס אַזוי מאָדנע, גלייך ווי אַ מענש וואָס וויל וויינען...

— דער קאָפּ טהוט מיר שטאַרק וועה... עס דרעהט זיך מיר אין גאַנצען די שטוב מיט די מענשען... אַ שרעק!...

— מיר אויך... אַ שטאַרקער קאָפּוועהטיג... אַ גרויסער שטורעמווינד אויפ'ן פערגליווערטען ים, מיין איך אַ מאָדנער קאָפּוועהטיג דאָ אין גן־עדן וְהַתּוֹן...

— ועה נאר, ועה, אריה ליב, ווי די „שטוב בײגט זיך אײן און די שפּיגלען טאנצען...

— אָ, טאקי, ביזט גערעכט!... עס פליהען בײנקלעך און די מענ־שען דרעהען זיך ווי א וויכער... וואס הײסט דאס? א פּנים א וויספּע? אײן אינזעל מײן איך, איך וויל זאגען א טשעד?... אָ—וואָ! אָ—וואָ!...

— דו זעהסט אקאָרשט, אריה ליב, ווי „זי" קוקט עפּיס אזוי מאָדנע און מאכט מיט׳ן קאפּ — דו זעהסט?...

— הא? יאָ, ביזט גערעכט... איך זעה „זי", די פּרינצעסין שולמית.. „זי" גערעט, דאכט זיך, אהער און מאכט עפּיס מיט די הענד... אָך, מײן אקרענט אויפ׳ן ים, מײן איך מײן קאפּ!...

— מײן קאפּ! מײן קאפּ!...

דאס נײנטע קאפּיטעל.

(אונזער אמת׳ע געשיכטע הױבט אן אױסצוזעהן ווי א ראָמאַן...)

א זיסער, א לאנגער חלום... א סך בעטלעך... אין די בעטלעך קראנקע... מע געהט צו מיר צו גאנץ אָפּט... מע טאפּט מיר דעם קאפּ, דעם דפק... מע קוקט מיר אין די אויגען ארײן... מע רעדט שטיל... אט איז „זי"... „זי" קוקט מיר גלײך אין הארצען ארײן מיט אירע טהײערע, ליבטיגע, זיסע, בלויע אויגען!... דאכט זיך, „זי" װײנט... נײן, „זי" לאכט... „זי" לאכט און װײנט... איך וויל „זי" ארומהאפּען מיט מײנע הענד... אנט־לאפען!... מע הױבט מיך אויף... מע לעגט מיך ווידער אנידער... מע גיעסט מיר עפּיס א ביטערע זאך אין מויל ארײן... איך לאז זיך ניט און שרײ: „איך וויל ניט קײן בראנפען! יעליזאבעטע! שולמית!"... אויף דער סטעלי שטעהט אויפגעשריבען מיט פײערדיגע אותיות „בת־ציון"... וואו בין איך?... וואו איז ערגיץ מײן אריה ליב?... אט שפּיעלט „זי" און זינגט... אט איז „זי" ווידער און קוקט מיר אין די אויגען ארײן... איך וויל „זי" האפּען — „זי" אנטלויפט... און נאך אמאל און ווידער אמאל!...

גאר אט איז מיר עפּיס גרינגער... איך פיהל אויף זיך עפּיס ווי א נייע הויט... אקעגען מיר אויף א ביינקעל זיצט א בעקאנטער יוד מיט א שווארצער בארד, מיט אזעלכע בייזע אויגען! ווער קאן דאס זיין אשטייגער? וואו האב איך איהם געזעהען? ער שטעהט אויף פונים ביינקעל און געהט צו מיר צו שטארק נאהענט... ער האלט די שפּיץ בארד אין מויל און קוקט אויף מיר און בעטראכט מיך עפּיס אזוי ערענסט און זיפצט... ווער קען דאס זיין? מיין טאטע? עס קען ניט זיין! ווי קומט ער אהער? עס איז אבער פארט ער!...

— טא—טע... טאטע! טאטע!

— וואס איז?

— דו ביזט דאס, טאטע?

— איך, איך!

— ווי קומסט דו אהער? וואו בין איך דאס, טאטע?...

— ווי קום איך אהער? איך וועל דיר שוין נאכדעם דערצעהלען, ווי איך קום אהער! ווער פריהער געזונד און געה ארויס פונים שפּיטאל, וועל איך זיך שוין אברעכענען מיט דיר!... איך האב אוועקגעווארפען הכל בכל... די מאמע איז נישט דא...

— די מאמע איז נישט דא? וואו איז די מאמע?

— ניטא די מאמע! פאר גרויס נחת פונים טהייערען בן־יחיד איז זי אוועק! א וואהלער בן־יחיד, נישט דא וואס צו רעדען! אנטלויפט פלוצ־לים אין מיטען העלען טאג צו וואנדערן אויף דער וועלט... מיט נאך אזא שארלאטאן ווי דו... מע טהוט זיך אן ווי די דייטשען, ווי די ארעמע וועג־נערס... מע בעקענט זיך עפּיס מיט שכורים, מיט מיידלעך, עפּיס א יע־ליזאבעטע — טפו!... אז וואהל איז דער מאמע דייגער, וואס זי זעהט דאס האטש ניט מיט איהרע אויגען!... זי איז שוין אויף דער אמת׳ער וועלט! איהר נשמה קומט געביך אב פאר דיר, פאר דעם טהייערן בן־יחיד! דו וואלסט געמעגט בייטען זיך מיט איהר... אך־אך־אך!...

איך פאל מיטן פנים אין קישען אריין און בעוואש זיך מיט הייסע, ביטערע טרעהרען!... עס קומט אריין א יונגער מענש און שרייט און ביי־

ווערט זיך אויף מיין טאטען, פאר וואס ער טשעפעט מיך... „איהר ווילט איהם הרג'ענען"? — שרייט ער אויפ'ן טאטען... ווער שרייט דאס אזוי אויפ'ן טאטען? דאס איז דער דאקטאר... נאך עטליכע טאג, שווערע, וויסטע, פינסטערע טעג!... איך קען שוין זיצען... שטעהן אויף די פיס... געהן... איך פיהל, אז איך ווער ווי קרעפטיגער, שטארקער... וואו איז ערגיץ מיין חבר? וואו איז ערגיץ אריה ליב?... וועמען פרעגט מען? דא אין דעם שפיטאל, ווייסט מען ניט, און מיין טאטען וויל איך ניט פרעגען: ער קוקט אפילו ניט אויף מיר ווי עס דארף צו זיין... ער קומט צוויי מאל אין טאג געוואהר ווערען, ווי איך האלט און צו וועל איך קענען פאהרען אהיים... אהיים? צו וואס? צו וועמען? איך בין שוין דא געוואהנט... עס טהוט מיר באנג דעם סטאראזש פון דעם שפיטאל אוועקצווארפען: א פישוט'ער, א הארבאטער, א געשטופעלטער, נאר א וואהלער און א פרעהד ליכער יוד; ער הייסט „מנשקה"... ער האט אויף מיר רחמנות... ער ווייסט אז ביי מיין פאטער וועל איך שוין קיין האניג ניט לעקען אצונד... אט איז „ער"... דער טאטע מיט די שטעכענדיגע וואנטשעס און מיט די בייזע שווארצע אויגען...

— קום פאהרען!... זאגט ער צו מיר, און „מנשקה" טהוט מיך אן אין וועג אריין... ער געזעגענט זיך מיט מיר, ווי א ברודער; ער זאגט צו מיר „נא" און שטופט מיר אריין א פעקעל דובעק־טוטין אין קעשענע אריין: ער ווייסט, אז איך האב ליעב צו רויכערן א פאפיראס, ווען דער טאטע זעהט ניט!... א, טהייערער, געטרייער „מנשקה"! „זייט געזונד!..." איך וויין...

— פאהר געזונד, מיין קינד, פאהר געזונד...

דאס צעהנטע און דאס לעצטע קאפיטעל.

וועלכעס עס קען דיענען פאר איין עפילאג און פאר וואס איהר ווילט....

.... טאכטאדערעכטעדעראכ־טאך!..." אזוי קלאפט און טראסקעט דער אייזענבאהן א גאנץ וועג... אין וואגאן דריטע קלאס איז שטארק ענג

און היים און פול מיט רויך... דער קאפ ווערט מיר אקערשט ניט צופאלען אויף פיצלעך !... בעקאנטע און אומבעקאנטע יודען זיצען און שמועסען מכח מסחר... ווייבער, ווי געוועהנליך, רעדען פון די געריהמטע דאקטוירים, וואס היילען „אויף קינדער"... די קאנדוקטערס דינגען זיך מיט די וואס פאהרען אן בילעטען... וואו איז דאס ערגעץ מיין אריה ליב ? ער מוז שוין לאנג זיין אין מאזעפעווקע ? ווער ווייסט ?... דער באהן הויבט אן צו געהן שטילער און שטילער... עס פייפט און עס שווישטשעט... די פארשוינען נעמען צונויף זייערע משונה גרויסע קלומיקעס און מע הויבט זיך שוין אן צו שטופען...

— סטאנציע מאזעפעווקע פופצעהן מינוט !... שרייט אויס דער קאנדוקטאר און עס טהוען זיך א לאז פאסאזשירען, דער אראב, דער ארויף, צו מיינסטענס אחינו בני ישראל זאלען געזונד זיין... איינער איבערן אנדערן... מע שטופט זיך און מע שרייט אויף פערשיעדענע קולות : „וועלוויל, וואו ביזט דו ?... שרה, גיכער שוין ! שמחה הערש ! שמחה הערש !... הא וואס, וואו ?... אט דא בין איך, אט דא !... אוי מיין פוס !... מלכה, דער זאק, מלכה ! ביינוש ! וואו ביזט דו ? וואו איז אריה ליב, ביינוש ? גיכער, ביינוש ! ברענגען זאלסט דו, ביינוש ! ריהר זיך, ביינוש ! א מיתה משונה, ביינוש ! וועסט דען קריגען א רעכט פוהרעל, ביינוש ? ווי לאנג קרענקסט דו, ביינוש ! זעה נאר ביינוש, גיב אכטונג אויפ'ן קינד, ביינוש ! ביינוש !"... וואס באדייט עס ? ביינוש איז דאך מיין אריה ליב'ס פאטער ! יא, אט איז ער ביינוש... און אט איז זיין ווייב, זיין צרה, זיין שלאק פורעניות מלכה !... וואו זשע איז אריה ליב ?... אן שלעפט זיך זיי עפעס נאך א פארקויטעגער, א פארוויקעלטער אין אבצעהן שאלען מיט א בלייך פנים און מיט שווארצע אייגעלעך... „אוי, איך וואלט געמעגט שווערען אז דאס איז מיין אריה ליב !

— אריה ליב ! אריה ליב ! שריי איך צו איהם אויף א קול... ער קוקט זיך ארום... ער האט מיך דערקענט... ער וויל צו לויפען צו מיר... מלכה לאזט איהם ניש... זי שעלט דעם מאן מיט טויטע קללות... און ביינוש שטעהט דארטען צווישען די פוהרלעך, צווישען די בעלי עגלות

און דינגט זיך... מע זעצט אריין מיין חבר אין ביידעל אריין מיט געוואלד...
ער קוקט זיך ארום צו מיר און זאגט צו מיר עפעס, נאר איך הער נישט וואס... איך זיץ שוין אויך מיט מיין טאטען אין א ביידעל און מיר פאהרען פון הינטען... ביינישעס ביידעל האט אבגעקערעוועט אין אזייט... וואס הייסט דאס? ער פאהרט נאר נישט קיין מאזעפעווקע? וואס הייסט דאס?... מע דארף זיך פרייוען א פרעג טהון ביים טאטען...

— טאטע... טאטע!

— וואס איז? וואס דארפסט דו?...

— וואוהין איז דאס אוועקגעפאהרען אן א ביינוש צעלניקער מיטן ביידעל? ער וואהנט דען נישט מעהר ביי אונז אין מאזעפעווקע?

— ניין, ניין! פרייה זיך ניט! ענטפערט מיר דער טאטע מיט כעס, ער האט שוין לאנג אנגעזעצט... אויך איבערן זוהן, דעם חבר דיינעם! גרוי און אלט קען מען ווערען פון אזעלכע קינדער ווי איהר זענט, א פאהיבעל זאל אויף אייך קומען"!... און מעהר קען איך פון מיין ביזען טאטען ניט ארויסרייסען קיין איינציג ווארט... מיר זענען שוין ארייננגעפאהרען אין שטעדטעל אריין... א שרעקליכע בלאטע, קוים וואס די פערד שלעפען די פיס... אט זענען מיר שוין אין דערהיים... קוים וואס איך קריך ארויס פונ'ם ביידעל... אט שטעהט אונזער שכן, ר' הערשקע דער שוחט... אז ער רעדט שטעלט ער ארויס א האלבע צונג צווישען די נעלע צאהן.

— שלום עליכם, ר' מרדכי! זאגט ער צום טאטען און שטופט איהם א נאסע האנד.

— עליכם שלום! ענטפערט איהם דער טאטע בייז.

— וואס פיהרט איהר דאס? הא? ווער איז דער בחור? הא?... א א א? דאס איז ער, אייער מאכער, וואס האט זיך אוועקגעלאזט אין די ווייטע מדינות? ויבא הפליט? געפאקט? מזל טוב... וואס מאכט מען עפעס, הא? ווא איז דיין שלום-עליכם, הא?

אַ, ווען איך זאל ניט מורא האבען פאר גאט און פאר מיין בייזען טאטען, וואלט איך דעם דאזיגען ר' הערשקע געקוילעט אהן א מעסער פאר זיין „הא" ?...

אין שטוב ביי אונז איז פוסט און פינסטער... נישט דא מיין מאמע! געשטארבען!... דער טאטע געהט אריין און זעצט זיך זארגען און קרעכצען און ווארפען אויף מיר מיט זיינע שווארצע, מורא'דיגע אויגען!... וואס שטעהט מיר פאר אצונד אין מיין לעבען?...